STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00456

TEATER MOZAYIK

Zalmen Zylbercweig

Permanent preservation of this book was made possible by
Myrna & Bernard Holzman
in honor of
Lara & Laurence Holzman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

טעאַטער מאָזאַאיק

פאַרלאַג איטשע וו. בידערמאַן
ניו יאָרק 1941

ZALME ZYLBERCWEIG

THEATRE MOSAICS

NEW YORK 1941

Printed in U. S. A.

120

ביז איצט דערשינען
פון זעלבן מחבר

אָריגינעלע ווערק:

„איר שוועסטער"
איינאַקטער.

„חרטה"
קינדער-איינאַקטער.

„וואָס קאָנען פוילישע יודען טוען פאַר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל?"

„הינטערן פאָרהאַנג".

„טעאַטער-זכרונות".

„וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט".

„לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער"
ערשטער באַנד.

„לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער"
צווייטער באַנד.

„פאַרשידענע פורימס ביי יידן".

„אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ".

„טעאַטער-פיגורן".

„אַלבאָם פון יידישן טעאַטער".

„אַברהם גאָלדפאַדען".

איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען:

„קין",
פיעסע אין 5 אַקטן פון א. דיומאַ.

„איראָפּעאישע בינע",
זאַמלונג פון 10 איינאַקטערס.

„הומאָר און סאַטירע",
זאַמלונג פון איראָפּעאישן הומאָר.

„חנה און די זיבן זין",
קינדער-איינאַקטער.

„דער מבול",
קאָמעדיע אין 3 אַקטן
פון ה. בערגער.

„הינטער מויערן",
דראַמע אין 4 אַקטן
פון ה. נאַטאַנזאָן.

„הנודד הנצחי",
במערכה אחת מאת ה. היארמנס.

„דער ליבער פריינט",
ראָמאַן פון גי דע מאָפּאַסאַן.

איינאַקטערס,
40 פאַרסן, קאָמעדיעס, דראַמעס
(פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע).

פון יובילײ־קאָמיטעט:

אין 1910 האָט זלמן זילבערצווייג, אין עלטער פון 16־טן יאָר, דעביוטירט אין „לאָדזער טאָגעבלאַט" מיט זיין ערשטער ליטעראַרישער אַרבעט — די איבערזעצונג פון יאַנוש קאָרטשאַקס סקיצע „ביינאַכט" (שפּעטער אַריין אין זילבערצווייגס זאַמלונג „הומאָר און סאַטירע").

זייט דעמאָלט האָט זילבערצווייג אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע פּרוכטבאַרקייט אויפן יידישן ליטע־ראַרישן געביט, ווידמענדיק זיך באַזונדערס דעם יידישן טעאַטער.

איצט, לכבוד זיין 30־יאָריקער ליטעראַרישער טעטי־קייט, האָט אַ גרופּע נאָענטע פריינט זיך אָרגאַניזירט אין אַ יובילײ־קאָמיטעט פון הונדערט, און דורך אַבאָנענטן געשאַפן די מעגלעכקייט, אַז ס'זאָל דערשיינען דאָס דאָזיקע בוך, אַ זאַמלונג פון זילבערצווייגס אַרבעטן וועגן יידישן טעאַטער געדרוקט אין משך פון אַ צענדליק יאָרן אין פאַרשידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן איבער דער גאַנצער וועלט.

די הונדערט מיטגלידער פון יובילײ־קאָמיטעט זיינען:

לילי אַבערמאַן, מאַקס אַבערמאַן, א. אָסטראָף, מנשה אָפּענהיים, לואיס אַפּערט, ש. באַנטשוק, סאָול בוירנס, ש. בורשטיין, פעלא בירא, יעקב בערג, סערא בערעזער, פיליפ גאָלד, מ. גאָלדינג, ראובן גוסקין, סאָפיע געבי, מאָריס גראָסמאַן, דאָראָטי דוואָרקין, מר. דאַנציקער, סערא דזשאַקלין, פּעי האָלאַנד, מ. האַנדרעד, ס. וואָהל, יוסף וואָלשטיין, ה. וואַקסבערג, לעאָן וויזענפעלד, בן־ציון וויטלער, מאַקס וויינבערג, מרס. עני וויינבערג, מ. ווײַנטרויב, סעם וויינבערג, ראָזע וויינבערג,

י. ווישניץ, סערא ווערבין, לודוויק זאַץ, אבשלום זילבערצווייג, מרים זילבערצווייג, בערנאַרד זעמעל, מ. חמץ, דוד טוראַנסקי, הערמאַן יאַבלאָקאָוו, פנחס יאַסינאָווסקי, יעפים ישורון, פיליפ לאַסמאַן, ב. לאַקס, יצחק ליבמאַן, יהודית לעווי, מאַניאַ מאַראָוו, לואיס מאַרקאָוויטש, הערי מילבערג, בייקע מילבערג, לואיס מען, יעקב מעסטעל, מ. י. נירענבערגער, אסתר נעראַסלאַווסקא, דוד סאָהן, ד"ר מ. סודאַרסקי, נחום סטוטשקאָוו, ה. סטעטין, שלום סעקונדא, שאול ספיר, ב. עפעלבוים, מ. עלקין, חיים ערענרייך, י. פאַרסקי, מאלי פיקאָן, יעקב פישמאַן, משה פלוימבוים, יהודה פוקס, דזשעק פעלדאַן, רעגינע פעלדאַן, אב. פעפער, מאַקס פרידלענדער, הערי פרידמאַן, יצחק פרידמאַן, חנה פריינדלך, יצחק פרענקעל, לואיס צוקער, יוסף צוקערמאַן, יעקב קאַליך, מאיר קאַסטאָף, מר. קאַפּלאַן, ח. מ. קירשענבוים, יעקב קירשענבוים, איזידאָר קעשיער, ב. ראָזענבוים, ישראל ראָזענבערג, יעקב ראָטבוים, ב. ראַטנאָווסקי, מאַקס ריז, סיידי ריז, מרס. ד. רייבערט, רות רענעי, מ. שאַטאַן, מאָריס שוואַרץ, טשאַרלס שולמאַן, משה שמש, ד"ר י. שניצער, ל. שפיטאַלניק, פ. שעפער, קלמן נחום שפר און יעקב ר. שיף.

אַ האַרציקן דאַנק די אַלע פריינט.

שלום פערלמוטער,
סעקרעטאַר פון יובליי-קאָמיטעט.

ניו יאָרק, 1 דעצעמבער, 1940.

אינהאַלט

ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקעס

זייט

צניעות 11
אַ שטערן האָט זיך אויסגעלאָשן 16
דער אַריסטאָקראַט 18
פּאַרגעסן 25
דער איין און איינציקער 29
דער קרבן 35
דער „איבריקער" 40
דער שטילער יובילאַר 42
די טענצערין 50
פון א. ביז ת. 55
אַן אָריגינאַל 60
צו הונדערט יאָר 64

פּאָלעמיק

אַ מוסטער פון אַ טעאַטער־לעקסיקאָן —
פון ד"ר יעקב שאַצקי 67
שטיינער אין וועג —
פון זלמן זילבערצווייג 72
צו וואָס כעס קאָן ברענגען —
פון ד"ר יעקב שאַצקי 78
איז אחרי מות קדושים אמור אַ דין אָדער אַ מנהג? —
פון זלמן זילבערצווייג 80
אַ טעאַטער־לעקסיקאָן —
פון ד"ר א. מוקדוני 88
ווען אַ קריטיקער איילט זיך —
פון זלמן זילבערצווייג 95

דער טעאַטער־לעקסיקאָן —	זייט
פון ד"ר א. מוקדוני	104
ד"ר מוקדוני, „מעיק אַפּ יור מיינד!" —	
פון זלמן זילבערצווייג	112
מנחם מענדל רעדאַקטירט אַ לעקסיקאָן —	
פון ד"ר א. מוקדוני	121
אַ בריוול פון ד"ר א. מוקדוני	126
אַ בריוול צו ד"ר א. מוקדוני —	
פון יעקב מעסטעל	127
טעאַטער קרבנות —	
פון ד"ר א. מוקדוני	129

נאָטיצן און באַמערקונגען

די פיר ברידער גאָלדפאַדען	135
אַ נייער „ביאָגראַף" פון אברהם גאָלדפאַדען	135
אַ פעלשונג אין געשיכטע	136
טעותים וועגן גאָלדפאַדענס ווערק	137
אברהם גאָלדפאַדענס „אני מאמין"	139
אַ טעות אין זכרון	142
אַ ראיה אויף קאַפּויער	143
וועגן די „אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן"	143
וועגן מחבר פון די „ווייבערישע קניפּלעך"	149
„שאַנסאָנעטקעס" און קופּלעטן	152
דוקא נישט קיין נאָמען פון דער הפטורה	153
בעל מחשבות'ס שטעלונג צום יידישן טעאַטער	154
מענדעלעס „לאַסאַל"־פּיעסע	156
אין ארץ ישראל האָט מען געזאָלט שפּילן העברייאיש	
און יידיש	159
וועגן פּורים־שפּילן אויף יידיש אין ארץ ישראל	161
אַ בלעטל הפקרות פון אונדזערע פּאַרלאַגן	162
אַ גוזמא	166
דאָס פאָלקס־ליד האָט אַ טאַטען	167
מאַקס ריינהאַרדט פאַר'גוי'אישט אַ יידישן אַנעקדאָט	168
אַנסקים איינאַקטער	168

זייט
אַן ענגלישער וואַריאַנט פון אַנסקים „טאָג און נאַכט" . 169
ביבליאָגראַפיע האָט אַ צוועק 170
יידיש טעאַטער ווערט איגנאָרירט 171
וועגן הויפּטמאַנען אין יידיש 171
אָפּערע אין יידיש 172
סתם שבחים 173
אַ געשיכטע מיט נעמען 175
טרייפענע יידישע ווערטער 176
נישט־קאָנטראָלירטע ידיעות 178
אַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט 179
נאָר אַ טעות? 182
1924, 1937 און נאָכאַמאָל 1937 183
וועגן קריסטן אויף דער יידישער בינע 187
אומפּינטלעכקייטן אין אַ גאָרדין־ביאָגראַפיע . . . 193
ליניעצקי האָט נישט געשריבן קיין פּיעסע „דאָס פּוילישע אינגל" 196
י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער 197
וועגן אַ פּרץ־טעאַטער אין פּאַריז 198

אַרטיקלען

דער דראַמאַטורג ד"ר הערצל 202
די ערשטע פּיעסע אין דער העברייאישער שפּראַך . . 214
אשעראָוויטשס מאָנאָגראַפיע וועגן צוויי יידישע אַקטיאָרן . 221
גאָלדפאַדען אויף דער פּוילישער בינע 228
דער „פּרעמדער" יעקב גאָרדין 236
„קין" אויף דער יידישער בינע 242
דער פּאַלעסטינער יואל ענגעל 247
אַן אַ סופלער 251
די צוקונפט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע . . 256
די ראָל פון „ליבהאָבער" אין יידישן טעאַטער . . 262

עפּיזאָדן און קוריאָזן

„סלאָוואָ טעביע האָספּאָדי" 265
געשעפט אין יידיש 267

זייט

דער גאַסט פון יענער וועלט 269
דער מסור איז גאָר אַריינגעפאַלן 273
דער לייב איז געשטאָרבן 275
„שמענדעריק" אין איטאַליעניש 278
מיינע ערשטע טעאַטער־איינדרוקן 281
שיער אַ קרבן פון יידישן טעאַטער אין לובלין . . 285
דער גוי 290
די דערלויבניש 293
ער גאַראַנטירט 295
„לעקסיקאָן"־מעקסיקאָ 299
זלמן . . . רייזען 300
ער קען עס אַליין שרייבן 300

וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט

די אַקטיאָרן זיינען גרויסע קינסטלער 202
פּראָזע צו שניידן 303
רעדט נישט קיין ליטוויש ! 303
אַלע שפּילן ! 304
מיט שיך זיינען זיי שוין פאַרזאָרגט 305
ער האַלט וואָרט 305
אַן אַפּיש מיט יידישע אותיות 306
עס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן 307
ער ווייסט וואָס ער טוט 308
„בולבעס" 309
„גרינע פעלדער" אומזיסט 310
ער בעט אים אַ טובה 311
רעקלאַמע 313
אַ זיכערער נומער 312
אויב אַזוי, זייט איר דאָך טאַקע אַ גנב ! 314
אַ מענגעדזשער איז געקומען 316
ווי מען פירט זיך אין דייטשלאַנד 317
מען מוז וואַרטן אויף זונטיק 318
אַן אומגליק אויפן דייטש ! 319

צ נ י ע ו ת

(אַ בילד פון די ערשטע אימיגראַנטן־יאָרן אין אַמעריקע)

אין דרויסן פאַרן טעאַטער האָבן זיך געדרייט די „פּאַטריאָטן".

עס איז שוין געווען נאָך דער פאָרשטעלונג. פון עולם זיינען גאָר ווייניק פאַרבליבן וואַרטן אין לאָבי*) פון טעאַטער, וואָס איז שוין געווען האַלב־אויסגעלאָשן, אָדער אויף דער גאַס, וואו די קאַטשן האָבן זיך געשטויסן איינער דעם אַנדערן, און די פערד האָבן זיך שיר נישט צעבוצקעט.

דער עולם האָט זיינס אָפּגעטאָן. ער איז געקומען אויפנעמען דאָס נייע יאָר מיט פרייד און הנאה, און ער איז נישט אָפּגענאַרט געוואָרן: סיי די אָפּערעטע איז אים זייער געפעלן און סיי די ניי־אַנאָנסירטע פרימאַדאָנע.

די אָפּערעטע איז געווען עכט־יידישלעך, כאָטש אירע העלדן זיינען כמעט קיין יידן נישט געווען. בלויז איינער, דער הויפּט־העלד, איז געווען אַ ייד, און נישט אַבי־ווער, נאָר אַ ייד מיט וועלכן מען גרויסט זיך, און אין אַ נויט בענקט מען נאָך אים: „אַי, וואו נעמט מען היינט אַזאַ איינעם, וואָלט דאָס ביטערע מזל גאָר אַנדערש אויסגעזען".

דער יידישער העלד איז געווען שמשון הגבור. אַ ברייטער, אַ דיקער, אַ ריז, וואָס זיין אַרויפקומען אויף דער בינע, אָנגעגאָרטלט מיט די פאַרשידענע מכשירי מלחמה, האָט אַרויסגערופן פון איין זייט שרעק ביים עולם, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר אַ מילטער־מאַן, און פון דער אַנדערער זייט — אַ געפיל פון פרייד און שטאָלץ.

— זעט — הייסט עס — ווען מיר האָבן אַמאָל געהאַט!

איינער פון עולם, אַ ייד מיט אַ צעקוועטשט נעזל און אַ כריפּעדיק קול, וואָס איז אים געקומען פון זיין מיט יאָרן צוריק אַ מלמד אין אַ קליין שטעטל, וואו ער האָט זיך זיין האַלדז און האַרץ אויסגעשריען מיט די תלמידים זיינע, האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן, און

*) לאָבי — פאָיע, קאָרידאָר.

בעת דער פויזע האָט ער זיך געווענדעט מיט גאוה צום דזשעניטאָר*) פון טעאַטער, וואָס האָט געריניקט די גאַלעריע פון די שאָלן פון ניס און אָפּפאַל פון אויבסט:

— האָסטו געזען, דזשאָן, אַזאַ העלד, און ער איז געווען אַ ייד!

דער דזשעניטאָר, וועלכער האָט, ווי אַלע קוליסן-לייט, געהאַט אַ ביטול-באַציאונג צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע, האָט דעם געוועזענעם מלמד גאָרנישט געענטפערט, נאָר געגעבן אַזאַ שטופּ מיט דער באַרשט, אַז דאָס גאַנצע בערגל מיסט איז אויף אים אַרויף, ווי דער דזשעניטאָר וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן:

— וואָס רימסטו זיך מיט אים. זע בעסער וואָס פאַר אַ גבור דו ביזט און וואָס פאַר אַ נעבעכדיקן אויסזען דו האָסט.

אָבער נישט געקוקט אויף זיין העלדישן אויסזען, האָט שמשון הגבור דוקא נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ גבורה, גערעדט האָט ער מיט אַ זיסער, לאַסטשענדיקער שטימע ווי עפּעס אַ בוכהאַלטערל, באַזונדערס ווען ער האָט גערעדט צו זיין געליבטער און שפּעטער צו זיין ווייב דלילה. און כאָטש דלילה איז נישט געווען אַזאַ שיינהייט, האָט זי אָבער אָפּנים מיט איר זיס קול אים אַזוי פאַר׳כישופ׳ט, אַז זי האָט געטאָן מיט אים וואָס זי האָט געוואָלט.

געווען סצענעס, ווען אַ סך פון עולם האָט פּשוט פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ העלד לאָזט זיך אַזוי פירן פאַר דער נאָז פון עפּעס אַ נקבה, וועלכע גייט טאַקע שיין אָנגעטאָן און האָט אַ שיין קול, אָבער מען האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח און געזעסן שטיל. בלויז איינמאָל האָט איינער פון באַלקאָן נישט געקאָנט זיך מער איינהאַלטן און האָט אויסגעשריען: „זיי נישט קיין יאָלד, דו ביזט דאָך אַ גבור, ווייז איר ווער עלטער איז!", אָבער פון אַלע זייטן איז באַלד געוואָרן אַ געשריי: „שאַ שטיל", און אַ ייד מיט אַ פיין-געשוירן שפּיציק בערדל, אין ברילן, וואָס איז געזעסן נעבן אַ דאַר ווייבל מיט אונטערגעשוירענע האָר, ווי זי וואָלט נאָר-וואָס געקומען פון די סאָציאַליסטישע קרייזלעך ערגעץ אין ליטע, האָט שטיל געמאַכט דעם שרייער, ווען ער האָט אויסגעשריען, טאַקע הויך, און אין אַ ליטווישן יידיש:

— סוטה, אַזוי סטייט דאָך געסריבן אין תנ"ך!

ערשט אין אַנטראַקט האָט מען הויך אַרומגערעדט דעם סקאַנדאַל.

*) דזשעניטאָר — שומר.

טעאַטער־פּאַטריאַטן האָבן פּרובירט אַלץ פֿאַרגלעטן מיט איין טענה: דוד קעסלער, וועלכער האָט געשפּילט אַלס שמשון הגבור, ווייסט וואָס ער טוט. ער איז פּונקט אַזוי קלוג און געבילדעט ווי אַלע דאָ אין טעאַטער, און מסתמא, אַז ער האַנדלט אַזוי, דאַרף אַזוי זיין.

יידן, וואָס זיינען גלאַט אַפּטע באַזוכער אין טעאַטער און האָבן באַקומען אמונה, אַז פֿון דאָרט שעפּן זיי אַ סך מאָראַל און חכמה, האָבן גע'טענה'ט, אַז ניש'קשה, מ'קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף די אַקטיאָרן, מסתמא האָט מען אַזוי אָנגעשריבן די פּיעסע, און אויף די שרייבער קאָן מען זיך אודאי פֿאַרלאָזן, „דאָס זיינען געבילדעטע לייטע, וואָס האָבן שטודירט אין די גרעסטע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן, און זיי ווילן דורך די פּיעסן בילדן דאָס פֿאָלק, אַז עס זאָל זיך באַקענען מיט וועלט־געשיכטע און ספּעציעל מיט יידישער היסטאָריע".

דערהערט היסטאָריע, האָט דער ליטוואַק זיך אַ גלעט געטאָן זיין פֿיין־געשוירן בערדל, אַרויסגענומען פֿון בוזעם־טעשל אַ קליין קעמעלע און ערשט רעכט דאָס בערדל אויסגעקעמט, און דערנאָך געהאַלטן אַ קורצע לעקציע וועגן היסטאָריע און תנ"ך.

יידן, וואָס האָבן אַמאָל אין די יונגע יאָרן פֿאַרבלאָנדזשעט שבת פֿאַרנאַכט אין שול אָדער אין בית־המדרש און דאָרט געהערט מגידים אָדער בעלי־דרשנ'ס, האָבן צוגעשאָקלט און געהאַט שטאַרק הנאה פֿון דעם ליטוואַקס רייד. ער איז זיי אַזוי געפֿעלן, אַז די אַשערס *) האָבן זיי עטלעכע מאָל געמוזט וואָרענען, אַז מען שפּילט שוין, ערשט דע־מאָלט זיינען זיי זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אין טעאַטער יעדער צו זיין פּלאַץ.

אָבער כאָטש דער עולם האָט נישט געהאַט קיין הנאה וואָס דער יידישער העלד לאָזט פֿון זיך מאַכן אַזאַ שמאַטע פֿון זיין פֿאַלשער גוי'אישער ווייב, דלילה, פּונדעסטוועגן האָבן זיי צו דלילה'ן אַרויס־געוויזן אַ גרויסע מאָס ליבע. יעדעס מאָל ווען זי האָט אָפּגעזונגען איינע פֿון אירע ליבעס־לידער, דורך וועלכע זי האָט געקראָגן אַזאַ כשוף אויף דעם יידישן העלד, האָט דאָס טעאַטער געקראַכט פֿון אַפּלאָדיסמענטן.

מענער, וואָס זוכן אויף דער בינע אַ טייל־ווייזע באַפֿרידיגונג פֿאַר זייערע סעקסועלע פֿאַרלאַנגען, ווען זיי דערזעען אַ שיינע רייצנדיקע

*) אַשערס — בילעטערן.

אקטריסע, האָבן דוקא געדרייט מיט די נעז אויף דער נייער אַקטריסע, זי איז געווען ווייט נישט שיין, כאָטש גאַנץ סימפּאַטיש. איר פּנים איז געווען מער מאַמיש, מוטערלעך ווי ווייבלעך. כאָטש זי איז נאָך געווען גאַנץ יונג, די נייע פּרימאַדאָנע, רעגינע פּראַגער, פונדעסט־וועגן האָט איר יוגנט נישט געררייצט און נישט געצונדן. אויך מיט איר שפּילן און מיט איר רעדן האָט זי נישט באַגייסטערט, אָבער ווען זי האָט גענעבן אַ עפן איר מויל און אַרויסגעלאָזט די ערשטע טענער, האָט זי אַלעמען פאַר׳כשופ׳ט. זי האָט געמאַכט פאַרגעסן שמשונ׳ען אין זיין העלדישקייט, ווי די מענער אין טעאַטער אין זייערע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן געטליעט און געוואַרט אויף אַ פייער־פונק זיי אָנצוצינדן. שטראָמען פון הארציקער נגינה האָבן פון איר געשטראָמט און געפּלייצט איבער דער בינע און איבערן טעאַטער. דער עולם איז צוגעצויגן געוואָרן צו איר געזאַנג און איז ווי אַפּגעריסן געוואָרן פון דער ערד. אַ פאַרגעסנהייט האָט אַלעמען באַהערשט, און ערשט ווען זי האָט געענדיקט זינגען, האָט מען דערוואַכט און איר אַפּלאָדירט.

עס איז היינט געווען איר ערשטער אויפטריט אין אַמעריקע. זי האָט זיך צום אויפטריט שטאַרק געגרייט. געוויינלעך האָט מען דעם סעזאָן געדאַרפט עפענען מיט אַ מאַטינע־*) פאַרשטעלונג. אָבער ווען זי האָט געהערט, אַז זי דאַרף שפּילן ראש השנה נאָכמיטאָג, האָט זי געשוואוירן, אַז פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועט זי דאָס נישט טאָן; זי האָט נאָך קיינמאָל נישט מחלל יום-טוב געווען און וועט עס אפילו אין זינדיקן אַמעריקע אויך נישט טאָן.

אַזוי ווי דאָס טעאַטער איז געווען ווייט פון איר וואוינונג, האָט זי ערב ראש השנה זיך אַריבערגעטראָגן צו אַ לאַנדסמאַן נישט ווייט פון טעאַטער, כדי זי זאָל נישט דאַרפן פאָרן אום ראש השנה, און אַ גאַנצן טאָג ראש השנה איז זי געזעסן אין שול און נישט אויפגע־הערט צו זאָגן פון מחזור. אַנדערע ווייבער האָבן געשמועסט אָדער אַביסל געדרימלט, זי, אָבער, האָט די גאַנצע צייט, מיט אַ טיכל איבערן פּנים, געטאָן תפילה און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל זי נישט פאַרשעמען, אַז אויב עס איז איר שוין יאָ באַשערט צו האָבן אַזאַ פּרנסה ווי שפּילן טעאַטער, זאָל ער זי כאָטש נישט מבייש זיין פאַרן עולם.

— גאָטעניו, — האָט זי געזאָגט, און טרערן האָבן זיך איר גע־

*) מאַטינע — נאָכמיטאָג.

שטעלט, — רבונו של עלם, וואָס דו האָסט נישט פאַרשעמט אונדזער מוטער שרה און האָסט איר געשאָנקען אַ קינד אויף דער עלטער. גאָט, וואָס האָסט געשאָנקען אונדזער מוטער רבקה אַזאַ צדיק ווי יצחק, פון וועלכן עס שטאַמט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. רבונו של עולם, וואָס דו האָסט צוגעטיילט אונדזער מוטער רחל אַזאַ גרויסע זכיה צו טרייסטן דיין פאָלק ישראל, אַז עס וועט נאָך אויפגעריכט ווערן, זע, אַז איך זאָל נושא חן זיין אין די אויגן פון דעם פאָלק, וואָס וועט מיך קומען זען, און אויב עס איז אַ זינד און אַן עבירה דאָס שפּילן טעאַטער, שטראָף מיך אויף יענער וועלט, לאָז מיך נישט זיצן אין גן־עדן צוזאַמען מיט די הייליקע אמהות, אָבער דאָ, אין זכות פון מיין מאַן און מיינע קינדער, וועמענס שפּייזער איך בין, זע, אַז איך זאָל געפעלן.

און איר תפילה איז געהערט געוואָרן. ווען זי איז אַרויף אויף דער בינע, האָט ווי אַ ים זיך צעשטורעמט דאָס קלאַפּעריי פון דעם עולם. זי האָט אַ רגע פאַרגעסן וואָס עס טוט זיך מיט איר, אָבער באַלד איז זי געקומען צו זיך און האָט אויך אויפגעהויבן די הענט צו גאָט און ווידער תפילה געטאָן:

— גאָטעניו, פאַרשעם מיך נישט!

און ווען עס איז געקומען צו דער סצענע ווען דלילה דאַרף אַ נאַ־קעטע פירן שמשון׳ען צו איר געלעגער, האָט זי ווידער געבעטן גאָט און אַ נדר געטאָן, אַז זי וועט פאַר יעדן אומריינעם וואָרט, וואָס זי רעדט דאָ אַרויס, שענקען אַ פונט ליכט אין שול אַריין אויפן הייליקן יום־כפור.

און גאָט האָט איר ווידער געהאָלפן. די סצענע איז אַפילו די גיריקע מענער געפעלן, זיי האָבן פּלוצלונג אין איר דערזען די פרוי, דאָס באַשעפעניש פון פלייש און בלוט, וואָס מאַכט אַזוי אויפזידן מענער, און אפילו די גענײטע טעאַטער־פּאַטריאָטן האָבן זיך געטרייסט, אַז מען האָט צום נייעם יאָר צובאַקומען אַ נייע גרויסע פּרימאַדאָנע.

און מיט זשעדנע אויגן האָבן זיי נאָך דער פאָרשטעלונג געוואַרט אויף דער נייער פּרימאַדאָנע, וועלכע איז אָבער שוין דורך אַ הינטער־טיר שנעל אַהיימגעגאַנגען אַראָפּצוואַרפן פון זיך די פאַלשע,זנות׳דיקע דלילה און צוריק ווערן אַ פרום, ריין יידיש ווייבל, וועלכע גאָט האָט געשטראָפט מיט אַ שיין קול און זי געשטעלט פאַר אַ נסיון — פאַר טעאַטער.

אַ שטערן האָט זיך אויסגעלאָשן

ווען דער פאַרשטאָרבענער בערטאַ קאַליש קאָן מען נישט שרייבן אין פּשוט'ע ווערטער, אין קאַלטע אויסדרוקן און אין לאָגישע טער-מינען. אַרום איר נאָמען האָט זיך געוועבט אַ לעגענדע. איר גאַנץ לעבן איז געווען טעאַטראַליש, עפעקטועל, פול מיט געשעענישן פון גרויסן פאַרנעם. אירע לעצטע יאָרן זיינען אויך נישט געווען קיין אויסגעלאָשענע, נאָר ווי אויסברוכן פון אַ טליענדן וואולקאַן. פון צייט צו צייט פלעגט זי ווידער אויפבליצן און דערביי אַרויסרופן כמעט דעם זעלבן איינדרוק ווי אין די יאָרן פון איר גלאַנץ.

עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך ביי דער נאַטור אויסגעבעטן, אַז קיין „געבעד" זאָל מען אויף איר נישט קאָנען זאָגן. אפילו איר אויסער-לעכקייט, איר פּנים איז ווי געשווינט געוואָרן און נישט גע'מסר'ט איר טיפן עלטער.

איר שטים, די געטלעכע מתנה, מיט וועלכער זי איז געווען אַ בת-יחידה אויף דער יידישער בינע איבער דער גאַנצער וועלט, איז נישט געענדערט געוואָרן טראָץ די קולות וברקים, מיט וועלכע זי האָט אויס-געדונערט די הונדערטער וויכטיקע און מינדערוויכטיקע ראָלן אין משך פון אירע קנאַפּע 50 יאָר שפּילן אויף די פאַרשיידענע בינעס.

אירע הענט, וואָס וואָלטן געקאָנט דינען פאַר מאָלער אַלס מאָ-דעלן, זיינען געווען נאָך אַזוי לעבעדיק און קרעפטיק ווי אין די יונגע יאָרן, ווען זי האָט מיט זיי דערגענצט גאַנץ אָפט דאָס שטומע לשון פון די לאַטיינער- און הורוויץ-העלדן.

איר עלעגאַנץ און פרישקייט זיינען געווען און געבליבן ווי אַ דיסאָנאַנס אין אונדזער געטאָ-ווייבערישקייט אויף דער יידישער בינע.

בערטאַ קאַליש איז אָן ספק געווען אַ פּערזענלעכקייט. זי אַליין איז געווען אַ סך לעבנס, זי האָט אייגנטלעך נישט געדאַרפט ערשט אַדאַפּטירן אַנדערע טיפּן. עס איז געווען געווען, אַז זי זאָל עפענען אירע

אייגענע אוצרות פון ליבע און האַס, פון שטאָלץ און דערשלאָגנקייט, פון קאַמף און הכנעה, פון מוט און געפאַלנקייט, אַז מיר זאָלן פאַר זיך זען אַ סך פּרויען־טיפּן. אין דער הינזיכט איז זי געווען אַ דיכטער. זי האָט געדיכטעט איר אייגן ליד, וואָס איז געווען רייך אין טענער און פאַרבן.

איר יידיש האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן חן. זייער זעלטן האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט אַ דייטשער קנייטש, אָבער אַזוי איז די שפּראַך געווען פּולבלוטיק, ווייל איינע פון אירע גרויסע מעלות איז געווען איר נאַטירלעכע נייגונג צו פילאָלאָגיע און איינבירגערן פרעמדע שפּראַכן אין זיך, ווי זי וואָלט זיי איינגעזויגן מיט איר מוטערס מילך.

אָבער דוקא דידאָזיקע פעאיקייט אירע צו שפּראַכן, האָט זי אינ־טערנאַציאָנאַליזירט אין איר באַציאונג צו קולטור. יידיש טעאַטער, וואָס איז טאַקע גישט געווען דער אָנהויב פון איר בינע־קאַריערע, אָבער די טרעפּן צום אָלימפּ פון דער געטין טאַליאַ, איז ביי איר גע־וואָרן נישט מער ווי אַ מאַנטל, און ווען דער ענגלישער מאַנטל איז געווען רייכער און שענער, האָט זי מיט אַ לייכט געמיט אויסגעטוישט די יידישע בינע אויף דער ענגלישער בינע און דאָרט זיך אַזוי לאַנג געוואָרעמט ביז דער מאַנטל איז אויסגעריבן געוואָרן, און ערשט דע־מאָלט איז זי צוריקגעקומען צו דער יידישער בינע.

די יידישע טעאַטער־געשיכטע האָט אָבער דערוייל ווייטער גע־שריבן אירע בלעטלעך, און גראַד בערטאַ קאַליש, איינע פון אונדזערע טאַלאַנטפולסטע יידישע קינסטלערינס, האָט אין די דופטנדע בלעטלעך פון דעם בעסערן, קינסטלערישן, יידישן טעאַטער, נישט אַריינגעהויכט איר אָטעם.

דאָס איז אַ גרויסער שאָד.

בערטאַ קאַליש איז באמת געווען אַ שטערן אויפן יידישן טעאַטער־הימל, אַ הימל, וואָס איז מער פאַרוואָלקנט ווי קלאָר, און איבער וועלכן עס ציט זיך איצט בכלל אַ שווערע כמאַרע.

דער אַריסטאָקראַט

מיטן טויט פון מאַקס ראָזענטאַל איז אַראָפּ פון דער אַרענע איינער פון די גלאַנץ נעמען אין שענסטן פּעריאָד פון יידישן טעאַטער אין אַמע־ריקע, איינער פון די ערשטע יידישע דראַמאַטישע שוישפּילער אין ענגלאַנד און אַמעריקע.

דעם אמת געזאָגט, איז מאַקס ראָזענטאַל שוין געווען טויט אייניקע יאָר, ווייל אַ שוישפּילער לעבט דאָך נאָר אַזוי לאַנג ווי ער לעבט און אַטעמט אויף דער בינע. פון דעם מאָמענט אַז וואָס ער שיידט זיך מיט די בינע־ברעטער, הערט אויך אויף זיין פּערזענלעך לעבן. אַלנפאַלס הערט ער אויף צו עקסיסטירן פאַרן טעאַטער־עולם און טיילווייז אפילו פאַר זיינע קאָלעגן שוישפּילער.

און אין דער הינזיכט איז דער פאַרשטאָרבענער מאַקס ראָזענטאַל שוין געווען טויט אייניקע יאָר. פאַר די לעצטע יאָרן האָט ער אָדער גאָרנישט געשפּילט אָדער אויפגעטראָטן זייער זעלטן ביי אייניקע גע־לעגנהייטן.

ראָזענטאַלס לעצטער אויפטריט אויף דער בינע איז געווען אויף זיין אייגענעם ערן־אָוונט אין ניו יאָרק, און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער דאָזיקער ערן־אָוונט זאָל נאָך מער דערשלאָגן דאָס דערשלאָגענע געמיט פון ראָזענטאַלן.

ראָזענטאַל, וועלכער האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש פאַרן אמת און פאַר נאַטירלעכקייט, האָט זיך אָנגעשטויסן מיט דער נאַקעטער ווירקלעכ־קייט, אַז פון זיין אַמאָליקן גלאַנץ זיינען געבליבן בלויז קליינע שיריים, און זיין אַמאָליקע באַרימטקייט, וואָס האָט געצויגן פולע הייזער, איז געוואָרן אַז עניין פאַר געשיכטע, אָבער פאַרן היינטיקן פובליקום איז דער נאָמען ראָזענטאַל מער נישט דער וואָס פאַר די ערשטע דורות יידישע אימיגראַנטן. פאַר זיי איז דער נאָמען מאַקס ראָזענטאַל געווען ענג פאַר־בונדן מיט דער אינסטיטוציע יידיש טעאַטער, וואו זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אויסצולעבן זייער וועלטלעך לעבן.

מאַקס ראָזענטאַל האָט געהאַט נאָר אַ שלעכטע עלטער. אויף זיין

יוגנט און זיין מיטלעלטער האָט ער זיך אָבער גאָרנישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. ווען ער איז געוואָרן אַ שווישפּילער, האָט ער מיט דער פולער האַנט געגאָסן פון רום און פאַרגעניגן און אַ געוויסע צייט אויך פון עשירות.

זייער ווייניק פון די יידישע שוישפּילער געהערן צו דער זעלבער קאַטעגאָריע אָפּשטאַמונג ווי מאַקס ראָזענטאַל. דער גרעסטער טייל, אָדער כמעט אַלע, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, שטאַמען־אָפּ פון פּשוט׳ן פאָלק, אָפּט פון „עמד״ עלעמענט, אָרעמע בעלי־מלאכות אָדער גאָר לומפּן־פּראָלעטאַריאַט. די אַמאָליקע באַציאונג צום יידישן טעאַטער און צו שווישפּילער איז געווען אַזאַ, אַז יעדער איינער פון אַ לייטישער פאַמיליע, פון אַ בכבוד׳ער משפּחה האָט אויסגעמידן די טעאַטער־פּראָפעסיע. ראָזענטאַל איז אַ יחיד במינו. סיי פון זיין פאָטערס צד, סיי פון זיין מוטערס צד שטאַמט ער אָפּ פון יחוס: תורה און סחורה. זיין פאָטער איז געווען אַ פרומער ייד, אַ למדן, פון דור דורות למדנים און אנשים חשובים. פון דער מוטערס צד איז ער געווען אַ נאָנטער קרוב צום גרעסטן יידישן אינדוסטריעלער אין מזרח-אייראָפּע, צום באַרימטן טעקסטיל־אינדוסטריעלער י. ק. פּאָזנאַנסקי, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען דער שטאָלץ פון יידנטום אין פּוילן.

מאַקס ראָזענטאַל איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש. לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס ראָזענטאַל האָט געגעבן דעם שרייבער פון די שורות, איז ער געבוירן געוואָרן אין 1872 און וואָלט, הייסט עס, צו זיין טויט, אַלט געווען 66 יאָר. אין די אָפיציעלע נעקראָלאָגן איז דער פאַרשטאָרבענער אַלט געווען 69 יאָר, אָבער לויט מיינע פּריוואַטע אינפאָרמאַציעס איז ער געווען עלטער, שוין אין די זיבעציקער. ראָזענטאַל איז, אַלזאָ, געבוירן געוואָרן כמעט אין דער זעלבער צייט ווען לאָדזש האָט אָנגעהויבן אויסצוּוואַקסן אַלס גרויסע שטאָט. יידישע פלייס און פאַכמענישקייט האָבן די שטאָט באַרימט און רייך געמאַכט. דייטשן האָבן געבראַכט די דאַמאָלטיקע מאָדערנע טעקסטיל־מאַשינען פון דייטשלאַנד און פאַכלייט מיט אַ גוואַלדיקער בקיאות אין דער טעקסטיל־אינדוסטרי. יידן האָבן געשאַפן די געלטער צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע, צו גרינדן פאַבריקן, צו עפענען פאַרקויפס־מערק פאַר דער אינדוסטריע. איבערן גאַנצן גרויסן רוסלאַנד האָבן זיך אַרויסגעלאָזט סוחרים און קאָמיוואָיאַזשאָרן, און אָנגעהויבן צו שאַפן דעם קונה פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע. דער יידישער פלייס איז אַריינגעדרונגען אין די פאַר־

וואַרפֿנסטע געגנטן פֿון ווייטן רוסלאַנד, אין די אָפּגעלעגנסטע דערפֿער, און ביי די אָפּגעשטאַנענסטע פֿויערים אַרויסגערופֿן דאָס באַדערפֿניש פֿאַר הלבשה. אין אַזאַ צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער ישוב אין לאָדזש. כמעט יעדער ייד אין לאָדזש איז געווען דירעקט אָדער אומדירעקט פֿאַרבונדן מיט דער טעקסטיל־אינדוסטריע, און איינער פֿון די, וועלכער האָט געגעבן דעם טאָן, איז געווען דער גרויסער יידישער טעקסטיל־אינדוסטריעלער ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי, דער שפּע־טערדיקער שטאַמפֿאָטער פֿון דער אַקציען־געזעלשאַפֿט י. ק. פּאָזנאַנסקי.

אויך ראָזענטאַלס פֿאַמיליע איז געווען באַשעפֿטיקט ביי דער טעקסטיל אינדוסטריע, און טאַקע אַ דאַנק דער נאָענטער קרובה'שאַפֿט מיט די פּאָזנאַנסקיס, האָבן זיי באַקומען אַ פֿאַרטרעטונגס־פֿאַרקויף פֿון זיינע סחורות. דאָס האָט דער פֿאַמיליע ראָזענטאַל געגעבן גוט פּרנסה, און מאַקס האָט געהאַט די מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו באַ־קומען אַ גוטע דערציאונג. אויסער אין חדר, האָט ער אויך געלערנט ביי פּריוואַטע מלמדים און לערער, און ווען ער האָט אָנגעהויבן אונ־טערצוואַקסן, האָט מען אים אַפֿילו אוועקגעגעבן אין אַ פּריוואַט־שול, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ גאַנץ געשעעניש. באַשאָנקן מיט אַ שיינער שטים, האָט דאָס יינגל מאַקס געזונגען אַלס משורר אין דער „דייטשער סינאַגאָגע", ווי מען האָט דאַמאָלט גערופֿן דעם רעפֿאָרם־טעמפּל, אין וועלכער די יידישע אינטעליגענץ און אַסימילאַטאָרישע שיכטן פֿלעגן קומען אַמאָל קדיש זאָגן אָדער צו די תּפֿילות פֿון ימים נוראים.

אַביסל עלטער געוואָרן, האָט מאַקס אָנגעהויבן טראַכטן פֿון אַ תּכלית, און אַזוי ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען, אַז מען פֿלעגט אַריינגיין אַרבעטן אין געשעפֿט ביי רייכע קרובים, אַזוי איז אויך דער יונגער מאַקס געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין דער פֿירמע פּאָזנאַנסקי.

די העגעמאָניע אין לאָדזשער קולטורעלן לעבן איז דעמאָלט געווען אין די הענט פֿון די דייטשן. זייער פּרעסע איז געווען די וויכטיקסטע, זייער טעאַטער איז געווען דאָס אָנטוויקלסטע און קולטורעלסטע, און יידישע יונגעלייט, וועלכע זיינען געווען מער ווי די פּוילישע, נישט פֿרעמד פֿון דער דייטשער שפּראַך, זיינען געווען אָפֿטע באַזוכער אין דייטשן טעאַטער. אויך מאַקס ראָזענטאַל איז געוואָרן אַ גאַר אָפֿטער באַזוכער אין דייטשן טעאַטער, און די פֿאָרשטעלונגען האָבן אים אַזוי פֿאַראינטערעסירט, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיך באַקענען מיט טעאַטער־

ליטעראַטור. טעאַטער בכלל איז אים געוואָרן נאָענט, און ווען ער האָט אַמאָל באַמערקט אין גאַס אַז אַפיש וועגן אַ יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג, איז ער באַלד געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, אָבער ער איז געווען שטאַרק אַנטוישט. נאָך די הויך־קינסטלערישע פאָרשטעלונגען, וואָס ער האָט געזען אין דייטשן טעאַטער, איז די יידישע פאָרשטעלונג געווען, אין זיינע אויגן, אַ פּראָפאַנאַציע פון קונסט. דערצו איז געווען נאָך אַ סיבה, וואָס די יידישע פאָרשטעלונג זאָל אים נישט געפעלן. די פאַמיליע ראָזענטאַל האָט געשטאַמט פון חסידים. אַ רבי איז געווען פאַרהייליקט אין שטוב, און דאָ אין טעאַטער האָט מען געמאַכט חוזק פון אַ רבי'ן. דער יונגער ראָזענטאַל האָט דאָס נישט געקאָנט איבערטראָגן, און ער איז אַוועק פון טעאַטער אינמיטן צווייטן אַקט און זיך אַ נדר געטאָן מער נישט צו גיין אין יידישן טעאַטער. ער האָט אָבער אינגיכן זיין נדר געבראָכן, ווען ער האָט געזען אַנאָנסירט אין יידישן טעאַטער אַן אויפפירונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ", האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געגאַנגען זען די פּיעסע, וועלכע ער האָט פריער אַ סך מאָל געזען שפּילן אין דייטשן טעאַטער. עס האָט אים געלאָקט דער פאַרגלייך. ער איז ווידער אַוועק אומצופרידן פון דער יידישער פאָרשטעלונג. ער האָט דערזען אַזוי פיל אומקולטורעלקייט, אַז עס האָט אים ווי געטאָן, פאַרוואָס זיינע אייגענע, זיינע יידן, זיינען אויף אַזוי פיל צוריקשטעליק קעגן די גוים, קעגן דייטשן טעאַטער, און דאָ איז ער געפאַלן אויפן געדאַנק, אַז ער וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן אין דער זאַך. ער, וועלכער פאַרשטייט די חסרונות פון יידישן טעאַטער, וואָלט זיך געדאַרפט ווידמען צו באַזייטיקן אָט די חסרונות. ער דאַרף ווערן אַ רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער.

אָבער אין לאָדזש איז דאָס געווען אונמעגלעך צו טאָן. יעדע פאַרבינדונג זיינע מיט טעאַטער, בפרט מיט יידיש טעאַטער, וואָלט געווען אַ חרפּה פאַר זיין פאַמיליע. מען וואָלט אים באַטראַכט ווי גע'שמד'ט, און ער באַשליסט צו פאַרלאָזן לאָדזש.

אין עלטער פון 16 יאָר אָדער עפּעס מער, האָט מאַקס ראָזענטאַל עמיגרירט קיין לאָנדאָן. דאָ זוכט ער צוצוקומען צום יידישן טעאַטער, און ווען ער לייענט אַז אַנאָנס, אַז מען זוכט אין יידישן טעאַטער יונגע־לייט מיט שטימען, מעלדעט ער זיך. ער ווערט אָנגענומען אַלס כאָריסט, און, ווי דער שטייגער איז, הויבט ער אָן אייניציקווייז צו שפּילן ראָלן.

דער דירעקטאָר און סטאַר פון דעם טעאַטער איז געווען דער ערשטער יידישער אַקטיאָר, ישראל גראָדנער, וועלכן אברהם גאָלדפאַדען האָט פון אַ פאָלקס־זינגער געמאַכט פאַר אַן אַקטיאָר. דאָס איז געווען דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין לאָנדאָן, און דאָ האָבן שפּעטער אָנגעהויבן שפּילן און זיך אַנטוויקלען דער „קעניג פון דער יידישער בינע", יעקב פּ. אַדלער און די באַרימטע אננאַ העלד, וועלכע איז שפּעטער אַוועק פון דער יידישער בינע. ערשט אין דער ראָלע „רפאל" אין שמ"ר'ס „בעל תשובה" איז ראָזענטאַל דורכגעגאַנגען די פייער־פּראָבע אַלס אַקטיאָר, און פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן באַקומען וואָס אַמאָל גרעסערע ראָלן. נאַטירלעך האָט ראָזענטאַל באַלד איינגעזען, אַז ער מוז אויפגעבן דעם געדאַנק וועגן רעפאָרמירן די יידישע בינע. אָבער זיין פיינער געשמאַק און זיין סובטעלער כאַראַקטער האָבן געפונען אויסדרוק אפילו אין דעם דעמאָלטיקן רעפּערטואַר. ראָזענטאַל איז באַלד פּאָפּולער געוואָרן אַלס דער גאַלאַנטער און פיינפילענדער אַקטיאָר. איניקע יאָר האָט ער אַזוי געשפּילט אין לאָנדאָן און פּאַריז, אַהין און צוריק איניקע מאָל, ביז אין 1894 איז ער דורכן אַקטיאָר קוראַזש געבראַכט געוואָרן אין אַמעריקע, וואו ער איז באַלד אַנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די באַדייטנדסטע יידישע שוישפּילער און רעזשיסערן.

די באַדינגונגען פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע זיינען שטענדיק געווען אַזעלכע, אַז דער סטאַר איז אָדער אַליין געווען דער באַלעבאָס פון טעאַטער, אָדער אַ שותּף פון אונטערנעמער. דאָס האָט נאַטירלעך צוגענומען די מעגלעכקייט ביי פיל טאַלאַנטירטע שוישפּילער צו דער־גרייכן דעם אויבן־אָן, אויב זיי האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געקאָנט אָנפירן מיט אַ טעאַטער. אַזעלכע שוישפּילער האָבן זיך גע־מוזט צופרידנשטעלן מיט שפּילן צווייטע ראָלן. אויך ראָזענטאַל האָט אַ געוויסע צייט געהערט צו אָט דער קאַטעגאָריע. כאָטש ער האָט זייער אויסגענומען אין די ראָלן, וועלכע ער האָט געשפּילט, פונדעסטוועגן איז ער נישט אַרויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך, ביז ער איז געוואָרן אַליין דער אונטערנעמער פון „פּיפּעלס טעאַטער". אָט דאָ איז ער געוואָרן טאַקע פּאָפּולער און באַרימט.

ראָזענטאַל איז געגאַנגען אַן אַנדערן וועג ווי די אַנדערע סטאַרס. טאָמאַשעווסקי און מאָגולעסקאָ האָבן זיך געווידמעט דער אָפּערעטע, קעסלער און אַדלער האָבן זיך געווידמעט דעם דראַמאַטישן רעפּערטואַר,

אָנהויבנדיק פון גאָרדינען ביז ליבינען. ראָזענטאַל האָט זיך פון אײן זייט אָפּגעגעבן צו דער מעלאָדראַמע און פון דער אַנדערער זייט צום אייראָפּייאישן רעפּערטואַר. קיינער ווי ער האָט נישט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אין די וועלט־פּיעסעס „פּאַביאַ ראָמאַנאָ” „גראַף מאָנטאָ קריסטאָ” „דער זילבער־קעניג” „די וועבער” פון הויפּטמאַן, ווי מאַקס ראָזענטאַל. דער אמת געזאָגט, האָט ראָזענטאַל זיך נישט אויסגעצייכנט אין דיקציע. דערפאַר אָבער איז ער געווען דער איינ־ציקער יידישער דראַמאַטישער שוישפּילער אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך גוט געפילט אין אַ פראַק. זיין האַלטונג איז תמיד געווען אַן עלעגאַנטע, זיינע זשעסטן זיינען געווען געוואויגן און געמאָסטן, פּאַסיק פאַר די ראָלן, וועלכע ער האָט געשפּילט. און זיין פּנים איז געווען אַ קוואַל פון מימיק. יעדע קלענסטע ענדערונג אין דעם כאַראַקטער, וועלכן ער פלעגט פאָרשטעלן, פלעגט זיך תיכּף אויסדריקן אין זיינע געזיכטס־צוגן, אַ שטריך, וואָס פעלט זייער אָפט אַפילו די בעסטע שוישפּילער, וועלכע קאָנען אויסערלעך נישט אויסדריקן זייערע אי־נערלעכע געפילן.

די קריטיק האָט תיכּף באַמערקט אָט די מעלות ראָזענטאַלס. אויך די שוישפּילער האָבן אַנערקענט אָט די אַלע אייגנשאַפטן מיט וועלכע ראָזענטאַל איז געווען באַשאָנקן, און דעריבער האָט קיין שוי־שפּילער, אפילו פון זיינע קאָנקורענטן, נישט געקאָנט מבטל זיין דעם קינסטלער אין ראָזענטאַלן, אָבער צולאָזן אים צו דער מזרח־וואַנט האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט, ביז, ווי געזאָגט, ראָזענטאַל איז געוואָרן אַליין בעל־הבית אין „פּיפּעלס טעאַטער” אין פילאַדעלפיא. דאָ איז ער פיל יאָרן געשטאַנען אין דער שפּיץ פון יידישן טעאַטער. זיינע אויפפירונגען פון וועלט־רעפּערטואַר און פון אָריגינעלע יידישע מע־לאָדראַמעס, אין וועלכע אויך זיין פרוי סאַבינע ראָזענטאַל (וויינבלאַט) האָט זיך אויסגעצייכנט, זיינען געוואָרן אַזאַ שם דבר, אַז גאַנץ אָפט האָט מען געוויסע פּיעסעס פריער אויסגעפּרובט ביי אים אין פילאַ־דעלפיא, און ערשט נאָכדעם ווי זיי זיינען געווען אַן ערפאָלג ביי אים, האָט מען זיי נאָכקאָפּירט אין ניו יאָרק.

אָבער עס איז אַריינגעטראָטן אַ נייער פּעריאָד אין יידישן טעאַ־טער ; פון איין זייט האָט גענומען הערשן די אָפּערעטע, אָדער ווי מען האָט זי משנה השם געווען „מוזיקאַלישע קאָמעדיע”, און דאָ איז

נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר ראָזענטאַלן, און פון דער אַנדערער זייט האָט דאָס דראַמאַטישע טעאַטער באַקומען זיין תּיקון אין „יידישן קונסט טעאַטער", און אויך דאָ איז ראָזענטאַל נישט צוגעצויגן געוואָרן, אויסער אויף איין סעזאָן.

דער לעצטער גרויסער לאַדזשער יידישער אַקטיאָר פון דער אַמאָליקער באַרימטער עפּאָכע, נאָך טאַרנבערגן, האָט געפונען זיין לעצטע רו אויפן בית־עולם אין ניו יאָרק.

פאַרגעסן

א קליינע צאָל יידישע אַקטיאָרן און אַנדערע פּערזאָנען, וועלכע זיינען באַשעפטיקט ביים יידישן טעאַטער, זיינען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם לואיס גילראַד. קיין איינער פון גרויסן טעאַטער־פּובליקום, וועלכעס האָט מיט איינצקע צענדליק יאָר צוריק זיך אַנטציקט פון גילראַדן אַלס אַקטיאָר און לירִיק*)־שרייבער, האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיק זיך קומען דאָס לעצטע מאָל געזעגענען מיט אים.

עס איז געווען אַ טרויעריק בילד, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט אויף טרויעריקע מחשבות וועגן איצטיקן צושטאַנד פון יידישן טעאַטער, וועגן דער באַציאונג פון טעאַטער־פּובליקום און וועגן דעם מזל פון די קלענערע, שוואַכע, וואָס האָבן אין זייערע בעסטע יאָרן געהאָלפן אויפבויען דעם ריזיקן בנין פון יידישן טעאַטער, וועלכער האָט זיך איצט אַנגעהויבן קרישלען . . .

איין מענטש, וועלכער וואָלט געווים ניט אַריינגעפאַלן אין קיין שלעכטער שטימונג, ווען ער זעט די קאַרגע לויה, וואָלט געווען — דער פאַרשטאָרבענער אַליין.

ווען עס קאָן געשען אַזאַ נס, אַז גילראַד אַליין זאָל קאָנען בייוואוינען זיין לויה און זען ווי ווייניק „פּאָפּולער" ער איז געווען ביי זיין טויט, וואָלט ער זיך נישט געפילט אַנטוישט. ער איז געווען צו אַלץ צוגעגרייט. ער איז געווען רעזיגנירט. עפּעס אַ מאָדנע לעבנס־פילאָזאָפיע האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט. ער האָט זיך שוין אַ רעכט שטיקל צייט געזען אַ טויטער, וועמענס גייסט שוועבט בלויז אַרום, און זיין קערפּער איז שוין מער ניט מיט אונדז.

אַט אַזוי האָט ער געקוקט אויף זיך.

און ווי לאַנג איז עס אײנגאַנצן ווען גילראַד האָט געקאַכט און געשטורמט, געברענט אַ וועלט? ווי לאַנג איז עס, ווי ער איז געווען

*) לירִיק — לידער.

דער סטאַר פון די יידישע וואָדעוויל־טעאַטערס, און דערנאָך דער סטאַר פון די ליריק־שרייבער?

לואיס גילראָד איז געבוירן געוואָרן דעם 10־טן סעפּטעמבער 1879, אין דאָרף רואיזנא, און אויפגעצויגן געוואָרן אין אוליאַנאָוו, פּאָדאָ־ליער גובערניע, אוקראַאינע. זיין פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער, און האָט זיין זון געלאָזט לערנען אין אַ חדר און דערנאָך אין אַ שול. אין 1881 איז גילראָד געקומען צוזאַמען מיט זיין פאָטער אין אַמעריקע. דאָס איז געווען די צייט, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די גרויסע אויס־וואַנדערונג קיין אַמעריקע, אָבער גילראָדס פאָטער, ווי אַ סך אימי־גראַנטן, האָט זיך דאָ נישט געקאָנט איינלעבן, און ער איז צוריקגעפאָרן קיין אוקראַאינע. דאָס צוועלף־יאָריקע יינגל איז אָבער דאָ געבליבן ביי זיינעם אַ פעטער. מען האָט גענומען פאַר אים זוכן אַ תכלית און מען האָט אים אָוועקגעגעבן צו אַ באַרבער.*) ער האָט זיך דאָס פאַך אויסגעלערנט און געאַרבעט אין נואַרק. אָבער ער האָט זיין אַרבעט נישט ליב געהאַט און ווען ער האָט אין עלטער פון 17 יאָר געגרינדעט אַ דראַמאַטישן קלוב און האָט אויפגעפירט „די גרינהאָרנס" פון לאַ־טיינער, אין וועלכע ער האָט מיט דערפאָלג געשפּילט די ראָלע פון „משה'לע", האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאַכן טעאַטער פאַר זיין פּראָפעסיע. אין דער זעלבער צייט, וואָס גילראָד האָט ווייטער געשפּילט, האָט ער אויך אָנגעהויבן שרייבן ליריקס, און דאָס האָט טאַקע געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אריין אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

דאָ האָט גילראָד אין אָנהויב געשפּילט קלענערע ראָלן אין „טאַליאַ" און „ווינדזאָר" טעאַטער, אָבער זיין גלאַנץ־פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, ווען ניו־יאָרק איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט יידישע וואָדעוויל־הייזער.

אין יענער צייט זיינען אויף דער איסט סייד נאָך ניט געווען קיין ענגלישע וואָדעווילס אָדער מואווים. בלויז אין „טאַליאַ" טעאַטער האָט געשפּילט אַן ענגלישע מעלאָדראַמע. אָבער אויך דאָרט האָט מען יעדן זונטאָג געשפּילט יידיש טעאַטער. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך נאָך נישט אַמעריקאַניזירט. יעדן טאָג זיינען געקומען נייע „גרינע". מען האָט געמאַכט אַ לעבן*), און געוואָלט אַ ביסל אַ לעב

*) באַרבער — פריזירער.

*) געמאַכט אַ לעבן — געהאַט פּרנסה.

טאַן, אויף אַ יידישלעכן שטייגער, און מען האָט זייער אונטערשטיצט די יידישע וואָדעוויל־הייזער. זיי זיינען געווען צוויי אויף ברום סטריט און צו איינצלנע אויף עלדרידזש סטריט, אויף דער באַוערי, אויף גרענד סטריט און אויף קענאַן סטריט.

געוויינלעך פלעגט זיך דאָס פּראָגראַם, אין אַט די וואָדעוויל־הייזער, אָנהויבן מיט אַן איינאַקטיקע אָפּערעטע, אין וועלכער די גאַנצע טרופּע האָט געשפּילט. מערסטנטייל איז די אָפּערעטע געווען אַן אויסגעשניטענע ריפּ פון אַ גאַנצער פּיעסע. אַט די אַרבעט פלעגט מאַכן גילראָד. אַ טייל לידער אין די אָפּערעטעס זיינען געווען זיינע. נאָך דער אָפּערעטע פלעגן גיין „סינגעל־טוירנס" (סאָלאָ נומערן) און דאָ פלעגט גילראָד זינגען אָדער שפּילן זיינע לידער, צו וועלכע ער פלעגט טיילמאָל אַליין פאַרפאַסן מוזיק. ענדיקן פלעגט זיך דאָס פּראָגראַם מיט איינאַקטיקע אָדער מער אַקטיקע סקעטשעס*), געשפּילט דורך מאַקס געביל מיט איידאַ דוואָרקין, אָדער זיגמונד וויינטרויב און זיין פרוי, לואי קרעמער, יעקב וועקסלער אָדער גילראָד. יעדער פון זיי איז געווען דער סטאַר אין דעם וואָדעוויל־הויז, אין וועלכן ער האָט געשפּילט. אַט די סקעטשעס זיינען געשריבן געוואָרן פון געבילן, לואי קרעמערן אָדער גילראָדן. יעדער סטאַר פלעגט שפּילן נאָר זיינע אייגענע סקעטשעס. אַזוי האָט גילראָד אָנגעשריבן ביז 65 סקעטשעס, וועלכע ער האָט אַליין געשפּילט.

גילראָדס פּאָפּולאַריטעט איז אָבער נישט געווען אַלס אַקטיאָר. כאָטש ער האָט געשאַפן אייניקע קאָמישע טיפּן אין זיין קאַריערע, האָט ער אויף דעם פעלד געהאַט פיל, וועלכע זיינען אים איבערגעשטיגן. פּאָפּולער און באַרימט איז ער געווען אַלס ליריק־שרייבער, אַלס דער שרייבער פון די לידער, וועלכע מען זינגט אין די יידישע אָפּערעטעס. דאָ האָט ער זיך אַרויסגעוויזן זייער ריטמיש און מוזיקאַליש. זיינע ליריקס פלעגן זיך זינגען פון זיך אַליין. ער איז ניט געווען איינזייטיק. צווישן זיינע לידער זיינען פאַראַן נאַציאָנאַלע, סענטימענטאַלע, הומאָ־ריסטישע און סאָציאַלע. פאַראַן ליריקס דורך וועלכע אַקטיאָרן זיינען באַרימט געוואָרן, און ליריקס, וועלכע זיינען געזונגען געוואָרן דורך צענדליקער טויזנטער יידן אין דער גאַנצער וועלט. אַזוי זיינען באַ־זונדערס פּאָפּולער זיין לידל „פּאַוואָליע ר' וואָליע", וועלכעס מאָנו־

*) סקעטשעס — איינאַקטערס.

לעסקאַ האָט געזונגען אין „פּיטל פּאַוואַליע", און די ליריקס צו טאָמאַשעווסקים „פינטעלע ייד".

צוריקגעצויגן פון זיין טעטיקייט אַלס אַקטיאָר, האָט ער, אָבער ווייטער נאָך געשריבן ליריקס. זיינע לעצטע ליריקס זיינען געווען צו סיגעלס אָפּערעטע „דאָס פּריילעכע יתומה'לע", וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער.

גילראָד האָט אויך אויף זיין קרעדיט די גרויסע בינע־קאַריערע פון מוני ווייזענפריינד (פּאָל מוני). דאָס איז ער געווען אין 1918 מאָרים שוואַרצס שליח קיין פילאַדעלפיע צו מוני ווייזענפריינדן, וועלכער האָט דאָרט געשפּילט אין אַ יידישן וואָדעוויל־הויז, אַז ער זאָל קומען קיין ניו יאָרק שפּילן אין יידישן קונסט טעאַטער, אין אירווינג פּליים.

די לעצטע 3־4 יאָר איז גילראָד געווען קראַנק און האָט יעדן טאָג ערוואַרט אַ קאַטאַסטראָפע. די לעצטע חדשים איז זיין קראַנקהייט פאַרשאַרפט געוואָרן און מען האָט אים געמוזט נעמען אין האָספּיטאַל. ער איז אַריין אין אַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע און ענדלעך האָט מען פאַר אים אַראַנזשירט אַ מאַטינע־פאַרשטעלונג אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער. סטאַרס האָבן געשפּילט, אָבער איין סטאַר האָט געפעלט — דאָס פּובליקום איז נישט געקומען . . .

דער קראַנקער גילראָד האָט זיך קוים דערשלעפּט אין טעאַטער, און אַנשטאָט צוריקקערן זיך אַהיים מיט געלט, איז ער אוועק מיט עגמת־נפש. . . .

און דערנאָך איז ער שוין געגאַנגען גאַלאָפּ ביז צום לעצטן „כבוד".

דער איין און איינציקער

דער פאַרשטאָרבענער אַקטיאָר אב. סינקאָף האָט געהאַט דעם טרויעריקער מזל, אַז ביי זיין לעבן זאָל מען וועגן אים כמעט גאָרנישט שרייבן. ער איז געווען אומגעהויער באַליבט נישט נאָר ביי די טעאַטער־ לייט, נאָר אויך ביי די יידישע צייטונגס־שרייבער, אָבער אַזוי ווי זיין קאַריערע האָט ער נישט געמאַכט אויפן ראָמאַנטישן באָדן, האָט מען זיינע „זכרונות" נישט געדרוקט. אויך האָט ער קיינמאָל נישט פאַר־ נומען קיין סטאַר־פּאָזיציע אויף דער יידישער בינע, און אין די לעצטע יאָרן פלעגט ער אויפטרעטן בלויז איין מאָל אַ יאָר, אויף זיין, אַזוי־ גערופענעם „ערן־אָוונט". טאָ פאַרוואָס זאָל מען וועגן אים שרייבן?

האָבן די צייטונגס־לייט געטיילט זייער אַנערקענונג צו אים דורך דריקן זיין האַנט אין קאַפע, וואו עס קומען זיך צוזאַמען סיי אַקטיאָרן און סיי שרייבער, און סיי „קראַנקע" אויף איינעם פון די צוויי געביטן, אָדער ווען זיי האָבן אים געטראָפן אין רעדאַקציע, וואו ער פלעגט אָפט קומען „אויסשנאָרן" אַביסל נאָטיצן פאַר די פאַרשידענע קהל'שע אונטערנעמונגען, צי עס איז געווען אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג פאַר זיין „משוגעת" — די געזעלשאַפט „יידישע טעאַטריקל עלייענס", אָדער פאַר דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן, אָדער פאַרן „טעאַטער־לעקסיקאָן", צי גלאַט פאַר אַ קראַנקן קאָלעגע, אָדער גאָר פאַר אַן אונטערנעמונג לטובת אַן אינסטיטוציע פון איינעם פון „זיינע דאָקטוירים"....

און דאָקטוירים האָט סינקאָף געהאַט אַ סך, נישט ווייל ער איז געווען אַ קראַנקער. יאָ, אַ קראַנקער איז ער טאַקע אויך געווען, אָבער אַליין זיך האָט ער דוקא פאַרנאַכלעסיקט. די דאָקטוירים האָט ער גע־ האַט פאַר די קראַנקע אַקטיאָרן און אַנדערע, וואָס זיינען באַשעפטיקט ביים יידישן טעאַטער. ער האָט שוין באַלד געקענט פון אויסווייניק מער נעמען פון דאָקטוירים און זייערע אַדרעסן, ווי ראָלן, וועלכע ער האָט איינגעלערנט אין משך פון איבער 25 יאָר, וואָס ער האָט געשפילט יידיש טעאַטער. וואו סינקאָף האָט זיך דערוואוסט פון אַ דאָקטאָר, האָט ער אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן אים דעראָבערט פאַר די „יידישע

טעאַטריקאַל עליִענס", על פּי רוב אַן אַ סענט האָנאָראַר, און גאַנץ אָפט נאָך מיט אומזיסטע רעצעפּטן צו מיטגליד־ביישטייער.

ער איז אָן ספק געווען אַן אָריגינעלער מענטש, אַ טיפּ, אַ פיגור, וואָס מען האָט נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט קיין שום אַנדערן אין דער גאַנצער יידישער טעאַטער־פּראָפעסיע. נאָר אויף אים אַליין קאָן געזאָגט ווערן דאָס אַזוי־באַקאַנטע טעאַטער־ווערטל: „דער איין און איינציקער".

אויף יעדער יידישער פאָרשטעלונג אָדער קאָנצערט, ווען דער צערעמאָניע־מייסטער שטעלט פאָר איינעם פון די קרעפטן, וואָס טרעטן אויף, פאַרפעלט ער נישט צוצוגעבן „דער איין און איינציקער" אָדער „די איין און איינציקע". האָב איך אַמאָל, אין שפּאַס, געזאָגט, אַז מער ווי איין און איינציק האָבן מיר נאָר „די צוויי קוני לעמעלס". ווייטער זיינען אַלע אַנדערע די איין און איינציקע, ווייל יעדער מענטש איז אַן אינדיווידיום פאַר זיך. יעדער שוישפּילער מיט זיין איבער־געשפּיצטער און ביז צום שאַרף פאַרשניצטער סענסיוויטעט און גאוה, געמישט מיט חוצפּה און נאַאיוויטעט, איז זיכער אַ וועלט פאַר זיך, אָבער סינקאָף איז פאַרט געווען דער אָריגינעלסטער צווישן די אַלע אָריגינעלע.

סינקאָף איז געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די אַנדערע.

מיר האָבן אין יידישן טעאַטער־פאַך אין אַמעריקע גרעסערע קאָפּ-מענטשן ווי סינקאָף, גרעסערע טאַלאַנטן, גרעסערע אויסערלעכע פּערסאָנאַליטעטן, אָבער אַזאַ האַרץ־מענטש ווי סינקאָף האָבן מיר געהאַט נאָר איינעם.

סינקאָף איז געווען באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אַ ים פון ליבע.

איך האָב אים נאָר אייניקע מאָל געזען שפּילן אויף דער בינע, און איין אַלגעמיינער שטריך איז געווען אין די אַלע טיפּן און כאַראַק־טערן, וועלכע ער האָט תמיד געגעבן אין אַן איבערגעזאַלצענער און איבערגעפּעפּערטער פאָרם (מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט כמעט תמיד געערדעט די פּראָזע פון סיגאַל, פריימאַן, שטיינבערג, וכדומה, און נישט פון קיין שפּראַך־מייסטער און דיאַלאָג־קינסטלער), — און דאָס איז געווען זיין ליבע צו די מענטשעלעך און פיגורלעך, וועלכע ער האָט געשאַפן.

האָבן די דאָזיקע מענטשן געמעגט זיין ווי לעכערלעך און ווי איבערדרייסיק, און אָפט עקלדיק פון דער אויסערלעכער זייט, האָט אָבער

פון זיי געשלאָגן מיט אַזויפיל גוטסקייט, אַזויפיל תמימות און ליבּ־שאַפט, אַז איר האָט זיי ליב באַקומען, און אַט די דאָזיקע ליבע האָט סינקאָף זיי געשאָנקען נישט פון מחבר'ס מוח, נאָר פון זיין האַרץ, פון זיין נשמה.

און די דאָזיקע ליבשאַפט צו מענטשן, אַט דער געפיל פון פריינט־לעכקייט, פון גוטסקייט און איבערגעבנהייט, פון טריישאַפט און זאָרג וועגן אַנדערן, האָט סינקאָפ'ן פאַרפלייצט. די בינע־ראַמען זיינען אים געוואָרן צו ענג.

עס זיינען אַנטשטאַנען אַנדערע צושטאַנדן אין דער יידישער טעאַטער־וועלט. די פּיעסע, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ גאַנצער מנין פון ראָלן, האָט זיך אָנגעהויבן איינקאָרטשן. ס'איז געוואָרן אַ מזומן, ביז פון מזומן איז געוואָרן בלויז אַ חזן, אַ בעל־תפילה, וואָס זאָגט פאַר אַלעמען. דער „סטאַר" האָט אָנגעהויבן דאַווענען פאַר זיך, און פאַרן איבריקן עולם מתפּללים אויף דער בינע איז בלויז געבליבן נאָכ־צוזאָגן „אמן". דער ים פון ליבע, וואָס האָט געברויזט און געשטורעמט אין סינקאָפס האַרץ, פלעגט זיך שטיקן. ער האָט מער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט ווי צו געבן בלויז סקעלעטן פון זיינע יידעלעך פון דער אַלטער היים און די מאַטעריעל־אַרויפגעקומענע און גייסטיק־אַראָפּגע־קומענע אימיגראַנטן אין דער נייער היים. מען האָט אים פאַרמאַכט זיין מויל. זיינע מענטשן האָבן אויפגעהערט צו רעדן, און מיט שטום־לשון אַליין האָט ער זייערע געפילן נישט געקאָנט אויסדריקן, און ער האָט אָנגעהויבן שנעל, מאַשינענאַרטיק, אויסצושרייען זייערע געפילן. ער איז געוואָרן אַ שאַרזשיסט, און קיינער האָט אויף זיינע פיגורן נישט געהאַט מער רחמנות ווי זייער שאַפער.

סינקאָף דער קאָמיקער, דער פריילעך־מאַכער, האָט דערפילט די טראַגעדיע פון זיין נישט קאָנען מער אויסשפּילן אויף דער בינע זיינע ראָלן. ער איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה: דערשטיקן זיינע מענטשן אָדער דערשטיקן בלויז איין מענטש — זיך, דעם שוי־שפּילער.

און סינקאָף, דער ליבהאָבער (נישט אויף דער בינע) פון מענטשן, האָט זיך בעסער דערשטיקט. ער האָט אויפגעגעבן די בינע. און מיטן גאַנצן פייער פון די נישט־אויסגעלעבטע וואונטשן און פאַרלאַנגען פון זיינע נישט צום לעבן געקומענע מענטשעלעך, האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפן אין כלל־אַרבעט.

און דערביי האָט ער געהאַט מאָדנע איינפאַלן. אַט אַ שטייגער אַ געשיכטע, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. באַלד ביי מיין קומען אין אַמעריקע וועגן „טעאַטער־לעקסיקאָן" האָט סינקאָף זיך דעקלאַרירט אַלס אַ מיטהעלפער. עס איז אים געפעלן דאָס „משוגעת", דער איינפאַל. עס איז שוין געווען בעת מיין צווייטן באַזוך אין אַמע־ריקע. די אידעע וועגן „טעאַטער־לעקסיקאָן" איז שוין געווען אביסל פּאָפּולער. עס איז שוין אפילו געווען אַ קאָמיטעט, און די ערשטע 500 דאָלאַר זיינען שוין געלעגן אין דער קאַסע, אָבער באַלד אויף דער ערשטער זיצונג פון קאָמיטעט האָט די גאַנצע זאַך געהאַלטן ביים פונאַנדערפאַלן זיך, און סינקאָף האָט זי געראַטעוועט. דער קאָמיטעט איז זיך צונויפגעקומען אַ שבת פאַרמיטאָג אין דער גאַרדעראָבע פון אַ דעמאָלטיקן באַרימטן שוישפּילער. מען האָט אָנגעהויבן רעדן תכלית. אַ מיטגליד פון קאָמיטעט האָט אויפגעוויזן, אַז דער „לעקסיקאָן" וועט דאַרפן אַריינכאַפּן אַ 21 טויזנט דאָלאַר (דער אמת איז, אַז ער וועט קאָסטן קנאַפּע 50,000 דאָלאַר) און אַזוי ווי אַזאַ גרויסע סומע קאָן דער קאָמיטעט זיך נישט אונטערנעמען צו שאַפן, וואָלט געווען דאָס גלייכסטע, אַז מען זאָל צוריקשיקן דעם משוגע'נעם (דאָס האָט מען מיך געמיינט) פון וואַנען ער איז געקומען, און אים געבן דאָס געלט, וואָס ליגט שוין אין קאַסע צו דעקן די הוצאות, וואָס ער האָט שוין געמאַכט. דער פאַרשלאָג האָט געהאַלטן ביים אָנגענומען ווערן. איבריגענס, עס איז געוואָרן שפּעט, די מיטגלידער פון קאָמיטעט, אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט אין פאַרשידענע טעאַטערס, האָבן זיך געאיילט צו לויפן אין זייערע טעאַטערס שפּילן די נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג. אַ רגע האָט אויסגעזען, אַז דער חלום וועגן „טעאַטער־לעקסיקאָן" ווערט אַט דאָ איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגערונען. אָבער דאָ האָט סינקאָף אויף שנעל געבעטן אַ וואָרט און געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּלאַן ווי אַזוי מען קאָן דאָס געלט יאָ שאַפן, און ער בעט צו באַ־שטימען אַ צווייטע זיצונג פון קאָמיטעט אויף מיטוואָך. דער פאַר־שלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. אַז דער קאָמיטעט איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען און איך האָב אָנגעהויבן נאָכטראַכטן אַז דער ענין פון „לעקסיקאָן" האַלט אַזוי שמאָל, האָב איך זייער שלעכט געפילט. מיין איינציקער טרייסט איז געווען דאָס וואָס סינקאָף האָט אַ נייעם פּלאַן. איך בין שנעל אַריבער צו אים אין טעאַטער און אים געפרעגט אויף זיין „פּלאַן". צעלאַכט ער זיך, „ער האָט נישט קיין שום פּלאַן". „טאַ

פארוואס האט איר דאס געזאגט?" — פרעג איך אים און קאן נישט פארשטיין ווי אזוי מען טוט אזא זאך. נעמט מיך סינקאף אוועק אין א ווינקל, און זאגט מיר: „איר פארשטייט? ווען איך זאג דאס נישט, וואלטן די מיטגלידער פון קאמיטעט אוועק און וואלטן קיינמאל נישט צוריקגעקומען, וואלט דאך זיכער גארנישט געווארן פון לעקסי־קאן. אזוי אבער מיינען זיי אז איך האב א פלאן און זיי וועלן מיטוואך ווידער קומען און מען וועט ווידערריידן, וועט אפשר יא עפעס ווערן". און סינקאף איז טאקע געווען גערעכט.

סינקאף האט געהאט נישט נאר איינפאלן, נאר ער איז אויך געווען באשאנקען מיט אן אויסערגעוויינלעכער ארבעטזאמקייט. ער האט גענומען א סקעלעט פון אן אינסטיטוציע, די „יידישע טעאטריקל עליאנס", און האט אין איר אריינגעבלאזן א רוח החיים. זיין גאנצער טעמפעראמענט, זיין זארג פאר יענעם, זיין ליבשאפט, האט ער אין א שיינעם טאג אריבערגעווארפן פון דער בינע אנשטאט צום פובלי־קום, צו די, וועלכע ארבעטן אויף און ארום דער בינע פארן פובליקום.

ער איז געווארן די טרייב־קראפט, דער פרעזידענט, דער באאמ־טער, דער קארעספאנדענט, דער קאלעקטאר, דער פעקל־טרעגער, דער רעדנער, דער וואס באזארגט די מיטגלידער מיט מצות און ווייז אויף פסח, דער וואס ברענגט אליין די הולאים צו די דאקטוירים, דער א' און די ת' פון די „יידישע טעאטריקל עליינס".

און דא האט זיך סינקאף דערפילט ווי אויסגעלייזט. ער האט געטראפן אזויפיל פיין און ליידן, אזויפיל צרות און נויט, אז ער האט אנגעהויבן שווימען אין דעם ים פון צרות און אפגעשלאגן יעדע אנ־קומענדיקע כוואליע. אויב עס זיינען דא אין א מעת־לעת 24 שעה, האט סינקאף שוין מער ווי איינמאל באוויזן אט די גאנצע 24 שעה צו ארבעטן פאר די מיטגלידער פון דער „עלייענס". נישט געווען ביי אים קיין שום שטערונג צו העלפן, אין די ראמען פון דער קאנסטי־טוציע פון די „עלייענס", א מיטגליד, און גאנץ אפט אפילו נישט קיין מיטגליד. אפט האט ער זיך אליין מבזה געווען. ער האט דערלויבט, אז מען זאל קוקן אויף אים ווי אויף א משוגע'נעם, ווי אויף א טשודאק, ווי אויף א מענטשן אן זעלבסטרעספעקט, אבי עס האט נאר דערפון געקאנט ארויסקומען א טובה פאר די „עלייענס" און אירע מיטגלידער. ער האט געמאכט פון זיך גאנץ אפט א בלאזאן אין ביורא פון א שפיטאל אויב ער האט אויף קיין אנדערן אופן נישט געקאנט אריינ־

קריגן אומזיסט א קראנקען מיטגליד פון „עלייענס". ער האט אפט געמאכט פון זיך א לץ צו פארווײלן דאקטוירים, און אזוי־נאך זיי באוועגן צוצוגייען אומזיסט צו א קראנקן. ער האט זיך דערנידעריקט ביז דער לעצטער מדרגה נאכצולויפן די עלייענס־מיטגלידער ביים קאַ־לעקטירן הינטער דער בינע די מיטגלידער־אפצאלונגען פאר דער עלייענס, כדי די קאסע זאל האבן מיטלען צו העלפן די נויטבאַ־דערפטיקע.

אזוי האט ער פארן פרייז פון זיין אייגענעם „איך" אפגעראטעוועט צענדליקער אנדערע „איכס".

אב. סינקאף האט אינגאנצן דערמאנט די בארימטע אמאליקע כלל־טוער אין דער אלטער היים, וועלכע זיינען, ווי אין פסוק שטייט, געווען „עוסקים בצרכי צבור באמונה שלמה". זיי האבן געגלויבט, אז אזוי דארף מען טאן. סינקאף האט אויך געהאט אן אמונה. זיין גלויבן איז געווען, אז מען דארף מענטשן העלפן, און די הילף דארף זיין פון גאנצן הארצן, מיטן גאנצן לייב און לעבן — און דאס האט ער געטאן, און געטאן האט ער עס דערפאר, ווייל ער איז געווען באַ־שאנקען מיט א גרויסן אוצר — מיט ליבע צו מענטשן, און אויב די קווינטעסענץ פון יידישקייט איז, לויט הלל הזקן, „ואהבת לרעך כמוך", איז סינקאף געווען איינער פון אונדזערע געטרייעסטע יידן, ווייל ער האטווירקלעך אויף יעדן געקוקט ווי אויף א פריינט און אים ליב געהאט.

זיין שכר אויף דער וועלט האט ער באקומען לײדער צו־שפעט, ווען ער האט מער דערפון נישט געקאנט גענױסן, ווען טויזנטער מענטשן פון טעאטער־פאך, פון טעאטער־שרייבער און קריטיקער ביז צום אפישן־קלעפער, און סתם מענטשן, וואס האבן געהערט זיין נאַ־מען, האבן זיך געשטופט אין א פראסטיקן נאכמיטאג אים צוצוטיילן דעם לעצטן כבוד.

דער קרבן

דער פאַרשטאָרבענער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר אין אַמעריקע, לואיס גאָלדבערג, איז אַן אמת'ער קרבן פון יידישן טעאַטער. כאָטש אָפיציעל הייסט עס, אַז געשטאָרבן איז ער פון אַ נירן־קראַנקהייט, דאָך איז עס נישט קיין סוד פאַר קיינעם, אַז געשטאָרבן איז ער פון גאָר אַן אַנדערער קראַנקהייט — יידיש טעאַטער.

ביי עווערסן איז פאַראַן אַ דערציילונג „די שפין", וואָס שיל־דערט ווי אין אַ געוויס צימער דרייט זיך ביים פענצטער אַ שפין און זי איז די אורזאַך, וואָס אַלע, וועלכע ציען זיך אריין אין דעם צימער, באַגייען זעלבסטמאָרד. אַזאַ מעשה, פון לעבן גופא, וועט קאָנען אויך דערציילט ווערן וועגן ניו־יאָרקער פּאַבליק־טעאַטער. ביז איצט האָט עס שוין דירעקט און אומדירעקט פאַרשלונגען אייניקע קרבנות.

לואיס גאָלדבערג איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין קאַמענעץ־פּאָ־דאָלסק, אוקראַאינע, אָבער ער קאָן מיט רעכט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אַמעריקאַנישן ייד. שוין אַלס קינד פון 9 יאָר איז ער מיט זיינע עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און פאַרשטייט זיך, פאַרבליבן אין גרויסן קעסלגרוב, ניו־יאָרק. דאָ האָט ער זייער פרי אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אַ פעטער אין שאַפּ און אין אָוונט באַזוכט די שול, אָבער דעמאָלט האָט די יידישע גאַס אין ניו־יאָרק געשוויבלט און געגריבלט מיט „טעאַטער־פּאַטריאָטן". עס איז דעמאָלט געווען איינער פון די גלענצנדסטע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. די יידישע בינע אין אַמעריקע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די היסטאָרישע קאָסטיומען מיט דער דייטשער עברי און אָנגעטאָן זיך אין מאָדערנע מלבושים און גענומען ריידן אַ ריינעם יידיש. יעקב גאָרדין האָט באַהערשט די יידישע בינע. דורך זיין וואָרט, דורך זיינע גלענצנדע סצענישע איינפאַלן, האָבן זיך אויסגעבילדעט די באַדייטנסטע יידישע שוישפּילער, וועלכע מיר האָבן וועגן אַמאָל פאַרמאָגט. צו יענער צייט געהערן עס די גלאַנץ־ראָלן פון יעקב פּ. אַדלער, סערא אַדלער, דוד

קעסלער, קעני ליפּצין, זיגמונט מאָגולעסקאָ, מאָריס מאָשקאָוויטש. די יידישע גאַס, אומוויסנד, אָן בילדונג, האָט געדורשט צום יידישן טעאַטער ווי צו אַ קוואַל מיט פֿריש וואַסער. דאָס יידישע טעאַטער איז פֿאַר די צענדליקער טויזנטער באַזוכער געווען אַ מין בית־מקדש, און די אַקטיאָרן — די כוהנים. מיט יראת־הכבוד און גרויס דרך־ארץ האָט מען געקוקט אויף יעדן יידישן אַקטיאָר, איבערהויפּט נאָך אויף די באמת טאַלאַנטירטע, און מען האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט גיין אין טעאַטער, מיט אַפּלאָדירן; אַ קולט איז געשאַפֿן געוואָרן, אַ קולט פֿון פֿאַרערער, פֿון „פּאַטריאָטן״, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פֿאַר זייערע פֿאַרערטע אַקטיאָרן. מען האָט פֿאַרלאָזט ווייב און קינד, אויפֿגעגעבן געשעפֿט און אַרבעט, כדי צו קאָנען זיין נאָענט אַרום אַדלערן, אָדער קעסלערן.

נאָר די פֿאַרערונג פֿון חסידים פֿאַר אַ רבי׳ן קאָן מען פֿאַרגלייכן מיט יענער פֿאַרערונג, וואָס די „פּאַטריאָטן״ האָבן אַרויסגעוויזן.

און וואָס איז דער וואונדער, וואָס לואיס גאָלדבערג איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן פּסיכאָז, און כדי צו קאָנען אויסטרוימען זיין חלום — זיין נאָענט צום יידישן טעאַטער — ווערט ער אין 1898 אַ פּעדלער אין ווינדזאָר־טעאַטער. 7 יאָר צייט גייט ער אַרום טעאַטער בעת די אַנטראַקטן און פֿאַרקויפֿט צוקערלעך דעם פּובליקום, אָבער דערפֿאַר איז ער אַ גאַנצן טאָג אויף די פּראָבן, האָט די זכיה אַרונטערצוגיין צו יעדער צייט הינטער די קוליסן, קען יעדן אַקטיאָר, איז משמש די אַקטיאָרן און זיצט אַמאָל טעט־אַ־טעט מיט אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע.

אין 1905 שטייגט ער שוין: ער הויבט־אָן אָפּצוטראָגן אין די צייטונגען די אַנאָנסן און נאָטיצן. ער האָט שוין אַ טיטל: „פּובליסיטי־מענעדזשער״, אָבער גאָלדבערג איז געווען זייער ענערגיש און זיין ווילן צו פֿאַרבינדן זיך נאָענט מיטן יידישן טעאַטער באַגנוגנט זיך נישט דערמיט. ער ווערט דער פֿאַרוואַלטער איבער דער אָפּטיילונג ביים טעאַטער, וואָס פֿאַרקויפֿט פֿאָרשטעלונגען און בילעטן פֿאַר וואוילטעטיקע צוועקן. דאָס איז זייער אַ וויכטיקע אָפּטיילונג, ווייל דאָס איז דער שטיץ־פּונקט פֿון יעדן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. גאָלדבערג האָט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט פֿיל חברות־פֿאָרשטייער, ער הויבט־אָן קענען צו לערנען די פֿירער פֿון יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און ווערט זייער פּאָפּולער, אַזוי, אַז ווען באָרים טאָמאַשעווסקי

עפנט אין 1908 זיין פּיפּלס־טעאַטער, אַנגאַזשירט ער גאָלדבערגן פאַר געהילף־פּאַרוואַלטער.

בינו־לבינו פאַרבינדט זיך גאָלדבערג אויך פאַמיליער מיטן יידישן טעאַטער — ער האָט חתונה מיט באָרים טאָמאַשעווסקים אַ שוועסטערן־טאָכטער. איצט ווערט ער שוין אַ פיגור אין דער יידישער טעאַטער־וועלט און ער שטרעבט שוין צו זעלבסטשטענדיקייט.

ניו־יאָרק איז געטיילט אין אייניקע שטאָט־טיילן. איינער פון די טיילן הייסט האַרלעם. איצט איז די גאַנצע געגנט באַוואוינט פון נעגערס. מיט יאָרן צוריק האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן אַריינציען יידן, און ווען גאָלדבערג האָט דערזען, אַז עס בויט זיך דאָרט אַ יידישער ישוב, האָט ער באַשלאָסן דאָרט צו גרינדן אַ יידיש טעאַטער. מיט אייניקע שותפים עפנט ער דאָרט אין יאָר 1911 אַ יידיש טעאַטער. דער פּרוב איז נישט קיין געלונגענער. ער פאַרלירט דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין ביז־דאַמאָלסטיקער אַרבעט. איצט איז ער געצוואונגען צוריקצוגיין אַרבעטן ביי טאָמאַשעווסקין, דאָס מאָל שוין אַלס הויפּט־פּאַרוואַלטער אין נעשאָנאַל־טעאַטער; אַ גרויס טע־אַטער אין סאַמע צענטער פון דעמאָלסטיקן יידישן קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק. 9 יאָר אַרבעט גאָלדבערג אויף דעם פּאָסטן. דורך דער צייט באַווייזט ער זיך גרינדלעך צו באַקענען מיט דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ניו־יאָרק. ער קען אויסגעצייכנטער הונדערטער יידישע אינסטיטוציעס און זייערע פירער. ער ווערט אַ מין „אַדרעס־בוך" פון יידישן ניו־יאָרק. גאָלדבערג איז אויך אַן אויסגעצייכנטער מבין אויף אַקטיאָרן. ער האָט זיי נישט באַזונדערס ליב, ווייל ער זוכט אומזיסט געוויסע מעלות, וועלכע ער פאָדערט פון זיי אחוץ זייער טאַלאַנט, דאָך פאַר אַ טאַלאַנט ווייזט ער תמיד אַרויס דרך־ארץ.

אין 1915 ווערט גאָלדבערג אַ מיט־שותף צו טאָמאַשעווסקין, אַ ביסל שפּעטער צאָלט ער אַרויס טאָמאַשעווסקין, און ער (צוזאַמען מיט מייקל סאַקס) ווערט דער אייגנטימער פון געשעפט.

גאָלדבערג איז איצט איינער פון אָנגעזעענסטע יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן אין אַמעריקע. מיט זיין וואָרט רעכנט מען זיך. ער איז בכלל אַ דזשענטעלמען, האָט ברייטע זשעסטן (אַ ירושה פון טאָמאַ־שעווסקין) אין הלכות געלט, האָט ליב צו דערציילן עפּיזאָדן פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער און קאָן מיט עטלעכע ווערטער מערקווירדיק כאַראַקטעריזירן אַקטיאָרן.

דאָ קומט אַן אינטערעסאַנטער מאָמענט אין זיין לעבן: ער פֿאַר־ליבט זיך אין דער פּרימאַדאָנע פֿון זיין טרופּע, זינאַ גאָלדשטיין. זי גט זיך מיט איר מאַן הערמאַן סיעראַצקי און נאָך פֿאַרשידענע שווע־ריקייטן האָבן זיי ביידע חתונה. גאָלדבערג וויל פֿאַר זיין פֿרוי גרינדן אַן עקסטראַ טעאַטער. ער פֿאַרקויפֿט זיין קאָנטראַקט אויפֿן נעשאָנאַל־טעאַטער, פֿאַר וועלכן ער באַקומט אַ ריזיקע סומע, און באַשליסט אויפֿצובויען אַ ניי, מאָדערן יידיש טעאַטער. פֿאַר אָט דעם טעאַטער אַנגאַזשירט ער דעם טאַלאַנטפֿולן קאָמפּאָזיטאָר פּרץ סאַנדלער, אָבער אַזוי ווי דאָס טעאַטער ווערט נאָך נישט פֿאַרטיק צום אָנהויב פֿון סעזאָן, הויבט גאָלדבערג אָן דערווייל צו שפּילן מיט זיין טרופּע אין אַן אַנדער טעאַטער. דאָ קומט די ערשטע קאַטאַסטראָפֿע — סאַנדלער, אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַזויפֿיל האָפֿנונגען, שטאַרבט פּלוצלונג. דאָס טעאַטער, וועלכעס גאָלדבערג האָט געלאָזט ספּעציעל אויפֿבויען, ווערט ענדלעך געעפֿנט. עס איז דאָס שענסטע יידישע טעאַטער, אַ פֿאַרמעגן מיט געלט שטעקט אין דעם: גאָלדבערגס גאַנצער אָפּגע־שפּאָרטער קאַפּיטאַל, און נאָך, און נאָך . . . אָבער אָט ברעכט־אויס דער קריזיס: אַמעריקע איז צעטומלט. מען איז אַלץ געגאַנגען באַרג־אַרויף, און דאָ מיט איינמאָל — באַרג־אַראָפּ. די געשעפֿטן אין טע־אַטער ווערן שלעכט. גאָלדבערגס שותּף נייטאַן שולמאַן האָט שוין אַריינגעפּאַקט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. מער האָט ער נישט. געוועזן אַ פּשוט׳ער שניידער, געוואָרן דערנאָך אַ סוחר פֿון הייזער און זיך אַרויפֿגעאַרבעט, איצט זעט מען ווי פֿון טאָג צו טאָג „טרוקנט־איין״ יעדער צוגעטראָגענער טויזנטער. שולמאַן ווערט קראַנק פֿון עגמת־נפֿש און שטאַרבט אינגיכן ווי אַ „הייסער״ אָרעמאַן. דער צווייטער קרבן.

גאָלדבערג קאָן מער אַליין נישט פֿירן דאָס טעאַטער. ער איז גע־צוואונגען עס צו פֿאַרדינגען מאַקס געבילן. געבילס פֿרוי הייסט גאָלד־שטיין, און גאָלדבערגס פֿרוי, פֿאַר וועמען ער האָט אייגנטלעך געבויט דאָס טעאַטער, הייסט אויך גאָלדשטיין, מוז זי ענדערן איר נאָמען, אַ נאָמען, אונטער וועלכן זי איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן. אַזוי פֿאָדערט אָבער די נייע בעל־הבית׳טע. די אַלטע יידישע מעשה: די שוויגער און שנור טאָרן נישט הייסן איין נאָמען. גאָלדבערגס פֿרוי, זינע גאָלדשטיין, ליידט מאָראַליש. גאָלדבערג נעמט זיך דאָס שטאַרק צום האַרצן. פֿינאַנסיעל איז ער שוין רואינירט. איצט הויבט ער אויך אָן צו

ליידן מאַראַליש. ער פילט, אַז זיין פּאָזיציע ביים טעאַטער ווערט שוואַכער פון טאָג צו טאָג. ער מאַכט נאָך אייניקע פּרובן אָנצופירן מיט טעאַטערס. אַלע ענדיקן זיך קאַטאַסטראָפאַל. אַנדערע טעאַטערס מוזן „אָפּשפּילן די בילעטן" פאַר חברות, וועלכע ער האָט פאַרקויפט און דאָס געלט פאַרטאָן אין זיין טעאַטער.

מיט איינמאָל דערזעט מען, אַז לואיס גאָלדבערג איז גרוי געוואָרן. זיין פּנים, זיין גאַנצע פיגור ווערן דאַר און דאַרער. ער דערציילט שוין מער נישט די פרייליכע עפּיזאָדן. ער איז שוין מער נישט אַזוי סאַרקאַסטיש בנוגע אַקטיאָרן. ער מוז שוין אָנקומען נאָך טובות צו אַקטיאָרן. און גאָלדבערג האָט נישט אויסגעהאַלטן. אייניקע מאָל איז ער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים אויפגעגעבן. דעם לעצטן סעזאָן האָט ער זיך נאָך געפּרובט ראַטעווען. ער איז געוואָרן פאַרוואַלטער אין זיין ברודערס טרופּע אין שיקאַגאָ, אָבער דער שלים־מזל איז אים דאָרט אויך נאָכגעגאַנגען.

ער איז קראַנק געוואָרן און מער שוין נישט געקאָנט באַזיגן דעם מלאך־המות.

דער „איבעריקער"

ער איז געווען אַן איבעריקער ביים יידישן טעאַטער, ביי דעם יידישן טעאַטער.

יעדעס טעאַטער האָט אַרום זיך אַ מנין מיטהעלפער און מיט־בויער — פון פּובליקום ביזן בילעטער, פון דראַמאַטורג ביז רעזשי־סער. דאָס יידישע טעאַטער איז אין דער הינזיכט נישט אַנדערש ווי די נישט־יידישע: עס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך און געגעבן אויסדרוק אַט די אַלע מיטבויער — אַחוץ איינעם — דעם רעזשיסער.

ער, דער הויפּט, דער עיקר, דער אויסטייטשער, דער מחיה המתים פון די טויטע אותיות, דער וואָס פּאַר'זיווג'ט דעם מחבר און דעם אַקטיאָר צום פּובליקום, ער איז אין יידישן טעאַטער דער איבעריקער, דער, וועלכער עקזיסטירט כמעט נישט.

די געשיכטע פון יידישן טעאַטער האָט געקאָנט אָנווייזן אין די לעצטע נאָך־מלחמה יאָרן בלויז אויף 2 רעזשיסערן, וועלכע האָבן רעזשי געמאַכט פאַר זייער באַרוף, פאַר זייער לעבנס־אויפגאַבע: דוד הערמאַן און אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, און גראָד זיינען ביידע די לעצטע יאָרן געווען דערוווייטערט פון לעבעדיקן יידישן טעאַטער, און גראָד האָבן ביידע אין אַ משך פון אַ קורצער צייט איינער נאָכן אַנ־דערן פאַרענדיקט זייערע פאַרהעלטניסמעסיק יונגע לעבנס.

דאָס איז אַ טראַגיש בלעטל אין דעם פרייליכן, שוין צו־פרייליכן יידישן טעאַטער.

הערמאַן איז געווען „צווישן צוויי וועלטן", צווישן דער וועלט פון שרייבער און שוישפּילער — ער איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן די דאָזיקע וועלטן. ער האָט מער „אויסרעזשיסירט" דעם טעקסט פון דראַמאַטורג ווי דעם שוישפּילער. דערפאַר האָט ער געמוזט האָבן אַ טעקסט פון אַ שרייבער, ווייל דער טעקסט גופא האָט שוין געדאַרפט זיין אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער פאַרשטעלונג.

הערמאַן האָט נישט נאָר רעזשיסירט דעם „דבוק", נאָר דער

„דבוק" האָט זיך אין אים אַליין אַריינגעכאַפּט, אַ „דבוק", וואָס האָט אַרויסגעשריגן, אַז יידן דאַרפן האָבן אַ קינסטלעריש טעאַטער, אַז יידישע אינטעליגענץ דאַרף אַרויסגעבן פון זיך שוישפּילער פאַר דער יידישער בינע, אַז יידישע דראַמאַטורגיע דאַרף זיין פון אַ שריפטשטעלערישער פעדער.

אפילו אַמעריקע האָט אַט דעם דבוק נישט געקאָנט פון אים אַרויסטרייבן, און — באַנוצנדיק אַן אויסדרוק אין ביאַליקס איבערזעצונג פון אַנסקי'ס דבוק: „הוא הציץ ונפגע" — ער איז אויסגעגאַנגען . . .

דער שטילער יובילאַר

די טעלעגראַפן־אַגענטורן האָבן אַפילו נישט געמעלדעט מיט אַ קורצער טעלעגראַמע וועגן זיין יובילײ, כאָטש דער נאָמען פון קאָמפּאָזיטאָר איז שוין ווייט אַריבער די ברעגן פון יידישער אָפּגרעניצונג. איך בין דערפון גאָרנישט איבערראַשט געוואָרן. פאַר־קערט, דאָס האָט זיך זייער גוט געפּאַסט פאַר דעם יובילאַר. דער יובי־לאַר איז אַזאַ שטילער מענטש, אַז דעמאָלט ווען ביי אַלע אַנדערע טומלט זיך, ווען זיי דערגרייכן אַ יובילײ פון 25 יאָר, האָט ער נישט קיין מזל אַפילו צו רעם געוויינלעכן טומל ביי אַזאַ יובילײ. די שטיל־קייט, מיט וועלכער זיין יובילײ ווערט געפּראַוועט, איז זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַרן יובילאַר. ער איז אַ מענטש פון טאַט, נישט פון רייד, פון ווירקלעכע, ממשות'דיקע מעשים, נישט פון טומל, און ער האָט מיט דער דאָזיקער מידה אַזוי אָנגעשטעקט זיין סביבה, אַז אַפילו זיין יובילײ ווערט געפייערט מיט צניעות און שטילקייט.

אָבער די קונסט פון יובילאַר באַשטייט דוקא נישט אין שטילקייט. דער יובילאַר שלום סעקונדאַ איז אַ מוזיקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס דורך די ניגונים, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן, האָט ער אַריינגעבראַכט די שענסטע קלאַנגען אין אַן אַ שיעור יידישע היימען. די מוזיק, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט, קלינגט מיט פרייד און גליק און פאַרהילכט די שטימען פון טרויער און אומעט אין מיליאָנען יידישע שטובן און הייזער. אָבער פּונקט אַזוי ווי זיין מוזיק איז קלאַנגפול און טיילמאָל דריקט זי אויס דעם הויכן טאָן פון דעם רעש'דיקן אַמעריקע, פּונקט אַזוי שטיל איז דער מענטש שלום סעקונדאַ.

שלום סעקונדאַ, וועלכער איז היינט צו טאָג כמעט דער פּאָפּו־לערסטער יידישער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר איבער דער גאַנצער יידי־שער וועלט, פון ניו־יאָרק ביז אַרגענטינע, פון לאָדזש ביז דרום־אַפרי־קע, איז בטבע אַ פריילעכער, לוסטיקער גוטער ברודער, אַ ליבער, גוטער מענטש און קאָלעגע, דער בעסערער טייל פון דעם טיפּ „באַ־

העמע", אָבער אָן דעם שרייענדיקן, טומלדיקן טייל פון דעם טיפּ. ער איז נישט קיין נחבא אל הכלים. ער איז אַ מיטגליד אין פאַרשידענע יידישע געזעלשאַפטן. ער איז דער פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן", און גיט־אָפּ זיין פרייע צייט פאַר יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער איז אַן אָפטער גאַסט אין טעאַטער־קאַפע „ראָיאַל" און באַטייליקט זיך אין אַלע רכילות און קריטיק־שמועסן, אָבער קיינמאָל וועט איר נישט הערן אים רעדן אויפן קול און קיינמאָל וועט ער נישט דעמאָנסטרירן זיין אָנוועזנהייט אויף אַ שרייענדיקן אופן. קיינמאָל וועט ער נישט רעדן קיין שלעכט וואָרט וועגן אַ קאָלעגע אָדער אַריינגיסן אַ ביסל סם אין דעם טאָפּ פון רכילות, וואָס ווערט אויסגעקאָכט נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט, ווען די אַקטיאָרן קומען זיך צוזאַמען אין זייער קאַפע נאָך די „גרויסע" און „קליינע" דערפאָלגן. העכסטנס קאָן מען אַמאָל הערן זיין געלעכטער, ווען ער הערט אַ גוטן וויץ. דאָס איז שוין דאָס „שטאַרקסטע", וואָס עס גיט אַרויס בפרהסיה.

זייער אָפט ווילט זיך גאָרנישט גלויבן, אַז אָט דער שטילער מענטש סעקונדא, אָט דער צניעות'דיקער יונגערמאַן, איז שוין 25 יאָר פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, און האָט פונדעסטוועגן באַוויזן ביז היינט צו טאָג נישט צו ענדערן זיין כאַראַקטער און נישט אַרויפצונעמען אויף זיך די מאַסקע, וואָס אומשטענדן האָבן געבראַכט די טעאַטער־לייט צו טראָגן אויף זיך אין לעבן, נאָכן שפּילן.

עס איז שווער צו גלויבן, אַז 25 יאָר אָפּלעבן אין אַ סביבה, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט קליינלעכע רכילות, קנאה און שנאה, שווערער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, האָבן נישט געקאָנט צעברעכן דעם גאַנצן מענטשן שלום סעקונדא, און ער איז פאַרבליבן היינט צו טאָג, מיטן קרוין פון וועלטלעכן יידישן טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר, אַזוי ווי ער איז געווען אַלס קליין משורר'ל און שפּעטער קינדער־חזן: דיזעלבע נאַאיוויטעט, דיזעלבע ערלעכקייט און דיזעלבע האַרציקייט.

שלום סעקונדא איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין אַ קליין אוקראַאינער שטעטל, אַלעקסאַנדריאַ, אין כערסאָנער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען אַ פּשוט'ער בעל־מלאכה, אַ בלעכער. אַפּנים, אַז אין קליינעם שטעטל האָט דער פאָטער נישט געזען קיין עקסיסטענץ פאַר זיך, האָט זיך די פאַמיליע אַריבערגעטראָגן אין דער גרעסערער אוקראַאינישער שטאָט, ניקאָלאַיעוו, וואו דער פאָטער האָט געפּנט

אַ פאַבריק פון אייזערנע בעטן. ווי די מערסטע יידישע קינדער, האָט שלום געלערנט אין חדר, און ווי אַלע קינדער, וועלכע האָבן אַ שיינע שטימע, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אַלס משורר אין אַ שול, אָבער ווען ער איז געוואָרן 9 יאָר אַלט, האָט מען שוין איינגעזען, אַז דאָס אינגל וואַקסט „אַ כלי״, און מען האָט אים אָנגעהויבן געבן סאָלאָס, צוערשט אין אַ געוויינלעכער שול, דערנאָך אין כאָר־שול. אָבער חזנים האָבן אָנגעהויבן „וואַרפן אויגן״ אויף דעם קליינעם שלום׳ען און מען האָט גע׳פּועל׳ט ביי זיינע עלטערן, אַז מען זאָל אים לאָזן מיטפאָרן מיט אַ חזן. שוין אַלס קינד האָט שלום זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו אַ וואַנדער־לעבן, וואָס איז אַזוי פּאַסיק געווען פאַר זיין שפּעטערדיקער קאַריערע. וואו שלום איז אויפגעטראָטן אַלס משורר, האָט מען גע־נומען רעדן פון אים, אָבער דאָס האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט אָנגעהויבן צו זען פאַר זיך די „גרויסע וועלט״. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן טעאַטער. זייער אָפט פלעגט פּאַסירן און עס טרעפט נאָך היינט, אַז אין געוויסע פּיעסעס אין יידישן טעאַטער דאַרף מען האָבן קינדער וואָס זאָלן זינגען אַ ליד, און שלום איז אויף אַזאַ אופן געקומען אין באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער. ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן אַקטיאָר. זיין פאַנטאַזיע האָט אים גערייצט דערצו, און אַזוי ווי ער איז נאָך געווען צו־יונג צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, האָט ער זיך גערן אָנגעשלאָסן אַן אַ קרייז פון קינדער, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

צוועלף יאָר איז שלום סעקונדאַ אַלט געווען, ווען ער האָט אָנ־געהויבן שפּילן יידיש טעאַטער מיט דער קינדער־גרופּע, און אויפגע־טראָטן איז ער אין אַ גרויסער ראָלע, פון אַ דערוואַקסענעם, אין דער ראָל פון „אברהם״ אין גאָלדפאַדענס „עקדת יצחק״. אַ קליין אינגעלע מיט אַ גרויסער, לאַנגער ווייסער באָרד, אַ קינדיש קול׳כל האָט געזונגען די שווערע אַריעס פון „אברהם״, און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אַלע האָבן פאָראויסגעזאָגט שלום׳ען, אַז ער וואַקסט אַ גרויסער אַקטיאָר.

אָבער דאָ איז געקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט אינגאַנצן גע־ענדערט די לאַגע. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין שטוב זיינען גע־וואָרן ערגער. פאַר דער פאַמיליע סעקונדאַ איז אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגענומען טויזנטער יידישע משפּחות אין דער אַלטער היים (אַ פּראָבלעם, וואָס איז איצט נאָך שאַרפער און נאָך

שווערער . . .). מען דאַרף נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין דער האַנט און זיך לאָזן וואַנדערן, זוכן אַ נייע היים.

דורות־לאַנג האָט מען געלעבט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער זאַפּטיקער אוקראַאינע. דערצויגן קינדער, זיי אויסגעגעבן, אַנט־וויקלט זיך און דאָס לאַנד, פאַרזייט דעם בית־עולם מיט די גופים פון די אבות און קרובים, און אַט איז געקומען די שעה זיך אויף אייביק אָפּצוגעזעגענען מיט די נאָענטע, מיט די טויטע אויפן „גוטן אָרט" און מיט די עלטערע לעבעדיקע, וועלכע זיינען צו־שוואַך און נישט צוגעפּאַסט מיטצוּוואַנדערן, און וועלכע מען לאָזט איבער מיט אַ בענקשאַפט אין האַרצן.

פערצן יאָר איז שלום סעקונדאַ אַלט געווען ווען זיין פאַמיליע איז געקומען אין ניו־יאָרק. ער איז שוין געווען אַ „מענטש" מיט פּראַקטיק. ער האָט שוין נישט געהאַט די „אימתא דצבורא". ער איז געווען געוואוינט צו שטיין פאַר פרעמדע מענטשן און לאָזן הערן זיין קול. און די ערשטע צייט האָט זיין משפּחה געצויגן דערפון איר חיונה. דאָס 14־יעריקע אינגל איז געוואָרן אַ „וואונדער־חזן". ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אין אַ שול אויף דער זעקסטער גאַס און אַזוי אויסגענומען, אַז זיין נאָמען איז באַלד באַרימט געוואָרן איבערן גאַנצן יידישן ניו־יאָרק. מען האָט דאָס אינגל גענומען דאַווענען שבתים אין פאַרשידענע שולן, און אַז עס איז געקומען ימים־נוראים און מען האָט דאָס „טאַליא טעאַטער" פאַרוואַנדלט אין אַ שול, האָט מען שלום'ען צוגענומען אַלס חזן. אָבער די נאַטור טוט זיך אירס. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט ווען שלום האָט פאַרלוירן זיין קינדער־שטימע און עס איז פאַר אים אַנטשטאַנען די פראַגע צו וואָס זיך צו נעמען. מען דאַרף דאָך אָנ־הויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית.

גיין אין טאַטנס וועגן — ווערן אַ בלעכער?

אָדער נעמען זיך צו דעם, צו וואָס עס ציט אים אַליין — צו מוזיק?

און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל טאָן דאָס, וואָס זיין האַרץ גלוסט: ער זאָל זיך ווידמען מוזיק, און שלום הויבט־אָן שטו־דירן מוזיק. ביי טאָג האָט ער געלערנט אין שול און נאָכמיטאָג האָט ער שטודירט מוזיק. אָבער כדי צו שטודירן, דאַרף מען דאָך האָבן געלט אויף שכר־לימוד, און דאָס האָט ער נישט, איז ער געוואָרן אין די אָוונטן אַ כאָריסט אין אַ יידיש טעאַטער. געשפּילט האָט מען דאָרט

נישט קיין אָפּערעטעס. צוליב דעם האָט דאָס טעאַטער נישט געהאַט קיין אייגענעם דיריגענט, וואָס איז געווײנלעך אויך דער קאָמפּאָזיטאָר פון טעאַטער, און דערפאַר האָט שלום סעקונדאַ געהאַט די מעגלעכקייט איינצושטודירן עטלעכע לידלעך מיטן כאָר, ווען מען האָט געשפּילט אַ פּיעסע, וואו עס זיינען געווען שטעלן פאַר אַ כאָר. דאָס אַליין האָט זיך אָבער קנאַפּ געצאָלט , און געלט האָט מען גערדאַרפט, איז ער אַליין אויך געוואָרן אַ כאָריסט.

אויף אַזאַ אופן איז שלום סעקונדאַ שוין געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער און ער וואָלט מסתמא פאַרבליבן אַ יידי־שער כאָריסט, אָדער אַן אַקטיאָר, ווען נישט אַ צופאַל, וואָס די אַקטריסע דזשעני גאָלדשטיין האָט גערדאַרפט זינגען אַ לידל „אַמעריקע" אין אַ פּיעסע. ווי געזאָגט, איז אין טעאַטער נישט געווען אָנגעשטעלט קיין ספּעציעלער קאָמפּאָזיטאָר, האָט מען געגעבן סעקונדאַן, אַז ער זאָל שרייבן אַ ניגון צום לידל. דעם אוקראַאינער בחור, וואָס איז געווען גאָר אַ חזן, האָט מען געגעבן שרייבן מוזיק צו אַ ליד, וואָס דאַרף אויסדריקן די נשמה פון אַמעריקע. אָבער ער האָט אָנגעשריבן אַזאַ קאָמפּאָזיציע, וואָס האָט באַלד אָפּגעשטעמפּלט זיין גורל. מען האָט דערפילט, אַז סעקונדאַ איז אייגנטלעך אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ דיכטער, וואָס זינגט־אויס זיין ליד אין מוזיק.

ער טרעט אַריין אין קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע ער ענדיקט שפּע־טער מיט אַן ערשטער אויסצייכנונג, און ווידער שטייט פאַר אים די פראַגע פון וואָס צו מאַכן אַ לעבן.

דאָס איז נישט קיין לייכטע פראַגע, ווייל אָנקומען אַלס קאָמפּאָ־זיטאָר אין אַ טעאַטער איז געווען זייער שווער, אַז ענין אויף וועלכן מען האָט גערדאַרפט קריגן די סמיכה פון דער מוזיקער־יוניאָן און דאָס האָט מען אַזוי לייכט נישט געקראָגן . . .

האָט סעקונדאַ מיט צופרידנהייט אָנגענומען אין סעזאָן 1913-1914 אַ דרייפאַכיקע שטעלע אין אַ קליין טעאַטערל. ער איז דאָרט אַנגאַ־זשירט געוואָרן אַלס כאָריסט, קאָמפּאָזיטאָר, ווען מען דאַרף אָנשרייבן עפּעס אַ קאָמפּאָזיציע, און אַלס שליח, ווען מען דאַרף ערגעץ־וואו גיין מיט אַ שליחות. זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע צו אַ גאַנצער פּיעסע איז געווען טאַקע אין זעלבן טעאַטערל צו אַ פּיעסע פון דעם פאָלקס דיכטער שמולעוויטש, דער פאַרפאַסער פון באַקאַנטן ליד „דאָס טלית'ל". דערנאָך האָט סעקונדאַ כמעט אויף דיזעלבע באַדינגונגען געאַרבעט

אין אַז אַנדער קליין טעאַטערל. אָבער דאָ איז אַמעריקע אַריין אין וועלט־קריג און ער האָט געמוזט איבעררייסן זיין קאַריערע און גיין דינען זיין ניי פאָטערלאַנד. ער האָט זיך פרייוויליק איינגעשריבן אין אַמעריקאַנער פלאָט און געוואָרן אַ מאַטראָז. אייניקע חדשים האָט ער געדינט אין פלאָט, ווייל גאָר אינגיכן איז געוואָרן דער שלום, וואָס זיינע נאָכוויען פילן מיר היינט אַזוי שטאַרק . . .

סעקונדאַ איז צוריקגעקומען און איז שוין לייכטער אָנגאַזשירט געוואָרן אַלס דיריגענט אין יידישן טעאַטער, אָבער נישט אין ניו־יאָרק, נאָר אין נוואַרק (אַ שטאָט נעבן ניו־יאָרק), אין פילאַדעלפיאַ און אין סענט לואיס. אין ניו־יאָרק איז ווידער די מוזיקער־יוניאָן אים גע־שטאַנען אין וועג מיט אירע געזעצן. . . .

ערשט אין 1921 הויבט סעקונדאַ אָן צו קריגן די מעגלעכקייט צו באַווייזן זיך אַלס דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אין יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, און פון דעמאָלט אָן הויבט־אָן פון סעזאָן צו סעזאָן צו שטייגן זיין נאָמען אַלס יידישער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר.

אין משך פון די אַלע יאָרן האָט סעקונדאַ אָנגעשריבן מוזיק צו צענדליקער פּיעסעס און אָפּערעטעס. ער איז שוין געווען פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע יידישע טעאַטערס און זיין מוזיק איז געזונגען געוואָרן פון די אָנגעזעענסטע יידישע סטאַרס. יעדע פון די אָפּע־רעטעס, צו וועלכער ער האָט געשריבן מוזיק, האָט דעם גרעסטן טייל פון איר דערפאָלג געהאַט צו פאַרדאַנקען נאָר זיין מוזיק, ווייל דער טעקסט פון דער אָפּערעטע איז געווען אין געוויינלעכן סטאַמפּ פון די יידישע אָפּערעטעס. אין דער הינזיכט איז נישט איבערטריבן צו זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פון יידישן טעאַטער האָט עקסיסטירט נאָר אין זכות פון סעקונדאַן. אָט די ניגונים סעקונדאַס, וועלכע זיינען נאָכגעזונגען געוואָרן פון די צענדליקער טויזנטער באַזוכער, האָבן פּאָפּולער גע־מאַכט אָט די אָפּערעטעס און זיי געגעבן אַ חיות אויף דער בינע.

אָבער נישט נאָר אויפן פעלד פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק האָט זיך סעקונדאַ אויסגעצייכנט און איז פּונקט אַזוי באַקאַנט אין פּוילן און אין אַרגענטינע ביי די צענדליקער טויזנטער יידישע טעאַ־טער־באַזוכער, ווי אין אַמעריקע.

ווען זיין קאָמפּאָזיציע „ביי מיר ביזטו שיין" איז געווען דאָס טאָג־געשפּרעך פון אַמעריקע, און סעקונדאַס נאָמען איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע און עס האָט אויסגעזען, ווי די אוצרות פון

האַליוואָוד האָבן זיך פֿאַר אים געעפֿנט, האָט ער גראָד אין יענער צייט אָנגעשריבן אַ קאָמפּאָזיציע צום ליד „ממעמקים״ פֿון לייוויק.

סעקונדאַ האָט ביז צום היינטיקן טאָג נישט פֿאַרלוירן דעם דרך־ארץ פֿאַרן ריינעם געדרוקטן יידישן וואָרט. זיין גרעסטן גענוס האָט ער דוקא דעמאָלט, ווען ער שרייבט אַ קאָמפּאָזיציע צו די ריינע ווערטער פֿון אַ יידישן דיכטער, ווען ער באַלעבט מיט קלאַנג די טויטע אותיות פֿון דער יידישער דיכטונג.

סעקונדאַ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען די באַדייטונג פֿון דערציען דאָס אַמעריקאַנער יידישע קינד צו אַן אינטימער באַציאונג צום יידישן וואָרט. ער איז געווען כמעט דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפֿירט אַ יידישע קינדער־ראַדיאָ־שעה. דער „פֿעטער שלום״, ווי ער האָט זיך דאָרט גערופֿן, האָט דערצויגן הונדערטער אָרימע יידישע קינדער מיט אַ ליבע צום יידישן וואָרט. קיין גרעסערער נחת ווי צו הערן די קליינע סעמי׳לעך און דזשעני׳לעך זינגען אָדער דעקלאַמירן די שענסטע יידישע טעאַטער־לידער אָדער לידער פֿון רייזען, יהואש, ליעסין א. אַ. האָט שלום סעקונדאַ נאָך נישט געהאַט, און אויף יעדן פֿון זיינע ערן־אָוונטן שמעלצט ער זיך פֿון נחת ווען די קינדער דעמאָנסטרירן די דערגרייכונגען, וואָס זיי האָבן געוואונען אַ דאַנק זיין אָנגעשטרענגטער אַרבעט מיט זיי.

סעקונדאַ האָט אויך זיין חלום, אַ גרויסן חלום, וועלכן ער האָט טיילווייז דערפֿילט, אָבער ער וואַרט נאָך אַלץ אויף יענעם גרויסן טאָג, ווען דער חלום זאָל אינגאַנצן פֿאַרווירקלעכט ווערן.

זיין ערשטע באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער האָט סעקונדאַ געהאַט אַלס קינד, ווען ער האָט געשפּילט אין גאָלדפֿאַדענס „עקדת יצחק״, און גאָלדפֿאַדען האָט אים פֿון דעמאָלט אָן „גענומען געפֿאַנגען״. יאָרןלאַנג האָט סעקונדאַ נישט געקאָנט רוען ביז ער האָט באַשלאָסן אָפּצוצאָלן זיין „חוב״ צו גאָלדפֿאַדענען. ער האָט גענומען גאָלדפֿאַדענס גרעסטע און פּאָפּולערסטע אָפּערעטע „שולמית״ און זי באַאַרבעט אַלס אָפּערע. טיילן פֿון דער דאָזיקער אָפּערע, אונטער נישט־גוטע באַדינגונגען און אונטער נישט־פּאַסיקע אומשטענדן, זיינען שוין פֿון צייט צו צייט אויפֿגעפֿירט געוואָרן, אָבער עס וואַרט נאָך אַלץ די גאַנצע אויפֿפֿירונג אונטער אומשטענדן, ווי מען דאַרף אויפֿפֿירן אַן אָפּערע.

וואָלטן מיר געלעבט אין נאָרמאַלע אומשטענדן, וואָלט דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע גראָד איצט נישט איבערגעלעבט איינעם פֿון

זיינע קריטישסטע מאָמענטן, און וואָלט דער יובילאַר נישט געווען אַזאַ שטילער מענטש, נאָר געקאָנט אויפטומלען אַ „באַוועגונג", וואָלט דער שענסטער אויסדרוק פון אנערקענונג און אַכטונג צום יובילאַר שלום סעקונדא געווען, ווען מען וואָלט אים געקאָנט באַשענקען מיט אַן אויפ־פירונג פון זיין אָפּערע „שולמית". אָבער שלום סעקונדא איז דאָך אַ שטילער, באַשיידענער מענטש, האָט ער זיך באַגנוגנט מיטן באַנקעט, צו וועלכן עס איז געקומען די גאַנצע יידישע מוזיקאַלישע און טעאַטער־וועלט און אויך אַ סך קולטער־טוער און מען האָט אים, דאָס ערשטע מאָל, עפנטלעך אויסגעדריקט געפילן פון אנערקענונג און ליבע, וואָס מען פילט צו אים אַלס קינסטלער און אַלס מענטש.

די טענצערין

(צו בעל דידזשאָ'ס גאַסטראָלן אין אַרגענטינע)

בעל דידזשאַ !

האָט איר שוין אַמאָל געהערט די צוויי ווערטער? ווייסט איר וואָס זיי באַדייטן?

נישט נאָר אין יידישן, נאָר אין סאַמע עכטן אַמעריקע, ווייסט מען זייער גוט דעם באַדייט פון די צוויי ווערטער. מען ווייסט, אַז דאָס איז דער נאָמען פון אַ יונגער טענצערין, וואָס הויבט ערשט אָן אַרויס־צושוועבן מיט איר גראַציעזער פיגור אויף די בינע־ברעטער, און וועלכע האָט, לויט דער מבינות פון די גרעסטע קריטיקער, די בעסטע אויסזיכטן צו ווערן אַ גרויסער נאָמען אין דער טעאַטער־קונסט.

יידן מחוץ אַמעריקע האָבן שוין אַ חזקה צו האָבן געהערט און געזען אימפּאָרטירטע גרויסע יידישע זינגער, חזנים, אַקטיאָרן און שרייבער פון אַמעריקע, אָבער ביז איצט האָבן זיי נאָך קיין אַמעריקאַנער יידישע טענצערין נישט געזען, דעריבער וויל איך האָבן די פּריווילעגיע פאַר זיי פאָרצושטעלן בעל דידזשאָן.

פיגור — לאָמיר אָננעמען אַ פּערזאָן, וועלכע מ'קען — מאַלי פּיקאָן, אַ שיין ליכטיק פּנים, שטראַלנדיקע אויגן, הונדערט פּראָצענט יידישער חן, אַפּגעטאָקטע הענט און פיס.

געבוירן אין ניו־יאָרק אין אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער יידישער היים, געלערנט אפילו אין אַ יידישער פאָלקס־שול, געענדיקט האַי־סקול (אַמע־ריקאַנער גימנאַזיע) און רעדט — אויף צו־להכעיס — אויסער ענגליש אויך יידיש, און פעלט איר אַמאָל צו אַ וואָרט, גיט זי זיך — ווי אַלע יידן — אַן עצה מיט אַ האַנט־באַוועגונג, וואָס גיט אייך פולשטענדיק צו פאַרשטיין וואָס זי מיינט.

זי האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַלס דריי־יאָריק קינד און געהאַט אַזעלכע „מלמדים" ווי פּאָקין און מאָרדקין, דערנאָך איז זי געווען אַ באַלעט־

טענצעריין אין ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז און נאָכן צו־קנעלן נאָך אַ ביסל ביים באַוואוסטן רוסישן טענצער אַלעקסאַנדער קאָטשעטאָווסקי, האָט זי אין 1929 אָנגעהויבן איר זעלבסטשטענדיקע קאַריערע אַלס טענצערין, אַרויסטרעטנדיק מיט טאַנץ־קאָנצערטן אין די בראָדווייער גרויסע טעאַטערס אין ניו־יאָרק און אין די גרעסערע שטעט פון אַמעריקע.

זי האָט דאָ געהאַט דערפאָלג. און דאָס איז אין אַמעריקע נישט קיין לייכטע זאַך, ווייל בעל דידזשאַ האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע אין דער צייט ווען דער דזשעז איז שוין געווען דער מושל אין אַמע־ריקע, ווען די אַרענע איז געוואָרן אַ פּלאַץ, וואָס דאַרף געבן בלויז פאַרווייַלונג, בלויז פאַרן אויג און אויער, און גאָרנישט פאַר האַרצן אָדער מוח.

און בעל דידזשאַ האָט געראָד עפּעס צו זאָגן מיט איר טאַנצן. זי האָט אַן אידעע.

און דאָך האָט זי באַוויזן אויף אַלע אירע קאָנצערטן צוצוציען אַ גרויס פּובליקום און יעדעס מאָל צו באַגייסטערן נישט נאָר דעם עולם, נאָר אויך די קריטיקער.

די סיבה — איר אָריגינאַליטעט.

בעל דידזשאַ איז די טענצערין פון דער גרויסער שטאָט.

זי האָט זיך פולשטענדיק באַפרייט פון די אַלטע טענץ לשם גראַציע, לשם הויבן און בייגן די פיס, זי וויל מקיים זיין דעם פסוק „כל עצמותי תאמרנה", אַלע אירע אברים ריידן צו אייך בעת זי טאַנצט. זי באַזיצט און רעדט אַ שפּראַך, וועלכע איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, סיי ייד, סיי קריסט, סיי דעם אינטעליגענט, סיי דעם פשוט'ן מענטשן, סיי דעם נאַאיוון, סיי דעם ראַפינירטן.

אָט אַ שטייגער — איר ניו־יאָרקער סעריע:

אַ גאַסן־אינגל, וואָס פאַרקויפט צייטונגען. איר זעט אָבער נישט נאָר פאַר זיך דאָס אינגל, וואָס פאַרקויפט צייטונגען, איר זעט די גרויסשטאָטיקע חוצפה, וואָס נעסטיקט אין דעם אינגל. איר זעט דעם צוקונפטיקן אַמעריקאַנער סעלף מעיד מען (אַליין געמאַכטן, אויפגעקו־מענעם). אָט אַזאַ איינער, זעט איר, קאָן אַלץ און צו אַלץ דערגרייכן.

אָדער, אַ מיידל אין סאַבוויי (אונטערגרונטבאַן), ווידער אַ שטיק לעבן פון דער גרויסער שטאָט. די ענגשאַפט, די באַדינגונגען, וועלכע ברענגען צו נאָנטער באַקאַנטשאַפט אויפן שפּרונג, דער פלירט, די

מידקייט פון דעם אַרבעטער, די פּרוּוו אין דער אַרבעטעריין, די צרה פון דער גרויסער שטאָט.

אָדער דער וואָלקנקראַצער. אַט די שטיינערנע חיה, וואָס דער מענטש האָט אַליין געשאַפן און פאַר וועלכער ער שרעקט זיך. דער ליימענער גולם, דאָס לעבן אין אַזאַ ריזיקן בנין מיט טויזנטער מענטשן.

אָדער דאָס דאָרפסמיידל אויף טיימס סקווער. טיימס סקווער איז אַ פּלאַץ אין ניו־יאָרק, וואו עס הערשט דער גרעסטער פּאַרקער, און אַט קומט אַ דאָרפסמיידל אין ניו־יאָרק און פאַלט אַריין אין דעם קאַכעדיקן קעסל. עס איז ממש אַ רירנד בילד צו זען ווי דאָס מיידל דאַרף אַריבערגיין פון איין טראָטואַר צום אַנדערן און קאָן עס נישט. אַט די סצענע און די צעטומלעניש און דערשטוינונג פון דעם מיידל ברענגט בעל דידזשאַ אַרויס אין איר טאַנץ.

אַט די אַלע טענץ אויסגעפירט דורך בעל דידזשאַ דריקן־אויס די נשמה פון דער גרויסער שטאָט און גלייכצייטיק איר גשמיות.

עס איז אַ נייע פאָרם, וועלכע וועקט און רופט צום היינטיקן באַזוכער. עס איז דאָס וואָס מיר ווילן זען.

בעל דידזשאַ האָט אויך (אויף דער איינלאַדונג פון דער גרעסטער דראַמאַטישער קינסטלעריין אין אַמעריקע, איוואַ לאַ גאַליען) אויסגעפירט אירע טענץ אָן קאָסטיומען, נאָר אין לייכטע טריקאָטן.

די כונה איז געווען צו ווייזן, אַז די אידעע פון טאַנץ, די פּאַרקערפּערונג ווי בעל דידזשאַ גיט עס אַרויס, איז גענוג דייטלעך און קלאָר און נויטיקט זיך נישט אין דעם קאָסטיום, וואָס זאָל אָנדייטן ווער און וואָס זי שטעלט פאָר.

און אַט איז אַן אַנדערע סעריע טענץ, וועלכע בעל דידזשאַ רופט „רעליגיעזע ציקלען". דאָס איז אַ סעריע פון פיר טענץ, וואָס שטעלן פאָר פיר קולטור־עפּאָכעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע: לוקסאָר (עגיפּטן), מאַקעדאָניען (אַלט־גריכנלאַנד), קריסטנטום (מיטלאַלטער) און גאָטהאַם (אונדזער צייט).

יעדע עפּאָכע דריקט־אויס איר רעליגיעזן טריב אויף אַן אַנדערן אופן. יעדער זוכט אַ גאָט. מען זוכט נישט נאָר גאָט אין דער קירך, נאָר אַפילו אין היינטיקן פּולסירנדיקן לעבן. דאָס גאָט־זוכעניש דריקט זיך אויס אַפילו אין איצטיקן דזשעז. עס איז די אייביקע אומצופרידנהייט מיטן באַזיץ און דאָס שטרעבן צו דעם, וואָס מען האָט נישט.

בעל דידזשאַ זעט אַט די אַלע עפּאָכעס אין ליכט פון היינט און

זי פּרעסט אַרויס פון די זוכענישן דעם סאָציאַלן פּראָטעסט פון מאָרגן.
עס איז אַן אידעע־טאַנץ, וואָס פאָדערט באַטראַכטונג, וואָס לאָזט עפּעס איבער נאָך זיך. עס איז נישט ווי דער מיראַזש־טאַנץ, וואָס אינטערעסירט נאָר כּל זמן די טענצערין שוועבט פאַר די אויגן.
בעל דידזשאַ האָט אין איר רעפּערטואַר אויך עקסצענטרישע טענץ, ווי די רוסישע פּרוי, די איטאַליענישע פּויערטע און די אַמבי־ציעזע פּופּע.
יאָ, און וואו איז אַ ביסל יידישקייט?
ס'איז דאָ: בעל דידזשאַ טאַנצט אַ קאָמפּאָזיציע צו פּרצ'ס „נאָך קבורה", „אַ בר מצוה" און „דער ערשטער ברוגז פון אַ יונג פּאָר־הייראַט פּאָרל".
בעל דידזשאַ האָט זיך אין משך פון איר זעלבסטשטענדיקער קאַריערע ווייטער פּאַרפולקומט אין בערלין, ווין און ביירוט. איצט איז זי אַרויסגעפּאָרן איבער דער וועלט צו שניידן אירע פּירות. זי האָט באַזוכט ארץ ישראל און אַנדערע לענדער. עס וואָלט געווען זייער וואויל, אַז מען זאָל איר געבן אַזאַ קבלת פּנים ווי עס פאַרדינט אַ טאַלאַנטירטע יידישע טאָכטער.

איצט לאָמיר אייך דערציילן אַ סוד פון חדר. אַט דעם אַרטיקל האָב איך אָנגעשריבן מיט איבער דריי יאָר צוריק, ווען בעל דידזשאַ האָט זיך געלאָזט אויף אַ טורנע איבער אייראָפּע. אַזוי ווי דאָרט איז זי געווען לגמרי אומבאַקאַנט, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב צו דער יידישער קונסט זי צו רעקאָמענדירן. מיין אַרטיקל איז אָפּגע־דרוקט געוואָרן און יידישע שרייבער האָבן געצויגן מיט די פּלייצעס „פון ווען אַן איז דאָס זילבערצוויייג געוואָרן אַ מבין אויף טענץ?" מסתמא איז דאָס סתם אַזוי אַ גוטברודערישע רעקאָמענדאַציע. בעל דידזשאַ איז דערווייל געווען אין ארץ ישראל, האָט דאָרט איינגעזאַפּט אין זיך אייניקע אָריגינעלע אָריענטאַלישע טענץ און אויסגעטאַנצט איר פון אַמעריקע געבראַכטן רעפּערטואַר און געהאַט אַ גוואַלדיקן דערפּאָלג. פון דאָרט איז זי געקומען אין וואַרשע און אומשטענדן האָבן געוואָלט, אַז זי זאָל דאָרט נישט קאָנען אויפטרעטן אין אַ קאָנ־צערט־זאַל. חברה שרייבער זיינען אַליין אַרומגעגאַנגען, אַז איך האָב מסתמא מגזם געווען. וואָס טוט גאָט? טרעט זי אויף איינמאָל אין

אז ענגעז, נישט־פאסיקן לאקאל, אויף די שמאלע, איינגעקארטשעטע ברעטלעך פון ווארשעווער יידישן ליטעראטן פאראיין, און ווי שטייט עס דארט אין „רות״: „ותהום כל העיר״. גאנץ ווארשע מיט אירע אמת׳ע מבינים אויף טענץ האבן אנגעהויבן צו גיין אויף רעדלעך. ערשט דעמאלט האט מען דערזען, אז איך האב נישט געגעבן בעל דידזשאן קיין נשרף־בריוו. עס זיינען שוין אריבער דריי יאר, איך האב דורך דער צייט, זייענדיק אין אייראפע, נישט געזען בעל דידזשאן טאנצן, אבער איך האב געהערט, אז איר רעפערטואר איז גרעסער און רייכער געווארן.

פון א. ביז ת.

ווער וואלט עס געגלויבט, אז צווישן די יידישע אקטיארן איז פאראן איינער, וואס האט געווארפן דאס כסא הרבנות און האט דעם בית־דין־שטיבל אויסגעטוישט אויף די בינע־ברעטער? און ווער אשטייגער ווייסט עפעס וועגן די גויים, אפילו אנטיסעמיטן, וואס שפילן אויף דער יידישער בינע? אט איז געווען אן אקטיאר, א קריסט, וואס פלעגט שפילן אין אוקראאינע, און דוקא גאר־עכט יידישע טיפן, ווי למשל „בצלאל ראפאפארט" אין גארדינס „שחיטה", און צום סוף, אז דער אויבערשטער האט געהאלפן און די היידעמאקעס האבן גענומען פאגראמירן יידן, האט אונדזער „יידישער אקטיאר" אויך פארקאטשעט די ארבל און זיך געווארפן מיט „בעי זשידאוו" אויף זיין „ליב פובליקום".

היינט גרים? אויך דאס מין פעלט נישט אין יידישן טעאטער. אייניקע פון די גרים זיינען שוין אזוי וויט אוועק אין זייער יידישקייט, אז זיי קענען לייענען און שרייבן יידיש, א זאך, וואס טייל יידישע אקטיארן (דוקא געבילדעטע אין אנדערע לשונות) קענען נאך נישט ביז איצט.

אויב אזוי — טא פארוואס זאלן מיר נישט האבן אזא צונויפפארעניש ווי א טאטע — א פרומער ייד, א בדחן, און דער זון — א משומד?

בונעם בדחן, אדער בונעם מארשעליק, האט דער ייד געהייסן. ער איז געווען א געבוירענער פון פיעטריקאוו, נאר שפעטער האט ער זיך אריבערגעטראגן קיין לאדזש, וואו ער האט געהאט עטלעכע קינדער, און צום סוף האט ער זיך באזעצט אין ווארשע.

בונעם איז אין דער ערשטער צייט געווען אן אמת פרומער ייד, און פלעגט באשיינען אלע חתונות פון גוטע, פרומע און גביר'ישע יידן. זיינע גראמען, זיין בדחנות, זיין פריילעך אמוזירן, זיין ארט „זאגן" זיינען געווען אזוי בארימט, אז מען פלעגט זיך צוליב אים ממש רייסן.

טאמער פלעגט פאסירן, אז צוויי גבירים האבן אין איין טאג חתונה געמאכט זייערע קינדער, האט זיך צווישן זיי אנגעהויבן אן אמת'דיקע מלחמה, ביי וועמען זאל בונעם מארשעליק „זאגן".

אין יענער צייט איז גאלדפאדען מיט זיינע ערשטע אקטיארן אנגעקומען אין פוילען, און בונעם, וועלכער האט זייער ליב געהאט יידישע נגינה, האט זיך „ארייננגעפלאנטערט" אין יידישן טעאטער, און ביסלעכווייז אנגעהויבן צו ווערן א שטיקל אפיקורס. ער איז אוועק אזוי ווייט, אז ער האט אנגעהויבן רויכערן שבת.

אז ער רויכערט אום שבת האט מען זיך דערוואוסט אט אזוי: בונעם איז זיך געזעסן ביי זיך אין שטוב שבת און גערויכערט. דערווייל איז איינער אריינגעקומען צו אים, און בונעם האט שנעל געכאפט און אריינגעווארפן דעם פאפיראס אין ברייטן ארבל פון זיין זיידענער יופיצע. אבער אזוי ווי דער פאפיראס איז געווען שטארק צעגליט, האט דער ארבל אנגעהויבן ברענען, און דער סוד איז ארויס.

באלד נאכדעם האט בונעם זיך אפגעשוירן זיין בערדל, און אנגעהויבן מיטשפילן געזאנג־פארטיעס מיט גאלדפאדענען. ער האט אויך זיינע קינדער — דריי זין און א טאכטער — ארויפגענומען אויף דער בינע. אבער באלד איז אים די בינע נמאס געווארן, און ער האט זיך צוריק פארלאזט א בערדל און איז ווידער געווארן א בדחן.

דער לץ אין אים האט אים אבער שוין נישט געלאזט רוען, און ער פלעגט אויסנוצן יעדע געלעגנהייט אפצושפעטן פון פרומקייט און יידישקייט.

איינמאל פארנדיק אין באן מיט חסידים, האט ער זיך מיט א חסיד צערעדט וועגן „אים" זאל לעבן, און אריינפאלנדיק אין דער אמת'ער חסיד'ישער התלהבות, האט ער אויסגערופן:

— דו ווייסט נישט וואס „ער זאל לעבן" איז . . . דו ווייסט וואס „ער זאל לעבן" איז?

דער חסיד האט צוגעבויגן אן אויער און געפרעגט מיט דביקות:

— וואס איז ער, „ער זאל לעבן"?

— א גרויסער שוטה במחילה, — האט בונעם פארענדיקט אויפן קול.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די רבנים און רביים האָבן בונעמן אַריינגעלייגט אין חרם, און מען האָט אים אויפגעהערט צו באַנוצן אויף חתונות און שמחות.

בונעם האָט דאַן גענומען זיינעם אַ זון און איז מיט אים אַרומגעפאָרן איבער קליינע שטעטלעך און דערפער, וואו ער פלעגט אין די שענקן אפשפּילן פאַרשידענע קאָמישע סצענקעס, פאַרבונדן מיט לידלעך און טענץ.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די אַנדערע קינדער זיינע אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט, און אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אויף דער יידישער בינע. די טאָכטער זיינע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינטעליגענטן יונגנמאַן פון לאָדזש, אַ געוויסן קעמפּנער, און ביידע האָבן זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, וואו זיי זיינען געווען פון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן. איין זון איז אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד און געשפּילט יידיש טעאַטער ביז ער האָט זיך אויך דערשלעפּט קיין לאָנדאָן.

אַנגעטאָן גייט ער, בונעם מאַרשעליקס זון, יאָסל, אַ פּוילישע „מאַטשעיובקא"*) מיט אַ טיכל אויפן האַלז. ווי אַלט ער איז ווייסט ער נישט גענוי. לויטן פּאַס איז ער 62 יאָר, אָבער ער גלויבט, אַז ער איז עלטער, ווייל די יאָרן זיינע האָט מען געשאַצט. עפּעס אַ גאַנצע מעשה מיט אַ „לגאָטע"**), אַן עלטערער ברודער.

טעאַטער שפּילט ער שוין נישט היינט, נאָר ער מאַכט אַ לעבן פון דער „קונסט", ריכטיקער געזאָגט, פון דער „קונץ". אַרומוואַנדערנדיק איבער דער וועלט האָט ער זיך אויסגעלערנט שוואַרץ־קינצלעריי, און ווען ער דאַרף האָבן פּרנסה, נעמט ער די כלים, גייט אַריין אין ערשטן בעסטן רעסטאָראַן פון לאָנדאָנער ווייטשעפּל און שטעלט זיך „אַרבעטן".

אַ צווייטער זון בונעמס, עמנואל, וואָס האָט אויך אַמאָל געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל אויף דער יידישער בינע אין רוסלאַנד און פּוילן, און איז אַ צייט געווען דער רעזשיסער פון קאַמינסקים טרופּע, איז שוין זייט יאָרן אין פּאַריז. ער גופא האַלט זיך נאָך פאַר גאַנץ פּעאיק צו דער בינע, אָבער די קאָלעגן זיינע, די יידישע אַקטיאָרן, זאָגן, אַז

*) מאַטשעיובקא — אַ פּוילישע היטעלע.

**) לגאָטע — אַ באַפרייאונגס־דאָקומענט פון מיליטער־דינסט.

ער האָט אַ טבע איינצושלאָפֿן אויף דער בינע, און זיי לאָזן אים דעריבער נישט צו צו די „ברעטלעך", האָט ער זיך געמאַכט אַ פּרנסה דערפֿון, וואָס ער שרייבט לידלעך אויף אַקטועלע טעמעס און אויף פּאָפּולערע מאָטיוון. העלפֿט גאָט און ס'קומט־פֿאָר אַ שוואַרצבאַרד־פּראָצעס, שרייבט ער אַן אַ לידל אויפֿן מאָטיוו „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט", א. ד. ג., דרוקט־אָפּ דאָס לידל, שטעלט זיך אַוועק ביים אַריינגאַנג פֿון יידישן טעאַטער, און פֿאַרקויפֿט עס אַליין. ער פֿאַרקויפֿט אַזוי לאַנג דאָס אַלטע ליד, ביז עס זיינען שוין מער נישטאָ קיין קונים, דעמאָלט זעצט ער זיך ווידער אַוועק, שרייבט־אָן אַ ניי ליד — און עס הויבט זיך ווידער אָן דאָס אייגענע.

דער דריטער, אייגנטלעך דער עלטסטער זון פֿון בונעם מאַרשעליק, האָט אויך אָנגעהויבן אויף דער יידישער בינע אַלס כאָריסט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסן חשק צו שפּילן טעאַטער, און ווען ער איז צוגענומען געוואָרן אין מיליטער, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אָרקעסטער, ביז פֿאַבליט האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז ער האָט אויסגעצייכנטע מוזיקאַלישע פֿעאיקייטן, און מען האָט אים אַריינגענומען אין קאָנסערוואַטאָריע.

אין משך פֿון אַ קורצער צייט האָט ער זיך דאָרט אַזוי אויסגעצייכנט, אַז ער איז אָנגעקומען אין אַ מאָסקווער רעגירונגס־טעאַטער אַלס דיריגענט. איינמאָל איז אַ יידישער דיריגענט אָנגעקומען אין מאָסקווע און איז אַריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר פֿון זעלבן טעאַטער בעטן באַשעפֿטיקונג. דער דירעקטאָר האָט אים פֿאַרהערט, און האָט מסכים געווען אים צו געבן אַ פּאָסטן. ווער ער האָט אָבער פֿעסטגעשטעלט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ ייד, האָט ער אים דערקלערט, אַז ער קאָן אים נישט אָנגאַזשירן, ווייל ער איז אַ ייד.

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין פֿאַרוואונדערט:

— וואָס הייסט, און אייער איצטיקער דיריגענט איז דען נישט קיין ייד?

ערשט אַזוי אַרום איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דער דיריגענט פֿון יענעם טעאַטער איז אַ ייד, און דער דירעקטאָר האָט זיין ביז איצטיקן דיריגענט, בונעם בדחנ'ס זון, געשטעלט די ברירה: אָדער צו פֿאַרלירן דעם פּאָסטן אָדער זיך צו שמד'ן.

אויפֿגערעגט פֿון דער (אפשר אומשולדיקער) מסירה פֿון זיין

יידישן קאָלעגע, האָט בונעם בדחנ׳ס זון זיך תיכף גע׳שמד׳ט, און איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן.

בונעם בדחן איז דערווייל אַלט געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן די ציין, און זיך מער נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט זיין פּראָפעסיע. עלנט, ווייט פון זיינע קינדער, איז ער געשטאָרבן אין ווארשעווער יידישן שפּיטאָל. יאָרן שפּעטער איז געקומען אין ווארשע דער זון, דער משומד, און געשטעלט אַ מצבה זיין פאָטער, דעם באַרימטן ווארשעווער בדחן.

אַן אָריגינאַל

ביי יובילײ־מאמרים און דרשות שטייט מען שטענדיק אויף דער שוועל פון א תהום, מ׳פאַלט אַריין אין שרעקלעכע גוזמאות. ווײ איז צו דעם, צוליב וועלכן מ׳מוז מגזם זיין, מען מוז איבערזאַלצן זיינע מעשים, כדי ער זאָל אויסקומען באַרעכטיקט צו לעבן און טעטיקייט. וואויל אָבער איז צו דעם, וואָס זיין לעבן איז פול מיט אַזויפיל שיינע און באַוואונדערונגס־ווערטע מעשים, וועלכע עס איז גענוג בלויז צו דערמאָנען כדי מען זאָל דעם בעל־יובל פּרייזן און לויבן.

שלמה קוטנער דאַרף נישט קיין גוזמאות. מען דאַרף בלויז אויפֿוויקלען די מגילה פון זיין לעבן, לייענען די בלעטער פון זיין קאַריערע, כדי מיט שטאָלץ, מיט דרך־ארץ און ליבע אַרויפקוקן צום נאָמען שלמה קוטנער, וואָס פּייערט זיינע 30 יאָר בינע־טעטיקייט.

דער גורל פון יידישן אַקטיאָר איז אינגאַנצן אַנדערש ווי פון זיין נישט־יידישן קאָלעגע. על־פי־רוב שפּילט דער נישט־יידישער אַקטיאָר אויפן שטח פון זיין לאַנד. עס איז אַ געוויסע צאָהל קילאָמעטער. ביי קלענערע פעלקער וויניקער, ביי גרעסערע מער. וואָלט יידיש טעאַטער געווען אַפּהענגיק אין שטח פון אַ יידיש לאַנד, וואָלט אַזאַ זאַך ווי יידיש טעאַטער גאָר אינגאַנצן אויף דער וועלט נישט עקסיסטירט. יידיש טעאַטער איז אַלוועלטלעך, איבערן שטח פון דער גאַנצער וועלט ווערט עס געשפּילט, און צעשפּרייט איבער אַזאַ גרויסן היקף, איז דעריבער שווערער פאַר אַן אַקטיאָר זיך צו דערוווערבן אַ נאָמען. כדי מ׳זאָל הייסן „אַ נאָמען" אין יידישן טעאַטער, מוז מען האָבן אַ וועלט־נאָמען, און שלמה קוטנער האָט דעם דאָזיקן נאָמען דערגרייכט.

און מערקווירדיק — אַנדערע גרויסע יידישע אַקטיאָרן האָבן דעם דאָזיקן נאָמען דערגרייכט דורכן טראָגן דעם קלומעק מיט דער יידישער טעאַטער־קונסט איבער דער וועלט. קוטנער האָט וויניק געוואַנדערט, אַ חוץ אין די אַמאָליקע גרעניצן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

זיין נאָמען אָבער האָט געוואַנדערט אַז אים. דאָס פּובליקום, וואָס האָט אים געזען שפּילן, און די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן מיט אים געשפּילט, זיי האָבן עס איבער שבעה ימים אויסגערופן דעם נאָמען שלמה קוטנער; זיי, וועלכע האָבן אים געזען שפּילן אין זיין לאַנד, האָבן עס געמאַכט קוטנערן דעם שם טוב איבער דער גאַנצער וועלט.

ווייל קוטנער קאָן ממש באַגייסטערן מיט זיין שפּילן. איך פּער־זענלעך געדענק אים אין דריי עפּיזאָדן־ראָלן, און דער איינדרוקביי מיר קאָן קיינמאָל נישט פאַרווישט ווערן דורך אַלע אַנדערע גרויסע בינע־לייסטונגען, וואָס איך האָב שפּעטער געזען ביי אַנדערע באַדייטנדע קינסטלער.

מען האָט אין לאָדזשער „גרויסעם טעאַטער" געשפּילט מיין איבער־זעצונג פון דאָסטאָיעווסקיס דראַמאַטיזירטן ראָמאַן „פאַרברעכן און שטראָף". יוליוס אַדלער איז דעמאָלט געווען אין זיין בלי־פּעריאָד. ער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל „ראַסקאָלניקאָוו", אַ ראָל, וועלכע איז פון די געציילטע בינע־ראָלן פאַר יעדן אַקטיאָר, אַ ראָל, וואָס פאַרדונקלט און פאַרשטעלט אַלע ראָלן אין דער פּיעסע. קוטנער האָט געשפּילט די ראָל „מאַרמעלאַדאָוו", אַ דאַנקבאַרע אָבער אַ נישט־גוטע ראָל. עס איז נאָר אין איין סצענע, און עס האַנדלט זיך בסך־הכל וועגן איין גרויסן מאָנאָלאָג, וואָס דויערט אפשר פופצן מינוט. אַ בינע פיל מיט מענטשן און מאַרמעלאַדאָוו רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. די בינע האָט פיינט רייד, זי האָט ליב אַקציע, האַנדלונג, און דאָ זיצט אַ מענטש און רעדט, רעדט . . . עס איז אַ גרויסע סכנה פאַר אַן אַקטיאָר צו ווערן לאַנגווייליק, צו דענערווירן דעם עולם, וועלכער זיצט אין טעאַטער, און מאוס צו ווערן די אַקטיאָרן אויף דער בינע, וועלכע טוען די גאַנצע צייט גאָרנישט. באַזונדערס קאָן ביי דער סצענע פאַר־לירן דאָס געדולד „ראַסקאָלניקאָוו" צו וועלכן מאַרמעלאַדאָווס רייד זיי־נען געווענדעט. קוטנער האָט אָבער אַזוי אָפּגעשפּילט דעם מאָנאָלאָג, אַז דער עולם אין טעאַטער איז געזעסן פאַרכאַפּט. די אַקטיאָרן אויף דער בינע אויסערגעוויינלעך פאַראינטערעסירט, און ראַסקאָלניקאָוו (אַדלער) איז געוואָרן אַזוי ווי פאַר׳כשופ׳ט, בוכשטעבלעך געבליבן אַן לשון, און נישט געווען בכוח צו ענטפערן די רעפּליק.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז קוטנער האָט טעג און נעכט געאַרבעט אויף זיין ראָל. יעדעס וואָרט געוואויגן און שטודירט. יאָ, שטודירט דעם כאַראַקטער פון דער ראָל, אַפילו ספּעציעל איבער־

געלייענט דעם רוסישן אָריגינאַל פון ראָמאַן, כדי אפשר אויסצוגעפינען א פּרט ,וואָס זאָל אויפקלערן געוויסע ניואַנסן אין טעקסט פון מאָנאָלאָג.

און אַ צווייט מאָל געדענק איך קוטנערן אין דער ראָל פון דעם „אַלטן קאָן" אין מאַקס נאָרדוי'ס דראַמע „דאָקטאָר קאָן". עס איז אַ סצענע, בעת וועלכער דער אַלטער פאָטער קאָן שטייט אין אַ ווינקל ביי אַ טיר. ער רעדט כמעט נישט, און אַלע, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אויף דער בינע, זיינען ווי דורך אַ כשוף פאַרשוואונדן געוואָרן. זיי זיינען געווען אין צימער. זיי האָבן זיך באַוואויגן, זיי האָבן גע־רעדט, נאָר פאַרן צוקוקער האָבן זיי אויפגעהערט צו עקסיסטירן, אַזוי צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט האָט קוטנער מיט זיין שטום דערשיינען.

און אַ דריט מאָל געדענק איך קוטנערן אין מיינעם אַן איינאַק־טער. ער האָט דאָרט געשפּילט אַ צעשטרייטן פּראָפעסאָר, האָט מען געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע צעשטרייטע פּראָפעסאָרן.

עס איז געגוג בדרך כלל צו זאָגן, אַז קוטנער האָט אַלע ראָלן, אָנ־הויבנדיק פון זיינע ערשטע טריט אויף דער בינע איבער דער לאָדזשער פּראָווינץ, ביז צו זיין וואַנדערן איבער רוסלאַנד, ביז זיין שפּילן אין דער „הירשביין־טרופּע", דערנאָך צוריק אין די אַנדערע יידישע טרו־פּעס, ביז צו זיין פּעריאָד פון די איינאַקטערס, דאָן דער אַזוי אומאָנ־גענעמער ריגער פּעריאָד (וועלכער האָט אים אַזויפיל געזונט געקאָסט) ביז צו זיין היינטיקן שפּילן, געשפּילט מיט פאַרשטענדניש, קלוג, אינ־טערעסאַנט און דער עקר מיט טאַלאַנט.

קוטנער האָט געזען שפּילן זייער פיל טעאַטער, ער איז איינער פון די אויפריכטיקסטע טעאַטער־באַזוכער. זייער אָפט כאַפּט ער זיך אַביסל אַוועק קיין אויסלאַנד און לאָזט זיך איבער די טעאַטערס. וואו נאָר עפּעס אַ נאָמען פון אַ גרויסן אַקטיאָר, פון אַ באַרימטער פּיעסע, פון אַ וויכטיקן רעזשיסער — קוטנער זעט דאָס. און זיין באַגאַזש מיט טעאַטער־וויסן וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ער אַסימילירט דאָס ביי זיך און באַרייכערט שפּעטער זיין שפּילן אָדער רעזשיסירן מיטן בעסטן, וואָס ער האָט געזען, און ער גיט עס שפּעטער איבער צום עולם, אָבער נישט צוגעטשעפּעט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר אָר־גאַניש פאַרבונדן מיט דער פּיעסע אָדער מיט דער ראָל.

קוטנער איז בכלל אַן אָריגינעלער טיפּ. אין דער טעאַטער־וועלט

דערציילט מען וועגן אים מערקווירדיקע מעשיות. איך וויל מיר דער־
לויבן דאָ צו דערציילן איין קורצן עפּיזאָד: עס איז געווען באַלד נאָך
דער מלחמה, ווען פּוילן איז געוואָרן צוריק זעלבסטשטענדיק, מיר
האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ טורנע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. מיר
האָבן געשפּילט אין שטעטלעך, וואו די פּאַרוואָרלאָזטקייט איז געווען
נאָך זייער גרויס. אין אַ געוויס שטעטל איז דער אָנהויב פון דער
פאָרשטעלונג געווען אָנאָנסירט אויף ניין אין אָוונט. אַרום צען האָט
מען נאָך נישט געזען קיין זכר פון מענטשן ביי דער קאַסע. די אַק־
טיאָרן מיט קוטנערן זיינען געזעסן אין דער אַכסניה און געמוזט וואַרטן
אויף מיין מעלדונג צו קומען אין טעאַטער שפּילן. געזען אַרום האַלב
עלף, אַז קיינער קומט נישט, האָב איך גענומען דאָס ביסל בילעטן
און געגאַנגען אין אַכסניה מעלדן, אַז מען שפּילט נישט. אויפן וועג
האָב איך דערזען פיל מענטשן גייען ערשט אין טעאַטער. און ווען
מ'האָט געהערט, אַז איך גיי צו די אַקטיאָרן מעלדען, אַז מען שפּילט
היינט נישט, איז זיך אויפן מאַרק צונויפגעקומען אַ גרויסער עולם,
און באַלד האָבן צוויי פּערזאָן זיך דערקלערט גרייט צו באַצאָלן פאַר
אַ פול טעאַטער אַבי מען זאָל שפּילן.

קוטנער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער וועט נישט שפּילן, וואָרום
עלף ביינאַכט דאַרף מען ענדיקן שפּילן, נישט אָנהויבן, און אַז עס איז
אָנאָנסירט ניין, דאַרף מען קומען פאַר ניין אין טעאַטער.

און מען האָט נישט געשפּילט.

אָט די פּינקטלעכקייט איז דער חותם פון קוטנערן, פּינקטלעך אַלס
מענטש און אַלס שוישפּילער.

צו הונדערט יאָר

דער 12 יולי 1840 איז אַ דאַטע אין אונדזער מאָדערנער יידישער געשיכטע. אין דעם טאָג איז אין דעם וואָלינער שטעטל אַלט־קאָנסטאַנטין ביים זייגער־מאַכער חיים־ליפּע גאָלדענפאָדעם אויף דער וועלט געקומען זיין יונגעלע אַווראַמל, דער שפּעטערדיקער וועלט־באַוואוסטער אברהם גאָלדפאַדען.

פון זיין פריעסטער יוגנט אָן, באַלד ווי ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינען לידער, אין פאָלקסטימלעכן סטיל, וועלכע זיינען תּיכּף געוואָרן פאָלקס־אייגנטום, ביז צום היינטיקן טאָג, 100 יאָר נאָך זיין געבוירן, און איניקע דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט, האָט גאָלדפאַדען באַוויזן צו פאַרנעמען אַזאַ אָרט אין מאָדערנעם יידישן לעבן, וואָס זעלטן ווער, מיט מער בילדונג און אפילו מער קינסטלערישן טאַלאַנט, האָט דערגרייכט.

גאָלדפאַדען האָט אויסגעפילט אַ בלויז אין יידישן לעבן — ער האָט געשאַפן אַ זאַך, וואָס האָט פאַר אים נישט עקסיסטירט. ער האָט געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער און איז דירעקט און אומדירעקט דורך זיינע ווערק געקומען אין באַרירונג מיט מיליאָנען יידן איבער דער גאַנצער וועלט. דריי דורות זיינען אויפגעצויגן געוואָרן אויף די ביבלישע, היסטאָרישע און נאַציאָנאַל־משכיל'ישע פּיעסעס פון גאָלדפאַדען. ביי פיל פון פאָלק איז ביז צום היינטיקן טאָג יידיש טעאַטער אידענטיפיצירט מיטן נאָמען „גאָלדפאַדען", כאָטש דאָס יידישע טעאַטער איז שוין אַוועק אַ ווייטן מרחק פון זיין גרינדער.

גאָלדפאַדענס לידער, אפשר נישט אויסגעהאַלטן לויט אַלע געזעצן פון מאָדערנער דיכטונג, זיינען אָבער געווען דער אויסדרוק פון די געפילן פון די יידישע מאַסן. זיי אָטעמען מיטן יידישן צער און פרייד, זיי דריקן אוים די יידישע ליידן און די יידישע האָפנונגען. אפילו די, ביי וועלכע סעקולאַר געזאַנג איז געווען אַ טריפה־פּסול־זאַך, האָבן געהאַט אַ מילדע באַציאונג צו גאָלדפאַדענס לידער, ווייל זיי האָבן אין זיי געזען אַ מין יידישקייט, אַנדערש לויט דער פאָרם פון אַלט־יידישקייט, אָבער פון דער פּאָרט פון זעלבן שורש.

די זעלבע באַציאונג איז געווען כמעט אין פרומע קרייזן צו זיין

טעאַטער. די טעמעס, וועלכע גאָלדפאַדען האָט באַהאַנדלט און דער צוגאַנג צו זיינע העלדן, זיינען געווען כמעט ווי אַ פאָרטזעצונג צו די „מכירת יוסף שפּילן", און פונקט אַזוי ווי זיי זיינען געווען עכט־יידיש, אַזוי איז אויך טיילווייז געווען כשר גאָלדפאַדענס טעאַטער.

אָט דער אומשטאַנד איז געווען זייער וויכטיק, אַז יידיש טעאַטער זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דאָס יידישע לעבן ווען גאָלדפאַדען איז געוואָרן אַקטיוו מיט זיין יידיש טעאַטער, פריער אין רומעניע און שפּעטער אין רוסלאַנד, איז געווען אונטער דער העגעמאָניע פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע.

נאַטירלעך האָט גאָלדפאַדען נישט געקאָנט באַזייטיקן פולשטענ־דיק דעם ווידערווילן אין פרומע קרייזן צו טעאַטער בכלל, אָבער ווען נישט זיינע פיעסעס, וואָלט די קעגנערשאַפט געווען נאָך שטאַרקער, און יידיש טעאַטער וואָלט זיך וואַרשיינלעך אַזוי נישט איינגעפעסטיקט.

גאָלדפאַדען האָט אויך, אַ דאַנק זיין פאָלקסטימלעכקייט, גוואַלדיק אַפּעלירט צו די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן טאַקע נישט געוואוסט די אַלע דיאַלעקטיקס און דאָגמאַטיקס מכח „פאָלק", „נאַ־ציאָנאַלער באַוואוסטזיין", „אַטריבוטן", און די אַנדערע „שווערע אויסלענדישע ווערטער", ווי זיי האָבן עס גערופן, אָבער זיי האָבן געפילט עכט־יידיש. אָט די אינטימיטעט פון גאָלדפאַדענען צום יידישן פאָלקס־חוש איז געווען זייער וויכטיק, ווייל די יידישע אינטע־ליגענץ איז צו יענער צייט געווען אָדער צו אַסימילירט אָדער צו משכיל'יש, אָבער אין איין הינזיכט זיינען זיי ביידע געווען איינשטימיק — אין זייער מבטל זיין ביז שנאה די יידישע שפּראַך.

אברהם גאָלדפאַדען האָט דאָס גרויסע פאַרדינסט, וואָס ער האָט אַליין פאַרפלאַנצט, אָפּגעהיט און אַנטוויקלט איינעם פון די וויכטיק־סטע צווייגן אויפן בוים פון אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור. דער דאָזיקער צווייג איז דאָס יידישע טעאַטער.

גאָלדפאַדענס פּאָפּולאַריטעט דערקלערט זיך נישט דערמיט, וואָס ער איז געווען דער פּיאָנער. פאַר אים זיינען אויך געווען איינצלנע פרובן, און דאָך האָבן זיי נישט געהאַט קיין אריכת ימים. גאָלדפאַדען איז קודם־כל געווען אַ יידישער פאָלקס־דיכטער, אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער יידישער נשמה. ער האָט גערעדט צום האַרצן פון יעדן יידן, סיי פון דעם פרומען, סיי פון דעם אויפגעקלערטן. ער איז געווען אַ מאמין אין אחדות הבורא, אין דער גרויסער אויפגאַבע,

וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געגומען אויף זיך דורך דער קבלת התורה, אין דער ראָל פון מאָדערנעם יידן, וועלכער האָט אַ רעכט אויף אַרבעט, ווי יעדער מענטש, און אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אַ רעכט אויף זיין אייגן לאַנד ווי יעדעם פאָלק. דערפאַר האָט ער אַזוי געשטרעבט צו באַקענען דאָס פאָלק פון איין זייט מיטן תנ"ך, מיט אונדזערע ביבלישע העלדן („עקדת יצחק", „אחשורוש"), מיטן גלאַנץ־פעריאָד פון יידישן פאָלק אויף אייגענער ערד („שולמית"), מיטן קאַמף פאַר יידישער פרייהייט („בר כוכבא"), און פון דער אַנדערער זייט מיט די צרות אין אונדזער שפּעטערדיקער געשיכטע, די פאַרשי־דענע גרושים, די פאַרפאָלגונגען („ד"ר אַלמאַסאַדאַ", „רבי יאָזעלמאַן") און צוקומענדיק צו דער מאָדערנער צייט, האָט ער אונדז, ווי די אמת'ע נביאים, גע'מוסר'ט אויף אונדזערע שלעכטע זייטן („כישוף־מאַכערין"), אויף דער נישט־ליבע צו אַרבעט („קבצנזאָן און הונגערמאַן"), אויף דעם איבערגעטריבענעם יחוס („קוני לעמל", „שמענדריק"), אויף דער לעכערלעכקייט פון אַסימילאַציע („לא תחמוד"), אָבער אין די אַלע פּיעסעס איז ער קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון שטאַרקסטן יידישן געוועט; פון בטחון, פון האָפנונג, אַז אויך פאַרן געפּלאָגטן יידישן פאָלק וועט נאָך קומען דער גרויסער הערלעכער טאָג, ווי אין זיין לעצטער פּיעסע „בן עמי". אָט דאָס אַלץ האָט ער אַרומגעצירט מיט זיינע טיף־פילנדיקע האַרציקע יידישע לידער, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעזונגען דעם יידישן וויי. זיי זיינען געקומען פון האַרצן און האָבן צוריק אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון די צוהערער.

די זעלבע אייגנשאַפט, די פאָלקסטימלעכקייט, אָט דעם יידישן חן האָט אויך געהאַט זיין מוזיק. עס איז נישט מער קיין סוד, אַז ווען גאָלדפאַדען וואָלט געדאַרפט אויסהאַלטן אַז עקזאַמען אַלס קאָמ־פּאָזיטאָר, איידער ער האָט קאָמפּאָנירט די מוזיק צו זיינע לידער, וואָלט ער געהאַט דעם גרעסטן דורכפאַל, ווייל טעאָרעטיש האָט ער גאָרנישט געקענט אין מוזיק. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער מנגן, אַ ספּעצי־פישע יידישע אייגנשאַפט. ער האָט געוואוסט וועלכער ניגון עס אָפּע־לירט צו אונדזער יידיש געפיל, און דערפאַר האָט ער, סיי אַליין, סיי פון אַפּערעס און פון חזנ'ישע שטיקלעך, צונויפגעשטעלט די מוזיק צו זיינע לידער און צו זיינע פּיעסעס, ניגונים, וואָס האָבן זיך באַלד געמאַכט אַזוי היימיש אין יעדער יידישער שטוב, אַז מען איז ווי צו־זאַמענגעוואַקסן געוואָרן דערמיט.

א מוסטער פון א טעאטער-לעקסיקאן*)

פון ד"ר יעקב שאצקי (ניו יארק)

די טעג איז ערשינען א פראספעקט פון „לעקסיקאן פון יידישן טעאטער". דאס איז א ביכל פון 16 זייטן, קווארטא־פארמאט, אזוי ווי רייזינס לעקסיקאן. דער דאזיקער פראספעקט דארף אונדז געבן א באגריף ווי אזוי וועט אויסזען דער לעקסיקאן מיט וועלכן עס האבן אביסל געטומלט די „טעאטער־פיידזשעס" פון דער יידישער פרעסע אין ניו־יארק.

אלזא, דאס איז דער מוסטער, און לויט דעם דאזיקן מוסטער, הייסט עס, קאנען מיר זיך פארשטעלן דעם „גראנדיעזן" בנין, וואס וועט הייסן „לעקסיקאן פון יידישן טעאטער".

דער פראספעקט באשטייט פון איבערגעדרוקטע ארטיקלען און נאטיצן וועגן דער „באדייטונג פון לעקסיקאן פאר שוישפילער און ליבהאבער פון טעאטער", אדער וועגן דעם, אז דאס איז א ווערק וואס „וועט ברענגען גאר גרויסע נוצן" א. א. וו.

איינער פון זיי שרייבט אפילו וועגן דעם נישט געבוירענעם לעקסיקאן, אז, ווען מען עפנט אזא בוך, ווערט מען באלד באהויכט (!) פון דער דאזיקער (ד. ה. טעאטער — י. ש.) אטמאספערע".

*) מיר גיבן דא אן ארט פאר ד"ר שאצקים ארטיקל וועגן דעם פראיעקטירטן „טעאטער-לעקסיקאן". מיר האלטן אבער, אז נישט אויפן וועג פון אראפרייסן אזא וויכטיקע אונטערנעמונג דארפן מיר גיין. אזוי ווי מ'האלט ערשט ביים אנהויב פון דער ארבעט, באדארף מען אין אמעריקע אויסבילדן א פאראנטווארטלעכע רעדאקציע און צוזאמען מיט ז. זילבערצווייגן פירן ווייטער די ארבעט פונם „לעקסיקאן" — דאס ווערק זאל קאנען דערפילן די אויפגאבע, וועלכע מ'דארף אים שטעלן. מיר גלויבן, אז ז. זילבערצוויג, וואס האט ארויסגעוויזן די איניציאטיוו פאר דער ארבעט, וועט גערן איינגיין אויף א רעדאקציע פון פאכמענער.

רעדאקציע פון „ליטערארישע בלעטער"

אַ צוווייטער שרייבט ריכטיק, אַז אַ לעקסיקאָן געבן אַרויס ביי אַנדערע פעלקער נישט קיין יחידים, נאָר קאָלעקטיוון — אָבער ער מאַכט באַלד אַן אויסנאַם פאַר דער יידישער שפּראַך־סביבה, ווייל ער האָט זיך „פּערזענלעך" באַקאַנט מיטן רעדאַקטאָר מ ר. ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג, און די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט לאָזט אים, הייסט עס, גלויבן, אַז דער יונגער „זייער ענערגישער און אויסערגעוויינלעכער פעיקער מחבר־אונטערנעמער" וועט די זאַך דורכפירן. און אַזוי כסדר מיט איין אָדער צוויי אויסנאַמען זיינען די אַלע אַרטיקלען געשריבן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וואָס האָבן נישט די מינדסטע אַנונג וועגן דעם, וואָס הייסט לעקסיקאָן.

אָבער צו וואָס דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף די מבינים און אפילו אויף דעם רעדאַקטאָרס אויטאָביאָגראַפישן אַרטיקל, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דער אידעע פון לעקסיקאָן? לאָמיר זיך בעסער באַקענען מיט די מוסטערן, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין דעם פּראָס־פּעקט. די דאָזיקע מוסטערן דאַרפן אונדז געבן אַ באַגריף, ווי אַזוי וועלן זיין געשריבן די ביאָגראַפיעס פון יידישע טעאַטער־מענטשן. מיט איין וואָרט, וואָס וועט זיין אין דער דאָזיקער טעאַטער־ענציקלאָ־פּעדיע — קאָן מען וויסן פון די ביאָגראַפיעס, וואָס דער אָנפאַנג זייערער איז אָפּגעדרוקט אין פּראָספּעקט און „ווייטערס אין לעק־סיקאָן".

אין פּראָספּעקט זיינען אָפּגעדרוקט פאָלגנדע פיר נישט־פאַרענ־דיקטע ביאָגראַפיעס: פון קעני ליפּצין, אסתר־רחל־קאַמינסקי, דזשיי־קאָב פּ. אַדלער און אברהם פישזאָן.

לאָמיר אָנהויבן פון די מענער. וועגן אַדלערן ווערט געזאָגט, למשל, אַז זייער הויז (אין אָדעס) איז געווען אַ בית ועד לחכמים, וואו „די גרעסטע (!) משכילים פון יענער צייט פלעגן זיך צוזאַמענ־קומען".

אָדער אַז אַ געוויסער ד ר. ק ע נ י ג ש א ץ איז געווען אַ לערער אין דער „יעווריעסקאַיע קאַזיאָנאַיע אוטשילישטשע", וואו אַדלער האָט זיך געלערנט.

עס ווילט זיך פרעגן: ר' ייד, וועמען שיט איר דאָ זאַמד אין די אויגן, אָדער פון וועמען לאָזט איר זיך שיטן? ד אָ ס א י ז אַ ל ץ ל א ה י ה ו ל א נ ב ר א. פליאַטקעס, אויסגעטראַכטע מעשיות, פּשוט'ע ליגנס.

א רעדאקטאר דארף האבן חוץ 40 איינאקטערס אויך אביסל אינטעליגענץ און וויסן, וואס הייסט אַן עדות פון אַן אַקטיאָר בכלל און אַ יידישן בפרט!

און דאָן גייט אין דעם אמת'ן „פּיפּער"־זשארגאָן אַ ביאָגראַפיע פון „יאנקעלען", ווען דער טאטע האט געוואָלט מאכן פאר א דאָק־טאָר און שפּעטער גאָר געמאַכט פאַר אַ סוחר א. אַ. וו.

ווען מען לייענט די ביאָגראַפיעס, וואס זלמן זילבערצווייג האט אונדז אונטערגעטראָגן אַלס אַ מוסטער, קאָן מען זיך נישט באַפרייען פון געדאַנק: אפשר איז דאָס נישט קיין לעקסיקאָן, נאָר אַ פּאַראָדיע אויף אַ לעקסיקאָן? דעמאָלט איז די פּאַראָדיע נישט שלעכט.

ווי פּאַראָדירט עס וואָרדי די לעקציע איבער דוד פרישמאַן: „ווען פרישמאַן איז אַלט געווען פינף יאָר, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב" א. אַ. וו.

אין אברהם פישזאָנס ביאָגראַפיע, צום ביישפּיל, געפינט איר אַזעלכע „גרויסע" היסטאָרישע פאַקטן, אַז דער בראָדער זינגער ישראל גראָדנער האט אים געצאָלט פאר זיינע „חיבורים" (!) מיט . . . טיטון. זייער וויכטיק, נישט אמת?

גאר אַ וויסטן מזל האבן ביים פאַרפאַסער פון „דיזע" ביאָגראַ־פיעס די יידישע אַקטריסעס.

אסתר רחל קאַמינסקי — געבוירן פּורים 1870. אַ שיינער גע־לערנטער רעדאַקטאָר, וואס קאָן אפילו נישט אויסרעכענען ווען איז אויסגעפאַלן פּורים אין 1870, אַבער ווייסט, אַז אַ „דאָקטאָר" איז געווען אַדלערס לערער אין אַן אַדעסער פאָלקס־שולע.

אַבער צו וואָס דאַרף איך מאכן פּירושים, נאָט אייך קודם כל אַ מוסטער פון סטיל און ביאָגראַפישער קאָנסטרוקציע:

„דער פאָטער פון א. ר. (קאַמינסקי — י. ש.), דאַמאָלס שוין אַן אַלטער און צעבראָכענער (!), האָט געהערט צו די כלי־קדוש־עמע־ריטן (!), געווען אַמאָל אַ חזן־שוחט, האָט ער אויף דער עלטער געמוזט אָוועקלייגן זיין עבודת־הקודש" (!). אפשר איז אייך ווייניק, אַז ער איז געווען אַן אַלטער און „צעבראָכענער" און אַן „עמעריט", מוז עס נאָך איבערגע'חזר'ט ווערן אין אַ צווייטן זאַץ נאָך אַמאָל אין אַן אַנדער פאָרם, אַזוי ווי עס האַנדלט זיך ווען אַן אַרטיקל אין אַ ציטונג, וואו מען מוז אָנשרייבן די פאָר עמודים.

און דאָן גייט שוין די מעשה, וואָס אַן איר ווערט איר חם ושלום

נישט פאַרשטיין קאַמינסקיס טאַלאַנט, אַז דער טאַטע אירער האָט גע־לעבט דערפון, וואָס רייכע באַלעבאַטים האָבן אים געגעבן א. אַ. וו.

און דאַן גייט אַ קלאַסישער זאַץ:

„ביז דער צייט ווען א. ר. (אסתר רחל) איז אַביסל אונטערגע־וואַקסן, איז פון אַלע זעקס קינדער געבליבן בלויז איין ברודער אין שטוב. דאָ איז נישט געווען זייער פויגלדיק . . . אַ שטיקל פלייש האָט מען דאָרט געגעסן אַמאָל אין אַ יום־טוב א. אַ. וו."

און דער סוף איז, אַז אסתר רחל קאַמינסקי איז „אויסגעוואַקסן אַ געזונט, גוט אַנטוויקלט מיידל און איז אַרומגעלאָפן מיט די שיקסעס אין דאָרף" א. אַ. וו.

ווי געפעלט אייך אַזאַ „פויגלדיקער" סטיל פון אַ רעדאַקטאָר, און וואָס זאָגט איר אויף זיינע היסטאָרישע בקיאות, ווי ער קוקט אַריין אין די טעפּ און טעפּלעך פון די „גרויסע" קינסטלער און פּאַראייביקט עס אין אַ „לעקסיקאָן".

וואָס איז דאָס אַזוינס? איך לייען און גלויב מיינע אויגן נישט! איז מעגלעך אַזאַ סטיל און אַזאַ אינהאַלט און אַ ביאָגראַפיע פון אַן אַקטריסע פון וועלכן עס איז פאַלק?

וואָס איז דאָס: שטות אָדער עם־הארצות?

מיינט איר אפשר, אַז דאָ איז דאָס נאָר ווילדע עם־הארצות, „בעזגראַמאָטנע" יידיש און אַן אָפענע דעמאָנסטראַציע פון טאַלענט־לאָזיקייט, אומוויסן און דריט־קלאַסיקן זשורנאַליסטישן סטיל? ניין, דאָ איז פאַראַן נאָך עפּעס. וואָס איז אַ סך ערגער ווי עם־הארצות!

קודם כל לאָמיר אייך ציטירן:

אין דער ביאָגראַפיע פון קעני ליפּצין זיינען פאַראַן חוץ אַנדערע ביאָגראַפישע „בלימלעך" און סטיליסטישע ווילדקייטן אַזעלכע צוויי פּאַראַגראַפן:

„ווי אַזוי זי איז געקומען (ד. ה. די ליפּצין — י. ש.) פון דאָרף אין שטעטל סמילע, קיעווער גובערניע, איז נישט באַוואוסט. ס'איז אַ סברה, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיטן פאָטערס אַנטרייבער, און איז פון אים אַ שטיקל (!) צייט נאָכדעם אַנטלאָפן".

„וועגן איר באַשעפטיקונג אין סמילע זיינען פאַראַן פאַרשידענע ווערסיעס, אַזוי זאָגט מען, אַז זי איז דאָרט געווען אַ שניידערין, אָבער געוויסע אַקטיאָרן גיבן איבער, אַז איר באַשעפטיקונג איז געווען גאָר פון אַן אַנדערן מין".

וואס איז דאס אזוינס ? ווי אזוי רופט מען אזא מין שרייבן ! ס'איז דא נאר אויף דעם איין ווארט — געמיינהייט.

און וואס גייט עס דא ? אין „אמת"? וואס פאר אן אמת'ן וועט דער רעדאקטאר זילבערצווייג דערציילן, אפילו וועגן די, וואס זיינען אין זיין קאמיטעט ?

געוויס וועט ער וועגן די לעבעדיקע נישט זאגן דעם „אמת", אבער רכילות וועט ער נישט נאר דערציילן א סך, נאר א פאר מוס־טערן פון דעם פראספעקט באווייזן, אז ער האט זיי שוין דערציילט.

דארף א רעדאקטאר פון א לעקסיקאן נישט האבן אויף אזוי פיל, אויב נישט אינטעליגענץ (דאס איז א גאט־זאך!) נאר ט א ק ט — און וויסן, וועגן וואס מען מעג שרייבן און וואס איז נישט וויכטיק.

פארשטייט דען נישט א יונגערמאן „מיט וויסן און ענערגיע", ווי איינער פון די הויפט־מחותנים אין לעקסיקאן רעקלאמירט אים, אז ס'זיינען פאראן היסטארישע פאקטן, וואס זיינען נויטיק אין א ביאגראפיע, און סקאנדאליעזע פאקטן, וואס זיינען נויטיק, כדי צו מאכן א זשורנאליסטישן „היט" ?

וואו איז דעם רעדאקטארס חוש, א מאס, קלארער באגריף ? וואס מיינט א ביאגראפיע פון אן אקטיאר אדער אקטריסע ?

די מוסטערן אין דעם לעקסיקאן זיינען שוידערלעכע, ממש סקאנדאליעזע. יעדער האט דאס רעכט צו טאן וואס ער וויל, אפילו איבערזעצן פופציק איינאקטערס, אבער ווען ער טוט עס אויף זיין אייגענער אחריות. דא איז אבער נישט דער פאל. דער לעקסיקאן ווערט רעקלאמירט אלס א געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונג. מען גייט ראטעווען דאס יידישע טעאטער פון פארגעסן ווערן. מען גייט פאר־אייביקן די „לייסטונגען" פון דעם יידישן אקטיאר און אקטריסע.

ממש א היסטארישע מיסיע !

און אין קאמיטעט זע איך א פאר נעמען פון אינטעליגענטע אקטיארן. וואס טוען זיי דארט ? האלטן זיי אויך, אז א לעקסיקאן דארף באשטיין פון אינסינואציעס, רכילות, נישט־געשטויגענע מעשיות און שלעכטע עברי ?

האלטן זיי אויך, אז א לעקסיקאן דארף זיך פארוואנדלען אין „א בינטל בריוו"־זאמלונג, געשריבן אין דעמזעלבן נוסח און סטיל !

זעען זיי דען נישט איין, אז אזא גראנדיעזע ארבעט פון שאפן א לעקסיקאן פון יידישן טעאטער האט גענומען אויף זיך א מענטש,

וואָס חוץ אַמביציע פאַרמאָגט ער גאָרנישט: נישט קיין שום קוואַליפיקאַציעס, נישט קיין וויסן, נישט קיין מעטאָדע, נישט קיין שפּראַך און נישט קיין אינטעליגענץ?

פאַרוואָס שווייגן זיי?

פאַרוואָס שווייגן אונדזערע בעסערע טעאַטער־שרייבער, וואָס האָבן, גאָט צו דאַנקען, נישט אַרויסגעגעבן דעם לעקסיקאָן אַ הכשר איידער ער איז אַרויס?

זאָל באַצייטנס דער עולם זיין געוואָרנט און וויסן, אַז אורטיילנדיק לויט די מוסטערן (און געוויינלעך גיט מען די בעסטע מוסטערן, ווייל מען וויל די „סחורה" פאַרקויפן), וועט דער לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער זיין אַ בוך, וואָס וועט דער יידישער שפּראַך און קולטור קיין כבוד נישט ברענגען.

„ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 20, 1928.

שטיינער אין וועג

פון זלמן זילבערצווייג *)

איך וועל זיך מיטן ד"ר שאַצקי, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין די „ליט. בלעטער", נישט שטעלן זידלען. מיר, דעם אומגעבילדעטן, קאָנען נאָך חלילה אויספעלן זידל־ווערטער און אויסדרוקן פאַר זלזולים. איך וועל דעריבער נאָר ענטפערן אויף די פאַרוואורפן, וואָס זענען אין פלוג אויס צו זיין ערנסט.

אָבער פאַר אַלעם אייניקע קליינע אינפאָרמאַציעס, וואָס וועלן אפשר אַביסל אויפקלערן די סיבה פון ד"ר שאַצקיס גרימצאָרן:

1. מיטן ד"ר שאַצקי האָב איך זיך באַקענט אין וואַרשע אין דער צייט, ווען מיר האָבן נאָך ביידע געוואוינט אין פּוילן. איך האָב זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן צונויפצושטעלן אַ „פּנקס פון יידישן טעאַטער". איך האָב גערעדט מיט ד"ר ש., אַז ער זאָל פאַר

*) מיר גיבן דאָ דעם ענטפער פון ז. זילבערצווייג מיט אייניקע קיצורים.
רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער"

מיר אנשרייבן אַז אַרטיקל וועגן „די יידישע טיפּן אין דער פּוילישער דראַמאַטישער ליטעראַטור".

ד"ר ש. האָט, חלילה, נישט נאָכגעפּרעגט וועגן מיינע קוואַליפי־קאַציעס, אויב איך בין ראוי פאַר אַ רעדאַקטאָר פון אַזאַ בוך, נאָר ער איז גרייט געווען מיר צוגעבן זיין אַרטיקל, און שוין אַ צייט נאָכ־דעם, ווי איך האָב אויפגעגעבן דעם גאַנצן פּלאַן, האָט ער מיר אַלץ נאָך דערמאָנט וועגן זיין אַרטיקל.

אַלזאָ, דעמאָלט בין איך דעם ד"ר שאַצקי יאָ אָנגעשטאַנען פאַר אַ רעדאַקטאָר!

2. ווען איך בין אין 1926 געקומען אין אַמעריקע, האָב איך, נאַטירליך, זיך באַלד געזען מיט ד"ר ש. ער האָט שוין בינו לבינו געשריבן אויף רעכטס און אויף לינקס וועגן יידישן טעאַטער. ער האָט מיך אויפגענומען מיט „אָפענע אָרעמס", און מיר צוגעזאָגט צו געבן יעדע מיטהילף פאַר דעם לעקסיקאָן. ער האָט אפילו אַוועקגע־שריבן רעקאָמענדאַציעס וועגן מיר קיין מינסק און קיין מאָסקווע. און ווען ער פלעגט מיך טרעפן לויפן פון די ביבליאָטעקן אין ניו־יאָרק, פון די עלטערע אַקטיאָרן, אָדער נאָכן אָפּלייענען גאַנצע יאָרגענג פון דער יידישער פרעסע פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט ער מיך גע'מוסר'ט, אַז איך דאַרף נישט אַוועקלייגן אַזויפיל מי, מחמת קיין לעקסיקאָן קאָן אין דער ערשטער אויפלאַגע נישט זיין קיין פולשטענדיק ווערק, דער עיקר איז, אַז איך זאָל וואָס־שנעלער אַרויסלאָזן מיין בוך, און ערשט ביי דער צווייטער אויפלאַגע וועלן שוין אַריינקומען אַלע אויס־בעסערונגען. ביי דער געלעגנהייט און נאָך ביי אַנדערע האָט ער נישט פאַרגעסן מיר צוצוגעבן, אַז איך אַליין וועל מיט דער אַרבעט נישט פאַרטיק ווערן, אַז כ'דאַרף מיר ווען צונעמען. . . .

איך האָב אים געענטפערט, אַז לײדער געפין איך נישט קיין פּאַסיקן מיטהעלפער, און כ'וועל דעריבער די גאַנצע אַרבעט מוזן אַליין דורכפירן (איך באַמערק, אַז דאָס איז געווען איידער עס איז געוויילט געוואָרן די קוואַליפיקאַציע־קאָמיסיע פון די ח"ח יעקב מעסטל, ראובן וויסמאַן און יצחק לעש).

3. ווען איך בין אין 1927 ווידער געקומען אין אַמעריקע, און בין צוגעטראָטן צו שאַפן דעם פאָנד פאַר דער אויסגאַבע פון „לעקסי־קאָן", האָט ד"ר שאַצקי מיך כסדר אינטריגירט קעגן די אַקטיאָרן און:

קעגן זייער יוניאָן, אַז זיי מיינען מיך נאָר אויסצונוצן, אָבער ווען עס וועט קומען צו מאַטעריעלער הילף, וועלן זיי נישט זיין אין דער היים. גלייכצייטיק האָט מיר ד״ר שאַצקי ווידער געמאַכט דעם שווין דער־מאָנטן פאָרשלאָג וועגן צונעמען אַ מיטהעלפער צום „לעקסיקאָן״. איך האָב נישט געפונען פאַר נויטיק אים אַריינצונעמען אין קאָמיטעט, מחמת ד״ר שאַצקי האָט קיין שום ידיעה נישט (איך בין דערפאַר פולשטענדיק פאַראַנטוואָרטלעך) אין לעבעדיקן יידישן טעאַטער.

ווייזט אָבער אויס, אַז מיין האַנדלונג האָט אים אַזוי אַרויסגע־בראַכט פון געדולד, אַז ער איז אַרויס מיט אַן אָנפאַל קעגן פּראָספּעקט פון לעקסיקאָן, וואָס איז אייגנטלעך באַשטימט געוואָרן פאַר שוי־שפּילער און פאַר די באַזוכער פון דער גראַנדיעזער פאַרשטעלונג, וועלכע דער ניו יאָרקער קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן״ וועט איינאָרדנען אין אָקטאָבער אין ניו יאָרק.

איצט לאָמיר זען, וואָס וואָרפט ער מיר פאָר, און צי איז ער טאַקע גערעכט.

1) ד״ר ש. שרייבט: „דער פּראָספּעקט באַשטייט פון איבער־געדרוקטע אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן דער „באַדייטונג פון לעקסיקאָן פאַר שוישפּילער און ליבהאָבער פון טעאַטער״. נישט אמת, אין פּראָספּעקט ווערן אין 6 פון די 11 געדרוקטע אַרטיקלען בפירוש גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון לעקסיקאָן פאַר דער יידישער קולטור.

2) ד״ר שאַצקי שרייבט: „מיט איין אָדער צוויי אויסנאַמען זיינען די אַלע אַרטיקלען געשריבן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וואָס האָבן נישט די מינדסטע אַנונג וועגן דעם, וואָס עס הייסט אַ לעקסיקאָן״.

ווער, ד״ר שאַצקי, פון די 11 שרייבער אין פּראָספּעקט: מאַקס געביל, לעאָן וויזנפעלד, לודוויג זאַץ, זלמן זילבערצווייג, ל. מלאך, קלמן מרמר, מ. פּיעטרושקאַ, שלום פּערלמוטער, יעקב קירשענבוים, יעקב קאַליך, און יוסף רומשינסקי — איז אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, און האָט נישט די קלענסטע השגה (כ׳לעבן, עס איז אַ בע־סערער יידישער אויסדרוק, ווי די „מינדסטע אַנונג״) וועגן אַ לעק־סיקאָן?

3) איר וואָרפט מיר פאָר, אַז איך שרייב „גרעסטע(!) משכילים,

אַז אַלטער און אַ צעבראָכענער (!), אַ כּלי־קודש־עמעריט (!), עבודת־הקדוש (!), אַ שטיקל (!) צייט" — דאָס איז ביי איך בעזגראַמאַטנע ייִדיש. אָבער דאָס איז דער ייִדיש, וואָס האָט אויפגעצויגן דעם ייִדישן לייענער, דאָס איז דער פאָלקס־ייִדיש.

4) ד"ר ש. וואַרפט מיר פאָר, אַז איך שיט זאַמד אין די אויגן אָדער איך לאָז זיך שיטן זאַמד אין די אויגן ווען איך דערמאָן, אַז ד"ר קעניגשאַץ איז געווען לערער אין דער שול, וואו יעקב פּ. אַדלער האָט געלערנט אין אָדעס.

אַלזאָ, סיי אין די ביז־איצטיקע ביאָגראַפיעס פון פאַרשטאָרבע־נעם אַרטיסט אַדלער, סיי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע ווערט דערמאָנט ד"ר קעניגשאַצם נאָמען אַלס לערער פון דער שול.

5) ד"ר ש. וואַרפט מיר פאָר: א) אַז עס איז סענסאַציע צו דערציילן, אַז יעקב פּ. אַדלערס פאָטער האָט זיין זון געוואָלט דערציען אַלס דאָקטאָר, און אים שפּעטער געמאַכט פאַר אַ סוחר, ב) אַז עס איז אַ גרויסער „היסטאָרישער" פאַקט צו דערציילן, אַז דער בראָדערזינגער ישראל גראָדנער האָט גענומען ביי פּישזאָנען זיינע חיבורים, און אים דערפאַר געצאָלט נישט מיט קיין געלט, נאָר מיט טיטון, ג) אַז עס איז אַ שטות אָדער אַן עם־הארצות צו דערציילן, אַז אין דער שטוב פון אסתר רחל קאַמינסקי האָט מען געהונגערט, און, אַז איר פאָטער, אַ געוועזענער כּלי־קודש, האָט געלעבט דערפון, וואָס רייכע באַלע־באַטים האָבן אים געגעבן, ד) אַז עס איז נישט קיין היסטאָרישע בקיאות צו שרייבן, אַז כאָטש אסתר רחל קאַמינסקי איז אויפגעוואַקסן אין הונגער און אין נויט, פונדעסטוועגן איז זי אויסגעוואַקסן אַ געזונטע מויד און איז אַרומגעלאָפן מיט די שיקסעס אין דאָרף, און פריילעך און לוסטיק געזונגען.

אַלזאָ, אַט די אַלע פּרטים פון די געציילטע גרויסע פאַרשטאָרבענע קינסטלער האַלט ד"ר ש. נישט נאָר פאַר איבעריק, נאָר פאַר שטותים און עם־הארצות, וואָרום אַז זיי וועט מען דאָך אויך פאַרשטיין (?! ז. ז.) דעם טאַלאַנט.

איז דער לעקסיקאָן אַ בוך נאָר פון קריטיק, פון רעצענזיעס איבערן שפּילן, וועגן טאַלאַנט פון דעם שוישפּילער? — עס איז דאָך אַ בוך פון ביאָגראַפיעס און אייניקע מאָנאָגראַפיעס פון לעבעדיקע און פאַרשטאָרבענע שוישפּילער. און וויפיל איז עס טאַקע כאַראַק־

טעריסטיש, אז אדלערס עלטערן האָבן גאָר געוואָלט מאַכן אַ דאָקטאָר פון זייער זון, און ווען זיי ענדערן נישט זייער באַשלוס, און מאַכן אים נישט פאַר אַן אָנגעשטעלטן, וואָלט ער טאַקע צום טעאַטער נישט געקומען. וויפיל געשיכטע ליגט אין דעם, אַז ישראל גראָדנער, דער ערשטער אַקטיאָר, האָט געקויפט ביי אברהם פישזאָן, דעם שפּעטער־דיקן אַקטיאָר, לידלער, און אים דערפאַר נישט באַצאָלט מיט געלט, וואָס ער האָט נישט געהאַט, נאָר מיט טיטון, וואָס ער נעמט פון גוטע ברידער, און די גוטע ברידער שפּילן שפּעטער אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון יידישען טעאַטער. און איז נישט וויכטיק צו וויסן, פון וואַנען די גרויסע אסתר רחל קאַמינסקי שטאַמט, ווי אַזוי זי איז אויסגעוואַקסן, און ווי אַזוי זי איז דורך די לידלער, וועלכע זי פלעגט זינגען מיט די שיקסעס, געקומען צום יידישן טעאַטער? איז דאָס אַלץ נישט וויכטיק?

6) ד"ר ש. וואַרפט מיר פאָר, וואָס איך האָב געשריבן, אַז אסתר רחל קאַמינסקי איז געבוירן געוואָרן פורים 1870. איך האָב בכיוון געשטעלט פורים, ווייל דאָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דער קאַמינסקי. זי הייסט אסתר, ווייל זי איז געבוירן אין פורים.

7) ד"ר ש. וואַרפט מיר פאָר שלעכטן סטיל, דערביי באַגייט ער ווידער אַ מיסטיפיקאַציע. אַנשטאָט אַ פּונקט אין אַ זאַץ האָט ער געשטעלט אַ קאָמע, נאָכן וואָרט פויגלדיק געשטעלט פּינטעלער, גע־מאַכט עם סענסאַציאָנעל . . .

דורכן איבערגעבן אַ האַלבן זאַץ מיינעם, וויל ער אויך אַרויס־רופן דעם איינדרוק, אַז איך חזר איבער אַ זאַץ, בעת ווי ווען מען לייענט איבער דעם זאַץ, ווי ער איז געדרוקט אין פּראָספּעקט, איז ער אומ־באַדינגט נויטיק.

8) און איצט קומען מיר צו אַ ווירקלעך וויכטיקן פאָרוואורף: אין דער אָנגעהויבענער ביאָגראַפיע פון דער גרויסער קינסטלערין קעני ליפּצין האָב איך באַנוצט אַזאַ זאַץ:

„ווענן איר באַשעפטיקונג אין סמילע זיינען פאַראַן פאַרשידענע ווערסיעס. אַזוי זאָגט מען, אַז זי איז דאָרט געווען אַ שניידעריןֿ, אָבער געוויסע אַקטיאָרן גיבן איבער, אַז איר באַשעפטיקונג איז געווען גאָר פון אַן אַנדערן מין".

ד"ר שאַצקי רופט דאָס אַן געמיינהייט.

ווייל איך דעם ענין אַ ביסל אויפקלערן: קעני ליפּצין איז געווען די גרעסטע יידישע קינסטלערין פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. פאַר איר האָט יעקב גאָרדין געשריבן „מירעלע אפרת", און מיט דער דאָזיקער ראָל האָט זי זיך קונה שם געווען.

קעני ליפּצין האָט קיין קינדער נישט געהאַט, און האָט נישט קיין שום נאָנטע קרובים.

קעני ליפּצינס באַשעפטיקונג איז טאַקע געווען (היסטאָריש פעסט־געשטעלט) פון אַ געווויסן מין. פון דאָרט האָט מען זי אַרויסגענומען, און קומענדיק פון אַזאַ סביבה, איז זי פונדעסטוועגן געווען אַזאַ גרויסע קינסטלערין, אַז זי האָט געקאָנט אַריינדרינגען און איבערגעבן מיט אַזויפיל חן דעם טיפּ פון „מירעלע אפרת", דעם כאַראַקטער פון יענער מיוחס'דיקער, פיינער, דעליקאַטער, צניעות'דיקער יידישער פרוי, וואָס איז געבליבן אַ קלאַסישער טיפּ אין אונדזער דראַמאַטישער ליטעראַטור — דאָס איז העכסט אינטערעסאַנט. דאָס איז מאַטעריאַל פאַר אַ היסטאָריקער וועגן דעם פאַרשטענדניש און טאַלאַנט פון די אַמאָליקע גרויסע יידישע אַקטיאָרן. און ווען איר אָפּשטאַמונג ווערט נאָך דערמאָנט דורך זיידענע הענטשקעס, אַז נאָר „המבין יבין", און ווען קיין קינדער און קרובים זיינען נישטאָ — טאָ וואו איז דאָ די געמיינהייט? און צו וואָס די דעמאַגאָגיע פון סטראַשן די אַקטיאָרן און דעם קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן", אַז אין „לעקסיקאָן" וועט וועגן זיי זיין רכילות.

און וואָס איז דאָס? ד"ר שאַצקי שרייבט:

„אַ רעדאַקטאָר דאַרף האָבן חוץ 40 איינאַקטערס אויך אַביסל (געוואַלד, אַביסל! — ז. ז.) אינטעליגענץ און וויסן, וואָס הייסט אַן עדות פון אַקטיאָר בכלל, און אַ יידישן (מיין קורסיוו. — ז. ז.) בפרט!"

איר הערט, אָפּשטעמפּלען אַלע יידישע אַקטיאָרן פאַר ליגנער — דאָס איז נישט קיין געמיינהייט, דאָס איז אינטעליגענץ!

אַזוי זעען אויס אין דער ווירקלעכקייט אַלע פאָרוואורפן פון ד"ר שאַצקי.

„ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומ. 30, 1928.

צו וואָס כעס קאָן ברענגען*)

(מכח ז. זילבערצווייג און זיין „לעקסיקאָן")

פון דר. י. שאַצקי

ז. זילבערצווייג איז שטאַרק נישט צופרידן מיט מיין רעצענזיע, וועגן זיין ווערק (זע „ליט. בלעטער" נומ. 30), און כדי אָפּצושוואַכן מיינע פאָרוואורפן באַנוצט ער זיך מיט דער אַלטער מעטאָדע פון פער־זענלעכע אַטאַקעס.

זיינע אַרגומענטן זיינען זייער הילפלאָז.

וואָס איך וויל אָבער אָנרירן — איז די פאָר „פאַקטן", מיט וועלכע ער הויבט־אָן דעם אַרטיקל. ז. זילבערצווייג וויל פון מיין קריטיק מאַכן אַ ענין פון פּערזענלעכער נקמה, אַזוי צו זאָגן.

אָבער וואָס זאָגן די פאַקטן!

פאַקט נומער איינס: איך האָב קיינמאָל אין איראָפּע דעם ה' ז. נישט באַגעגנט. י. מ. ניימאַן האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו מיר אין נאָמען פון דעם ה' ז. מכח אַן אַרטיקל פאַר אַן אַלמאַנאַך. איך האָב אויך, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, באַקומען פון דעם ה' ז. אַ בריוו פון לאָדזש. איך האָב דעם אַרטיקל (איינגנטלעך אַ גרעסערע אַרבעט) קיינמאָל אויף יידיש נישט אָנגעשריבן. איז ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט זאָגן נאָך דעם ה' ז. — בפרט אַז איך האָב אים אין איראָפּע נישט געזען?

פאַקט נומער צוויי: אין אַמעריקע האָט דער ה' ז. מיך באַזוכט און געבעטן איך זאָל אים העלפן אין דער אַרבעט. איך האָב אים געהאָלפן, וואָס ער לייקנט נישט אָפּ. געטאָן האָב איך עס דערפאַר, ווייל אין פּרינציפּ העלף איך יעדערן, וואָס האָט נאָר ערלעכע כוונות, און איך האָב געמיינט, אַז דער ה' ז. האָט זיי אויך. מיט דער צייט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זיינע כוונות שטייגן איבער זיינע כוחות. איך האָב געזען פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס קען טעאַטער ריין אויסער־

*) פון דער רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער":

מיר דרוקן ד"ר י. שאַצקי'ס ענטפער מיט איניקע קיצורים. און האַלטן דערמיט די פּאָלעמיק צווישן שאַצקי־זילבערצווייג פאַר פאַרענדיקט.

לעך. די, וואָס שטייען דאָ, אין אַמעריקע, נאָענט צום טעאַטער, האָבן זיך געוואונדערט, ווי קומט אַזאַ נישט קיין צוגעגרייטער מענטש צו אַזאַ ריזיקער אונטערנעמונג ווי אַ טעאַטער־לעקסיקאָן.

מיר, ווי אַנדערע טעאַטער־טוער און קריטיקער, איז נישט געפעלן געוואָרן די ביליקייט פון זיין אַרבעט ווי אויך זיינע מעטאָדן און באַקומען „פּובליסיטי" וכדומה.

איך האָב אָבער געוואָרט, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען און קיינמאָל אים נישט אָפּגעזאָגט אין הילף. מיין הילף איז באַשטאַנען אין אינפאָרמירן אים מכח קוועלן, זאַמלונגען א. אַז. וו. און איך האָב אים דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט מיין אַרכיוו — ווען ער וועט נאָר וועלן.

אַ טאָג נאָך זיין אָפּרייזן קיין אייראָפּע האָט מיר די פּאָסט געבראַכט דעם געדרוקטן פּראָספּעקט. איך האָב דעם דאָזיקן דאָקומענט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. דערויף האָב איך באַקומען אַ פּאָר בריוו פון אַקטיאָרן און פון אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אין ניו־יאָרק — אַז זיי זיינען מסכים מיט מיין אָפּשאַצונג. (איך וועל נאָך די בריוו פאַרעפנטלעכן).

מיין אָפּשאַצונג פון דעם פּראָספּעקט האָט דעם ה' ז. אַריינגעבראַכט אין אַזאַ צאָרן, אַז ער האָט געמוזט אויסטראַכטן אַ מעשה, אַז איך האָב אים פאַרגעשלאָגן מיין מיטאַרבעטערשאַפט. נאָר אַזוי ווי ער איז דער „ספּעציאַליסט", און איך האָב קיין שום אַנונג נישט וועגן טעאַטער־געשיכטע, דעריבער האָט ער מיר אָפּגעזאָגט און דערויף האָב איך געענטפערט מיט אַ שאַרפער קריטיק.

שטעל איך דאָ פעסט עפנטלעך, אַז די גאַנצע מעשה איז שקר וכזב!

רעדאַקטירן אַ טעאַטער־לעקסיקאָן פאָדערט אַ סך וויסן און מען דאַרף דערצו האָבן — ווי די רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע בלעטער" האָט ריכטיק באַמערקט — אַ קאָלעגיע. אַלענפאַלס, ווי עס זאָל נישט זיין — איך פאַרזוכלעך האָב נישט און כ'האָב נישט געהאַט קיינמאָל קיין שום אינטערעס אין אַזאַ אונטערנעמונג בכלל, און אין ה' זילבערצווייגס בפרט.

דערמיט שליס איך די דעבאַטע, ווייל מער וועל איך אין דער פראַגע קיין וואָרט נישט נעמען.

„ליטעראַרישע בלעטער" וואַרשע, נומ. 37, 1928.

איז אחרי מות קדושים אמור אַ מנהג אָדער אַ דין ?*)

פון זלמן זילבערצווייג

אַרבעטנדיק איבער די ביאָגראַפיעס פון די יידישע אַקטיאָרן, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך נישט־אַנגענעמע פּאַסירונגען אין זייער לעבן. ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו זייער אָפּשטאַם, צו זייער גראַד פון בילדונג, צו זייער באַציאונג צו קונסט, צו יידיש, צום פּובליקום, צו דער קריטיק, און עס האָט זיך פאַר מיר אַליין געשטעלט די פראַגע, צי האָבן די אַלע פּרטים נאָר אַ פּערזענלעכן ווערט, צי אויב די ביאָגראַפיעס פון די דאָזיקע אַקטיאָרן ווערן געדרוקט עפנטלעך, באַקומען אויך די פּרטים פון זייער לעבן אַן עפנטלעכן ווערט, אַן עפנטלעכע באַדייטונג.

איך האָב די פראַגע אַנטשידן פּאָזיטיוו, דערווייל בלויז ווען עס האַנדלט זיך וועגן געשטאָרבענע, וואָס זייער ביאָגראַפיע איז שוין אַן אָפּגעשלאָסענע זאַך.

די גאַנצקייט פון דער ביאָגראַפיע פאָדערט, אַז זי זאָל זיין גאַנץ.

און אַזוי איז עס געקומען, אַז ווען איך האָב פאַרעפנטלעכט אין פּראָספּעקט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (ניו־יאָרק, מאַי, 1928) די ערשטע שורות פון אייניקע ביאָגראַפיעס, האָב איך נישט אויסגעלאָזט אויך די נישט גאָר שמייכלהאַפטע זאַכן, וואָס מאַנכע פון זיי האָבן דורכגעמאַכט.

אין דער ביבליאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן" גיב איך אָן די נעמען פון די אינפאָרמאַטאָרן אַלס קוואַלן פון יעדער ביאָגראַפיע.

ד"ר יעקב שאַצקי האָט אָבער נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז דער „לעקסיקאָן" וועט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט. ער האָט לויטן פּראָספּעקט איינגעזען, אַז דער „לעקסיקאָן" וועט זיין אַזאַ בוך, וואָס וועט חלילה פאַרשמוצן דעם אָנזען פון דער יידישער

*) „אחרי מות קדושים אמור" איז אַ לומד'יש וואָרט־שפּיל, געבויט דערויף, וואָס די דריי סדרות „אחרי מות", „קדושים" און „אמור" גייען איינע נאָך דער אַנדערער, און דער באַדייט איז, אַז אחרי מות (נאָכן טויט) קדושים (הייליקע) אמור (דאַרף מען זאָגן).

ליטעראַטור און קולטור, און ער איז אַרויס מיט אַ קאַראַאָל־אַר־טיקל אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע". דעמזעלבן אַרטיקל האָט ער אויך מיט אַ דראָאונג צוגעשיקט איבערצודרוקן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע.

אחוץ אַ גאַנצן באַרג זידלערייען און נישט־געניוקייטן, האָט זיך ד"ר שאַצקי אָנגעכאַפּט אין דעם „אחרי מות־קדושים". ער שרייבט דאָרט אַזוי וועגן געוויסע שורות:

„וואָס איז דאָס אַזוינס? ווי אַזוי רופט מען אַזאַ מין שרייבן! עס איז דאָ אויף דעם נאָר איין וואָרט — געמיינהייט.

און וואָס גייט עס דאָ? אין „אמת"? וואָס פאַר אַ אמת'ן וועט דער הער רעדאַקטאָר זילבערצווייג דערציילן אַפילו וועגן די. וואָס זיינען אין זיין קאָמיטעט?

געוויס וועט ער וועגן די לעבעדיקע נישט זאָגן דעם „אמת", אָבער רכילות וועט ער נישט נאָר דערציילן אַ סך, נאָר אַ פּאָר מוס־טערן פון דעם פּראָספּעקט באַווייזן, אַז ער האָט זיי שוין דערציילט.

דאַרף אַ רעדאַקטאָר פון אַ לעקסיקאָן נישט האָבן אויף וויפיל, אויב נישט אינטעליגענץ (דאָס איז אַ גאָט־זאַך) נאָר טאַקט — און ווייסן וועגן וואָס מען מעג שרייבן און וואָס איז נישט וויכטיק.

פאַרשטייט דען נישט אַ יונגערמאַן „מיט ווייסן און ענערגיע", ווי איינער פון די הויפּט מחותנים אין „לעקסיקאָן" רעקלאַמירט אים, אַז ס'זיינען פאַראַן היסטאָרישע פאַקטן, וואָס זיינען נויטיק אין אַ ביאָגראַפיע, און סקאַנדאַליעזע פאַקטן, וואָס זיינען נויטיק כדי צו מאַכן אַ זשורנאַליסטישן „היט"?" (קורסיוו פון ד"ר שאַצקי.)

וואָס ד"ר שאַצקי האָט באמת געמיינט, איז קלאָר פאַר יעדן. ער קען די שוואַכע זייטן פון מאַנכע אַקטיאָרן און באַזונדערס פון אַקטרי־סעס, וועלכע שרעקן זיך מ'זאָל נישט אויסנוצן אין דער עפנטלעכקייט זאַכן, וועלכע זיי טוען בצנעה, הגם פּריוואַט־מענטשן טוען היינט אויך דאָסזעלבע.

ד"ר שאַצקי האָט, אַלזאָ, געגלויבט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט אַרויס מיט אַזאַ גוואַלד, וועלן זיך די אַקטיאָרן דערשרעקן, איבערהויפּט ווען ער וועט געבן אָנצוהערן, אַז איך וועל דעם קאָמיטעט פון לעקסיקאָן אויך ניט „שוינען". די אַקטיאָרן וועלן זיך אָפּטרייסלען פון דער אונטערנעמונג, וועלכע גייט זיי „שענדן", און דער „לעקסיקאָן" וועט נישט דערשיינען.

מילא, האָט ד״ר שאַצקי געהאַט אַ טעות. די פעסטונג איז נישט איינגעפאַלן. היינט פאַלן שוין נישט פעסטונגען פון שופר־בלאָזן, איבערהויפּט, אַז דער בעל־תוקע איז נאָך דערצו אַ הייזעריקער אויך.

אָבער עס האָט מיך אַלץ נאָך נישט געלאָזט רוען דער געדאַנק, צי איז טאַקע „אחרי מות קדושים" אַ דין.

איך האָב געוואוסט אַז זשאַן זשאַק רוסאָ דערציילט אין זיינע „באַקענטניסע" אַזאַ ביסל חטאים אויף זיך, וואָס זיינען ענלעך צו אונזער „אשמנו" אין מחזור. מיט איין וואָרט אַזאַ פּעקל זינד, אַז מען האָט גאָר אָנגעהויבן צווייפלען אויב ער איז ניט מגזם. מאַקסים גאָרקי דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן זיין אייגענער מוטער אַזעלכע זאַכן מיט וועלכע מען קאָן זיך נישט איבערנעמען. . . .

טאָלסטאָי אין זיין „ודוי" רעכנט אויס אַ גאַנץ ליטיש בערגעלע עבֵרות, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף גאָטס וועלטל. פּושקין דער־ציילט ניט קיין איבריק פרומע זאַכן וועגן זיין שוויגער. אין דער ביאָ־גראַפיע פון באַוואוסטן אַלעקסאַנדער הערצען ווערט בסך־הכל אָנגע־געבן, אַז ער איז געווען אַ ממזר פון אַ רייכן פּריץ. דער זעלבער הערצען דערציילט אין זיין בוך „פון טיפעניש פון הארץ" זיין טראַגעדיע, ווי זיין פרוי האָט זיך פאַרליבט און אים פאַראַטן מיטן דייטשן פּאָעט געאָרג הערוועג. דער רוסישער ביאָגראַף פּיאָטר גובער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די ביאָגראַפיע פון הערצען אונטערן זעלבן נאָמען, נאָר מיט אַן אונטערקעפּל „הערצענס פאַמיליע־טראַגעדיע", גיט וועגן דער זעלבער געשיכטע צו נאָך אַ רייע פּרטים. פּאָולינאַ סוסלאָוואַ, אַ גע־וועזענע געליבטע פון דאָסטאָיעווסקין, דערציילט אין איר בוך „מיט דאָסטאָיעווסקין אין די יונגע יאָרן" ווי אַזוי זי האָט מיט דאָסטאָיעוו־סקין „ניט געפאַסט קיין תעניתים". זי גיט אָן אויספירלעך ווי אַזוי זי האָט פאַרראַטן דאָסטאָיעווסקין, און דרך־אגב דערציילט זי וועגן אים אויך ניט קיין איבריק שמייכלהאַפטע זאַכן. . . .

די אַלע זאַכן האָב איך געוואוסט, און כ'האָב אויך געוואוסט, אַז די אַלע שרייבער זיינען נישט קיין קלענערע קולטור־מענטשן ווי ד״ר שאַצקי, און, אַז זיי האָבן די אַלע זאַכן נישט געשריבן אין „פּייּ־פּער", נאָר אין ביכער, וואָס זייער חשיבות איז „ניט קלענער" פון מיין „לעקסיקאָן".

היינט וואָס איז עפּעס מיט ד'אַנונציאָס (אויך, דאַכט זיך, אַ שרייבער) בוך וועגן עלעאָנאָראַ דוזע?

אז די אַלע „אַנגעגריפענע" פּערזאָנען זיינען נישט ווייניקער חשוב ווי אַפילו אונדזערע בעסטע יידישע שוישפּילער, וועלן אונדזערע אַק־טיאָרן אַליין מודה זיין. . . .

קיין סך צייט צו גריבלען זיך אין ביכער, און פון דאָרט ברענגען ציטאַטן און דערמיט פאַרטומלען דעם מוח, האָב איך נישט, האָב איך מיר גענומען פאַרצייכענען עטלעכע נאָטיצן וועגן „אחרי מות־קדושים"-ענין פון צייטונגען אין די לעצטע חדשים (אחוץ צוויי שטעלן פון פריער), און וואָס זעען מיר?

1) יעקב וואַסערמאַן איז, דוכט זיך, אַ גאַנץ לייטישער שרייבער (שוין יאָ מיט אינטעליגענץ). ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן אַ גרויס בוך „קריסטאָפער קאָלאָמבוס", און אָט איז דאָרט פאַראַן אַזאַ שטעל:

„אין יענער צייט האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נייער ליבע־אַוואַנטורע. אין דער שטאָט קאָרדאָווא האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ פריצ'ישער מיידל, בעאַטריץ הענריקעז. זי איז געווען זייער שיין און דרייסיק יאָר יונגער פון קאָלאָמבוסן. אָבער זייענדיק פון דער נאַטור ראָמאַנטיש, האָט זי זיך פאַרליבט אין דעם מאָדנעם אַרומשלעפּער. זי איז געווען די איינציקע האַרץ, וועלכע האָט אים מיטגעפילט און אים געטרייסט אין זיין ביטערן מזל. ער האָט מיט איר געלעבט אומ־געזעצלעך, און זי האָט געהאַט פון אים אַ זון, הערנאַנדאָ, וועלכער האָט שפּעטער געשריבן אַ בוך איבער זיין פאָטער. די גלחים האָבן אים געוואָלט פאַרשטיינען; סטייטש, ווי לעבט מען דאָס מיט אַ פרוי אָן חופּה וקדושין — און מען האָט אַ קינד אַ ממזר!"

2) אדאם מיצקעוויטש איז דער גרעסטער פּוילישער דיכטער. ער איז ממש פאַרהייליקט ביים פּוילישן פאָלק, און אָט האָט דער באַקאַנטער פּוילישער קריטיקער באָי־זשעלינסקי איצט פאַרעפנטלעכט אין די וואַרשעווער „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „אין דער בראָנזן־גיסעריי", אין וועלכן ער דערציילט:

„עס זיינען דאָ מעמואַרן פון אַ פרוי לענאַרטאָוויטש, אַ פריינדין פון מאַדאַם מיצקעוויטש. דער דאָזיקער דאָקומענט האָט אַ געוואַלטיקן וויסנשאַפטלעכן ווערט. ער דערציילט פיל אינטימע איינצלהייטן פון דעם גאָניאַלן דיכטער. ער דערציילט פּרטים פון דעם לעבן אין מנהגים פון די טאָווינסקי־אָנהענגער, אַ מיסטישע סעקטע צו וועלכער אויך מיצקעוויטש האָט געהערט. אָבער די דאָזיקע איינצלהייטן — און

דער עיקר די באַציאונג צו פּרויען מצד די טאָווינסקי־אַנהענגער — זיינען געווען זייער ניט באַקוועם פאַר יענע, וואָס האָבן געוואָלט וואָס מער פאַרהילן אין אַ שלייער פון לעגענדע מיצקעוויטשעס אָנדענק. דער הויפּט פאַרשער פון מיצקעוויטשעס לעבן און ווערק, דער הויפּט זאַמלער פון די דאָקומענטן וועגן זיין לעבן איז פיל צענדליקער יאָרן געווען דער אין פּאַריז וואוינענדער זון זיינער — װלאַדיסלאַוו מיצקעוויטש. ער האָט ניט נאָר געזאַמלט די דאָקומענטן וועגן זיין פאָטער, ער האָט זיי אויך צענזורירט, און אָפּט אפילו אינגאַנצן פאַרניכטעט. אַלס זון און אַלס גליענדיקער פאַרערער פון זיין פאָטער, איז ער געווען פאַראינטערעסירט, אַז זיין פאָטער זאָל אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בראָנז, און אַט אין דער „בראָנזן־גיסעריי" איז פאַרשוואונדן, נאָך לאַנגע מי און מאַטערנישן, דער אומשעצבאַרער דאָקומענט וועגן מיצקעוויטשעס לעבן. — דאָס טאָגבוך פון פרוי זאָפיע לענאַרטאָוויטש."

דאָס האָט איר אייך וועגן גוים. איצט לאָמיר נעמען אביסל יידישע ענינים.

3) באַראָן הירש איז געווען איינער פון די באַרימטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן. צוליב זיינע פאָנדן און יידישע קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט, וואָס איז דורך דעם אַנטשטאַנען, איז ער ממש פאַרהייליקט ביים פאָלק. שרייבט וועגן אים ד"ר עטקינסאָן („מאָרגען זשורנאַל", 4־טן יולי, 1929) :

„היינריך הערמאַן הומערל, באַאַמטער פון דער אינטערנאַציאָנאַל שלאָפוואָגן געזעלשאַפט, דערציילט : זי (די באַראָנעסע — ז. ז.) האָט זיך ניט זייער גליקלעך געפילט אין איר פאַמיליען לעבן, און פלעגט נאָר זעלטן באַווייזן זיך אין דער געזעלשאַפט פון איר מאַן. דער באַראָן האָט געהאַט צוויי זין פון אַ קריסטלעכער מעטרעסע, און די באַראָנעסע אַליין האָט די קינדער דערצויגן, ווייל איר אייגענער זון — זי האָט געהאַט נאָר איין איינציק קינד מיטן באַראָן — איז פּלוצלינג געשטאָרבן ביי 23 יאָר נאָך אַן אומגליקלעכן פאַראַד־רייטעניש אויף אַ פערד פון וועלכן ער איז אַראָפּגעפאַלן אַ מת".

4) מיר וועלן גיין נאָך אַ שריט ווייטער. די אַלע אויבנדערמאָנטע באַרירטע לעבן מער ניט. אָבער אָט לעבט אין פּוילן אַ ייד, וואָס איז אפשר דער פּאָפּולערסטער פון דער גאַנצער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז דער גרויסער אינדוסטריעלער

אסקאר (אשר) קאהן אין לאדזש, און אט וואס י. מ. ניימאן שרייבט וועגן אים אין זיין ארטיקל „א באזוך ביי דעם יידישן העגרי פארד פון פוילן" („טאג", 31 אויגוסט, 1929):

„ער האט עפעס אין זיך אלס מענטש, אט דער דאזיקער אשר קאהן, פון דער ברוטאליטעט פון אן אריענטאלישן פאשא. ער איז ריקזיכטסלאז, ער איז אפטמאל טיראן. מען דערציילט, אז ער האט זיין אייגנעם טאטען מעביר נחלה געווען. און זאל מיר דערלויבט זיין צו דערציילן אן עפיזאד פון זיין פריוואט לעבן. דער מענטש איז עקספאנירט אין דער עפנטלעכקייט. ער האט אפגעלעבט מיט א פרוי מער ווי א יאר־צענדליק, מיט איר געהאט פיל קינדער און לסוף זי אפגע'גט. די סיבה: זי איז פרום, און ער איז שוין היינטוועלטיק. זי וועט זיין אן אפהאלט פאר זיין אונטערנעמערישער ענערגיע".

זיינען די אלע אויבנדערמאנטע קלענערע און „נישטווירדיקערע" פערזענלעכקייטן פון די אקטיארן און אקטריסעס וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין מיין „לעקסיקאן"?

אבער כאפט נישט, לאמיר הערן וואס אנדערע שרייבן וועגן יידישע אקטיארן:

5) שלום אש אין זיין נעקראלאג וועגן יעקב פ. אדלער („פאר־ווערטס" פון 24־טן אפריל, 1926) פארגינט זיך צו שרייבן:

„מר. אדלער, האט זיך נישט געטראפן אין אייער לעבן, וואס איז אזוי רייך געווען מיט ליבע און רום, אז איר זאלט פילן אזא שוואכקייט צו א פרוי, אז זי זאל קאנען מאכן פון אייך וואס זי וויל?" א. ז. וו.

אדלער האט זיך פארקלערט א מינוט, דאן האט ער געגעבן א שטאך מיט זיין פינגער אין מיין בויך אריין:

— וואס רעדסטו, איך בין דאך געלאפן פון פילאדעלפיע נאך לאנדאן, נאר צו זיין מיט איר איין מעת־לעת."

און אדלערס פרוי און קינדער און אייניקלעך לעבן אין ניו־יארק.

6) ד"ר יהושע טהאן פארעפנטלעכט איצט א טייל פון זיינע זכרונות, און אין איינעם פון זיינע קאפיטלעך „לעמבערגער גע־שטאלטן", ווען ער רעדט וועגן גאלדפאדענען און זיין טעאטער („היינט", ווארשע, 10 מאי 1929), שרייבט ער אזוי וועגן א גע־וויסן לעבעדיקן אקטיאר:

„דער דאזיקער וו. האט דעמאלט חתונה געהאט מיט א קאלעגין.

דאָס הייסט, ער האָט שוין געמוזט חתונה האָבן. מען האָט זיך פון אַלע זייטן אָוועקגעלייגט אין די לענג און אין דער ברייט, אַז די חתונה זאָל צושטאַנד קומען. מיר, יונגעלייט, האָבן אויך געהאַט אַ שטיקל חלק אין דער דאָזיקער מצוה פון הכנסת־כלה. יעדנפאַלס זיינען מיר געווען ערן־געסט אויף דער חתונה."

7) און אָט שרייבט אַן אַלטער אַקטיאָר א. ג. קאַמפּאַניעיעץ זיינע זכרונות „50 יאָר יידיש טעאַטער", און ווען ער רעדט וועגן די שוועריגקייטן צו באַקומען דערלויבנישן, באַנוצט ער אַזאַ אויסדרוק („לאָדזער טאַגעבלאַט", 31 מאַי 1929):

„דערצו האָב איך זיך נאָך דערוואוסט, אַז פּישזאָן האָט אַוועקגעשיקט צו דער אויעזדנער נאַטשאַלסטוואָ צוויי פּרויען פון דער טרופּע (דאָ קומען נעמען — ז. ז.), און פרויען זיינען אין יענע צייטן געווען אַ גאַנץ קליינע סגולה . . . (די פּינטעלעך זיינען קאַמפּאַניעעצעס)."

וועגן זעלבן פּישזאָן און זיינע מקורבים ווערן אין אַקטיאָר מיאַדאָוווניקס זכרונות אין מינסקער „שטערן" דערציילט זאַכן, וועלכע עס איז פּשוט שווער צו גלויבן, און פּישזאָן איז דאָך אין רוסלאַנד געווען אַ שטיק גאָלדפאַדען.

8) אָבער אָט איז גאָלדפאַדען אַליין. ווער איז פאַר אונדז מער פאַראַנטוואָרטלעך צו רעדן וועגן יידישן טעאַטער ווי זיין אייגענער פאָטער? און אָט ווי גאָלדפאַדען דריקט זיך אויס וועגן די יידישע אַקטיאָרן („עראינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג" פון לעאָן קאָברין, צווייטער באַנד ז. 159):

„ — ווייסט איר וואָס זיי וואָלטן געווען אָן מיר, — רעדט ער (גאָלדפאַדען) שוין מיט הארץ און מיט ווייטאָג, און זיין פּנים, ווי פון אַ פאַרשטייבטן מאַרמאָר, איז שוין אויפגעלעבט און רויטלט זיך — אַלפאָנסן און קאַרמאַנשטשיקעס וואָלטן אַ סך פאַרבליבן, ווען נישט איך! איר ווייסט די געשיכטע פון יידישן טעאַטער? איך וועל אייך דערציילן. אַלפאָנסן און אַנדערע וואוילע יונגען זיינען געגאַנגען פון שענקען און קאַבאַקן צו זייערע מוידן, האָב איך זיי אָפּגעשטעלט אויפן וועג, און זיי געזאָגט: — קינדער, וואַרפט אַוועק אייערע מוידן און אייער הולטייסטווע, און קומט, מיר וועלן בעסער שפּילן יידיש טעאַטער".

9) און וועגן אַ געוויסע יידישע אַקטריסע, שרייבט גאָלדפאַדען:

„קוים מיט צרות, מיט לייד, האָט מען מיר אָפּגעזוכט אַן אָרעמע

מיידל. פון אָרעמע, אַלטע עלטערן, ביי וועלכע דער דלות איז אַזוי גרויס געווען, אַז דאָס מיידל האָט צו פרי, נאָך אין איר יוגנט (16 יאָר אַלט) געמוזט פאַרהאַנדלען איר אומשולד אויפן מאַרק, כדי צו דערנערן אירע אָרעמע עלטערן און שוועסטער. זי איז געווען אויסגעבילדעט, רוי, אומדערפאַרן. דאָס איינציקע, וואָס אין איר האָט געשיינט, איז דאָס פרישע וואונדערשיינע מאַלערישע פנים, מיט אַ ווייך, קליין סאָפּראַן־שטימעלע.

דאָס הפקר־קינד האָט שוין סיי ווי סיי ניט געהאַט וואָס אָנצוּוערן".

איצט נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, וויל איך טאַקע וויסן צי איז „אחרי מות־קדושים אמור" אַ מנהג אָדער אַ דין, און ווי אַזוי דאַרף מען מיד רופן פאַר ברעכן דעם מנהג, אָדער אפילו דעם דין?

„פרייע אַרבעטער שטימע", ניו־יאָרק, 22 נאָוועמבער, 1929.

אַ טעאַטער־לעקסיקאָן

פון דר. א. מוקדוני

לעקסיקאָן פון דעם יידישן טעאַטער, רעדאַקטירט פון זלמן זילבערצווייג, ביי דער מיטאַרבעט פון יעקב מעסטעל. אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע.

שוין יאָרן, אַז מען רעדט וועגן דער נויטיקייט פון אַ יידישן טעאַטער לעקסיקאָן, וואָס זאָל פאַרצייכענען אַלץ וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין יידישן טעאַטער פון זיין אויפקום ביזן היינטיקן טאָג און דורך וועמען אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן.

מען האָט זיך שוין עטלעכע מאָל גענומען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, אָבער מען איז באַלד אָפּגעשפּרונגען צוריק ממש מיט שרעק — אַ געדיכטער וואַלד, מען קאָן פאַרבלאָנדזשעט ווערן און יאָרן דאַרף מען אָפּגעבן דורכצוקריכן דעם דאָזיקן וואַלד.

קאָלעגע ש. יודסאָן און מיין ווייניקייט האָבן אויך פּרובירט נעמען זיך פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, אָבער ס׳האָט ביי אונדז נישט לאַנג גענומען איינצוזען, אַז מיר וועלן די אַרבעט נישט מאַכן און מיר האָבן זי אויפגעגעבן.

דער יידישער טעאַטער איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, ממילא זיינען די שוישפּילער, די דראַמאַטורגן און די אַנדערע טעאַטער־מענטשן אויך צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

קיין טעאַטער־אַרכיוון זיינען ביי אונדז נישטאָ און צו דעם עלטער פון 50 יאָר איז שוין דער יידישער טעאַטער געוואָרן אַלטע, אַלטע, גרייז־גרויע געשיכטע.

דער יידישער שוישפּילער איז אוועק פון דער וועלט און קיין ליטעראַריש־היסטאָרישע מצבה האָט מען אים נישט געשטעלט.

דער טעאַטער־זכרון איז ביי אונדז זייער אַ קורצער.

און נאָך אַנדערע סבות זיינען ממש געשטאַנען איבער אונדזער קאַרק און געמאַנט אַ טעאַטער־לעקסיקאָן.

און אַלעמאָל קומט אין דער לעצטער מינוט אַ עקשן און טוט די אַרבעט. און אין דעם פאַל איז געקומען אַ גרויסער עקשן, וואָס האָט דעם יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן געמאַכט פאַר זיין לעבנס־ווערק.

וואָרום אַנדערש קאָן אַזאַ אַרבעט נישט געמאַכט ווערן.

דער עקשן איז זלמן זילבערצווייג.

שוין מער ווי צען יאָר, אַז ער אַרבעט אויף דעם לעקסיקאָן און וועט האָבן אַרבעט, מסתמא, אויף זיין גאַנץ לעבן, וואָרום אַ לעק־סיקאָן איז נישט סתם אַ בוך, וואָס מען זעצט זיך אַוועק און מען שרייבט עס אָן און פאַרטיק. אַ לעקסיקאָן לעבט און וואַקסט מיט דעם געגנשטאַנד, וואָס ער באַהאַנדלט, און מיט די מענטשן, וואָס באַשאַפן דעם געגנשטאַנד.

און דער ריכטיקער עקשן האָט שוין די נויטיקע אייגנשאַפטן פאַר דער אַרבעט, צו וועלכער ער נעמט זיך.

זלמן זילבערצווייג איז אַ וואונדערלעכער זאַמלער, אַ טיכטיקער אָרגאַניזאַטאָר און דער עיקר אַ ברענענדיקער אַנטוזיאַסט.

אַלע קרוינען וואָלט איך אַרויפגעזעצט אויף זיין קאָפּ פאַר דער וויכטיקער און זייער שווערער אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

נאָר איין־איינציקע קרוין וואָלט איך איבערגעלאָזן פאַר אַן אַנדערן.

די דאָזיקע געהערט נישט צו אים.

די קרוין פון אַ רעדאַקטאָר וואָלט איך אָנגעטאָן אויף דעם קאָפּ פון אַ וויסנשאַפטס־מענטש, פון אַ גוטן היסטאָריקער פון טעאַטער און פון אַ טיכטיקן ביבליאָגראַף.

ביי אונדז זיינען דאָ בלויז צוויי קעפּ פאַר אַזאַ קרוין; בלויז צוויי זיינען דאָ צווישן אונדז, וואָס פּאַסן צו זיין די רעדאַקטאָרן פון אַזאַ לעקסיקאָן, און דאָס זיינען ד״ר י. שיפּער אין וואַרשע און ד״ר י. שאַצקי דאָ, אין ניו־יאָרק.

דעם אמת זאָגנדיק האָב איך פריער, איידער איך האָב געזען דעם לעקסיקאָן, געגלויבט, אַז עס איז אַן איינפאַכע אַרבעט, אַן אַרבעט פון

רעגיסטרירן, און אזא ארבעט וועט זלמן זילבערצווייג, מיט דער הילף פון אזא געבילדעטן שוישפּילער און באגאבטן שריפטשטעלער ווי יעקב מעסטעל מאכן גענוג גוט.

בין איך זיך מודה, אז איך האב א טעות געהאט.

די דערמאנטע צוויי האבן שטארק נויטיק א וויסנשאפטלעכן רעדאקטאר, א רעדאקטאר א היסטאריקער, וואס קאן רייניקן דעם געזאמלטן מאטעריאל פון פסולת'ן; א רעדאקטאר א ביבליאגראף, וואס קאן אויפזוכן דעם ביבליאגראפישן מאטעריאל און אים סיסטעמא־טיזירן.

אט שטייט עס מיט דער ביבליאגראפיע גאר שלעכט אין דעם לעקסיקאן.

ראשית איז נישטא קיין ביבליאגראפיע פון פאר דער מלחמה־צייט; עס איז נישטא סיי פון איראפע און סיי פון אמעריקע.

א נס איז געשען בלויז מיט נח פּרילוצקין, ער האט זיינע רע־צענזיעס פון פאר דער מלחמה אפגעדרוקט נאך דער מלחמה איז א בוך, דאס איז דאס ביסל, וואס עס איז דא פון דער פאר־מלחמה צייט.

און פאר דער מלחמה האט מען דאך געשריבן זייער פיל וועגן טעאטער.

אבער אפילו פון נאך דער מלחמה איז די ביבליאגראפיע פול מיט טעות'ן. אזוי, למשל, ווערט פלוצלונג איין ניו־יארקער צייטונג אינ־גאנצן ביי איין פאל איגנארירט און ביי אן אנדער פאל באקומט זי די גרעסטע אויפמערקזאמקייט.

לויטן לעקסיקאן קומט־אויס, אז אין „מארגן זשורנאל" איז נישט געווען קיין איין רעצענזיע אויף די אויפפירונגען פון שלום אשם פּיעסן פאר די לעצטע צען יאר: א פרעמדער פארשער, וואס האט זיך פאר־לאזט אויפן לעקסיקאן, וועט קומען צום באשלוס, אז דער „מארגן זשורנאל" האט צען יאר נאכנאנד באיקאטירט אשן. און דאס שטימט דאך לחלוטין נישט מיט דער ווירקלעכקייט, ווארום אלץ וואס עס איז אויפגעפירט געווארן פון אשן איז גאנץ ברייט רעצענזירט געווארן. דאס ווייסט א גרויסער טייל פון די יידישע לעזער אין אמעריקע.

דאס נעמלעכע איז אויך מיט י. ד. בערקאוויטשעס פּיעסן — נישטא וועגן זיי קייןווארט אין „מארגן זשורנאל".

און זאל מען בשום אופן ניט חושד זיין דעם רעדאקטאר זילבער־צווייג אין בייזוויליקייט, ניין, דאס נעמלעכע פּאסירט מיט אנדערע

ציימונגען, מיט אמאָל ווערן זיי שטיל וועגן געוויסע דראַמאַטורגן און נישטאָ זיי אין דער ביבליאָגראַפיע.

און עס איז דאָך אַזוי איינפאַך, עס איז דאָך אַזוי פּשוט צו זוכן ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע; מען דאַרף בלויז דורכבלעטערן די פּריוואַטגדיקע נומערן פון די פיר־פינף יידישע צייטונגען אין אַמעריקע, ניט קיין וויסנשאַפטלער וואָלט עס געמאַכט ווי געהעריק ווען ער וואָלט געהאַט בלויז אַ ביסל סיס־טעם און אַ ביסל פאַרשטענדניש פאַר דעם.

אַזוי שטייט עס מיטן וויכטיקסטן טייל פון לעקסיקאָן — מיט דער ביבליאָגראַפיע. ביבליאָגראַפיע איז דאָס עלעמענטאַרסטע אין אַ לעקסיקאָן.

אָבער מיט דער געשיכטע שטייט עס אויך נישט זייער גוט, דאָ זיינען פּשוט פאַראַן אַ ים מיט קוריאָזן:

אין בעל־מחשבות׳עס ביאָגראַפיע ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער פּרץ־ווייטער טעאַטער־געזעלשאַפט. איז ערשטנס איז עס לא היה ולא נברא. בעל־מחשבות איז קיינמאָל ניט געווען טעטיק אין וועלכער עס איז טעאַטער־געזעלשאַפט, בפרט אין דער דערמאָנטער טעאַטער־געזעלשאַפט, און צווייטנס, האָט זלמן זילבערצווייג געדאַרפט פּשוט דורכלייענען, וואָס ער אַליין שרייבט מיט אַ פּאָר שורות ווייטער: ער ציטירט בעל־מחשבות׳ן: „איך בין צופרידן מיטן איצטיקן יידישן טעאַטער און הויב ניט אָן צו פאַר־שטיין די קלאָגן פון מאַנכע פון אונדזערע שרייבער, וואָס פאַרלאַנגען, אַז אין וואַרשע, אָדער אין ניו יאָרק זאָל זיין אַ יידישער טעאַטער ווי למשל דאָס „דייטשישע טעאַטער". אַזוי זאָגט בפירוש בעל־מחשבות אַליין. הייגט, ווי אַזוי האָט ער געקענט זיין איינער פון די „אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פון פּרץ און ווייטער צו שאַפן אַ יידישן קינסטלערישן טעאַטער אין רוסלאַנד?"

ניט קיין היסטאָריקער, נאָר בלויז אַ מענטש, וואָס לייענט מיט קאָפּ וואָלט זיך געכאַפּט, אַז בעל מחשבות האָט עס געשריבן קעגן דער פּרץ־גרופּע, און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

בעל מחשבות איז אַרוים מיט זיינעם אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן דער טעאַטער־פראַגע אין דער „אידישער וועלט", אונטער דער רעדאַק־ציע פון ש. ניגער. דער דאָזיקער אַרטיקל איז געווען אָפן קעגן דער

באוועגונג פאר אַ בעסערן יידישן טעאַטער. דער אַרטיקל איז געווען אַזוי פרעמד צו דער שטימונג פון יענער צייט, אַז ש. ניגער האָט זיך באַלד געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל ענטפערן בעל־מחשבות'ן און אין איינעם פון די ווייטערדיקע נומערן פון דער „אידישער וועלט" איז געווען מיינער אַן ענטפער־אַרטיקל.

איך ברענג דעם דאָזיקן פאַל, וואָס באַווייזט קלאָר, אַז דעם טיכ־טיקן זאַמלער ז. זילבערצווייג פעלט אינגאַנצן דער חוש פאַר געשיכטע. ווי עס קומט צו געשיכטע פאַרפּלאָנטערט ער זיך און ממש ווילדע פעלערן הויבן אָן שפּרינגען פאַר אייערע אויגן.

ביי אים ווערן צוזאַמענגעמישט אין איין קאַשע פאַרשידענע קעמפנדיקע שטרעמונגען און מיינונגען אַזוי, אַז איר דערקענט קיינעם ניט.

ווייטער איז די „פּאָליטיק" פון לעקסיקאָן ניט אינגאַנצן קיין געזונטע און לחלוטין ניט קיין ווירנשאַפטלעכע. די „פּאָליטיק" פון לעקסיקאָן איז אַזאַ — רעדן וועגן טויטע און שווייגן וועגן לעבעדיקע. לעבעדיקע ווערן ניט כאַראַקטעריזירט און ניט אָפּגעשאַצט. וועגן זיי דערציילט מען בלויז ווען זיי זיינען געבוירן, וואו זיי האָבן געשפּילט און וואו זיי שפּילן איצט. ניט מער. וועגן טויטע אָבער, שרייבט מען זייער פיל.

פון דעם קומט אַרויס, אַז טויטע זיינען לעבעדיקע אין לעקסיקאָן, די לעבעדיקע אָבער זיינען טויטע.

דאָס איז ניט קיין מעטאָד פון אַ לעקסיקאָן. דאָס איז אַ מעטאָד פון אַ „הו איז הו".

ווייטער איז דאָ אַ קוריאָז אַזאַ: ביי פיל פּרויען זיינען ניט אָנגעגעבן די יאָרן. דאָ איז שוין די רעדאַקציע גאַרנישט שולדיק. מסתמא האָבן אייניקע שוישפּילערינס אָנגעגעבן זייערע יאָרן אַזוי, אַז עס איז אויסגעקומען, אַז צו דריי יאָר האָבן זיי געשפּילט מוטער־ראָלן.

פאַראַן צוויי גרויסע אַרבעטן אין דעם לעקסיקאָן. איין אַרבעט וועגן גאָלדפאַדען און די צווייטע וועגן יעקב גאָרדין.

די ביידע אַרבעטן זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט דאַטן, מיט פּראָ־גראַמען פון אויפפירונגען און דערהויפּט מיט מיינונגען פון פאַרשי־דענע קריטיקער און היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער וועגן די צוויי

זײַלן פֿון ייִדישן טעאַטער. דאָס זײַנען גאַנץ ערנסטע אַרבעטן. אָבער דאָ זעט איר ווײַטער דעם טיכטיקן זאַמלער און דעם זײַער שוואַכן היסטאָריקער.

איר באַקומט ניט קײן קלאָר בילד ניט פֿון גאָלדפֿאַדענס טעאַטער און ניט פֿון דער שטורמישער טעאַטער־טעטיקײט פֿון יעקב גאָרדין. איר זעט פֿאַר זיך אָנגעזאַמלט מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפֿן ערשט באַ־אַרבעט ווערן פֿון אַ היסטאָריקער.

עס איז אמת אַ גרויסע אַרבעט, דער פֿאַרנעם איז אויף דרײַ גרויסע בענדער.

דערווײַל האָבן מיר פֿאַר זיך דעם ערשטן באַנד פֿון אות א׳ ביז אות ט׳. עס איז אַ פּראַכט־באַנד מיט אַ סך, זײַער אַ סך בילדער.

אָבער אַ טיכטיקן רעדאַקטאָר האָט באַדאַרפֿט האָבן דער דאָזיקער לעקסיקאָן.

אָט, למשל, זײַנען ניט אַרײַן מער ווי 90 ביאָגראַפֿיעס, וואָס דאַרפֿן אַרײַן אין דעם דאָזיקן באַנד. דאָס זײַנען שוישפּילער און דראַמאַטורגן, וואָס זײַערע פֿאַמיליען־נעמען הויבן זיך אָן פֿון אלף ביז אַ טית.

דאָס הייסט, אַז אַ גרויסער טײל פֿון באַנד איז אַרויסגעפֿאַלן. דאָס באַווײַזט אויך ניט אויף סיסטעמאַטיזירטע אַרבעט.

אַ סך אַנדערע פֿעלערן האָט דער דאָזיקער ערשטער באַנד און עס איז פּשוט אַ ווײטאָג צו זען אַזאַ גרויסע אַרבעט, אַזאַ טיכטיקע אַרבעט פֿול מיט פּגימות.

אונדזערע ביכער וועגן טעאַטער קען מען איבערציילן אויף די פֿינ־גער. זיי ליגן אַלע בײַ מיר אויף אײן קלײנע פּאָליצע, איז שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אַפֿילו דאָ ווערט דורכגעלאָזן אַ בוך פֿון 400 זײַטן, דאָס איז צוויי בענדער וועגן טעאַטער פֿון דעם לעבעדיקן, וואָס שרײַבט וועגן טעאַטער שוין איבער אַ צענדליק יאָר.

דער גרעסטער פֿעלער איז, וואָס דער טיכטיקער זאַמלער פֿון ביאָגראַפֿיעס פֿון שוישפּילער, דראַמאַטורגן און אַנדערע טעאַטער־מענטשן, האָט אויך געמוזט זײַן אַ געלט־זאַמלער, כּדי צו קענען אַרויס־געבן דעם לעקסיקאָן.

ער האָט זיך געמוזט דירעקט פֿאַרבינדן מיט ייִדישע אַקטיאָרן און

דאָס האָט פאַרביליקט די גאַנצע אַרבעט און אויך זי אָנגעפּיקעוועט מיט פּגימות.

איר קענט זיך פאָרשטעלן, אַז ביי דער טיר פון לעקסיקאָן, ביים סאַמע אַריינגאַנג זאָלן שטיין אויף אַ גאַנצער בלאַט די נעמען פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געגעבן געלט אויפן לעקסיקאָן?

איז קיין שפּראַך און ביי קיין פאָלק האָב איך עס ניט געזען!

און אַ רעדאַקציע האָבן די אַקטיאָרן געגעבן זילבערצווייגן; איז דער ערשטער רעדאַקטאָר ראובן גוסקין.

און אַז ערשטע פאָררעדע האָט דער ערשטער באַנד פון לעקסיקאָן, איז די פאָררעדע ווייטער פון ר. גוסקין.

אַלמעכטיקער גאָט, פאַרוואָס האָט נישט דער יידישער טעאַטער־מענטש כאָטש אַ ביסעלע טאַקט? עס איז אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אַ זאַמלערישע אַרבעט, אַ ביבליאָגראַפישע אַרבעט, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן צו דעם אַקטיאָרן און סתם טעאַטער מענטשן?

זיי האָבן אַ פּנים געמיינט, אַז עס איז אַ גרויסער אַקטיאָרישער באַנקעט־סוּוועניר. . . .

אָט איז אַרויס אַ גרויסער לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, מסתמא, האָט אימיצער געגעבן געלט, אָבער מיר ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן פון דעם. מסתמא איז אימיצער געווען זייער פאַראינטע־רעסירט אין דער אויסגאַבע, אָבער קיין הקדמות האָט ער נישט גע־שריבן און אונטער דער השגחה פון קיין יידישער שרייבער פאַראיין איז ער נישט געשטעלט געוואָרן, און צווישן שרייבער זיינען דאָך דאָ אַזעלכע, וואָס זיינען טאַקע ראוי צו זיין משגיחים אויף אַזאַ אַרבעט.

די אַקטיאָרן־יוניאָן איז אַ געשעפטלעכער אַנשטאַלט און ניט קיין אַקאַדעמיע און אַ לעקסיקאָן טאָר ניט געשטעלט ווערן אונטער איר השגחה.

אונטער דער השגחה פון געלערנטע דאַרף אַזאַ אַרבעט געשטעלט ווערן!

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז שוישפּילער, ניט דווקא יידישע, האָבן אַ נטיה צו פאַרביליקן אָמאָל די סאַמע ערנסטע זאַכן.

איז זאַמלן מאַטעריאַל מוז מען צווישן אַקטיאָרן, אָבער רעדאַק־טירן דאַרף מען ווייט, זייער ווייט פון אַקטיאָרן!

„מאָרגען זשורנאַל", 27 פעברואַר, 1931

ווען אַ קריטיקער אײַלט זיך

פון זלמן זילבערצווייג

צווישן די, וואָס האָבן געשטרעבט אַרויסצוגעבן אַ „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" און זיינען שוין אַפילו פּראַקטיש צוגעטראָטן דערצו, געהערט אויך ד"ר א. מוקדוני. אַלע אָבער, וואָס האָבן עס געפּרובט טאָן, דערונטער אויך ד"ר מוקדוני, האָבן זיך באַלד אַרומגעזען, אַז זיי וועלן די אַרבעט נישט מאַכן און זיי האָבן זי אויפגעגעבן. עס זיינען דעריבער פאַראַן זייער ווייניק, וואָס האָבן געוואַרט מיט אַזאַ זשעדנעקייט אויפן „טעאַטער־לעקסיקאָן" ווי ד"ר מוקדוני און דערפאַר איז אויך קלאָר, וואָס באַלד ווי ער האָט געהערט, אַז דער „לעקסיקאָן" איז שוין דערשינען, האָט ער, קראַנקערהייט, געבעטן, אַז מען זאָל אים ברענגען דאָס בוך. זיין אינטערעס צום בוך איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט באַלד אָנגעשריבן אַ קריטיק וועגן בוך, נאָר פון גרויס זשעדנעקייט און אינטערעס צום בוך, האָט ער פאַרגעסן איין קלייניקייט — ער האָט דאָס בוך נישט איבערגעלייענט.

יאָ, נישט איבערגעלייענט, וואָרום עס איז טעכניש אוממעגלעך געווען איבערצולייענען דאָס בוך אין משך פון דער צייט, וואָס איך, פּערזענלעך, האָב דעם ד"ר מוקדוני געגעבן דאָס בוך ביז דער צייט ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין קריטיק, און דאָס לאָזט זיך זייער שטאַרק פילן אין זיין קריטיק.

און וואָלט זיך עס געהאַנדלט וועגן אַ קריטיק אויף מיינעם אַ ראָמאַן, אַ דערציילונג, לידער אָדער אַ דראַמע, מיט איין וואָרט — דיכטונג, אייגענע פאַנטאַזיע און שטימונגען, וואָלט איך בשום אופן נישט געענטפערט אויף אַ קריטיק.

איך האַלט, אַז פרייע קריטיק איז אַ ברכה פאַר דער ליטעראַטור, און אַ קריטיקער, א מבין, האָט אַ רעכט אויסצוטייטשן און אַריינצולייגן זיינע כוונות אין די ווערק פון שרייבער. ווען ד"ר מוקדוני וואָלט, אַלזאָ, אויסגעטייטשט, גערעכט צי אומגערעכט, מיינס אַ בעלעטריסטיש בוך, וואָלט איך מיר אָפּגעווישט די ליפּן. דאָ אָבער האַנדלט זיך וועגן אַן אינפאָרמאַציע־בוך, וועגן אַ בוך, וואָס האָט דעם צוועק צו געבן ידיעות און פאַקטן. דאָ איז די קריטיק אויך אַ טייל פון דער

אינפאָרמאַציע, און אויב זי איז אַ ריכטיקע, אויב זי ווייזט־אָן אויף ריכטיקע טעותים, איז זי זייער נוצלעך פאַרן לייענער. טאָמער אָבער אַנטהאַלט זי פאַלשע אינפאָרמאַציעס, איז זי שעדלעך, און דעריבער געפין איך פאַר נויטיק צו אַנאַליזירן די טענות פון ד״ר מוקדוני און ענטפערן אויף זיי פונקט נאָך פונקט*).

ד״ר מוקדוני גיט מיר אַלע קאָמפּלימענטן פאַר זאַמלען די מאַ־טעריאַלן. ער וואָלט מיר דערפאַר — ווי ער דריקט זיך אויס — אָנ־געטאָן אַלע קרוינען, נאָר איין קרוין וואָלט ער מיר נישט אָנגעטאָן. דאָס איז די קרוין פון אַ רעדאַקטאָר. אָט פאַר דער קרוין געפינט ער בלויז צוויי קעפּ: ד״ר י. שיפּער און ד״ר י. שאַצקי. מילא, פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס ד״ר מוקדוני איז אַזוי ענגהאַרציק: אויב ער זוכט טיטולירטע, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט יידיש טעאַטער, פאַרוואָס האָט ער נישט אויסגערעכנט אויך ד״ר מיכאל ווייכערט? נאָר אויב ער האָט אינזינען פּערזאָנען, וועלכע זיינען באַהאַוונט אין דער גע־שיכטע פון יידישן טעאַטער (און דער עיקר — אין דער געשיכטע פון יידישן שוישפּילער), טאָ פאַרוואָס נישט טאַקע נח פּרילוצקי, מיט וועלכן ד״ר מוקדוני איז נישט שוה בשוה, היינט וואו איז מענדל עלקין און וואו איז טאַקע יעקב מעסטעל און אפשר אויך מאַרק שווייד?

אָבער באמת האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ מיסטיפיקאַציע: ד״ר מוקדוני וויל איינריידן, אַז דער „לעקסיקאָן״ איז עפּעס אַ כלי־קודש־בוד, אַ ארכיוו, בעת פאַר אונדז איז דער „לעקסיקאָן״ אַ לעבעדיק בוך, אַ אינפאָרמאַציע־בוך, אַ האַנטבוך. ווען ד״ר מוקדוני וואָלט איבערגעלייענט בלויז מיין הקדמה, וואָלט ער געזען, אַז איך שרייב דאָרט בפירוש: „דער „לעקסיקאָן״ איז בלויז אַ רעגיסטראַטאָר פון דער טעטיקייט פון די פּערזאָנען, וועמענס ביאָגראַפיעס ער ברענגט, אָבער ער גיט נישט קיין קריטישן אַנאַליז וועגן זייער טעטיקייט״. ווייטער שרייב איך: „אַלס ערשטלינג אויף דעם געביט זיינען זיכער פאַראַן חסרונות, באַזונדערס אין דאַטן. אַלע צוגעשיקטע הגהות און באַמערקונגען וועלן מיט דאַנק אָנגענומען ווערן . . . נאַטירלעך איז נישט אויסגעשעפּט די גאַנצע ביבליאָגראַפיע. כמעט קיינער פון די באַטרעפנדע האָט נישט פאַרמאָגט די אַרטיקלען, וואָס זיינען וועגן אים

*) מיין ענטפער האָט די רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל״ זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן.

געדרוקט געוואָרן״, און דער מיטרעדאַקטאָר פון „טעאַטער־לעקסיקאָן״ יעקב מעסטעל שרייבט אין זיין הקדמה: „אין באַוואוסטזיין, אַז ביי דער גאַנצער אָנשטרענגונג און בעסטע כוונות, איז מסתמא דאָך נישט דערגרייכט געוואָרן אַלץ, וואָס עס פאָדערט אַזאַ שווערע און פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט — האַלטן מיר, אַז דער וויכטיקסטער אויפטו פון דעם בוך איז: דאָס זאַמלען פון די מאַטעריאַלן און זיי צענטראַלי־זירן אין איין אויסגאַבע.״

אַט דאָס איז די אויפגאַבע פון „לעקסיקאָן״, און אַז די אויפ־גאַבע איז דערפילט געוואָרן על צד היותר טוב, נעם איך מיר פאַר אַן עדות טאַקע דעם ד״ר מוקדוני, וועלכער שרייבט אין זיין אויבנ־דערמאָנטער קריטיק: „דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך פריער, איידער איך האָב געזען דעם „לעקסיקאָן״, געגלויבט, אַז עס איז אַן איינפאַכע אַרבעט, אַן אַרבעט פון רעגיסטרירן, און אַזאַ אַרבעט וועט זלמן זילבערצוויַיג, מיט דער הילף פון אַזאַ געבילדעטן שוישפּילער און באַגאַבטן שריפטשטעלער ווי יעקב מעסטעל, מאַכן גענוג גוט״.

יאָ, ד״ר מוקדוני, דאָס האָבן מיר געוואָלט מאַכן — נישט מער, און אַ דאַנק אייך פאַר אייער קאָמפּלימענט.

און טאָמער האָט איר צו באַמערקן טעותים אין די פאַקטן אָדער דאַטן, אדרבא, טוט עס, אַלע אויסבעסערונגען וועלן גערן געמאַכט ווערן אין די ווייטערדיקע בענדער.

און איצט לאָמיר זען די דעטאַלע פאַרוואורפן.

1) ס'איז כמעט נישטאָ קיין ביבליאָגראַפיע פון פאַר דער מלחמה.

דאָס איז נישט אמת. עס איז פאַראַן דער גרעסטער טייל, ממש, כמעט אַלץ וואָס עס איז געשריבן געוואָרן ממשות'דיק פאַר דער מלחמה. ערשטנס, האָט מען טאַקע ביז מיט פופצן יאָר צוריק זייער ווייניק געשריבן וועגן יידישן טעאַטער. די טעאַטער־זייטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע זיינען איינגעפירט געוואָרן ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. אַלע ספּעציעלע יידישע טעאַטער־צייטונגען זיינען דערשינען נאָך דער מלחמה. די מעמוארן פון בינע אַבראַמאָוויטש, יוליוס אַדלער, יעקב פּ. אַדלער, לעאָן בלאַנק, באָריס טאָמאַשעפסקי, בעסי טאָמאַשעפסקי, אהרן לאַגער, מ. מיאַדאָווניק, אברהם פישזאָן,

בערטאַ קאַליש, דוד קעסלער, אסתר רחל קאַמינסקאַ און אַנדערע, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נישט פריער ווי 1917, און זיי ווערן אַלע ציטירט אין „לעקסיקאָן". אַט די אַלע מעמוארן און דאָס אַרכיוו־בוך פון „ייוואָ" זיינען דאָך אַ רעפלעקס פון יידישן טעאַטער ביז צו דער מלחמה. און וועז האָבן ד"ר שיפּער, ד"ר שאַצקי און ד"ר ווייכערט אָנגעהויבן שרייבן וועגן יידישן טעאַטער? — נישט אין די לעצטע צען־פופצן יאָר? ביז פאַר דער מלחמה זיינען וועגן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע געווען אַלגעמיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבן נישט קיין שייכות צו ביאָגראַפישע דאַטן, אָדער זעלטן ווען עס איז געווען געדרוקט אַ רעצענזיע וועגן אַ פּיעסע, און אויב יאָ, איז זי טאַקע פאַרנאָטירט אין „לעקסיקאָן". אין אייראָפּע האָבן ביז צו דער מלחמה געשריבן וועגן יידישן טעאַטער אייניקע יידישע שרייבער, נו, ביי בעל־מחשבות, יעקב דינעזאָן און א. ווייטער איז געננוי פאַרנאָטירט זייער טעאַטראַליע, די אַנדערע דאַרפן אַריינקומען ערשט אין די ווייטערדיקע בענדער. צוויי שרייבער, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דעם פאַר מלחמה'דיקן יידישן טעאַטער אין אייראָפּע, זיינען נח פּרילוצקי און ד"ר מוקדוני. דער ערשטער האָט זיינע אַר־טיקלען געזאַמלט אין אַ בוך, און אַלע אַרבעטן פון דעם בוך זיינען אין „לעקסיקאָן" פאַררעגיסטרירט. ד"ר מוקדוני האָט געמאַכט אַ שטריך אויף אַלע זיינע פאַר־מלחמה'דיקע אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער. עפּעס האַרמאָנירן זיי נישט מיט זיינע איצטיקע אַרטיקלען און ער האָט קיין איינעם פון זיי אין זיין בוך נישט אַריינגענומען. איך האָב זיך עטלעכע מאָל געווענדעט צו אים פּריוואַט, אַז ער זאָל מיר געבן די דאָזיקע אַרטיקלען. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט זיי נישט. טאָ פון וואַנען זאָל איך זיי נעמען?

און איצט לאָמיר זען וואָס עס הערט זיך טאַקע אין „טעאַטער־לעקסיקאָן": אין די ביאָגראַפיעס פון סאַפיע אַבערלענדער (זייט 2), מענדל אַבראַמאָוויטש (זייט 7), יעקב פּ. אַדלער (27), מאַקס אוורא־מאָוויטש (39), באַרים אַלטמאַן (62), שלום אַש (110), בערל באַטוויניק (120), ישראל באַרסקי (130), יעקב בילדער (161) און לואיס בירנבוים (זייט 163) איז פאַרצייכנט ביבליאָגראַפיע ביז צו דער מלחמה־צייט. און וויפיל איז ווערט די רעגיסטראַציע פון 22 ביבליאָגראַפיע־נומערן פון די יאָרן 1888 ביז 1914 אין דער גאָלד־פאַדען־ביבליאָגראַפיע און 22 דורכגעלאָזטע ביבליאָגראַפיעס אין ד"ר

שאַצקים ביבליאָגראַפיע־רעגיסטער. דאָס זעלבע בנוגע 80 ביבליאָ־גראַפיע־נומערן פון די יאָרן 1891 ביז 1913 אין יעקב גאָרדינס ביאָ־גראַפיע, אַזוי אויך 9 ביבליאָגראַפיע־נומערן פון די יאָרן 1887 ביז 1910 אין „פּראָפעסאָר" הורוויצס ביאָגראַפיע, און 8 רוסישע און פּוילישע רעצענזיעס ביז צו דער מלחמה אין יעקב וואַקסמאַנס ביאָ־גראַפיע.

און וואָס איז מכח די מינדלעכע און שריפטלעכע ענטפערס פון די עלטערע אַקטיאָרן. זיינען זיי נישט אין אַ געוויסן זין ביבליאָ־גראַפיע?

און דאָן וואָס איז עפּעס מיט ב. גאָרינס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער"? איז זי נישט אַ קאָלעקטיוו פון דער גאַנצער יידישער טע־אַטער־טעטיקייט ביז צו דער מלחמה און ווערט זי נישט רעגיסטרירט כמעט ביי יעדער צווייטער ביאָגראַפיע? איז נישט פּראַקטישער אָפּ־צושיקן אַ לייענער צו אַ בוך, וועלכעס ער קאָן באַקומען, ווי צו צייט־טונגען, וועלכע זיינען אַפילו אין עפנטלעכע ביבליאָטעקן נישטאָ? און וואָס איז מיט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן"? ער ווערט דאָך פאַר־צייכנט ביי יעדן דראַמאַטורג. זאָל איך נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן די זעלבע ביבליאָגראַפיע וואָס ביי אים? אָט אין די אַלע פאַלן רעדט זיך דאָך וועגן יידישן טעאַטער ביז און אין אָנהויב פון דער מלחמה.

2) ד"ר מוקדוני וואַרפט מיר פאָר פאַרוואָס עס איז אין דער אַש־און־בערקאָוויטש־ביבליאָגראַפיע נישט פאַרצייכנט דער „מאָרגן־זשורנאַל". אַז דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן מיט קיין כוונה, איז ער אַליין מודה, אָבער ער זעט אין דעם אַ גרויסן פעלער. זע איך נאָך אַ גרעסערן פעלער אין דעם, וואָס ער איז נישט באַקאַנט מיט אונדזער סיסטעם. אין מיין הקדמה ווערט דייטלעך געזאָגט: „באַזונ־דערס האָב איך זיך באַמיט צו פאַרצייכענען וואָס מער ביבליאָגראַפיע ביי די דראַמאַטורגן, וועמענס פּיעסן ווערן נישט געדרוקט, כדי צו געבן אַן אַנלען־פּונקט פאַר דער יידישער דראַמאַטורגיע־פאָרשונג". ברוך השם, וואָס אַלע אַשס און בערקאָוויטשס פּיעסן זיינען געדרוקט און סיי דער פּשוט'ער לייענער, סיי דער, וועלכער וועט שטודירן די יידישע דראַמאַטורגיע, וועט זיך נישט דאַרפן שטיצן אויף דער ביב־ליאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן", און ממילא איז דאָס אומגליק נישט אַזוי גרויס. רעגיסטרירט איז נאָר געוואָרן ביבליאָגראַפיע איבער 3 אַשס

פיעסעס — „גאָט פון נקמה" צוליב אַ סקאַנדאַל, וואָס האָט בעצם קיין שייכות נישט מיטן איכות פון דער פיעסע, „ווער איז דער טאַטע?" צוליב דעם געענדערטן נאָמען און די צופּאַסונג צו דער אַמעריקאַנער יידישער בינע און די אינסצעניזאַציע פון „קדוש השם", וואָס איז נישט געדרוקט. אויב דאָ איז דורכגעלאָזט געוואָרן ד"ר מוקדונים אַן אַרטיקל, וועט ער אַריינקומען אין די „הוספות", והכל על מקומו יבוא בשלום.

3) איך האָב נישט פאַררעגיסטרירט דעם לעבעדיקנס 2 ביכער וועגן טעאַטער.

אויב עס האַנדלט זיך וועגן פאַררעגיסטרירן זיי אַלס ביכער, וועט דאָך דאָס קומען אין דער ביאָגראַפיע פון לעבעדיקן, אין לעקסיקאָן. אויב אונטער ביאָגראַפיעס פון אַנדערע, איז אַזוי — אין ערשטן פון לעבעדיקענס 2 ביכער איז נישטאָ קיין איין אַרטיקל צו רעגיסטרירן, אַלע זיינען זיי וואוילע טעאַטער-פעליעטאָנען, אָבער אַבסטראַקטע. אין צווייטן בוך זיינען יאָ פאַראַן אַ מנין אַרטיקלען, איז דאָס בוך אָבער אָנגעקומען צו שפּעט ווען עס זיינען שוין געווען אָפּגעזעצט די ביאָגראַפיעס פון די, וועלכע זיינען אַריין אין ערשטן באַנד „לעקסיקאָן". 3-2 נומערן זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן. אַלע אַנדערע ביבליאָגראַפישע נומערן דאַרפן ערשט קומען אין די ווייטערדיקע בענדער פון „לעקסיקאָן".

4) ד"ר מוקדוני לייקנט אָפּ, אַז בעל-מחשבות איז געווען זייער אַקטיוו אין דער פּרץ-ווייטער טעאַטער געזעלשאַפט, און דער-קלערט, אַז בעל-מחשבות איז בכלל קיינמאָל נישט געווען טעטיק אין וועלכער עס איז טעאַטער-געזעלשאַפט.

מילא, דאָ האָבן מיר ביידע געמאַכט אַ טעות, סיי איך און סיי ד"ר מוקדוני. אין דער פּרץ-ווייטער טעאַטער-געזעלשאַפט איז בעל-מחשבות טאַקע לחלוטין נישט געווען טעטיק, אָבער עס שטימט אויך נישט, אַז בעל-מחשבות איז בכלל נישט געווען טעטיק אין וועלכער עס איז טעאַטער-געזעלשאַפט.

אין „טעאַליט" (ניו-יאָרק 1924, 4) דערציילט עלקין, אַז בעל-מחשבות האָט אין 1918 אין פּעטערבורג (טאַקע אין דער אַנוועזנהייט פון ד"ר מוקדוני) געשריבן אַרטיקלען אין דאַרטיקן „טאָגעבלאַט"

וועגן פלאן צו שאפן א יידישן קינסטלער־טעאטער, אז ער האט זיך באטייליקט אין די פארזאמלונגען פון יידישן געזעלשאפטלעכן קלוב, אז ער האט ביי דער ערשטער פארשטעלונג געהאלטן א רעדע פון 40 מינוט און איז — לויט מענדל עלקין — געווען „דער גייסטיקער ציגל־טרעגער צום מאסקווער יידישן מלוכה־טעאטער". אויב דאס הייסט נישט זיין אקטיוו אין א יידישער טעאטער־געזעלשאפט ווייס איך שוין נישט וואס עס הייסט יא זיין אקטיוו.

בכלל האט זיך ד"ר מוקדוני אנגעכאפט אין דעם איינציקן טעות, וואס איך האב געמאכט בנוגע בעל־מחשבות און באמיט זיך דערוויי אפצורעכענען מיט בעל־מחשבות'ן און ארויסשטעלן אים ווי א ליב־האבער פון שונד־טעאטער.

וויל איך דא פעסטשטעלן, אז בעל־מחשבות האט אבסאלוט גע־שטרעבט און געקעמפט פאר א בעסער יידיש טעאטער. ער האט נאר נישט מסכים געווען מיט ד"ר מוקדוני און אנדערע וועגן דעם אופן ווי אזוי צו גרינדן אזא טעאטער. א פנים, אז ער איז געווען אינפאר־מירט וועגן די פערזענלעכע אינטריגעס, וואס זיינען געפירט געווארן קעגן דעם דאמאלדיקן איינציקן בעסערן יידישן טעאטער — „די פרץ הירשביין טרופע".

איבריגנס, ווען ד"ר מוקדוני וואלט באמת געלייענט דעם „לעק־סיקאן" און זיך נישט געפוילט איבערצומישן דאס זייטל 190, וואלט ער אויף זייט 191 געפונען פאלגנדע מיינונג פון בעל־מחשבות: „וויל מען אבער פארט באשאפן א צווייטן טיפ פון א יידישן טעאטער — דארף מען נישט זוכן צו ענדערן דעם רעפערטואר אין א יידישן פאלקס־טעאטער, נאר מען מוז זיך שאפן א „בימה לעצמו". און אין זיינע ארטיקלען אין דער ווילנער „די אידישע וועלט" (מערץ־אפריל, 1913) שרייבט בעל־מחשבות בפירוש: „דערלויב איך מיר נאכאמאל איבערצוחזרין, אז נישט פון דעם פאלקס טעאטער קאן קומען די ישועה פאר דער יידישער אינטעליגענץ בנוגע צו א יידישער טעאטער־קונסט, נאר פון אונדזערע אייגענע קרעפטן, וואס וועלן פרובן שאפן עפעס נייעס, און נישט פרובן רעפארמירן א זאך, וואס פארלאנגט בטבע נישט די רעפארמע, וואס די אינטעליגענץ שלאגט איר פאר".

מאכן דעם אנשטעל, אז בעל־מחשבות האט געקעמפט קעגן בעס־ערן יידישן טעאטער איז א היסטארישע עולה, און דאס טוט ד"ר מוקדוני.

5) ד"ר מוקדוני ווארפט מיר פאר, אז איך דארף ווענן די לע־בעדיקע אקטיארן אויך שרייבן אפשאצונגען. וואלט איך אים געוואלט אפשיקן צו זיינעם אן ארטיקל „כבודים", אין וועלכן ער האט פאר־געווארפן זלמן רייזענען, פארוואס ער גיט אדיעקטיוון און מיינונגען ווענן די לעבעדיקע שרייבער.

ביי אזא צעשוואומענקייט אין ד"ר מוקדונים מיינונגען וויל איך מיך שוין בעסער האלטן אן זיין ערשטער מיינונג.

6) ד"ר מוקדוני ווארפט מיר פאר, אז דערפון וואס עס זיינען אין ערשטן באנד נישט אריין 90 ביאגראפיעס, וועמענס נעמען ווערן אנגעגעבן אין מיין הקדמה, באווייזט דאס אויף א נישט־סיטעמאטי־זירטער ארבעט.

וואו איז לאגיק? דאכט זיך, אז פונקט פארקערט. איך האב ווענן יעדן פון די 90 געהאט געוויסע דאטן, אבער איך האב בעסער דערווייל נישט געבראכט זייערע ביאגראפיעס און נאר פארצייכנט זייערע נעמען מיט א בקשה, אז די באטרעפנדע אדער זייערע קרובים זאלן צושיקן מער אינפארמאציעס כדי די ביאגראפיעס אין דער הוספה זאלן זיין פולשטענדיקע. איז דאס סיסטעמלאזקייט?

7) ד"ר מוקדוני ווארפט מיר פאר, וואס איך האב אנגעגעבן אין „לעקסיקאן" די נעמען פון די אקטיארן, וואס האבן געגעבן געלט פארן „לעקסיקאן". און כדי צו מאכן דעם ענין נאך שטארקער, גיט ער א ווארף אריין א פראזע: „אין קיין שפראך און ביי קיין פאלק האב איך עס נישט געזען".

וויל איך קודם כל דעם זייער געערטן ד"ר מוקדוני אינפארמירן, אז פון די 80 נעמען, וועלכע זיינען אויסגערעכנט צווישן די מנדבים, וואס האבן מעגלעך געמאכט דאס דערשיינען פון בוך, זיינען פאראן 32 נעמען פון פריוואט־פערזאנען, ד. ה. כמעט א העלפט.

והשנית, איז עס א גרויסע עולה ווען א מענטש, וועלכער ווייסט די שווערע באדינגונגען פון ארויסגעבן א ווערק, וואס דארף און מוז קאסטן אזויפיל געלט און ווייסט, אז עס איז אין דער גאנצער יידישער גאס נישטא קיין איין פארלאג אדער אינסטיטוציע, וואס וואלט מעגלעך געמאכט דאס דערשיינען פון „לעקסיקאן", אחוץ טאקע דאס הייפעלע

פון פריוואַט־פּערזאָנען און אַקטיאָרן, און ווייל זיי נישט געבן די פאַר־דינטע אנערקענונג.

צו וואָס זיך שפּילן אין פּראַזן וועגן קולטור? ווער האָט מער אויפגעטאָן פאַר קולטור — די בטלנים, וועלכע שמועסן וועגן דעם און קויפן נישט קיין יידיש ביכל פאַר 25 סענט, אָדער די, וועלכע האָבן געגעבן זייערע נדבות און דערפאַר פאַר קיין האָר נישט באַלוינט געוואָרן אין טעקסט פון זייערע ביאָגראַפיעס. קומט אפילו נישט צו דערמאָנען די נעמען פון די מנדבים?

ווידער וועגן ד"ר מוקדונים פּראַזע מוז איך נאָר באַדויערן, וואָס ער לייענט, אַפּנים, לעצטנס זייער ווייניק ביכער, און טאַקע וויכטיקע ביכער. ווען נישט וואָלט ער געוואוסט, אַז אויפן שער־בלאַט פון ווערט־פּולן שלום־עליכם־בוך שטייט בפירוש: „מיט דער פינאַנציעלער מיט־ווירקונג פון מאָריס וויינבערג", אין האַרקאַווים יידיש־ענגליש־ווערטער־בוך איז צוגעגעבן אַ ליסטע פון אַלע אַבאָנענטן. אין ייוואָ־בוך „אַרכיוו פון יידישן טעאַטער" זיינען אָנגעגעבן די נעמען פון די מנדבים, און אפילו The Jewish Encyclopedia האָט אַ ליסטע פון 36 זייטן פון אַבאָ־נענטן.

8) ד"ר מוקדוני וואַרפט מיר פאָר, פאַרוואָס ר. גוסקין, דער מע־נעדזשער פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, האָט געשריבן איינעם פון די פאָרווערטער, פאַרוואָס ער איז דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „לעק־סיקאָן" און פאַרוואָס דער „לעקסיקאָן" איז דערשינען אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן.

איז אַזוי: ערשטענס, פאַרוואָס האָט ד"ר מוקדוני נישט איבער־געלייענט וואָס מר. גוסקין האָט געשריבן. איז זיין פאָרוואָרט מער ווי אַ דערקלערונג מצד דעם פאַרלאַג? און דערצו איז ער דאָך פולשטענדיק באַרעכטיקט אַלס פאָרשטייער פון דער יוניע, וואָס האָט דעם בוך אַרויס־געגעבן אונטער איר השגחה. בנוגע צו זיין דער ערשטער רעדאַקטאָר איז עס פּשוט אַ בייזוויליקע אויסטייטשונג מצד ד"ר מוקדוני. מר. גוסקין האָט עס קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט און איז עס קיינמאָל נישט געווען. גוסקינס נאָמען אַלס ערשטער אין רעדאַקציע־קאָלעגיום קומט פּשוט דערפון, ווייל דאָס קאָלעגיום איז אויסגעשטעלט לויטן א"ב. דאָס קאָן יעדער זען, אַחוץ ד"ר מוקדוני, וועלכער וויל עס נישט זען.

ווידער וועגן דער טענה פאַרוואָס די אַקטיאָרן־יוניע האָט דעם

בוך אַרויסגעגעבן אונטער איר השגחה, וואָלט ד״ר מוקדוני געדאַרפט איבערלייענען זיינע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט אַטאַקירט די יוניע, פאַרוואָס זי טוט נישט קיין קולטורעלע טעטיקייט, און וואָס איז נאָך אַזוי פּאַסיק און נאָענט דער אַקטיאָרן־יוניע ווי מיטצוהעלפן דורך איר פּרעסטיזש אַרויסצוגעבן אַ יידישן „טעאַטער־לעקסיקאָן״, און ווי לאַנג איז עס ווי דער זעלבער ד״ר מוקדוני איז געקומען צו דער אַקטיאָרן־יוניע און פאַרגעלייגט, אַז זי זאָל אונטער זיין רעדאַקציע און אונטער איר השגחה אַרויסגעבן אַ טעאַטער־זשורנאַל ?

זייער געערטער ד״ר מוקדוני: כדי צו שרייבן אַ קריטיק איבערן „לעקסיקאָן״ דאַרף מען אחוץ אַ בייסיקע פעדער אויך האָבן אַ גוטן זכרון, און דער עיקר פריער איבערלייענען דעם „לעקסיקאָן״.

„שיקאַגאָ״, שיקאַגאָ, יוני 1931.

דער טעאַטער־לעקסיקאָן

פון ד״ר א. מוקדוני

לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, צווייטער באַנד, רעדאַקטירט פון זלמן זילבערצווייג ביי דער נאָענטער מיטאַרבעט פון י. מעסטעל, וואַרשע, 1934.

האָבן מיר שוין דעם צווייטן באַנד פון דעם טעאַטער־לעקסיקאָן.

דער צווייטער באַנד באַווייזט קלאָר, אַז מען האָט זיך געקאָנט באַגיין לכתחילה מיט צוויי בענדער, מען האָט באַדאַרפט זיין אַביסל שפּאָרעוודיקער, קאָנצענטרירטער און נישט אַריינגעמען „כל הנערים״ אין לעקסיקאָן.

איר זעט אין צווייטן באַנד ווי מען שטרענגט זיך אָן ממש צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ דריטן באַנד. איר האָט דאָ אַן איבריקן שפע פון נעמען, איר האָט אַן אָנגעשרויפטע מזל־ברכה פון טעאַטער־שעפּער און איר האָט דאָ אַן אָנגעבלאָזענע טעאַטער־עשירות.

מען איז דאָ צו רחבות'דיק אין פּלאַץ. ביבליאָגראַפיע ווערט דאָ אָנגעגעבן מיט גרויסע אותיות און מיט אַ זייער שיטערן זאַץ און אין טעקסט איז מען אָפּט צו באַרעדעוודיק.

דער צווייטער באַנד לײַדט שטאַרק פון דעם מעטאָד, וואָס די רעדאַקטאָרן האָבן איינגעשטעלט און נעמלעך — ניט געבן קיין אָפּשאַצונג פון לעבעדיקע שוישפּילער, דראַמאַטורגן, קריטיקער און אַנדערע וואָס האָבן אַ שייכות צום טעאַטער.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן מעטאָד דערוויסט מען זיך וועגן אַ לעבע־דיקן שוישפּילער אָדער דראַמאַטורג, אָפּט בלויז די זייער איבעראַ־שענדע ידיעה, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן.

אפשר איז דער מעטאָד אַ פּראַקטישער, אפשר האָבן מיר דעם צווייטן באַנד און וועלן איה"ש האָבן אויך דעם דריטן באַנד אַ דאַנק דעם דאָזיקן מעטאָד.

וואָרום גאָט אַליין ווייסט וואָס עס וואָלט געשען ווען איין אַק־טיאָר וואָלט באַקומען אַ קלענערע עליה פון אַן אַנדערן.

יאָ, מעגלעך, אַז עס איז פּראַקטיש, אָבער מיר דערוויסן זיך זייער ווייניג וועגן שוישפּילער און וועגן דראַמאַטורגן אַ דאַנק דעם דאָזיקן זייער קלוגן און זייער פּראַקטישן מעטאָד.

וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם וואָס איך ווייס אין וועלכן יאָר דער, אָדער יענער שוישפּילער איז געבאָרן געוואָרן, אין וועלכן טעאַטער ער האָט געשפּילט דעם, אָדער יענעם יאָר, ווען איך ווייס ניט דעם עיקר וואָס פאַר אַ מין שוישפּילער ער איז, ווער און וואָס איז ער ווי אַ קינסטלער.

אויב אָפּשאַצונגען זיינען געפערלעך פאַר אַ לעקסיקאָן, וואָס דערשיינט הויפּטזעכלעך מיט דער הילף פון די שוישפּילער גופא, האָט מען, לכל הפחות, באַדאַרפט כאָטש געבן אַ קורצע כאַראַקטע־ריסטיק פון יעדן שוישפּילער, דראַמאַטורג, קריטיקער, א. אַ. וו.

אָט, למשל, לייען איך אַ גאַנץ לאַנגען אַרטיקל וועגן וויליאַם סיגעל און וועגן ה. לייוויק; אין טעקסט ווערן ביידע ניט כאַראַקטע־ריזירט, וועגן ביידע ווערן אָפּגעגעבן אָביעקטיווע ידיעות וועגן זייערע פּיעסן.

איז אַ נס וואָס איך ווייס ווער איז וויליאַם סיגעל און ווער איז, להבדיל, ה. לייוויק. ווען איך ווייס עס ניט, וואָלט סיגעל געווען גרע־סער און וויכטיקער אין מיינע אויגן לויט דעם פּלאַץ, וואָס ער פאַר־

נעמט און לויט דער גרויסער ביבליאָגראַפיע וואָס שלעפּט זיך נאָך ווי אַ לאַנגער עק.

אַט לייען איך וועגן אַן אַקטיאָר מיכאָעלס אין מאָסקווע, דער־ווייס איך זיך ראשית, אַז ער איז געבוירן געוואָרן, דאָס איז זיכער, אַז ער האָט געשפּילט אין יידישן קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע, אַז ער האָט איבערגענומען די פירונג פון דעם דערמאָנטן טעאַטער נאָך גראַנאָווסקין, אָבער וואָס פאַר אַ שוישפּילער איז דער דאָזיקער מי־כאָעלס, וואָס האָט ער צוגעטראָגן צו דער יידישער שוישפּיל־קונסט, וואָס האָט ער מחדש געווען, וואָס פאַר אַ ראָלן שפּילט ער און וועלכע ראָלן זיינען די איינגעגעבנסטע ביי אים — דאָס ווייס איך ניט.

און דאָס נעמלעכע וועגן אברהם מאָרעווסקי, און אַ סך, אַ סך אַנדערע.

דאָס נעמלעכע אפילו וועגן טעאַטער־אינסטיטוציעס. אַט איז דאָ אַן אַרטיקל וועגן דעם דערמאָנטן יידישן קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע, האָט איר דאָרט אַ היבש ביסל ידיעות וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער, אָבער וואָס פאַר אַ מין טעאַטער ער איז געווען ווייסט איר ניט.

אמת פאַר געוויסע שוישפּילער, דראַמאַטורגן און טעאַטער־אינ־סטיטוציעס ווערן געמאַכט אויסנאַמען, דער לעבעדיקער באַרים טאָמאַ־שעווסקי, למשל, ווערט גאַנץ ברייט כאַראַקטעריזירט דורך ציטאַטן פון קריטיקער, און זכרונות־שרייבער, באַקומט איר טאַקע אַ קלאָר בילד וועגן טאָמאַשעווסקין ווי אַ שוישפּילער, ווי אַ טעאַטער־דירעקטאָר און ווי אַ פּיעסן־שרייבער.

טאָמאַשעווסקי איז דער איינציקער לעבעדיקער, וואָס האָט זוכה צום כבוד פון אַ טויטן אין דעם לעקסיקאָן.

די טויטע שוישפּילער באַקומען אין לעקסיקאָן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

דאָס איז יידישלעך.

די גרעסערע אַרבעטן וועגן מאָגולעסקאָ, ליפּצין און אַנדערע זיי־נען גוט געשריבן און האָבן אַ תהום פון ידיעות, אמת, נישט אַלעמאָל וויכטיקע און ניט אַלע מאָל גיבן זיי עפּעס צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די פאַרשטאָרבענע שוישפּילער.

איך האַלט, אַז פאַר אַ טעאַטער־לעקסיקאָן איז לעבעדיוו אַ סך

מער וויכטיק ווי וויליאַם סיגעל, פאַרנעמט וויליאַם סיגעל גאַנצע זיבן זייטן און לעבעדיעוו בלויז איין זייט.

אין דעם טעאַטער־לעקסיקאָן זיינען אריינגעפאַלן ביאָגראַפיעס פון שרייבער, וואָס געהערן אינגאַנצן אין רייזינס לעקסיקאָן פון יידי־שער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע.

אַזוי, למשל, ווערט אין לואיס מילערס ביאָגראַפיע דערציילט גאַנץ אויספירלעך וואָס פאַר אַן עדיטאָריעל־שרייבער ער איז געווען, וואָס פאַרשידענע קאָלעגן האָבן וועגן אים געזאָגט ווי וועגן אַ לייט־אַרטיקל־שרייבער.

דאָס אַליץ געהערט אין אַ לעקסיקאָן וועגן ליטעראַטור און נישט אין אַ לעקסיקאָן פון טעאַטער.

פאַר אַן איבריקן באַלאַסט פאַרן לעקסיקאָן האַלט איך די ביאָ־גראַפיעס פון פערטל שוישפּילער, פון פערטל דראַמאַטורגן און פון פערטל טעאַטער־טוער. ביי דעם מעטאָד צו געבן בלויז די אָביעק־טיוווסטע ידיעות איז עס זיכער אַ באַלאַסט, ווייל איר דערוויסט זיך פאַקטיש וועגן זיי גאָרנישט.

איך האָב באַגעגנט אין לעקסיקאָן נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן נישט די מינדסטע שייכות צום טעאַטער, אָבער היות ווי עס איז נישטאָ קיין ייד, וואָס האָלט אַ פעדער אין האַנט, וואָס זאָל נישט האָבן אַמאָל איבערזעצט אַ פיעסע, אָדער אָנגעשריבן אַ רעצענזיע, שווובלט און גריבלט עס אין לעקסיקאָן מיט אַזעלכע טעאַטער־מענטשן.

וועגן דער ביבליאָגראַפיע אין לעקסיקאָן איז דאָ צופיל צו רעדן, ראשית איז זי צופעליק, וועגן איינעם איז אָנגעגעבן ממש אַ ים מיט ביבליאָגראַפיע, אַ סך פשוט'ע נאָטיצן, צייטונגס־כראָניק און צייטונגס־נייעס קומען אריין אין דער ביבליאָגראַפיע, וועגן צווייטן איז דורכגעלאָזן געוואָרן גרעסערע אָפּהאַנדלונגען און אויספירלעכע אָפּ־שאַצונגען.

איך האָב עס פעסטגעשטעלט טאַקע בנוגע מיינע אַרטיקלען וועגן דראַמאַטורגן און שוישפּילער. וועגן איינעם איז נישט אָנגעגעבן מיינע גרעסערע אַרבעטן, אַט איז, למשל, נישט אָנגעגעבן אין ד״ר שלמה עטינגערס ביאָגראַפיע, מיין ביאָגראַפיע, וואָס איז געדרוקט אין „פנקס״ אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע, מיין ביאָגראַפיע איז די ער־

שטע אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון ד"ר עטינגער, אָבער אַ קליינע נאָטיץ מײַנע װעגן אַ שױשפּילער, איז גראָד יאָ דאָ.

גרױים שאָדן האָט געבראַכט דעם לעקסיקאָן, דער צװייטער רע־דאַקטאָר, יעקב מעסטעל.

איך האָב דאָ אין לעקסיקאָן אַנטדעקט, אַז ער שרײַבט גרײַזיק, אומגעלומפּערט יידיש און אַז ער מאַכט סתם גראָבע טעות'ן.

עס איז כּדאַי אָפּצושטעלן זיך אויף מעסטעלס מיטאַרבעט אין לעקסיקאָן, אַביסל לענגער, װײַל ער איז שױן, אַ דאַנק אונדזער עם־הארצות אין טעאַטער־ענינים אַ גאַנצער פּוסק.

אָט האָט איר אַ זאַץ אין דער ביאָגראַפיע פון לאַטײַנער: „אָבער ניט קענענדיק דערציען קיין פּרנסה פון יידישן טעאַטער"; אין זײַן אייגענער ביאָגראַפיע שרײַבט ער: „דורכגעדרונגען מיט יידישיס־טישע שטרעמונגען פון יענער צײַט", מיט שטרעמונגען װערט מען פאַרכאַפּט און ניט דורכגעדרונגען, דורכגעדרונגען װערט מען מיט אַ אידעאַל, מיט אַן אידעע.

אָט שרײַבט ער אין סניעגאָװס ביאָגראַפיע: „ער איז אויס־געװיזן געװאָרן פון אוניװערזיטעט". פון אַן אוניװערזיטעט װערט מען אויסגעשלאָסן און נישט אויסגעװיזן. עס איז אַ פּשוט'ער כּלל, װאו מען נעמט אײַנעם אַרײַן, װערט ער פון דאָרט אויסגעשלאָסן. מען נעמט אײַנעם אַרײַן אין אַ פּאַרטײַ, װערט ער אויסגעשלאָסן, מען נעמט אײַנעם אַרײַן אין אוניװערזיטעט, װערט ער אויסגעשלאָסן. אויסגעװיזן װערט אײַנער פון אַ שטאָט דורך דער פּאָליציי.

אין נאַכבושעס ביאָגראַפיע: „בעת'ן שפּילן שלום עליכם'ס „צעזייט און צעשפּרייט", האָט ער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַרטיקער פּרעסע", דאָס איז געשריבן מיט דער קני, פּעלער־האַפּט און אומגעלומפּערט.

אין משה נאַדירס ביאָגראַפיע: „זײַן נאָענטקייט צום טעאַטער האָט ער אויסגעדריקט אין די פילע טעאַטער־אַרטיקלען און רעצענזיעס אין װעלכע ער האָט ניט געשװינט דעם שונד" א. אַ. דאָרט — „זײַן פּאָפּולאַריטעט דאַטירט".

אַזױ שרײַבן אַכט־יעריקע קינדער.

אין סאַנדלערס ביאָגראַפיע: „אָבער ניט אײַנזעענדיק קיין פּאַ־סיקע געלעגנהייט דאָרט צו אַרבעטן".

אין משה סימאָנאָפס ביאָגראַפיע: „ניט קענענדיק זיך מער געפינען אין דער היימישער סביבה".

אין לואי מילערס ביאָגראַפיע: „צוליב געהערן צו אַ רעוואָלו־ציאָנערער פּאַרטיי".

אין די הונדערטע ממש זיינען דאָ אַזעלכע שטאַמלדיקע, אַזעלכע גרייזיקע און אַזעלכע אומגעלומפּערטע זאַצן.

היינט מאַכט ער סתם גראָבע, עם־הארצות'דיקע טעות'ן: ער דערציילט, אַז סניעגאָוו האָט געשפּילט מיט ערפּאָלג „טשאַצקי" אין אַסטראָווסקיס „גאָרע אָט אומאַ". איינער, וואָס ווייסט נישט, אַז „גאָרע אָט אומאַ" האָט געשריבן גריבאָיעדאָוו און נישט אַסטראָווסקי, איינער וואָס קען פאַרבייטן צוויי קלאַסיקער, וואָס זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע ליטעראַריש, ווי הימל איז ווייט פון דער ערד, טאָר ניט זיין קיין רעדאַקטאָר פון אַ לעקסיקאָן.

איצט וועגן אַן אַנדער שטיק „וויסנשאַפט", דאָ ווייס איך שוין נישט ווער פון די צוויי רעדאַקטאָרן האָט דאָ אַריינגעזאָגט זיין וואָרט.

עס האַנדלט זיך וועגן מיינער אַ ביאָגראַפיע פון ד"ר שלמה עטינגער; די דאָזיקע ביאָגראַפיע האָב איך געשריבן אויפן סמך פון עטינגערס אַרכיוו, וואָס איך האָב באַקומען צוטריט צו אים, אַ דאַנק עטינגערס אַ טאָכטער, אויפן סמך פון ידיעות, וואָס דער פאַרשטאָר־בענער י. ל. פּרץ, וואָס איז געווען אַ בן עיר פון ד"ר עטינגער, האָט מיר געגעבן און פון שמועסן מיט זיין טאָכטער.

אין מיין ביאָגראַפיע האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז עטינגער איז געווען אַ שטילער, ניט קיין קריגערישער משכיל, ער האָט געלעבט בשלום מיט אַלעמען און האָט נישט געשאַרפט קיין מעסערס קעגן קיינעם. איך האָב אויך געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער איז געווען אפילו אַ פרומער ייד.

איז עס קיין חידוש ניט, אַלע משכילים פון יענער צייט זיינען געווען מייסטנס בית־המדרש־יידן, שולמאַן האָט נאָך די יאַרמולקע נישט אַראָפּגענומען פון קאָפּ, וועגן דעם משכיל רייפמאַן, דערציילט י. ל. פּרץ אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט זיך נישט געוואַשן צום עסן מיט אַ געקאַרבטן קרוג, דער היסטאָריקער בערנאַרד וואַכשטיין, אַ גרויסער קענער פון דער השכלה־עפּאָכע, שטעלט פעסט, אַז דער גאַנצער קאַמף פון דער השכלה איז פאָרגעקומען אין בית־המדרש,

דער משכיל איז געקומען אין בית־המדרש דאַווענען און דאָרט האָט ער געפירט ויכוחים מיט די מורדי־אור.

אַלזאָ, וואָס די משכילים זיינען געווען שאַרף אין זייערע ספרים, אין זייערע ביכער, איז קיין סתירה נישט. מיר באַגעגנען אַפט שאַרפע שרייבער, וואָס זיינען אין לעבן ווייכע, שטילינקע און נאָכגעביקע מענטשן.

זוכן אָבער די קאָמוניסטישע וויסנשאַפטלער רעוואָלוציאָנערן, ווי מיט ליכט, אין דער יידישער געשיכטע. איז געקומען אַ רויטער פּראָ־אדם מיטן נאָמען מ. ווינער און טענה'ט, אַז איך האָב „פאַר־שמירט דעם כאַראַקטער פון עטינגערס שאַפן", עטינגער איז געווען אַ קעמפער. אַ ראיה זיינע משלים, אַ ראיה זיין „סערקעלע".

אַליין ווייס דער דאָזיקער ווינער גאָרנישט, ער האָט עס אויסגע־פונען פון עטינגערס ביכער, אַז ער איז געווען אַ פלאַם־פייערדיקער רעוואָלוציאָנער.

און איך בין נישט דער איינציקער, וואָס האָט עס אויסגעפונען וועגן עטינגערן. אַלכסנדר צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", וואָס האָט געקענט פּערזענלעך עטינגערן, דערציילט אויך, אַז עטינ־גער איז געבליבן אַ שטילער, בנעימות'דיקער און פרומער ייד.

איך האָב צעדערבוימס אַרטיקל נישט געהאַט פאַר זיך, ווען איך האָב געשריבן די ביאָגראַפיע פון עטינגערן. איך האָב זיך פשוט צו־נויפגעטראָפן, ווייל עס איז פשוט אמת.

ברענגט מען אין לעקסיקאָן די מיינונג פון דעם רויטן פּראָ־אדם ווי „להיפך צו מיין כאַראַקטעריזירן עטינגערן".

אגב האָט ד"ר מ. וויינריך אויסגעפונען, אַז נאָך דער לויה פון עטינגערן, איז געגאַנגען דער גאַנצער בית־דין פון זאַמאָשץ. נאָך אַ לויה פון אַ קריגערישן אפיקורס און רעבעל ווי ווינער וויל זען עטינגערן, וואָלט דער גאַנצער בית־דין ניט געגאַנגען.

עס וואָלט געווען גלייכער, אַז אין אַזאַ פּאָפּולערן לעקסיקאָן זאָל מען זיך נישט אַריינלאָזן אין פאַרשערישע ויכוחים.

מען האָט געדאַרפט זיין אַביסל פאַרזיכטיקער אין אָנגעבן די יאָרן פון אַ שוישפּילער אָדער אַ דראַמאַטורג, דאָ קענען אַרויסקומען זייער טשיקאַווע קוריאָזן. אָט איז, למשל, אָנגעגעבן ווי דאָס געבורט־יאָר פון ב. טאָמאַשעווסקי 1886, קומט אָבער אַרויס, אַז ווען ער איז

אַלט געווען אַ יאָר, איז ער שוין געשטאַנען בראָש פון אַ טרופּע; זיין פרוי, בעסי טאָמאַשעווסקי, דערציילט אַז אין יאָר 1887, איז באָריס טאָמאַשעווסקי געקומען מיט זיין טרופּע קיין שיקאַגאָ, און לערך אין דער צייט האָט ער חתונה געהאַט מיט בעסי טאָמאַשעווסקי, איז עס אַביסל אַ צו יונגער עלטער פאַר ביידע זאַכן. . . .

אָבער דאָס איז, מסתמא, אַ טעות. עס דאַרף, מסתמא, אָנגע־געבן ווערן דאָס יאָר 1864, ווי דאָס געבורט יאָר פון טאָמאַשעווסקי.

איך וואָלט אָבער בשום אופן נישט וועלן, אַז די לייענער זאָלן אַרויסטראָגן דעם איינדרוק, אַז דער לעקסיקאָן איז אין גאַנצן נישט קיין געראָטענע אונטערנעמונג. דאָס נישט. עס איז אַ בוך פון וועלכן מען קאָן שעפּן אַ סך ידיעות און פון וועלכן מען קאָן סוף כל סוף באַקומען אַ בילד פון יידישן טעאַטער איבער גאָר דער וועלט.

איך באַוואונדער די ענערגיע פון זלמן זילבערצווייג, אין אונד־זערע שווערע, פאַרן יידישן בוך יאָרן, האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי פּרעכטיקע בענדער פון לעקסיקאָן, און איך בין זיכער, אַז ער וועט אונדז גאָר אין גיכן אונטערטראָגן דעם דריטן און לעצטן באַנד.

אין די גרעסערע מאָנאָגראַפיעס פון שוישפּילער און דראַמאַטורגן ליגט אַ תהום פון גוטער אַרבעט.

אין די גרעסערע מאָנאָגראַפיעס פון שוישפּילער און דראַמאַטורגן זיינען שוין אַפילו פאַרגעסן געוואָרן פון די נוגעי בדבר אַליין. אַזוי האָב איך פאַרגעסן דעם נאָמען פון אַ סעריע אַרטיקלען געשריבן פון אַ פּייאַקן און שאַרפן שרייבער, קאַווע, וועגן מיר. אין די דאָזיקע אַרטיקלען האָט ער באַוויזן, אַז איך, אַ זשורנאַליסט, וואָס שרייבט פינף, פיר, אָדער דריי מאָל אַ וואָך, בין אַ געבוירענער פּלאַגיאַטאָר, אַנדערע שרייבן און איך טו און באַ'גנב'ע זיי.

עס איז געווען אין דער צייט פון דעם גרויסן קריג וועגן טעאַטער, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן דער פּריץ־גרופּע און דער פּרישמאַן־פּרילוצקי־גרופּע.

איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע אַרטיקלען אין מיינע זכרונות וועגן טעאַטער, אָבער איך האָב פאַרגעסן אין גאַנצן אַז זיי. קומט דעם לעקסיקאָן אַ דאַנק.

דער לעקסיקאָן איז אַ ניי בוך אין אונדזער ליטעראַטור, דער רעדאַקטאָר זלמן זילבערצווייג האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין מוס־טער, ער האָט געהאַט פאַר זיך בלויז רייזינס לעקסיקאָן, און ער האָט

זיך געלאָזן לערנען פון רייזינען, איז פון רייזינען מעג מען זיך טאַקע לערנען, אָבער אַ טעאַטער־לעקסיקאָן איז אַנדערש פון אַ לעקסיקאָן פון ליטעראַטור.

לאָמיר האָפן, אַז דער דריטער באַנד וועט זיין אינגאַנצן השלמה'דיק.

אפשר וועט זילבערצווייג קריגן אַ בעסערן שותף צו דער רעדאַק־ציע פון יעקב מעסטעל.

מען דאַרף בכלל וועגן י. מעסטעל אַרויסלאָזן אַן „ס. אָ. ס.". מען דאַרף וואָרענען אַלע אויסגאַבן אין וועלכע ער אַרבעט ווי דער טעאַטער־מלומד, אַז מען זאָל אויפמערקזאַם לייענען זיינע מאַנוסקריפּטן.

„מאָרגען זשורנאַל" ניו-יאָרק, 15 פעברואַר, 1935.

ד"ר מוקדוני, „מעיק אָפּ יור מיינד"!

(אַ קריטיקער מעג אויך אַמאָל לייענען)

פון זלמן זילבערצווייג

פאַרפאַלן, עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען אַ קריטיקער וועט אויך מוזן לייענען די ביכער, וועלכע ער רעצענזירט אָדער שרייבט וועגן זיי קריטיק. אמת, אַז די קריטיקער וועלן דעמאָלט פאַרלירן אַביסל פון זייער פּרוכטבאַרקייט, דערפאַר אָבער וועט דער שרייבער וועמענס ווערק זיי וועלן קריטיקירן, קאָנען האָבן מער צוטרוי צו די קריטיקער. לײדער איז נאָך די צייט נישט געקומען. ד"ר מוקדוני האָט זיכער נישט באַוויזן נאָך איבערצולייענען דעם צווייטן באַנד „טעאַטער־לעקסיקאָן", ווי ער האָט שוין אַרויסגעטראָגן זיין שאַרפן פּסק־דין, אַז דאָס בוך איז פון די שוואַך געראָטענע ווערק אויפן יידישן ביכער־מאַרק.

און — איך בין מודה, אַז עס איז מיר שווער צו שרייבן דעם אַרטיקל. וואָלט עס זיך געהאַנדלט וועגן סתם אַן אַרטיקל מכח ד"ר מוקדונים אופן פון קריטיקירן יידיש טעאַטער און ביכער וועגן יידישן טעאַטער אָדער וועגן זיינע פּובליציסטישע זונטאָג־אַרטיקלען, וואָלט מיר געווען אַ סך גרינגער צו שרייבן. איצט אָבער ווען איך שרייב אַן אַרטיקל וועגן ד"ר מוקדוני איז אַ ענין אין וועלכן איך בין אַזוי

בלוטיק פאַראינטערעסירט, קאָן עס אַרויסרופֿן אַ שטיקל חשד, אַז איך רעכן זיך אָפּ פאַר אַ שלעכטער קריטיק.

אויף זיין רעצענזיע איבערן ערשטן באַנד „טעאַטער־לעקסיקאָן" בין איך געווען געצוואונגען צו ענטפֿערן ד"ר מוקדוניין. ליידער בין איך געצוואונגען צו שרייבן אַן ענטפֿער אויך אויף זיין קריטיק איבערן צווייטן באַנד, און געצוואונגען בין איך דערפֿאַר ווייל איך גיי אַרויס פון שטאַנדפונקט, אַז דער „טעאַטער־לעקסיקאָן" איז נישט קיין בעלעטריסטיש ווערק, וואָס אינטערעסירט אין דער ערשטער ליניע נאָר דעם מחבר און דעם קריטיקער. דער „טעאַטער־לעקסיקאָן" איז אַן אינפאָרמאַציע־בוך, און אויב זיינע אינפאָרמאַציעס זיינען ריכטיקע, דעמאָלט טאָר קיין שום קריטיקער, מעג ער זיין דער פאַטענטירטסטער און מעג ער האָבן די פערזענלעכסטע סבות, נישט שרייבן אין זיין קריטיק זאַכן, וואָס זיינען נישט גע־שטויגן און נישט געפלויגן, און דורכדעם געבן דעם לייענער פאַלשע אינפאָרמאַציעס. ווידער, איז די אינפאָרמאַציע אין בוך נישט קיין ריכטיקע, דאַרף מען דאַנקען דעם קריטיקער פאַר אָנווייזן אויף די דאָ־זיקע אומפינקטלעכקייטן. ביים ד"ר מוקדוני, ווי איך וועל ווייטער באַווייזן, איז דער פאַל פון ערשטן מין.

ד"ר מוקדוניס קריטיק האַלט דריי קאָלומס און ווען איך וואָלט געוואָלט אים ענטפֿערן כסדר, וואָלט איך געדאַרפט פאַרנעמען אַ סך מער פלאַץ ווי ער. איך וועל זיך דעריבער נאָר אָפּשטעלן אויף זיינע וויכטיקסטע באַמערקונגען און טענות.

ד"ר מוקדוני האַלט, אַז „אין לעקסיקאָן איז פאַראַן אַ שפע פון נעמען . . . ביאָגראַפיעס פון פערטל־שוישפּילער, פון פערטל־דראַ־מאַטורגן א. אַ. וו.", קודם כל וויל איך דאָ אָנווייזן, אַז אויב ד"ר מוקדוני געדענקט נאָך דעם עלטערן דור אַקטיאָרן און דראַמאַטורגן, הייסט נאָך נישט, אַז מען דאַרף דעריבער נישט אָנערקענען די פראָ־פעסיאָנעלקייט פון יונגען דור טעאַטער־לייט. צווייטנס, פונוואַנען נעמט זיך דאָס די זיכערקייט, אַז דער היינטיקער „פערטל" וועט נישט אין די נאָענטסטע יאָרן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין יידישן טעאַטער? אָנגענומען, אַז דער „טעאַטער־לעקסיקאָן" איז אַרויס אין 1912, אין דער צייט ווען מוני וויזענפריינד (פּאָול מוני) און לודוויג זאַץ, וועלכע זיינען היינט ערשטראַנגיקע שוישפּילער, האָבן נאָך געשפּילט גאַנץ אומבאַדייטנדע ראָלן אין וואָדעוויל און סקעטשעס, האָבן זיי געדאַרפט

פאַרצייכנט ווערן אין „לעקסיקאָן" אָדער נישט? און וואָלט דער „לעקסיקאָן" דערשינען פאַר דעצעמבער 1920 און נישט פאַרצייכנט די אויפפירונג פון אַנסקים „דבוק" דורך דילעטאַנטן פון „גאָלדפאַדען־פאַראיין" אין סטאַניסלאַוואָו, וואָלט די פּאָפּולערסטע יידישע פּיעסע געבליבן אומבאַקאַנט פאַרן „לעקסיקאָן־לייענער". פאַרשטייט זיך, אַז אין „לעקסיקאָן" קאָנען נישט פאַרשריבן ווערן קיין נביאות, וואָס עס וועט זיין. אָבער געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט, וואָס דער „לעקסיקאָן" דערשיינט, מוזן יאָ פאַרצייכנט ווערן. אָבער לאָמיר נישט רעדן סתם אַבסטראַקט, נאָר נעמען אַלס מוסטער אַזאַ „פּערטל־שוישפּילער" ווי זלמן לעהרער, וועלכער וועט לויט זיינע לייסטונגען און סיי לויט זיין פּראָפעסיע (ער איז אַ שניידער) אין דער צוקונפט נישט פאַרנעמען קיין וויכטיקן פּלאַץ אַלס שוישפּילער,— איז נישט כדאי, שוין בלויז צוליב דער געשיכטע פון יידישן קונסט־טעאַטער, צו פאַרצייכענען, אַז בעת די גאַסטראָלן פון קונסט־טעאַטער איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, האָט ל. געשפּילט די ראָלן פון אַזאַ באַדייטנדן אַקטיאָר ווי איזידאָר קעשיער? דערביי דאַרף מען שטענדיק האָבן אין זין, אַז ביי אונדזערע באַדינגונגען קאָן מען נישט דערוואַרטן קיין צווייטע אויפלאַגע פון „טעאַטער־לעקסיקאָן", אַזוי אַז אַלץ וואָס וועט איצט נישט פאַרנאָטירט ווערן, וועט בלייבן פאַרשוויגן.

און צי וועגמ־אַפּ ד"ר מוקדוני דעם ווערט פון אַ שוישפּילער אָדער שרייבער מיט דער זעלבער מאָס וואָס אַן אַקטיאָר מעסט דעם באַדייט פון זיין ראָל לויט דער צאָל געשריבענע זייטלעך? אַנדערש וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז אויב וויליאַם סיגעל האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע צאָל פּיעסעם ווי לייוויק, מוז סיגעלס רשימה פאַרנעמען אַ גרעסערע צאָל שורות ווי לייוויקס רשימה. אָבער צי ווערט מיט אַט דער צאָל שורות געמאָסטן דער באַדייט פון שרייבער און פון זיינע ווערק? וואָלט ד"ר מוקדוני, ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער פאַראַנט־וואָרטלעכער קריטיקער, באמת געלייענט דעם „לעקסיקאָן" מיט זיינע הקדמות (און דעם באַדייט פון וואָרט „לעקסיקאָן" — ווערטערבוך; דאַרף דאָך דער דאָקטאָר וויסן), וואָלט ער זיכער איינגעזען, אַז קיינער פון די רעדאַקטאָרן פון „לעקסיקאָן" האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קאָמפּעטענט אַרויסצוגעבן „אַטעסטאַטן" אויף אַקטיאָרן אָדער דראַמאַטורגן, נאָר די איינציקע אויפגאַבע פון „לעקסיקאָן" איז געווען

צו פארצייכענען דאס מאטעריאל, וואס וואלט פארלוירן געגאנגען פארן קומענדן היסטאריקער פון יידישן טעאטער, דעריבער איז ביי יעדער ביאגראפיע צוגעגעבן א ווי ווייט מעגלעך אויספירלעכע ביבליא־גראפיע (און נישט מיט גרויסע אותיות און מיט א זייער שיטערן זאץ, — ווי ד״ר מ. זעט דאס, נאר בפירוש מיט פעטיט), און פון דעם וועט שוין דער היסטאריקער זיך דערוויסן „וואס פאר א מין שפילער אדער טעאטער־שרייבער" איז דער באטרעפנדער.

מיט דער פולער פאראנטווארטלעכקייט מוז איך אפלייקענען, אז פון „די ידיעות וועגן יידישן מאסקווער קאמער־טעאטער" קאן מען זיך נישט דערוויסן, וואס פאר א מין טעאטער עס איז". דאס פאר־שטארקט נאכאמאל מיין מיינונג, אז ד״ר מוקדוני האט דעם „לעקסי־קאן" נישט געלייענט, אלנפאלס נישט די געשיכטע פון מאסקווער יידישן מלוכה־טעאטער.

ס'איז אויך נישט אמת, אז פארן קומענדן טעאטער־פארשער „איז לעבעדיעוו א סך מער וויכטיק ווי וויליאם סיגעל", וועלכער באַ־הערשט יעדן סעזאן מער ווי די העלפט פון אונדזערע יידישע בינעס. לעבעדיעוו איז טאקע אן אויסגעצייכנטער אפערעטע־שפילער, אבער זיין השפעה גייט נישט ארויס פון זיינע ד' אמות, בעת פיעסעס זיינען נישט באגרענעצט מיטן ארט, וואו זיי ווערן געשריבן, און די השפעה פון סיגעלס פיעסעס איז שוין יארן־לאנג א חותם אויפן גאנג פון יידישן טעאטער.

אויך וואלט איך נישט געשוואוירן, אז ד״ר מוקדוני האט גענוי געלייענט די ביאגראפיע פון לואי מילער, ווייל אנדערש וואלט ער דאך געזען, אז דארט רעדט זיך וועגן זיינע עדיטאריעלס אלס טעאטער־שרייבער, נישט סתם אלס לייט־ארטיקלער. דער עפיזאד וועגן לואי מילערס דיקטאטארישן ווילן אויסצואיבן אויפן יידישן טעאטער זיינע מיינונגען דעמאלט ווען ער האט שוין יא אמאל געדרוקט אן אנדער מיינונג ווי אין יענעם פאל פון יואל סלאנים, איז זייער וויכטיק פאר דער יידישער טעאטער־געשיכטע, ווייל לואי מילער אין זיין צייט איז געווען א זייל פון דער יידישער זשורנאליסטיק, וואס האט געזאגט דעות איבערן יידישן טעאטער.

ד״ר מוקדוני שרייט אויך קאראאול, אז איך האב נישט אנגעגעבן אין דער ביבליאגראפיע צו עטינגערס ביאגראפיע זיין ארטיקל וועגן עטינגערן. אויב דאס וואלט געווען אמת, וואלט עס ווירקלעך

געוועז אַז עולה פאַר דער געשיכטע, ווייל ד״ר מוקדוני איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט נאָך מיט 25 יאָר צוריק געשריבן אַ גרויסן אויספירלעכן אַרטיקל וועגן עטינגערן דעם דראַמאַטורג. ווי דערציילט זיך עס אָבער אין דער באַרימטער פאָלקס־מעשה „וואָס טוט גאָט? איז עס נישט אמת״. יעדער מענטש, וועלכער האָט זיך אַמאָל אין זיין לעבן אינטערעסירט מיט ביאָגראַפיע און ביבליאָגראַפיע, ווייסט פון דעם כלל, אַז אויב עס איז שוין פאַראַן אַ קוועלע, וואו עס איז קאָנ־צענטרירט ביבליאָגראַפיע, און מען פאַררופט זיך אויף דער דאָזיקער קוועלע, דאַרף מען מער נישט נאָכאַמאָל דערמאָנען יעדן איינצלנעם ביבליאָגראַפישן נומער. אין איצטיקן פאַל איז די זאַך אַזוי: איך האָב אָנגעגעבן אַלס הויפּט־קוועלע זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״. דאָרט איז אין דער ביבליאָגראַפיע אָנגעגעבן ד״ר מוקדונים אַרטיקל, דעריבער בין איך נישט געווען מחויב נאָכ־אַמאָל צו דערמאָנען ד״ר מוקדונים אַרטיקל, סיידן ד״ר מוקדוני האַלט, אַז פאַר אים דאַרף מען מאַכן אין די געזעצן פון דער וויסנ־שאַפט ספּעציעלע אויסנאַמען.

אַלזאָ, ד״ר מוקדוני, פון איין זייט טענה'ט איר, אַז מען דאַרף שפּאָרן שורות און פון דער אַנדערער זייט פאַרלאַנגט איר איבריקע שורות, דערפאַר בעט איך אייך „מעיק אַפּ יור מיינד״.

און אַז מען רעדט שוין וועגן עטינגערן, ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר ערנסטע ווערטער וועגן אַן עניו, וועלכן איר באַהאַנדלט זייער נישט ערנסט, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַר דער פּאָזיציע, וועלכע איר פאַר־נעמט. מען קאָן האָבן פאַרשידענע מיינונגען וועגן ראַטן־פאַרבאַנד, מען מעג זיין דער אויסגעשפּראָכנסטער קעגנער פון קאָמוניזם, און, אויב איר קענט מיין פּאָליטישע אָריענטאַציע, קאָנט איר דאָך מיך נישט רעכענען פאַר קיין קאָמוניסטישן אָנהענגער, אָבער מען טאָר נישט פאַרלאַנגען פון די קאָמוניסטן טאָלעראַנץ צו די מיינונגען פון זייערע קעגנער, כסדר זיי טאַדלען, וואָס זיי האָבן עס נישט, און גלייכ־צייטיק גיין אין זייערע וועגן. מ. ווינער איז אַ קאָמוניסטישער געלער־טער. ער האָט בנוגע עטינגערן נישט געזאָגט קיין בויך־סברות. אַלץ, וואָס ער זאָגט וועגן עטינגערן, נעמט ער אַרויס פון עטינגערן גופא. ער באַווייזט עס פון עטינגערס ווערק. איר, דאָקטאָר, האָט אויפגעבויט אייער טעאָריע וועגן עטינגערן אויפן גרונט פון שמועסן מיט דריטע פּערזאָנען און פון צווייטער האַנט. וואָלט איך מיך געהאַלטן פאַרן

פּוסק אחרון אַזוי ווי איר, וואָלט איך, האָבנדיק מער צוטרוי צו עטינ־גערן גופא, געבראַכט בלויז מ. ווינערס מיינונג. אָבער אַזוי ווי איך האָב געוואָלט איבערלאָזן דעם ערנסטן לייענער אַליין אַרויסצוטראַגן זיין מיינונג, האָב איך געבראַכט אייער מיינונג וועגן עטינגערן און אוועקגעשטעלט די מיינונג פון אַ צווייטן קולטור־עסקן. אייער נישט־טאָלעראַנץ האָט אָבער אין דעם פאַל איבערגעשטיגן די גרענעצן פון ליטעראַרישער עטיק. איר דערלויבט זיך אָנצורופן אַ געלערטן, מיט וועלכן מען קאָן יאָ אָדער נישט מסכים זיין, מיט אַזאַ וואולגאַרן אויסדרוק ווי „רויטער פּרא אדם". פילט איר באמת נישט, אַז דער טאָן און אויסדרוק איז מער ווי געוואָגט ? דאָס זיינען נישט קיין „פּאַר־שערישע ויכוחים", ווי איר ווילט אָפּ'פּטר'ן די זאַך. דער מענטשלעכער מוח און דער גאַנצער מהות פון מענטש איז גאָרנישט אַזוי פּשוט, אַז עס זאָל נישט זיין אין אים קיין קעגנזאַצן און סתירות. פּרץ האָט אין איין און דער זעלבער צייט אין זיין שרייבן געהאַט פאַרשידענע סתירות אין זיין לעבנס־אויפפאַסונג. אַזוי איז די מענטשלעכע נשמה, פאַרוואָס ווילט איר נישט דערלאָזן די עווענטואַליטעט, אַז ד"ר עטינ־גער איז געווען אויך נישט מער ווי אַ מענטש און זיך געוואַקלט צווישן שטילקייט און קריגערישקייט ? מוז מען טאַקע נאָר זאָגן אָמן צו אייערע מיינונגען ?

און איצט וועגן די אויסגערעכנטע „גרייזן" : צי ווייסט איר נישט, דאָקטאָר, אַז אַן אַרבעט אין אַ „לעקסיקאָן" ווי אין אַן ענצי־קלאָפּעדיע, איז געצייכנט קודם כל מיט „ש. ע." (שריפטלעכער ענט־פער) אָדער „מ. ע" (מינדלעכער ענטפער), און דערפאַר איז אין דער ערשטער ריי פאַראַנטוואָרטלעך דער געצייכנטער. אַזוי האָט דער אַקטיאָר סניעגאָוו פעלערהאַפט אָנגעגעבן אַסטראָווסקין אַנשטאָט גרי־באָיעדעוון אַלס מחבר פון אַ געוויסער רוסישער פּיעסע. איז, ערשטנס, איז דאָס אויסגעבעסערט געוואָרן אין דעם ספּעציעל געדרוקטן תקון טעות. ד"ר מוקדוני, וועלכער האָט זיכער געהאַט אַ רעכט אויפ־מערקזאַם צו מאַכן אויפן דאָזיקן פעלער, נעמט אָבער צו ביי מיר און יעקב מעסטלען דאָס רעכט צו זיין רעדאַקטאָרן צוליבן דאָזיקן מאַ־מענטאַלן טעות. נו, ווילט זיך פרעגן דעם חשוב'ן ד"ר מוקדוני, זאָל ער, וועלכער האָט אויך געוואָלט רעדאַקטירן אַ „טעאַטער־לעקסיקאָן", זאָגן מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז ער באמת גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלע קלאַסיקער פון דער פראַנצויזישער און איטאַ־

ליענישער דראַמאַטורגיע, און צי קאָן ער פאַרזיכערן, אַז ווען ער וואָלט רעדאַקטירט דעם „טעאַטער־לעקסיקאָן", וואָלט קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן אַזאַ טעות בנוגע אַ פּרעמדן, נישט־יידישן קלאַסיקער, און אויב יאָ, צי וואָלט ער דערפאַר פאַרלוירן דאָס רעכט צו רעדאַק־טירן דעם „טעאַטער־לעקסיקאָן"?

און אַז אַלע יידישע טעאַטער־קריטיק־שרייבער האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן און נישט געוואוסט, אַז ליאָן פויכטוואַנגער האָט אַליין גע־שריבן אַן אָריגינעלע פּיעסע „יוד זיס", דאַרף מען דערפאַר ביי זיי צונעמען זייערע לעגיטימאַציעס אַלס קריטיקער?

די אַנדערע קלענערע פאַרוואורפן זיינען וועגן סטיל־לאָגיקייט און שלעכטער עברי. וועגן דעם לאָזט זיך האָבן פאַרשידענע מיינונגען. אין לאַטיינערס ביאָגראַפיע, למשל, איז פאַראַן אַ זאַץ „דערציען קיין פּרנסה", איז דאָך קלאָר, אַז דאָ איז אַ פּשוט'ער דרוק־פעלער. דאָס וואָרט „דער" איז איבריק, ווייל „ציען פּרנסה" איז עכט יידיש. טאָ־מאַשעוועסקים געבוירן־דאַטע איז אויך אַ גענוג דייטלעכער דרוק־פעלער, וואָס איז אויסגעבעסערט געוואָרן אין תּקון־טעות, און דאָס חכמ'ענען זיך וועגן דאָזיקן דרוק־פעלער איז לחלוטין איבריק. „איינזעענדיק" אין סאַנדלערס ביאָגראַפיע און דער ציטירטער זאַץ (כאָטש פאַלש) אין נאַכבושעס ביאָגראַפיע זיינען גוטער יידיש. דאָס גלייכן בנוגע דעם ציטאַט אין סימאַנאָפס ביאָגראַפיע.

איצט עטלעכע ווערטער וועגן משה נאַדיר. איר עצה'ט דאָך אונדז, דאָקטאָר, אַז „פון רייזענען מעג מען זיך טאָקע לערנען", נו, האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז דווקא דעם שלעכטן זאַץ, וואָס איר וואָרפט־פאָר אין נאַדירס ביאָגראַפיע, האָט מען גענומען ווערטלעך פון רייזענס „לעקסיקאָן", און אַז מען רעדט שוין וועגן רייזענס „לעקסיקאָן", וועלכן איר רעקאָמענדירט אַזוי וואַרעם, וואָלט נישט געשאַדט, אַז איר זאָלט איבערלייענען אייער אַרטיקל, וואָס איר האָט אין זיין צייט געשריבן וועגן רייזענס „לעקסיקאָן", אין וועלכן איר האָט אָנגעוויזן אויף זיין גרונט־חסרון, וואָס ער גיט אָפּשאַצונגען, אַ זאַך, וואָס איר פאַרלאַנגט, אַז מיר אין אונדזער „לעקסיקאָן" זאָלן עס יאָ טאָן.

דאָקטאָר, מעיק אַפּ יור מיינד!

און פאַרשטייט איר נישט, דאָקטאָר פּיל., אַז „יידישיסטישע שטרעמונגען" אין מעסטעלס ביאָגראַפיע איז פאַרשטאַנען אַלס

„אידעאַל״, מיט וועלכן מען קאָן ווערן „דורכגעדרונגגען״?

בלייבט פון די הונדערטער גרייזן, אַז מען טאָר נישט שרייבן „אויסגעוויזן פון אוניווערזיטעט״, נאָר „אויסגעשלאָסן״. מסכים. נאָך בעסער, איך גיב־צו, אַז אין צווייטן באַנד „טעאַטער־לעקסיקאָן״ זיינען פאַראַן הונדערט און אפשר מער גרייזן, צי גיט דאָס אָבער אַ רעכט אַן ערנסטן קריטיקער אַרויסצושיקן אַז „ס. אָ. ס.״ קעגן אַ וויסנשאַפטלעך ווערק פון איבער 800,000 ווערטער?

מערקט אייך גוט, דאָקטאָר, איר שרייבט „אין די גרעסערע מאָנאָגראַפיעס פון שוישפּילער און דראַמאַטורגן ליגט אַ תהום פון גוטער אַרבעט״. איז ממה נפשך, אויב גראָד די גרעסערע אַרבעטן, וואָס זיי דאַרפן דעצידירן וועגן ווערט און באַדייט פון „לעקסיקאָן״, זיינען יאָ ווערט אַ לויב, טאָ פאַרוואָס זענט איר וועגן דעם יוצא מיט 3 שורות, און איר גריבלט זיך דווקא אין די קלענערע אַרבעטן, וועלכע זיינען בלויז אַן אָנזאַמלונג פון דאַטן און פאַקטן? וואָלט נישט געווען ריכטיקער און ערלעכער זיך לענגער אָפּצושטעלן וועגן די גרעסערע אַרבעטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין פאָרוויזער, נאָר זיינען דער פּראָדוקט פון מיינע און מעסטעלס יאָרן־לאַנגער מי־זאַמער שטודיע, און דרך־אגב אָנווייזן אויף די עווענטועלע פעלערן אין די קלענערע ביאָגראַפיעס?

פונקט אַזוי ווילט זיך, נישט ווילנדיק, שטעלן אַ פראַגע, ווי קומט עס, וואָס ביי אייער אומפּאַרטייאישקייט האָט איר פאַרגעסן צו דערמאָנען, ווי עס איז דייטלעך אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט, אַז דער אַרויסגעבער איז די יידישע אַקטיאָרן יוניאָן אין אַמעריקע, בעת ווען איר ווילט אַטאַקירן די יוניאָן פאַר נישט ווידמען זיך צו קולטורעלער אַרבעט, געדענקט איר תמיד דעם אַדרעס פון דער יוניאָן? קאָנט איר אַליין נישט פאַרגעסן אייער אַלטן סכסוך מיט דער אַקטיאָרן־יוניאָן?

און ווידער, חשוב׳ער ד״ר מוקדוני, איך האָב אין מיין ענטפער אויסגעמידן יעדן זידל־וואָרט אָדער אויסדרוק, וואָס קאָן שטערן אונדזער וויטערדיקע פערזענלעכע פריינטשאַפט. איך האָב דעם ענין אויפגענומען אויף אַ קריטיש־ליטעראַרישן ניוואָ. אָבער עס רייסט זיך דאָך אַרויס דער ווילן צו וויסן פונוואַנען זענט איר דאָס אַזוי זיכער, אַז אַלדאָס גוטע, יעדער לויב פון די מעלות פון „לעקסיקאָן״ געהערן דורכאויס מיר און יעדעס שלעכטע און פעלערהאַפטע דאַרף

גיין אויפן חשבון פון יעקב מעסטעל, וועלכן איר מאכט פאר אן עם־הארץ און שיקט ארויס קעגן אים אן „ס. א. ס.״־ווארנונג?

און לאמיר אייך דערציילן א סוד פון דער רעדאקציע: די באַרימטע סעריע אַרטיקלען פון קאַווע־וואַנווילד קעגן אייך, די ביבליאַגראַפיע וועגן צפורי־בליים אַרטיקל קעגן אייך און די דיסקוסיע צווישן אייך און פּרץ הירשביין וועגן אייער באַציאונג צו דער הירשביין־טרופּע, אַלץ זאַכן, וועלכע געפעלן אייך אפשר נישט דערמאַנט צו ווערן אין „לעקסיקאָן״, האָבן מיר צוגעשטעלט, נישט מחמת קיין שום כוונות, נאָר צוליב ריינער אומפּאַרטייאישקייט. אין דער געשיכטע פון מיין אייגענער אַקטיאָרישער קאַריערע (זע אין צווייטן באַנד „לידא״) זיינען פאַרצייכנט אויף וויפיל איך האָב געהאַט, גראַד די שלעכטע רעצענזיעס פון י. מ. פליאַט, און וועל איך קריגן די דאַטע פון אייער באמת אויסגעצייכנטן אַרטיקל וועגן מיין שפּילן איבסענס „גייסטער״, וועל איך אים זיכער פאַרנאָטירן אין די הוספות פון דריטן באַנד, ווייל איך האַלט, אַז דער „לעקסיקאָן״ דאַרף זיין אַן אביעקטיוו בוך. אַז איך וועל וועלן אַרויסזאָגן מיינע פּריוואַטע מיינונגען וועגן אייך אַדער וועגן געוויסע שוישפּילער, וועל איך עס טאָן פּריוואַט אין מיינעם א פּריוואַטן בוך, נישט אין קיין „לעקסיקאָן״.

עס איז אפשר געוואָרן א באַלשעוויסטישע מידה פון זיך אָפּשמייסן, אָבער א גוטע מידה מעג מען נאָכטאָן יעדן, און דעריבער דערלויבט מיר זיך אביסל אָפּצושמייסן. ווען עס איז מיט דריי יאָר צוריק דערשינען דער ערשטער באַנד פון „טעאַטער־לעקסיקאָן״, האָט איר אין אייער רעצענזיע אָנגעוויזן, אַז איך בין אן עם־הארץ, נאָר וועגן מיטרעדאַקטאָר יעקב מעסטעל האָט איר געשריבן, אַז ער איז „א געבילדעטער שוישפּילער און א טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער״. אין משך פון די דריי יאָר האָב איך, טאַקע צוליב דער אַרבעט איבערן צווייטן באַנד, נישט באַוויזן גאָרנישט צו לערנען, איך האָב נישט נאָר נישט באַזוכט קיין אוניווערזיטעט, נאָר אפילו רעכט קיין ביכער נישט געלייענט, דאַקעגן האָט מעסטל די גאַנצע צייט ווייטער שטודירט און נאָך פאַרגרעסערט זיין שוין פון פריער גרויסן באַגאַזש פון וויסן, טאָ ווי קומט עס, וואָס איך בין דאָס מאָל געוואָרן דער אינטעליגענט און ידען און מעסטל איז געוואָרן דער עם־הארץ?

דאָקטאָר, מעיק אָפּ יור מיינד!

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" 1 מערץ, 1935

מנחם מענדל רעדאַקטירט אַ לעקסיקאָן

פון ד"ר א. מוקדוני

איך האָב געשריבן צוויי מאָל וועגן דעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", וועגן ערשטן באַנד און לעצטנס וועגן צווייטן באַנד, איך האָב אָנגעוויזן אויף פעלערן, אויף טעות'ן און בכלל אויף דער לויז־קייט, אויף דער צערודערטקייט און אויף אַ סך אַנדערע ניט־איינגע־געבנקייטן.

איך בין זיך אָבער מודה, אַז די גאַנצע צייט האָב איך געזוכט אַ כולל־וואָרט, אַ שלאַגוואָרט, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן דעם גאַנצן טעאַטער־לעקסיקאָן און האָב נישט געפונען.

אַזעלכע ווערטער זיינען דאָ און ווען אַ רעצענזענט פאַקט זיי האָט ער אָנגעכאַפּט, אַזוי צו זאָגן, דאָס ווערק ביים גאָרגל.

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" פון דער פאַרגאַנגענער וואָך ז. זילבערצווייגס אַרטיקל „ד"ר מוקדוני מייק אַפּ יור מיינד", איז מיר ליכטיק געוואָרן ממש אין די אויגן:

אַט איז דאָך דאָס ריכטיקע וואָרט, פאַרוואָס האָב איך דאָס דאָ־זיקע וואָרט נישט געפונען, ער ליגט דאָך אויף דער שפּיץ פון צונג — מנחם־מענדעליזם, מנחם מענדל רעדאַקטירט אַ לעקסיקאָן!

אַט האָט איר די טרעפלעכסטע, די גענויעסטע און עקזאַקטסטע כאַראַקטעריסטיק פון די צוויי בענדער טעאַטער־לעקסיקאָן.

ווי אַלע ווייסן איז מנחם מענדל, חלילה, נישט קיין שווינדלער, קיין ליגנער, קיין באַטריגער. נייז, מנחם מענדל איז בטבע אַ גאַנץ וואויל יידל, ער איז בלויז נעבעך אַן אומגליקלעכער מענטשל.

מנחם מענדלס אומגליק איז וואָס פאַקטן זיינען ביי אים ממזרים, ער זעט פאַקטן כסדר מיטן קאָפּ אַראָפּ, פאַקטן מאַכן ביי אים קאָזשל־קעס, פאַקטן זיינען ביי אים ווי גאָמעלקעס פון שניי, אַט זיינען זיי גאָמעלקעס און צעשמעלצן זיי זיך, פאַקטן זיינען ביי מנחם מענדלען זייפנבלעזלעך, אַט זיינען זיי דאָ און אַט זיינען זיי נישטאָ.

מנחם מענדל איז אַ גרויסער מבוהל, ער קען נישט קאָנטראָלירן קיין פאַקטן, ער האָט קיין געדולד נישט צו באַטראַכטן זיי, ער כאַפּט אַ שטיקל פאַקט דאָ, אַ ברעקל פאַקט דאָרט, און מאַכט דעם באַקאַנטן

יידישן „כורד", וואָס איז נישט קיין מאכל, נישט קיין נאַשעריי, נישט קיין צוביים און נישט קיין נאָך־ביים.

דער דערמאָנטער זילבערצווייגס אַרטיקל איז ממש מנחם מענדלס אַ בריוו צו זיין ווייב שיינע שיינדל.

14 טענות שטעלט אַרויס זילבערצווייג קעגן מיין רעצענזיע אויפן צווייטן באַנד „טעאַטער־לעקסיקאָן", די טענות זיינען באַגרינדעט מיט פאַקטן, מיט ציטאַטן און מיט פאַרשידענע הנחות, איז קיין איינציקער פאַקט אַ ריכטיקער, קיין איין איינציקע ציטאַטע אַ ריכטיקע און די הנחות זיינען קיין הנחות נישט.

ממש מנחם מענדלס מעשיות וועגן אַ קו, וואָס איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי. איך האָב פשוט אויס נייגעריקייט געזוכט אַ פאַקט אַ ריכטיקן, איין ציטאַטע אַ ריכטיקע, נישטאָ, נישטאָ.

אָט האָט איר עס:

זילבערצווייג זאָגט בפירוש, אַז אין מיין ערשטער רעצענזיע אויפן ערשטן באַנד פון לעקסיקאָן האָב איך אים, זילבערצווייגן, מיט רעכט לויט זיין מיינונג, געשטעמפּלט פאַר אַן עם הארץ און יעקב מעסטלען פאַר אַ געבילדעטן און אינטעליגענט. אין דער צווייטער רעצענזיע אויפן צווייטן באַנד האָב איך חרטה געהאַט און געמאַכט אים, זיל־בערצווייגן, לויט זיין מיינונג שוין אַן רעכט, פאַר אַ למדן און יעקב מעסטלען פאַר אַן עם הארץ.

אין די גאַנצע מעשה לא היה ולא נברא, איך האָב קיינמאָל נישט געמאַכט זילבערצווייגן פאַר אַ למדן, בשום אופן נישט. סיי אין דער ערשטער און סיי אין דער צווייטער רעד איך בלויז וועגן זיין ענערגיע און קיין וואָרט נישט וועגן זיין לומדות.

וועגן יעקב מעסטעל שרייב איך טאַקע מיט חידוש, אַז איך האָב אַנטדעקט, אַז ער שרייבט יידיש פעלערהאַפט און מאַכט אומפאַר־ציילעכע טעות'ן.

יעקב מעסטעל איז פאַר מיר אַן אומאַנגענעמע איבערראַשונג.

האָט איר אייך איינס.

איצט ווייטער:

זילבערצווייג טענה'ט — ביי מיר מאַנט מוקדוני אָפּשאַצונגען פון דראַמאַטורגן און שוישפּילער, און ער אַליין האָט שאַרף קריטיקירט זלמן רייזענען דערפאַר וואָס ער האָט געגעבן אָפּשאַצונגען אין זיין לעקסיקאָן.

דאָ האָט איר צוויי דורך און דורך פאַלשע אָפּשאַצונגען מיט־

אמאל; ערשטנס, האב איך קיינמאל נישט געהאט קיין טענות צו מיין פריינט זלמן רייזען פארוואס ער גיט אפשאצונגען, קיינמאל נישט, איך האב בלויז אנגעוויזן אויף איבערשאצונגען, וואס זיינען א רעזולטאט פון זיין צו הייסער ליבע צו דער יידישער ליטעראטור און פון זיין גרויסער באגייסטערונג פאר געוויסע שריפטשטעלער.

האט איר אייך איינס, וואס איז נישט געשטויגן און נישט גע־פלויגן.

און, צווייטנס, האב איך אין מיין לעצטער רעצענזיע לחלוטין נישט געמאנט קיין אפשאצונגען, איך זאג דארט בפירוש, אז אפשר זיינען זילבערצוויג און מעסטעל גערעכט, וואס זיי גיבן נישט קיין אפשאצונ־גען. איך רעד בלויז וועגן כאראקטעריזירן, בפירוש וועגן כאראקטע־ריזירן, ד. ה. דערציילן וואס פאר א מין דראמאטורג דער, אדער יענער איז, וואס פאר א מין שוישפילער דער, אדער יענער איז.

אבער פאר מנחם מענדלען עקסיסטירן נישט קיין פאקטן, מנחם מענדל הערט נישט וואס ער אליין רעדט און הערט נישט וואס דער אנדערער רעדט.

און איצט ווייטער:

זילבערצוויג דריקט אוים ממש אנטריסטונג קעגן מיין טענה פאר־וואס ער האט נישט אנגעגעבן מיין ארבעט וועגן ד״ר עטינגערן אין דער ביבליאגראפיע צו עטינגערס ביאגראפיע.

ס׳טייטש, טענה׳ט זילבערצוויג, ווי ווייסט מען עס נישט אזא פשוט׳ן כלל, אז ווען מען גיט א קוועלע אין וועלכער עס איז דא ביבליאגראפיע, פארשפארט מען שוין אנצוגעבן באזונדער. אין רייזענס לעקסיקאן איז אנגעגעבן מיין ארטיקל אין דער ביבליאגראפיע צו עטינ־גערס ביאגראפיע און אין טעאטער־לעקסיקאן איז דא אן אנווייזונג וועגן עטינגערס ביאגראפיע אין רייזענס לעקסיקאן.

שטעלט זיך ארויס, אז זילבערצוויג ווייסט נישט אפילו וואס עס טוט זיך אין זיין אייגענעם טעאטער־לעקסיקאן.

טאקע אין דער ביבליאגראפיע אונטער ד״ר עטינגערס ביאגראפיע זיינען אנגעגעבן קליינע צייטונגס־ארטיקלען וואס זיינען אנגעגעבן אויך אין רייזענס לעקסיקאן. אין רייזענס לעקסיקאן איז אנגעגעבן אן ארטיקל פון „טעאטראל״ וועגן עטינגערן און אין טעאטער־לעקסיקאן איז ער אנגעגעבן. אין רייזענס לעקסיקאן איז אנגעגעבן אהרן צייט־לינס א צייטונגס־ארטיקל וועגן אן אויפפירונג פון עטינגערס „סער־קעלע״ און אין טעאטער־לעקסיקאן איז ער אויך אנגעגעבן.

מנחם מענדל וויסט נישט וואָס עס איז דאָ אין זיין בוזים־קעשענע.

און ווייטער:

מיט „פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט" ליקנט זילבערצוויג מיין באַהויפּטונג, אַז מען קאָן זיך נישט דערוויסן פון דעם וואָס עס איז געדרוקט אין זיין לעקסיקאָן וואָס פאַר אַ טעאַטער איז דער מאָסקווער יידישער קאַמער טעאַטער.

איז מנחם מענדלס פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אפילו קיין אויסגעבלאָזן איי נישט ווערט.

ווי עס איז באַקאַנט איז דער ערשטער פירער פון דעם יידישן קאַמער טעאַטער געווען אַ. גראַנאָווסקי. דער דאָזיקער גראַנאָווסקי האָט געשאַפן אַ גראָטעסקן יידישן קאָמעדיען סטיל, איז ווען איינעם וועט זיך וועלן וויסן וואָס פאַר אַ סטיל איז עס און אין וועלכע אויפפירונגען גראַנאָווסקיס סטיל האָט זיך שאַרף און בולט מאַניפעסטירט, וועט ער קיין שום אויסקונפט אין זילבערצוויגס טעאַטער־לעקסיקאָן נישט געפינען.

איצט ווערט דער נעמלעכער טעאַטער אָנגעפירט פון מיכאָעלס, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ווערט איצט געפירט דער טעאַטער?, וועט איינער פרעגן. דער טעאַטער־לעקסיקאָן וועט אים די דאָזיקע עלעמענטאַרע אויסקונפט נישט געבן.

מנחם מענדל האָט קיין צייט נישט צו אויסהערן מיט קאָפּ וואָס יענער זאָגט, דערציילט מנחם מענדל פון טעאַטער־לעקסיקאָן, אַז איך זאָל האָבן באַהויפּטעט אין מיין רעצענזיע, אַז פאַרן טעאַטער־פאָרשער איז וויכטיקער לעבעדיעוו ווי סיגעל.

איך האָב עס נישט באַהויפּטעט, ניין, איך האָב בלויז געזאָגט, אַז פאַר אַ טעאַטער־לעקסיקאָן איז לעבעדיעוו וויכטיקער. אין אַ טעאַטער־לעקסיקאָן דאַרף דעם קלענסטן טעאַטער־בויער געגעבן ווערן מער אויפמערקזאַמקייט ווי דעם קלענסטן צעשטערער. לעבעדיעוו האָט אַ קליין קערנדל צוגעטראָגן צום בוי פון יידישן טעאַטער, סיגעל האָט געוואָרפן און וואָרפט שטיינער אין יידישן טעאַטער.

מנחם מענדל פון יידישן לעקסיקאָן איז כסדר מבוהל'דיק, ער הערט נישט אויס אַ מענטשנס טענה ביזן סוף, ער כאַפּט אַ וואָרט און הויבט אָן טענה'ן, פּלאָנטערן און פאַרדרייען.

איך האָב געשריבן, אַז דער לעקסיקאָן פאַרמאָגט אַ צו־גרויסע שפע פון טעאַטער־שעפער, עס זיינען אריין אַ סך האַלבע־שוישפּילער און אַ סך האַלבע און פערטל־דראַמאַטורגן.

ענטפּערט מיר מנחם מענדל שנעל, שנעל, וואָס ווילט איר, איך זאָל נישט אַריינגעמען יונגע אַקטיאָרן? זיי קענען דאָך ווערן גרויסע אַקטיאָרן!

אַ נעבעטיקער טאָג! ניט וועגן דעם רעד איך, איך רעד אָט וועגן וואָס: אין לעקסיקאָן איז דאָ, למשל, די ביאָגראַפיע פון יעקב מילך. יעקב מילך איז זייער אַ חשוב׳ער שרייבער, אָבער צום טעאַטער האָט ער אַ קנאַפּע שייכות, ווען ער האָט אפילו אַמאָל איבערזעצט הויפּט־מאַנס „וועבער" און האָט אַריינגעזאָגט אַ וואָרט אין אַ דיסקוסיע וועגן אַ טעאַטער־ענין מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק.

אָט איז דאָ אין לעקסיקאָן קאַרל מרמרס ביאָגראַפיע, איז די גאַנצע ביאָגראַפיע געהערט אין רייזענס לעקסיקאָן, בלויז איין שורה וועגן דעם אַז קאַרל מרמר איז געווען אַמאָל דער פּאַרזיצער פון „אַר־טעף" געהערט אין טעאַטער־לעקסיקאָן.

אָט וועגן וואָס איך רעד!

מנחם מענדל, ביי וועלכן ווערטער טאַנצן אַרויס פון מויל אין אַ ווירוואַר, וויל אויך ווערן אַ שפּראַכן־קענער און ער דערקלערט, אַז „דורכגעדרונגען מיט שטרעמונגען" ווי מען שרייבט אין טעאַטער־לעק־סיקאָן איז קיין גרייז נישט, ווייל דאָס מיינט דאָך אידעאַל.

איז צו איין גראָבן סטיליסטישן פעלער גיט צו מנחם מענדל אַ צווייטן, וואָרום „אידעאַל" איז אַ פיקסירטע אידעע, און שטרעמונגען זיינען פליסנדיקע אידעען.

אָט אַזוי קענט איר דורכגיין דעם גאַנצן אַרטיקל און אין יעדער שורה ממש געפינען אַ נישט־געשטויגענע באַהויפּטונג, אַ פאַלש ציטיר־טע ציטאַטע, אַ נישט־דערהערטן געדאַנק, סתם פּלאָנטערניש און סתם מבוהל׳דיקייט.

פרעג איך — פאַרוואָס שעמט מען זיך נישט ביי אונדז?

אַ געזונטער, ערלעכער מענטש ווען מען ווייזט אים אָן פעלערן לאָזט ער אַראָפּ די אויגן און דאַנקט.

פאַרוואָס וויל זילבערצווייג, וואָס איז אַליין מודה, אַז ער איז נישט מי יודע וואָס פאַר אַ למדן, דוקא באַווייזן, אַז ער ווייסט יאָ אַלץ?

פאַרוואָס טאָר מען נישט זאָגן אַז אמת און ערלעך וואָרט וועגן אַ ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון צוויי נישט־באַרופענע דילע־טאַנטן, פון צוויי נישט־דערפאַרענע אין לעקסיקאָגראַפיע מענטשן? פאַרוואָס?

פאַרוואָס איז עס ווען מען זאָגט ביי אונדז איינעם, אַז ער האָט געמאַכט מיאוס'ע, אומפּאַרצייַלעכע פעלערן, מוז ער אַרויסקומען און באַווייַזן, אַז דער באַשולדיקער מאַכט אויך פעלערן?

פון יענעמס פעלערן ווערן דאָך די אייגענע פעלערן נישט פאַר־ריכט.

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" 8 מערץ, 1935

אַ בריוול פון ד"ר אַ. מוקדוני

ליבער ז. זילבערצווייג!

עס טוט מיר לייד וואָס איך קאָן נישט זיין אויף דעם באַנקעט, וואָס ווערט געגעבן פון אייער כבוד וועגן.

איך האָב מורא פאַר סתם באַנקעטן, בפרט נאָך פאַר אַ חצות־באַנקעט; עס באַפאַלט מיך ממש אַ פּחד פון דעם געדאַנק בלויז. אַז איינס ביינאַכט וועט מען דאַרפן עסן און דריי ביינאַכט הערן רעדעס. ווען איך וואָלט געווען דער גרעסטער בעל־תשובה, וואָלט איך אויף מיר אַזאַ אָפּקומעניש נישט גענומען.

באַגריס איך אייך שריפטלעך און ווינטש אייך דערפאָלג.

איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן — איך שעץ זייער הויך אייער ענערגיע. איך בין זיכער, אַז ווען נישט איר וואָלט קיין לעקסיקאָן נישט געווען. דער לעקסיקאָן האָט באַדאַרפט האָבן איינעם, וואָס זאָל עס מאַכן פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע און ער האָט זיך דערוואָרט אויף אייך.

און ענערגיע איז אויך טאַלאַנט.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז איך בין אינגאַנצן צופרידן מיטן לעקסיקאָן. איך וואָלט געוואָלט זען אַ פונדאַמענטאַלערן לעקסיקאָן.

אָבער, ווי געזאָגט, עס זיינען נישט געשטאַנען אין דער ריי אַנ־דערע, וואָס וואָלטן עס מאַכן בעסער. איר זענט געווען דער איינציקער בעלן אויף דער דאָזיקער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

איך ווינטש אייך דערפירן דעם לעקסיקאָן ביזן סוף, דערלעבן ווייטערע, פאַרבעסערטע אויפלאַגעס.

און זייט וויסן, אַז ווען עס קומט מיר אויס צו אָנווייזן אויף

פעלערן אין מיינער אַ רעצענזיע אויף אַן אויפפירונג, אָדער אויף אַ בוך, איז אין דעם קיין שום שנאה נישטאָ צום שפּילער און צום פּראָפעסאָר.

דער קריטיקער איז פּאַרפּליכטעט צום לעזער צו זאָגן דאָס וואָס ער מיינט.

איך ווינטש אייך נאָכאַמאָל אַלדאָס גוטס.

אייער,

ד״ר. א. מוקדוני.

אַ בריוול צו ד״ר א. מוקדוני

פון יעקב מעסטעל

נעם איך „צור קענטנים״, חשוב׳ער דאָקטאָר, אַז איך בין פּאַר אייך „אַן אומאַנגענעמע איבעררעשונג״ — דעריבער איז וואָס? „ס. אַ. ס.״? האָב איך וועגן דעם ענין באַקומען נאָר־וואָס אַ בריוול פון אונדזער ביידנס אַ קאָלעגע, וועלכער שרייבט: „. . . ס. אַ. ס. קאָן מען אַרויסשיקן קעגן יעדן — דאָס איז אַן ענין פון געשמאַק און . . . פון היסטעריע״ . . .

נעמט איר אָבער טענה׳ן וועגן עם הארצות . . . גייט שוין, גייט, דאָקטאָר! מיר זיינען שוין ביידע קיין ע״ה יידן אין די יאָרן און מיר זיינען נאָך ביידע ווייט צו זיין איינשטיינס, אפילו נאָר בלויז אין טעאַטער־ענינים. דאָ וועלן נישט העלפן אונדזערע פּאַפּירענע אַטעס־טאַטן — מעגן מיינע זיין „קאַיזער־אונד־קעניגלעכע״ און אייערע „רעפּובליקאַניש־שווייצאַרישע״, און בלאָזן זיך ווי דאָס קליינע חיה׳לע צו ווערן אַן עלעפאַנט וועט נישט טויגן — צו וואָס לייטיש געלעכטער?

בלייבט „בקיאות אין שפּראַך־ענינים״. וואָלט אונדז ביידן אפשר אויסגעקומען צו שטעלן זיך פּאַר אַן עפנטלעכן עקזאַמען מיט אונדזערע אַרויסגעלאָזענע ביכער — כאַפּט איר דאָך אָבער די פּיש פּאַר דער נעץ: אַז מען מוז נישט „אַרויסקומען און באַווייזן, אַז דער באַשול־דיקער מאַכט אויך פעלערן״ — וועלן מיר שוין איבערלאָזן דעם פּסק דין צו אַן אָביעקטיווערן פּוסק אחרון.

איי, וועט איר זאָגן, „דילעטאַנטיזם״ און „מנחם מענדליזם״ — לאָמיר זיך נישט נאַרן, דאָקטאָר: איין בליק אין די ד׳ אמות פון

אונדזער יידישן „קונסט־געסל״, און מיר װעלן עם געפינען אונטער דער אייגענער גאַז — װאָס־זשע איז זיך דאָ איבערצונעמען? נאָך אַלעמען האָט זלמן זילבערצװײַג מיט צװיי דיקע בענד „לעקסיקאָן״ באַװיזן דעם הפּוך פון דעם — בעת אַנדערע האָבן אין דעם פּרט געהאַט בלויז „ערנסטע כװנות״ . . . און װי זאָגט איר אין אייער בריװל צו זלמן זילבערצװײַג (טאַקע װעגן דעם זעלבן צװייטן באַנד „לעקסיקאָן״): „ענערגיע איז אויך טאַלאַנט״, בפרט װען „עס זײַנען נישט געשטאַנען אין „לײַן״ אַנדערע, װאָס װאָלטן עס מאַכן בעסער״.

קריכט איר אָבער, דאָקטאָר, אין יענעמס „בוזים־קעשענע״ (איינער פון אייערע אויסדרוקן!) און שרײַט „דילעטאַנטיזם״. טאָ הערט, דאָקטאָר, אַ באַמערקונג פון אַ ניט־לעקסיקאָגראַף: אין דער ביבליאָגראַפיע צו ש. עטינגער איז נישט אָנגעגעבן אייער אַר־טיקל װעגן אים, פּונקט װי עס זײַנען נישט אָנגעגעבן אַלע אַרטיקלען פון ד״ר יעקב שאַצקי, ש. ראָזענפעלד, א. א., װײַל זיי זײַנען ביי ז. רייזען פאַרצייכנט מיט אַלע פּרטים װי ביבליאָגראַפיע דאַרף פאַר־צייכנט װערן, בעת די אַרטיקלען פון „אַ טעאַטראַל״ און פון אהרן צייטלין זײַנען ביי רייזענען פאַרצייכנט אָן דאַטע. דעריבער האָבן זיי געמוזט אין „טעאַטער־לעקסיקאָן״ איבערגע׳חזר׳ט װערן מיט געװויערע דאַטע.

אַנטקעגן דעם װאָס איר זאָגט, דאָקטאָר — „דילעטאַנטיזם — מנחם מענדעליזם״ . . .

זאָג איך דעריבער, דאָקטאָר: בלויז קאָנסטרוקטיװע אַרבעט האָט אַ ממשות — צו װאָס פּטר׳ן טייערע צייט אויף „אפשר־טאָ־מער״? מיר דאַרפן דאָך עפּעס נאָך אומשטיינס געזאָגט „ראַטעװען״ דאָס ביסל איבערגעבליבענע, „יידישע טעאַטער־קונסט״ — נישט אמת, דאָקטאָר?

איך האָף, אַז מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען — װאָרום פון זיך־ לערייען איז נאָך קיינער נישט דערהויבן געװאָרן, דער „זידלער״ אודאי נישט.

מיט דער פאַרזיכערונג, אַז איר, דאָקטאָר, זײַט פאַר מיר נישט קיין איבערראשונג,

אייער,

י. מעסטעל

„ניו־יאָרקער װאָכנבלאַט״ נומ׳ 11, 1935

טעאַטער־קרבנות

(הינטער דעם לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער)

פון ד״ר א. מוקדוני

הינטער איטלעכעם יידיש בוך, וואָס דערשיינט די לעצטע יאָרן, איז דאָ אַ שווערע, האַרצרייסנדיקע דראַמע; יעדער יידישער שרייבער מאַכט דורך ממש חיבוט־הקבר איידער ער דערזעט זיין בוך אויף דער ליכטיקער וועלט, ער מוז זיין זיין אייגענער פאַרלעגער, זיין אייגענער פינאַנסירער און זיין אייגענער בוכהענדלער אפילו.

און וואָס גרעסער דאָס יידישע בוך איז, אַלץ גרעסער, אַלץ שווערער און אַלץ ביטערער איז די דראַמע.

און עס וואָלט געווען זייער גלייך, אַז יעדער קריטיקער איידער ער זעצט זיך שרייבן אַ רעצענזיע איבער אַ בוך, זאָל זיך פריער דורכ־שמועסן מיטן פאַרפאַסער וועגן דעם ווי אַזוי זיין בוך האָט דערלעבט ליגן צווישן צוויי טאָוולען.

אַמאָל איז די געשיכטע פון אַ יידישן בוך איידער ער קומט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט שפּאַנענדער ווי דאָס בוך גופא.

אָט ליגן שוין ביי אַ סך אויף די פּאָליצעס, אָדער אין די ביכער־שראַנקען, צוויי גרויסע בענדער, צוויי פּרעכטיקע בענדער פון דעם „לעקסיקאָן פון דעם יידישן טעאַטער״.

אָבער קיינער ווייסט נישט פון דער שווערער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ הינטער די צוויי גרויסע, שיינע בענדער, קיינער ווייסט נישט, כאָטש יעדן איז גוט באַקאַנט אַז אַ יידיש בוך איז נישט קיין אומגעדולדיק דערוואַרטעטער גאַסט אויף דער יידישער גאַס, כאָטש יעדער ווייסט, אַז אַ יידיש בוך איז אַ יתום, אַ קיילעכדיקער יתום אויף דער יידישער גאַס, עס האָט נישט קיין גואל און נישט קיין קרוב.

אַ טעאַטער־לעקסיקאָן איז שוין פון יאָרן אַ זייער נויטיק בוך; עס מוז דאָך בלייבן אַ שטיקל זכר פון דעם יידישן טעאַטער, דער יידישער טעאַטער אַליין ווייסט ווי צו אָפּהיטן בלויז די קאַסע, אָבער זיין געשיכטע, די מאַטעריאַלן פאַר זיין געשיכטע, ווייסט ער נישט ווי צו אָפּהיטן. קיין יידישער טעאַטער האָט נישט קיין אַרכיוו, האָט

נישט קיין ביבליאָטעק פון די פּיעסעס, וואָס ער האָט געשפּילט, און קיין צעטל פון די שוישפּילער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם טעאַטער פאַר די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ.

אַט ריכטיק ווי אַ הערינג קרעמער פירט זיין קרעמל, אַזוי פירט מען די טעאַטער־קרעמלעך אויף דער יידישער גאַס.

אפילו די בעסערע „די קינסטלערישע" טעאַטערס אונדזערע האָבן נישט קיין אַרכיוון, קיין זאַמלונגען פון פּיעסעס, קיין רשימות און קיין בילדער פון שוישפּילער און קיין אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס קאָנען צונויף קומען דעם היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער.

אין וועלכע 20־30 יאָר אַרום קאָנען אַלע היסטאָרישע שפּורן פאַרווישט ווערן אינגאַנצן און דער יידישער טעאַטער קאָן אַוועק פון דער וועלט אָן אַ קדיש אפילו. . . .

האָט יעדער יידישער אינטעליגענט וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיטן יידישן טעאַטער און דערזעען דעם דאָזיקן טרויעריקן צושטאַנד, זיך געוואָרפן צו שאַפן אַ לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער כל זמן די שפּורן פון זיין געשיכטע זיינען נאָך פריש, און אַזוי אַרום ראַטעווען פאַר דער געשיכטע וואָס עס לאָזט זיך.

אָבער ביי אַלעמען האָבן זיך די הענט אַראָפּגעלאָזן ווען זיי האָבן דערזען די שווערע ספּעציפישע באַדינגונגען פון דעם יידישן ביכער־מאַרק און די טויטע גלייכגילטיקייט פון דעם בעל־דבר אליין — פון דעם טעאַטער.

ביז עס איז געקומען איינער, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַרן חרוב'ן יידישן ביכער־מאַרק, פאַר דער גלייכגילטיקייט פון טעאַטער אַליין און פאַר אַלע שווערע שוואַרצע אַרבעטן, אַ חוץ שרייבן און רעדאַקטירן, וואָס וועט אים אויסקומען צו טאָן אַרום דעם לעקסיקאָן.

ער האָט אָנגעשטעלט די פּלייצעס פאַר דעם שווערן פּעקל, ער וועט זיין אַ רעדאַקטאָר, אַ זאַמלער פון מאַטעריאַל, ער וועט זיין אַליין אַ פאַרלעגער, ער וועט זיין אַליין דער בוכהענדלער און אַליין דער קלאַפּער אין אַלע טירן.

ז. זילבערצווייג איז אַליין געווען אַן אַקטיאָר און איז אויך אַ שרייבער. ער איז אַ בירגער אין די צוויי וועלטן אין וועלכע מען מוז זיך אַרומדרייען ביי דער אַרבעט אויפן לעקסיקאָן.

אמת ז. זילבערצווייג איז נישט קיין געבילדעטער לעקסיקאָגראַף,

אמת ער איז סתם נישט צוגעגרייט וויסנשאַפטלעך צו דער דאָזיקער אין עצם וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, דערפאַר איז ער שטאַרק צוגע־גרייט צו די הונדערט שוואַרצע אַרבעטן אַרום אַ לעקסיקאָן, וואָס זיינען אַזוי נויטיק אין אונדזערע ספּעציפישע באַדינגונגען ווי וויסנ־שאַפטלעכע קאָמפּעטענץ.

ער איז אַן אָרגאַניזאַטאָר, ער קאָן צוקומען צו מענטשן, ער קאָן קלאַפּן אין אַלע טירן.

ער איז אַ יידישער פאָלקס־מענטש מיט אַ גוטן הומאָר און מיט אַ גרויסן בטחון. ער איז אַ מענטש מיט איניציאַטיוו און מיט גרוי־סער עקשנות פון אַן אָפּטימיסט, ער פאַרמאָגט אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע.

און דער עיקר — ער איז לעגענדאַריש אַרבעטס־פיייק. ער קאָן ממש בערג איבערקערן.

און ווי יעדער יידישער פאָלקס־מענטש לעבט ער זיך אַריין אין אַ נייער סיטואַציע שנעל און גרינטלעך, ער איז איצט, נאָך אַ פּאָר יאָר אַרבעט אַרום לעקסיקאָן, אַ היימישער מענטש אין לעקסיקאָ־גראַפיע.

און נאָך אַ מעלה, אַ גרויסע, פאַרמאָגט ער: ער קען אויסגע־בונדן דעם יידישן אַקטיאָר. ער וועט זיך נישט פאַרלירן אין דער יידישער אַקטיאָרישער וועלט, וואו יעדער איז צום ווייניקסטנס אַ שוישפּילער ווי זאַנענטאַל און אַ רעזשיסאָר ווי סטאַניסלאַווסקי.

און דאָס איז אַזוי נויטיק ווען מען דאַרף דורכהאַלטן אין די הענט די ביאָגראַפיעס פון טויזנטער אַקטיאָרן, געשריבן מייסטנס פון די אַקטיאָרן אַליין. . . .

ז. זילבערצווייג איז אַ פאָלקס־מענטש אָבער השגות האָט ער גרויסע, ער האָט זיך פאַרנומען צו אַרויסגעבן דווקא אַ גרויסן דריי־בענדיקן לעקסיקאָן און דווקא מיט אַלע רחבות'ן און לוקסוס פון לעקסיקאָנס ביי אַנדערע פעלקער.

אים גיט זיך איין פון אָנהויב צו אויפרודערן די פאַרשלאָפענע און אינערטע יידישע אַקטיאָרן־וועלט, עס גרינדעט זיך אַ קאָמיטעט פון יידישע אַקטיאָרן, וואָס דאַרף פינאַנסירן, אָדער לכל הפּחות, שטיצן די דאָזיקע אונטערנעמונג.

און ביי ז. זילבערצווייג ברענט די אַרבעט אונטער די הענט, ער

ווארפט זיך אריין מיט לייב און לעבן אין דער לעקסיקאָן־אַרבעט און מיט מזל ווערט געבוירן דער ערשטער באַנד פון דעם לעקסיקאָן.

ער לאָזט זיך אַוועק איבער דער וועלט מיטן ערשטן זייער אימ־פּאָנירענדיקן באַנד, ער שפּאַרט אַז אין די פּראָווינצן יידישע ישובים.

דער אָפּטימיסט ז. זילבערצווייג איז זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געזעסן און אויסגעקוקט אויפן לעקסיקאָן און ער נעמט זיך מיט מיט מער חשק און מיט מער ברען צום צווייטן באַנד.

און זיי נישט קיין אָפּטימיסט ווען עס פאַרקויפן זיך 5,000 עקזעמפּלאַרן פון לעקסיקאָן. ווען יידישע אַקטיאָרן טראָגן צו אַ סאָ־לידע סומע פאַרן ערשטן באַנד און ווען מען זעט פאַר זיך אַ דריטל פון אַ חלום פאַרווירקלעכט.

און מיט מער אימפּעט נעמט זיך ז. זילבערצווייג צום צווייטן באַנד. ביי אים איז דער אַפּעטיט מורא'דיק אויסגעוואַקסן.

אָבער דאָ ווערט מיט אַמאָל שטיל און טויט אַרום אים.

דאָס פייערל, וואָס זילבערצווייג האָט אָנגעצונדן ביי די אַקטיאָרן, איז אויסגעלאָשן געוואָרן און זיי זיינען אַריינגעפאַלן צוריק אין זייער אַלטער אַפּאַטיע.

אָבער ז. זילבערצווייג איז נישט פון די מענטשן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין מיטן פון אַן אַרבעט. ער איז זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אַ פיינעם טייסטער מיט געלט און איז ניט חולה צו צאָלן. עס וועט צאָלן פאַרן לעקסיקאָן. ער האָט דאָך בפירוש'דיקע הבטחות פון די אַמעריקאַנער אַקטיאָרן, פון דעם קאָמיטעט.

עס זיינען דאָ שטאַרקע פּלייצעס, מען דאַרף גיין ווייטער!

און דער בעל־בטחון אונדזערער לייט און באַרגט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, ער פאַר'משכונ'ט זיינס אַ קליין הייזעלע, דעם דאַך איבערן קאָפּ פון זיין פאַמיליע אין פאַלעסטינע, וואָס ער האָט אויסגעבויט מיט שוויס איידער ער האָט זיך גענומען צום לעקסיקאָן.

דער צווייטער באַנד האָט אין אַ הרף עין ממש אויפגעגעסן זיין שטיבל און דאָס געבאָרגטע און דאָס געליענע געלט און שרייט הב, הב, גיב נאָך, גיב נאָך געלט.

ז. זילבערצווייג שטעלט נישט אָפּ די אַרבעט, ניין, נישט אַזאַ איז ער, אַגב איז ער זיכער אַז ווען ער וועט קומען מיטן צווייטן באַנד

קיין אַמעריקע, וועט אים דער אַקטיאָרן קאָמיטעט אויסלייזן זיין הייזעלע און וועט אויסצאָלן די חובות.

און ווען פרעמדע ווילן שוין נישט באָרגן, לאָזט זיך זילבערצווייג לייען געלט ביי קרובים; זיינער אַ נאָענטער קרוב שטייט אויפן וועג קיין ארץ ישראל, ער האָט זיין פאַרמעגן, וואָס ער האָט צונויפגעשלאָגן אין קעשענע, גרייט צו קויפן שיפס־קאַרטן, גיט אים דער קרוב אָפּ זיין פאַרמעגן. ער קאָן אַ פּנים זלמנ׳ען, ער ווייסט, אַז ער וועט ביי אים זיין געלט נישט צונעמען, אגב ווייסט ער, אַז אַמעריקע דאַרף צאָלן, וועט ער דער רייכער, גוטער אַמעריקע נישט געטרויען זיין מ׳שטיינס־געזאָגט קאַפּיטאַל?

דער צווייטער באַנד עסט אויף דעם קרוב׳ס פאַרמעגן איינס, צוויי און שרייט ווייטער הב, הב.

און פון אַמעריקע — איז אין קול ואין עונה. . . .

און אָט איז ענדלעך פאַרטיק דער צווייטער באַנד.

אַ חורבן האָט דער דאָזיקער באַנד אָנגעמאַכט אין זילבערצווייגס לעבן, ער איז רואינירט, זיין פאַמיליע האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, זיין נאָענטער קרוב שטייט אַ פאַרצווייפלטער אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע, גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים געליען זייער געלט, דאַרפן ווי לעבן צוריק דאָס געלט.

ער רייסט זיך אַרויס און לאָזט זיך מיטן צווייטן באַנד אין אַמעריקע, אַמעריקע איז זיין פינאַנסירער, דאָ איז זיין קאָמיטעט און דאָ וועט קומען אַ סוף צו זיינע אומשולדיקע ליידן.

אָבער אין אַמעריקע דערוויסט ער זיך, אַז זיין קאָמיטעט איז שוין לאַנג אַ הלך לעולמו. מאַקס געביל, דער פאָרזיצער, איז נישטאָ. מאָרים שוואַרץ, דער וויצע־פאָרזיצער, שמאַיעט איבער דער וועלט מיט זיין באַשערטן אויף אַלע אייביקייטן יאָשע קאַלב.

נישטאָ די בעלי־דבר׳ס.

און אין אונדזער ליבער און טייערער אַמעריקע ווען מען דערוויסט זיך, אַז איינער איז אין אַ פינאַנסיעלער קלעם, מיידט מען אים אויס, עס איז אַ רייכע מדינה, און זי האָט פיינט קבצנים. . . .

איז אפילו נישטאָ פאַר וועמען צו אויסגיסן דאָס האַרץ. אין אַמעריקע האָט מען נאָר ליב צו ציילן ראָקעפעלערס און פאָרדס מיליאָנען, אָבער ציילן יענעמס קבצנ׳ישע חובות וויל קיינער נישט.

און אַ פאַמיליע קוקט אויס אויף איר שפּייזער, און אַ קרוב

זיצט און ווארט אויף זיינע שיפּס־קאַרטן, און בעלי־חובות קוקן אויס אויף זייער אָרעם געלט, און אַליין דאַרף מען אויך אונטערהאַלטן די נשמה, און דאָ זיינען נישטאָ אַפילו קיין אויערן אין וועלכע צו אַריינשרייען וועגן אַן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אַ מענטשן, וואָס האָט געוואָלט באַזאָרגן דעם יידישן טעאַטער מיט אַ קדיש. . . .

האָט ער ווי איינער וואָס טרינקט זיך געוואָלט אָנכאַפּן זיך אַן אַ שטרויעלע — אַפּזעצן עפּעס אין אַ צייטונג אַ יידישער. ער האָט ימים מיט מעשה׳לעך וועגן אַקטיאָרן אָנגעזאַמלט, אַ גוטער, לייכטער און פּיקאַנטער מאַטעריאַל פאַר אַ צייטונג.

זיינען יידישע צייטונגען זייער געטריי צו איין אַקטיאָרישער פאַמיליע און ווילן קיין מעשה׳לעך וועגן אַנדערע אַקטיאָרן. . . .

אַ מין סדום.

יאָ, די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף, דער אויפרוף איז אָפּגעדרוקט אין אַלע צייטונגען. . . .

ווייסן מיר געננוי דעם כח פון אויפרופן סתם, בפרט נאָך אַן אויפרוף וועגן אַ לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער.

און האָט איר דעם חשבון, וואָס ז. זילבערצווייג שטעלט צו דעם יידישן פאָלק,אָדער דעם יידישן טעאַטער.

פופצן טויזנט דאָלאַר איז מען אים שולדיק. אין די פופצן טויזנט דאָלאַר גייט שוין אַריין דער דריטער און דער לעצטער באַנד פון לעקסיקאָן, ער דאַרף אויך אויסגעלייזט ווערן ווי זיין הייזל, ווי זיין קרוב און ווי אַלע אַנדערע בעלי־חובות.

אָפּטימיזם איז אַ פּנים אַן אומהיילבאַרע קראַנקהייט. . . .

אָבער איך האָב קיין רחמנות אויף דעם דאָזיקן חולה. איך בין אים מקנא.

די דאָזיקע אָפּטימיסטן זיינען גרויסע עקשנים, זיי פירן כסדר אויס.

„מאָרגען זשורנאַל", ניו־יאָרק, 10 יאַנואַר, 1936

נאָטיצן און באַמערקונגען*)

די פיר ברידער גאָלדפאַדען

אין „גאָלדפאַדען־בוך", אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן טעאַטער־מוזיי אין ניו־יאָרק, 1926, איז (אויף ז. 39) אָפּגעדרוקט אַ בילד מיט דער אונטערשריפט „די פיר ברידער גאָלדפאַדען", פאָטאָגראַפירט אין אָדעס.

ייווא מעלדעט לעצטנס אין זיין באַריכט, אַז אַט דאָס אָריגינאַל־בילד פון דער פאָטאָגראַפיע איז אָנגעקומען אין ייווא אַלס מתנה פון אַקטיאָר איזידאָר קעשיער.

ווי איך האָב אָבער פעסטגעשטעלט אין אַ שמועס מיט שמעיהו גאָלדפאַדען, דער איינציקער לעבעדיקער ברודער פון אברהם גאָלדפאַ־דען, שטעלט דאָס בילד בכלל נישט פאָר די 4 ברידער (אברהם, יוסף, יידל און שמעיהו) גאָלדפאַדען.

דער ערשטער לינקס אויפן בילד איז טאַקע יוסף גאָלדפאַדען (זאָל זיין געווען אַ קאַזיאָנער ראַבינער), דער צווייטער, לינקס, איז אברהם גאָלדפאַדען, דער דריטער לינקס איז זייערער אַ שוואָגער, אַ געוויסער פעלדבערג (דער מאַן פון פּאָולינאַ גאָלדפאַדען, אַ שוועסטער פון אברהם א. א. וו.) און דער פערטער לינקס (מיט די וואָנסעס) איז גאָר אַ קוזין פון די גאָלדפאַדענס.

אַ נייער „ביאָגראַף" פון אברהם גאָלדפאַדען

פּראָפּ. יעקב דערמער (סיגעט) האָט אין „מאַרמאַראָשער בלעטער" (1 סעפּטעמבער, 1931) אָפּגעדרוקט אַ ביאָגראַפישן אַרטיקל וועגן אברהם גאָלדפאַדען, און צווישן אַנדערעס שרייבט ער דאָרט אַזעלכע

*) געדרוקט אין פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין משך פון די יאָרן 1926 — 1940.

קוריאָזן: „געבוירן אין וואָלהינע [געמיינט וואָלין]. לערנענדיק נאָך אין דער ישיבה, פּירט ער אויף דאָס ערשטע טעאַטער־שטיק „סערקע־לע".‟ מילא. גאָלדפאַדען האָט אין ישיבה נישט געלערנט. דער ביאָגראַף זיינער מיינט די זשיטאָמירער ראַבינער־שול, וואו ס'איז טאַקע פאַר־געקומען די ערשטע אויפפירונג פון „סערקעלע", אין וועלכער גאָלד־פאַדען האָט געשפּילט די טיטל־ראָל „סערקעלע", אָבער נישט ער האָט אויפגעפירט די פּיעסע. די קאָמעדיע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך מאַדאַם סלאָנימסקי, די פרוי פון חיים־זעליג סלאָנימסקי.

ווייטער שרייבט פּראָפ. ד"ר יעקב דערמער: „גאָלדפאַדען האָט פּרובירט צו שפּילן דייטש". דערפון הערן מיר צום ערשטן מאָל, און ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן!

און נאָך שרייבט דער „ביאָגראַף": „ער אַליין איז רעזשיסער, דירעקטאָר, דעקאָראַטאָר, דיכטער און אַקטיאָר פון דעם טעאַטער, וואָס פירט נאָר מעלאָדראַמאַטישע ווערק אויף". דאָס שטימט אויך נישט. גאָלדפאַדען האָט געשריבן זייער ווייניק מעלאָדראַמעס, כמעט אַלע זיינע בינע־ווערק זיינען אָדער קאָמעדיעס, פאַרסן אָדער אָפּערע־טעס. מעלאָדראַמעס האָבן געשריבן אַנדערע, נישט גאָלדפאַדען.

אַ פעלשונג אין געשיכטע

אין אירע „זכרונות", וואָס האָבן זיך געדרוקט צוויי יאָר אין „פאָרווערטס", דערציילט די שוישפּילערין סערא אַדלער, די אַלמנה פון יעקב פּ. אַדלער, שרעקלעכע מעשיות, וואָס פּאַסן זיך פאַר סענ־סאַציאָנעלע ראָמאַנען. מילא, דאָס איז איר זאַך. אָבער זי באַגנוגנט זיך נישט נאָר מיט צוטראַכטן און צופאַרבן געשיכטעס פון איר פּריוואַט לעבן, נאָר זי דערציילט אויך זאַכן, וואָס האָבן כלומר'שט פּאַסירט מיט אַנדערע. אַזוי פעלשט זי זייער אָפט געשיכטע.

אויף איין שטעל אַזאַ וויל איך זיך אָפּשטעלן:

אין „פאָרווערטס" פון 17־טן סעפּטעמבער 1938, דערציילט זי פון אירער אַ באַגעגניש אין פּעטערבורג מיט אברהם גאָלדפאַדען, ווי ער איז דאָרט געזעסן און געקלאַפּט שתדלנות, אַז מען זאָל צוריק דערלויבן שפּילן יידיש טעאַטער. ווי „געוויינלעך" גיט זי אויך אַן פּאַדראָבנע איר געשפּרעך מיט גאָלדפאַדענען.

וואָלט עס געווען זייער אינטערעסאַנט און וויכטיק ווען די גאַנצע זאַך וואָלט געהאַט אַ יסוד פון אמת.

ווי איז אָבער, אַז לויט סערא אַדלער קומט אויס, אַז דאָס איז פאַרגעקומען אין סוף 1892 אָדער אָנהויב 1893 (נאָכדעם ווי זי האָט געשפּילט אין ניו־יאָרק אין „יידישער קעניג ליר", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין נאָוועמבער 1892), און לויט אַלע ביז איצטיקע פאַקטן איז גאָלדפאַדען זייט 1887 שוין מער קיינמאָל נישט געווען אין רוס־לאַנד. . . .

טעותים וועגן גאָלדפאַדענס ווערק

יהודה דוד אייזענשטיין, דער מחבר פון „אוצר ישראל" (ניו־יאָרק, 1929) האָט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות, דאָס בוך, א. נ. „אוצר זכרונותי", איז פּרעכטיק אַרויסגעגעבן, אָבער עס אַנטהאַלט נישט נאָר זכרונות, נאָר אויך אַרטיקלען, וואָס דער מחבר האָט אין זיין צייט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע ערטער און דרוקט זיי דאָ איבער. אַזוי דרוקט ער אויך דאָ איבער (זז. 20—316) אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן גרינדער פון יידישן טעאַטער אברהם גאָלד־פאַדען. דער אַרטיקל האָט אַ געוויסן אינטערעס, ווייל אין העברייאיש איז זייער ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן גאָלדפאַדענען און ווייל ער אַנטהאַלט מער־ווייניק ריכטיקע אינפאָרמאַציעס און אויך אַ רעכט ביסל ביבליאָגראַפישע נאָטיצן וועגן די קוועלן פון גאָלדפאַדענס „שולמית".

אייזענשטיין האָט אָבער אַ שיין ביסל טעותים אין דער צוזאַ־מענגעשטעלטער רשימה פון גאָלדפאַדענס פּיעסעם, וואָס עס האָבן איבעריקנס אויך געהאַט די יידישע ביאָגראַפער און ביבליאָגראַפער פון גאָלדפאַדענען (ניו־יאָרקער און מינסקער גאָלדפאַדען־ביכער). עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ ריכטיק צו שטעלן די דאָזיקע טעותים און דאָס דאַרף געטאָן ווערן דורכן פאַרעפנטלעכן אַ נייע גענויע רשימה פון גאָלדפאַדענס פּיעסעם.

אויף צוויי אייזענשטיינס טעותים געפין איך אָבער פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן.

אייזענשטיין שרייבט:

„ובשנת 1876 בחו"מ סוכות הופיע החזיון הראשון „די רעקרוטען בעיר יאסי".

עס באַקומט זיך אַלזאָ דער איינדרוק, אַז אין 1876 איז דער־שינען אין דרוק גאָלדפאַדענס ערשטע פּיעסע, און אַז זי הייסט „די רעקרוטן אין דער שטאָט יאַסי". אין דער אמת'ן אָבער האָבן גאָלד־

פאַדענס ערשטע דראַמאַטישע ווערק געהייסן „די צוויי שכנות" און „די מומע סאָסיע" און זיינען ביידע גלייכצייטיק דערשינען אין 1869 אין אדעס אין זיין זאַמלונג „דיא יודענע". בנוגע דעם, וואָס פאַר אַ גאָלדפאַדען־פּיעסע עס איז די ערשטע אויפגעפירט געוואָרן איז פאַראַן אַ חלוקי־דעות: אברהם פישזאָן באַהויפּט, אַז נאָך אין 1875 האָט ער אויפגעפירט גאָלדפאַדענס „מומע סאָסיע". גאָלדפאַדען אַליין דער־ציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ער האָט אין יאַסי „איבערגע־רעדט" מיט זיין איינציקן אַקטיאָר ישׂראל גראָדנער עפּעס אַן אידעע פון אַ צוויי־אַקטיק שטיק, וואָס איז באַלד דערויף (בערך 8—5 אָק־טאָבער 1876) אויפגעפירט געוואָרן דורך גראָדנערן און שכר גאָלד־שטיין. יצחק ליבערסקאַ, ביי וועמען אין שטוב עס זיינען געמאַכט געוואָרן די הכנות צום יידישן טעאַטער, דערציילט, אַז די ערשטע איינגעשטודירטע זאַך איז געווען „די באָבע מיטן איינִיקל".

„די רעקרוטן" איז אָנגעשריבן און געשפּילט געוואָרן ערשט איינִיקע חדשים שפּעטער אין באָטושאַן. די פּיעסע איז קיינמאָל נישט דערשינען אין קיין סעפּאַראַטער אויסגאַבע. פראַגמענטן פון איר און דער סוזשעט זיינען ערשט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1901 אין גאָלד־פאַדענס אויטאָביאָגראַפיע און איבערגעדרוקט דערנאָך אין ב. גאָרינס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" (1, זז. 8—174).

אין זיין אַרטיקל באַמערקט אייזענשטיין וועגן גאָלדפאַדענס „די ביידע קוני לעמעל": „אַ זייער שיינע קאָמעדיע, אַ נאָכמאַכונג פון שעקספּירס The Comedy of Errors

די געשיכטע פון „קוני לעמעל" איז אָבער גאָר אַנדערש:

דער ערשטער יידישער מחבר פון אַ „קוני לעמעל־פּיעסע" איז געווען גאָלדפאַדענס קאָנקורענט יאָזעף לאַטיינער. ער זאָל — לויט יצחק ליבערסקאָ — האָבן באַאַרבעט אַ דייטשן פאַרס „נאַטהאַן שלומיאל" א. נ. „די צוויי שמואל שמעלקעס". די קאָמעדיע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און גאָלדפאַדען האָט זיך געפילט דערפון געטראָפן. ער האָט דעריבער, בערך אין 1880, פאַריידישט דעם זעלבן דייטשן פאַרס א. נ. „דער פאַנאַטיקער" אָדער „די ביידע קוני לעמעל". איינציקוויין איז דער ערשטער נאָמען פון דער פּיעסע פאַרשוואונדן און עס איז געבליבן דער נאָמען „קוני לעמעל", וואָס איז בינו לבינו געוואָרן אַ סינאָנים טאַקע פאַר אַ שלים־מזל, אַ שלומיאל, ווי עס איז דער נאָמען פון דער אָריגינעלער פּיעסע.

אין ניו־יאָרקער „גאָלדפאַדען־בוך", אַרויסגעגעבן פון דאַרטיקן

יידישן טעאַטער־מוזיי (1926), איז אין ד״ר יעקב שאַצקיס גאָלדפאַ־דען־ביבליאָגראַפיע (נומער 43) אָנגעגעבן: „יהודה המכבי״, אָנ־געשריבן צווישן 1891-99״.

אין נ. אויסלענדער און או. פינקעלס בוך „א. גאָלדפאַדן״ (מינסק, 1926, ז. 72) ווערט אָנגעגעבן, אַז אין פעברואַר 1883 איז גאָלדפאַדען ווידער איבערגעגאַנגען אין אָדעס פון האַנטווערקער־קלוב אין מאַריען־טעאַטער און דאָרט אויפגעפירט נייע פיעסעס, דערונטער „יהודה המכבי״.

פון דעם איז קודם־כל צו זען, אַז „יהודה המכבי״ איז נישט (ווי ד״ר שאַצקי גיט אָן) אָנגעשריבן געוואָרן ערשט צווישן 1891-99, ווייל אין 1883 האָט מען די פיעסע שוין געשפּילט אין אָדעס.

אברהם גאָלדפאַדענס „אני מאמין״

ווען גאָלדפאַדען איז אין יאָר 1887 געקומען אין אַמעריקע, האָט ער פון איין זייט זיך שטאַרק געפרייט זעענדיק, אַז דאָס טעאַטער, וואָס ער האָט געגרינדעט מיט 11 יאָר צוריק בסך הכל מיט 2 אַקטיאָרן, וואַרטנדיק אַ האַלב יאָר צייט ביז ער האָט דערלעבט צו זען אַ פּרויען־צימער אויף דער בינע, אַז אַט דאָס טעאַטער האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט, און עס זיינען שוין דאָ עטלעכע טרופּעס מיט אמת'ע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז זיין עגמת נפש געווען זייער גרויס, זעענדיק די קאַלטקייט, מיט וועלכע מען האָט אים באַ־געגנט אין די טעאַטער־קרייזן.

די טעאַטערס האָבן געהאַט אַנדערע „פּראָפעסאָר״, און אים, דעם טאַטן, האָט קיינער איבער דער שוועל נישט געוואָלט לאָזן. יעדער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע איז אַמאָל געווען אַ בייזער, און ווען מען האָט זיך אַביסל פאַרזינדיקט, האָט דער טאַטע געהאַט אַ קאַנטשיק*).

איז טאַקע גאָלדפאַדענען געווען זייער ביטער, און אַזוי ווי עסן דאַרף מען, האָט ער זיך מישב געווען און זיך צוריקגענומען צו אַן אַלטן „פאַך״. ער איז צוריק געוואָרן צייטונגס־מענטש, און האָט

*) וועגן גאָלדפאַדענס באַציאונג צו די יידישע אַקטיאָרן און זייערע געפילן צו אים זע מיין בוך „הינטערן פאָרהאַנג״, זז. 72, 46, מיין בוך „טעאַ־טער־פיגורן״, זז. 159-152, און אין „אַרכיוו״, ז. 267.

אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין ניו־יאָרק „די ניו־יאָרקער יידישע אילוסטרירטע צייטונג*)".

ווען אַן אַנדערער וואָלט געהאַט אין זיין האַנט אַזאַ געווער ווי אַ צייטונג, און ער וואָלט דערביי אַזוי באַהאַנדלט געוואָרן ווי גאָלדפאַדען, וואָלטן זיכער די נומערן פון דער צייטונג געווען איבערפילט מיט טענות און פּרעטענזיעס, און עס וואָלטן אויך נישט געפעלט קיין זידל־ווערטער אויפן חשבון פון די, וואָס די באַציאונגען מיט זיי זיינען געווען אַזעלכע שלעכטע און נישט־פריינטלעכע. דאָס אָבער, וואָס אין אַלע נומערן פון זיין וואָכנבלאַט, האָט ער קיין איין אַקטיאָר נישט פּוגע בכבוד געווען, איז איינע פון גאָלדפאַדענס שענסטע מעלות. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען — זיך אַליין אַביסל אויסצוגלייכן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַ חוץ וואָס מען האָט אים באַרויבט פון דער קעגנוואַרט, און ער קאָן נישט, ווי אַנדערע, וואָס זיינען געווען זיינע תּלמידים, לעבן פון יידישן טעאַטער, וועט מען ביי אים אויך צונעמען זיינע רעכט אַלס גרינדער פון יידישן טעאַטער. דאָס וואָלט פאַר אים געווען דער גרעסטער קלאַפּ, האָט ער זיך צוגעאיילט און אָנגעהויבן דרוקן אין וואָכנבלאַט זיין אויטאָביאָגראַפיע**). די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן שנעל. פאַקטן, וואָס קאָנען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר זייער פיל אַרטיקלען, זיינען דאָרט דערציילט געוואָרן אין איין שורה. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי גאָלדפאַדען וואָלט געוואָלט וואָס שנעלער פאַרצייכענען און פאַרפיקסירן פאַר דער צוקונפט, אַז ער, אברהם גאָלדפאַדען, איז עס געווען דער גרינדער פון טעאַטער ביי יידן. און די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם, וואָס עס הייסט צו זיין דער גרינדער, האָט טאַקע גאָלדפאַדען אַליין געגעבן מיט די פּאָר ווערטער: „אַליין געמאַכט די בינע, געמאָלט די דעקאָראַציעס, געשריבן דאָס שטיק, צוזאַמענגעשטעלט די מוזיק, אַליין געלערנט די מימיק".

*) אויספירלעך וועגן דער צייטונג און וועגן גאָלדפאַדענען אַלס רעדאַקטאָר זע א. ר. מלאַכי'ס אַרטיקל אין „אונדזער בוך", נ. י., נומ. 4, 1926, און זיין אַרטיקל אין „הונדערט יאָר גאָלדפאַדן", זז. 77-75.

**) זייט 1887 האָט גאָלדפאַדען אָנגעהויבן אין פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס צו פאַרעפנטלעכן זיין אויטאָביאָגראַפיע, אָבער נאָר שטיקלעכווייז. די ערשטע אויספירלעכע גאָלדפאַדען־אויטאָביאָגראַפיע האָט שלום פּערלמוטער פאַרעפנטלעכט אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט" פון 5 אַפּריל ביזן 5 יולי 1929, אָבער אויך דאָרט איז זי נישט פאַרענדיקט.

דערמיט האָט זיך אָבער גאָלדפאַדען נישט באַרואיקט, און נישט קאָנענדיק שטילן זיין ליבע צום יידישן טעאַטער, פון וועלכן ער איז פאַרטריבן געוואָרן, גרינדעט ער אַ פאַראיין „ליראַ"*), וואָס שטעלט זיך צום ציל צו אַנטוויקלען די יידישע דראַמע. אין דאָזיקן פאַראיין ווערן אַריינגענומען נאָר יונגעלייט, וואָס באַזיצן פיל־ווייניק טאַלאַנט פאַר דער בינע, און האָבן גוטע שטימען. דאָס רוב מיטגלידער איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, און דאָ קומט אַ פונקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש: „די הויפּזאַכע איסט אָבער צו בעמערקען, דאָס די ערשטע אויפגאַבע יעדעס מיטגלידעס דיזעס פעראַיינס בעשטעהט, הויפּטזעכליך, אין מאָראַל און אונבעשאָלטענע אויפפירונג".

דאָס הייסט גאָר פשוט, אַז גאָלדפאַדען האָט געהאַלטן, אַז אויסער טאַלאַנט, דאַרף מען אויפזוכן מענטשן, וואָס זאָלן זיין עטיש, וואָס זאָלן האָבן דרך־ארץ און אַכטונג, און אין דעם איז געלעגן באַהאַלטן זיין קריטיק אויף די יידישע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך צו אים באַצויגן נישט עטיש.

אין דעם אָנאָנס וועגן דער געזעלשאַפט „ליראַ", פון וועלכן, איך האָב ערשט געבראַכט די ציטאַט, געפינט זיך נאָך אַ פּאַראַגראַף, אַז גאָלדפאַדען לערנט אומזיסט די מוזיק, דעם פאָרטראַג (דיקציע) און שטעלונג אויף דער בינע.

די ערשטע פאָרשטעלונג פון דער „ליראַ" איז פאָרגעקומען דעם 7־טן יולי 1887 און געשפּילט האָט מען גאָלדפאַדענס קאָמישע אָפּערעטע „די צוויבער טראָמפּייט", אָדער „דער אָנקעל וועט משלם זיין", אַ פּיעסע וועלכע ווערט מער אין ערגעץ נישט דערמאָנט.

גאָלדפאַדען האָט, אַלזאָ, נאָך אַמאָל געפּרובט גרינדן אין ניו־יאָרק דאָס יידישע טעאַטער אַזוי ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען, און ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען יידיש טעאַטער, קאָן מען זען פון פאָלגענדער דערקלערונג, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין וואָכנבלאַט:

„אַזוי ווי אונדזער ייד איז שטענדיק פאַרפאָלגט פון אַנדערע נאַציאָנען, און דאָס הארץ איז אים שטענדיק פאַרביטערט, אַזוי ווי יעדער ייד שפּילט זיך אָפּ זיין אייגענע דראַמע ביי זיך אין דער היים; דער בעל־הבית איז פאַרזאָרגט, דאָס ווייב שרייט און שעלט, די קינדערלעך וויינען, האָב איך אים געמאַכט אַן אָרט, דאָס טעאַטער, ער

*) אויספירלעך וועגן דער דראַמאַטישער שול „ליראַ" זע ד"ר שאַצקיס אַרטיקל אין „אַרכיוו", זז. 290-286.

זאָל האָבן וואוהין צו אַנטלויפן אויף עטלעכע שטונדן פון זיינע ביטערע דאגות, וואָס פאַרפאַלגן אים אַ גאַנצן טאָג. די אייניקע שטונדן, וואָס ער ברענגט צו אין טעאַטער, מוז ער פאַרגעסן זיינע צרות, ער מוז לאַכן, ער מוז הערן זינגען, ער מוז זען טאַנצן, און קויפט זיך פאַר זויניק געלט זיין גרויס פאַרגעניגן. דערפאַר איז געווען שטענדיק מיין פּלאַן צו פאַרפאַסן נאָר קאָמישעס מיט געזאַנג און טענץ, וואָס ס'הייסט אָפּערעטע"*).

אַ טעות אין זכרון

אין זיין אַרטיקל „ווי איך בין געשטאַנען צום פּריזיוו" („טאָג", ניו־יאָרק, 29־טן אָקטאָבער 1932) שרייבט פּראָפ. ש. דובנאָוו: „דאָ [פּעטערבורג] האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט די טרויעריקע מעלאָדיע פון דער מעלאָדראַמע „שולמית", וואָס גאָלדפאַדענס טרופּע האָט קורץ פאַר דעם געשפּילט אין פּעטערבורג: „גיי, ישראל'יקל, גיי!" דער דאָזיקער ניגון פון אַ וואַנדערפאָלק, אָנגעזאַפּט מיט טרערן, האָט זיך אַזוי ווי געטראָגן אין דער לופט אין די יידישע קרייזן פון דער הויפּטשטאָט".

דערלויב איך מיר אויפמערקזאַם צו מאַכן אונדזער ה' פּראָפ. דובנאָוו, אַז דאָס ליד, „גיי ישראליקל, גיי!" איז נישט אין „שולמית", נאָר אין גאָלדפאַדענס „ד"ר אַלמאַסאַדאַ", וואָס איז טאַקע צו יענער צייט געשפּילט געוואָרן אין פּעטערבורג.

פּ. ס. — קורץ נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דער נאָטיץ, האָב איך באַזוכט פּראָפ. דובנאָוו אין זיין וואוין־פּלאַץ אין ריגע, און ער האָט מיר זייער געדאַנקט פאַר דער באַמערקונג און אָנגעוויזן, אַז אין זיין בוך, וואָס וועט אַריינגעמען די זכרונות, וועט ער דעם טעות אויס־

*) גאָלדפאַדען האָט זייער אָפט געשריבן זייער סתירות'דיק וועגן זיינע כוונות צו שאַפן די יידישע בינע, אַזוי לייענען מיר אין זיין אַרטיקל „פון שמענדריק צו בן־עמי" (געדרוקט אין „אַמעריקאַנער" פון 27-טן מערץ 1907, און איבערגעדרוקט אין „אַרכיוו", זז. 265-270): „וואָלט מיר געהאַט געוועזן באַשערט צו גרינדן דאָס טעאַטער אין רוסלאַנד, וואו עס זיינען דאָ פיל מבינים אויף וואָרע דראַמען, וואָלט עס מיר געגעבן מוט צו אַרבעטן פאָרווערטס אויף דעם זעלבן זשאַנער און עס וואָלט גאָר אַן אַנדער רעפּערטואַר באַשאַפן געוואָרן. דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, איך זאָל לייגן דעם גרונד־שטיין פון דעם יידישן טעאַטער אין רומעניען, אין אַ לאַנד און פאַר אַ פּעבל, וואָס צוריק מיט דרייסיק יאָר האָט עס גאָר קיין באַגריף געהאַט פון טעאַטער־ליטעראַטור, א. אַ. וו.".

בעסערן. ביי דער געלעגנהייט האָט מיר פּראָפ. דובנאָוו איבערגעגעבן, אַז בסך הכל האָט ער אין זיין לעבן באַזוכט בלויז 2 מאָל דאָס יידישע טעאַטער. איינמאָל, אסתר רחל קאַמינסקיס אַ פאַרשטעלונג, און איין פאַרשטעלונג פון דער „הבימה". איך האָב מיר דערויף דערלויבט צו באַמערקן, אַז אייגנטלעך האַנדלט עס זיך נאָר וועגן איין פאַרשטעלונג, וואָרום „הבימה" איז העברייאיש טעאַטער, נישט יידיש.

אַ ראיה אויף קאַפּויער

אין ארץ ישראל האָט מען אויפגעפירט אין אַ גראָטעסק־פאָרם ק. סילמאַנס קאָמעדיע „מגלת אסתר". כדי צו רעכטפאַרטיקן דעם טריוואַלן אופן פון דער רעזשי, האָט די קריטיק אָנגעהויבן אויסצו־טייטשן, אַז די פּיעסע ווערט געשפּילט אין סטיל פון די „פּורים־שפּילן".

אַ קריטיקער אין „דבר", ה' יציב האָט אַזוי געשריבן: „נישט־ווילנדיק קומט אויפן געדאַנק גאָלדפאַדען. וואָס פאַר אַ פאָלקסטימ־לעכן חוש האָט געהאַט דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, און וויפל פאָלקסטימלעכע טעמעס ער האָט דאָס אויפגעכאַפּט דער מחבר פון „בר כוכבא" און „שולמית", און דוקא דאָס „פּורים־שפּיל" האָט ער נישט אויסגענוצט. קענטיק, אַז ער האָט פונדעסטוועגן געהאַט אַ געזונטן חוש און אַ שאַרפע פאָלקסטימלעכע פאַרשטענדניש. מיין מיינונג איז, אַז ער האָט אויך געהאַט אַ טיפן קינסטלעריש־עטישן געשמאַק, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אַזאַ פאָלקסטימלעכע טעמע".

פרעגט זיך ווי איז אָבער דער דין, אַז גראָד גאָלדפאַדען האָט יאָ אויסגענוצט דאָס „פּורים־שפּיל" פאַר אַ פּיעסע. בערך אין 1886 האָט גאָלדפאַדען אָנגעשריבן „קעניג אחשורוש" (דערשינען אַ. נ. „טעהאַטער פאָן קעניג אַחשורוש אָדער קעניגין אסתר", לעמ־בערג, 1890), וועלכע ווערט עד היום געשפּילט אין דער גאַנצער יידישער טעאַטער־וועלט, באַזונדערס אין די פּורים־טעג.

אַלזאָ, ווי עס איז איצט, האָט נאָך גאָלדפאַדען „אַ געזונטן חוש און אַ שאַרפע פאָלקסטימלעכע פאַרשטענדניש", „אַ טיפן קינסטלעריש־עטישן געשמאַק", אָדער נישט?

וועגן „די אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן"

צו דער באַמערקונג פון י. ש. וועגן „אומבאַקאַנטע יידישע דראַמאַטורגן" („פּנקס", ניו־יאָרק, 3, זז. 2־271) וויל איך דאָ פאַר־נאָטירן פאָלגענדיקעס:

דער געוויסער נ. ב. באַזעלינסקע ווערט ביי רייזענען אין „לעק־סיקאָן" דערמאָנט, נאָר אַזוי ווי רייזען נעמט אים פון ב. גאָרינס „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" (באַנד 2, זייט 51), וועלכער האָט דעם נאָמען פאַרדרייט אויף וואַזעלינסקי, האָט אויך רייזען אים אַזוי פאַרצייכנט ביי זיך אין „לעקסיקאָן" (1, ז. 899). ער גיט אים אַן (געשטיצט אויף גאָרינען) אַלס אַ שוסטער פון אָדעס, וואָס האָט אין די 80־ער יאָרן פאַרפאַסט אַ פּיעסע „די משוגענע אוים ליבע", וועלכע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין די ערשטע צייטן פון דער יידישער בינע אין ניו־יאָרק.

אין דער אמת'ן הייסט דער מחבר נישט וואַזעלינסקי און נישט באַזעלינסקע, נאָר נ. ב. באַזילינסקי.*) אין דער „רשימה פון פּיעסן", וועלכע ב. גאָרין ברענגט צום סוף פון זיין בוך „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" (2, ז. 257), שרייבט ער שוין ריכטיק נ. ב. באַזילינסקי, און פאַרצייכנט זיינע צוויי פּיעסן:

אסתר, 5 אַקטן, אַדאַפּטירט, אויפגעפירט 1881.

די משוגענע אויס ליבע, אויפגעפירט 1883.

ווי עלטערע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן פּערזענלעך געקענט באַזי־לינסקין, גיבן מיר איבער, איז ער נישט געווען קיין שוסטער, נאָר געהאַט אין אָדעס אַ שוך־געשעפט.

זיין פּיעסע „די משוגענע אוים ליבע" איז געווען אַ שלאָגער נאָך אין דער ערשטער צייט פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, ווייל זי איז געווען פון די ערשטע יידישע פּיעסעס פון דראַמאַטישן כאַראַקטער. ווען די יידישע אַקטיאָרן פון אייראָפּע זיינען געקומען אין אַמעריקע, האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט די דאָזיקע פּיעסע, און אויך דאָ האָט זי געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אין דער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים האָב איך געפונען 2 געדרוקטע פּיעסן פון באַזילינסקין; איין פּיעסע הייסט:

דיא שטיללע חתונה

אָדער

דיא פערפאָלגטע ליעבע

פערפאַסט פון נ. ב. באַזילינסקי

אין אָדעססא 18 נאָוועמבער 1880

הערויסגעגעיבען דורך א. באַזילינסקי

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", באַנד 1, זז. 117-18.

די פּיעסע האָלט 56 ז. 16^0. קיין דרוקיאָר איז נישט אָנגעגעבן, נאָר עס איז פאַראַן אין רוסיש אַ באַמערקונג, אַז זי איז צענזורירט געוואָרן אין קיעוו דעם 24־טן יוני, 1905.

די צווייטע פּיעסע האָט נישט קיין שער־בלאַט. וואָס איך האָב נאָר געקאָנט פעסטשטעלן איז, אַז זי הייסט „גדליהוס טויט" און האָלט 72 ז. 16^0. זי איז אַ באַאַרבעטונג פון פיליפּסאָנס „גדליהו". אין דער פּיעסע איז אויך פאַראַן דאָס בילד פון מחבר, און עס ווערט באַמערקט אויף העברייאיש: נחום בר' דוב בזילינסקי, בהיותו ממשפחה עשירה נאדרה, נולד שנת תקצ"ז, נפטר יא לחודש ניסן שנת תרס"א", און אויף רוסיש ווערט געזאָגט, אַז אין דער צווייטער אויסגאַבע וועלן זיין ביאָגראַפישע דאַטן פון פאַרפאַסער.

פאָלגנדיקע צושריפט געפינט זיך אין ביכל:

נחום בר' דוב באַזעלינסקי

בנתיב הזהב הגבילו חכמים, הלך המנוח כמשכיל ותמים,
העבר וההוה בו התלכדו, חרדים ונאורים לדבריו חרדו,
כסופר מהיר וחוזה חזיונות, בעקיצת חדודיו הוכיח עונות;
ובהיותו ממשפחה עשירה נאדרה, לאוזן שומעת תוכחתו חדרה,
מצוין במינו באלה הימים, כמשכיל ומאמין נאור ותמים".

פון די דאַטומס, וואָס ווערן דאָ אָנגעגעבן, איז צו זען, אַז באַזילינסקי איז געשטאָרבן אין 1901, און אויף אַזאַ אופן זיינען ביידע פּיעסן זיינע אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך איינעם, וואָס האָט אים געוואָלט שטעלן אַן אָנדענקן, און אַזוי ווי דער אַרויסגעבער הייסט באַזילינסקי, דאַרף מען רעכנען, אַז דאָס איז אָדער אַ זון אָדער אַ ברודער פון פאַרשטאָרבענעם מחבר.

ווי דער עלטערער אַקטיאָר יצחק בליפעלד גיט מיר איבער, איז באַזילינסקי געבוירן געוואָרן אין זשיטאָמיר, און געלערנט צוזאַמען מיט גאָלדפאַדענען אין דער ראַבינער שול (אַט וואו מען דאַרף זוכן באַזילינסקיס נאָענטקייט צום יידישן טעאַטער). ער האָט פאַרפאַסט אַ פּיעסע „דער בלבול", וועלכע גאָלדפאַדען האָט באַאַרבעט אין זיין שפּעטער באַרימטער היסטאָרישער אָפּערעטע „ד"ר אלמאסאדא".

דער עלטערער אַקטיאָר שמואל טאַבאַטשניקאָוו־טאַביאַס געדענקט גוט באַזילינסקין אַלס אַ באַזיצער פון אַ שוד־געשעפט.

די עלטערע יידישע שוישפּילערין כינע בראַגינסקאַ־פּישזאָן ווייסט אויך צו דערציילן פון נאָך אַ פּיעסע באַזילינסקיס, „דער יידישער דאָקטאָר", וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אין בערדיטשעוו.

דער אַקטיאָר און פּיעסעס־שרייבער משה שאָר גיט איבער, אַז באַזילינסקי איז געווען אַ שטאַטלעכע פיגור, האָט שטענדיק געטראָגן אַ צילינדער, און איז אין די יאָרן 1882־3 געווען אין אָדעס אַ דירעקטאָר פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

⁂

צווישן די נעמען, וועלכע ווערן אין י. ש—ס באַמערקונג דער־מאָנט, געפינט זיך אויך וואַרכאַווסקי. אויך דאָ איז זיכער אַ טעות, און עס האַנדלט זיך וואַרשיינלעך וועגן אַ געוויסן אליהו זלמן יאַרי־באַווסקי*).

אליהו זלמן יאַריכאַווסקי איז געווען אַ זון פון אַ לאָדזשער קלעז־מער. ער אַליין איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אָדער אין פּיעטראַ־קאָוו (די גובערניע). אין אָנהייב איז ער אויך געווען אַ קלעזמער, דערנאָך האָט ער שטודירט מוזיק און געוואָרן, אין 1881, אַ קאַפּעל־מייסטער אין יידישן טעאַטער (עלדאָראַדאָ) אין וואַרשע ביי ספּיוואַ־קאָווסקין. דאָ שרייבט ער די מוזיק צו עפּלבערגס „דוד און גלית" (באַקאַנט אונטערן נאָמען „דוד אין דער וויסטע"). בעת ער שפּילט אין גאַליציע פאַרפאַסט ער די מוזיק צו גאָלדפאַדענס „אחשורוש". אין 1889 איז י. געקומען אין לאָנדאָן און געווען דיריגענט און אָנ־פירער פון אַ יידיש טעאַטער, וואָס האָט דאַמאָלט געשפּילט אין „האָלענדישן קלאַב" (אַ בנין, וואָס האָט זיך דאַמאָלט געפונען קעגנ־איבער דעם פּאַוויליאָן טעאַטער). דאָ פאַרפאַסט ער מוזיק צו דער דראַמע „מאָנטע קריסטאָ", און איבערזעצט אויף יידיש „טראַוויאַטאַ", וועלכע ער האָט אויפגעפירט אָן קירצונגען. אין 1892 איז ער צו־זאַמען מיט זיין פאָטער געקומען אין אַמעריקע, וואו ער פאַרפאַסט מוזיק צו יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת". זיין טעטיקייט אין אַמעריקע איז מיר אומבאַקאַנט. יאַריכאָווסקי איז געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע.

⁂

דער נאָמען שאָר, וואָס ווערט דאָרט דערמאָנט, באַציט זיך וואַרשיינלעך אויף דעם אַקטיאָר משה שאָרס פאָטער, זעליג שאָר. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ**), וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", באַנד 2, ז. 931.

**) זע מיין בוך „טעאַטער־פיגורן", זז. 23-26.

צו פאַרנעמען דאָס כסא הרבנות, איז געוואָרן אַן אַקטיאָר, און בשעת הדחק אויך געשריבן פּיעסעס אָדער באַאַרבעט (?!) פּיעסעס אויף זיין נאָמען.

⁂

דערמאָנענדיק די אויפפירונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר" באַמערקט י. ש. פון זיין זייט „מסתמא אין שמ"רס באַאַרבעטונג".

ביי דער געלעגנהייט וואָלט איך געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ קורץ אַרטיקעלע פון יעקב וואַקסמאַן „צוליב גאָגאָלס „רעוויזאָר" האָט מען אַרויסגעגעבן דעם ערשטן פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד" („טעאַטער־צייטונג", וואַרשע, 4, 1928).

דער מחבר האָט מיך אינפאָרמירט, אַז ער האָט דאָס אַרטיקעלע געשריבן אויפן גרונט פון אַ פּערזענלעכער מעלדונג פון אַלטן אַקטיאָר שואל וויינשטיין, וועלכער האָט דעמאָלט געשפּילט אין שמ"ר'ס טרופּע און אויף אַ נאָטיץ וועגן דער געשיכטע אין רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „רוסקי־יעווריי" 35, 1881, וואו עס ווערט אָבער וועגן פאַרבאָט גאָרנישט גערעדט.

איך האָב וואַקסמאַנען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די דאַטע, וועלכע ער גיט אָן (1 יולי, 1881) אַלס ערשטער פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אין רוסלאַנד שטימט נישט, וואָרום לויט די געפונענע דאָקומענטן אין די רוסישע אַרכיוון, איז דער ערשטער פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 17 אויגוסט 1883.

פון דעם איז, אַלזאָ, צו זען, אַז די סיבה צום פאַרבאָט פון יידישן טעאַטער איז געווען גאָר אַן אַנדערע. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער גרויסער פאַרבאָט (נאָך וועלכן מ'האָט פונדעסטוועגן ווייטער געשפּילט אין געוויסע פּלעצער ביז אָרטיקע פאַרבאָטן) איז נישט געווען דער ערשטער. נאָך פריער און אויך שפּעטער זיינען געווען אין רוסלאַנד לאָקאַלע פאַרבאָטן.

דער כאַרקאָווער פאַרבאָט צוליב דער אויפפירונג פון שמ"רס צעקאַלעטשעטן „רעוויזאָר" האָט, אַלזאָ, נאָר געקענט זיין אַ לאָקאַלער.

⁂

ווען מען רעדט שוין וועגן אומבאַקאַנטע דראַמאַטורגן, וויל איך דאָ פאַרנאָטירן דעם נאָמען פון אַ דראַמאַטורג שלמה בדחן*).

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", באַנד 1, זז. 2-131.

זיין ווערק, וואָס ליגט פאַר מיר, הייסט:

מ א ז ע ס

אָדער

דאָס בעפרייאונג דער יזראַעליטען אויס עגופּטען

געמאַכט דורך שלמה בדחן ז"ל

אין דער דרוק געבערענגט דורך זיין ברודער

הירש גדלי' בעללויא מיט נייע צו גאַבען

נאַכדרוק פאַרוועהרט

בדפוס ר' יצחק ראטהער נ"י

אויף פּויליש איז צוגעגעבן, אַז דאָס בוך איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1867.

פון דער צווייטער זייט איז געדרוקט אויף פּויליש:

Wolno drukować z warunkiem złożenia w Komitecie Cenzury
po wydrukowaniu prawem przepisanej liczby egzemplarzy
Warszawa dnia 9/21 Sierpnia 1866
Pom. Cenzora I.2 B. Cymerman

דאַן גייט אַ זייטל מיט פאָלגנדיקער ליסטע (אָרטאָגראַפיע ווי אין ביכל, אויך די נומעראַציע אין דער זייט)

פ ע ר ז א ה נ ע ן

1 פ ר ע ה קעניג פאַן עגיפּטען לאַנד
2 ע ל י ז זיין ערשטגעבוירענער זאהן
3 י א מ ב ר ו ס איין אנפערטרויעטער דעם קעניגס
4 י א נ ו ס בעדינטער פאַן קעניג
6 ש ו ט ר אָדער איין שטאהט דינער
7 מ ש ה דער קנעכט גאָטטס
8 צ פ ו ר ה זיינע פראה
9 ג ר ש ו ם זיין זאהן, פאַן צפורה
10 א ה ר ן זיין ברודער
11 י ת ר ו זיין שוויגער פאַטער, צפורה איהר פאַטער
12 3 זקנים פאַן די יודעשע ארבייטסלייטע אין עגיפּטען
13 4 צויבערער פאַן עגיפּטען לאַנד

זאלדאַטין, מאַנסלייטע, פרויענצימער, איין ענגיל.

און ווידער א זייטל מיט פאָלגנדיקער צושריפט:

„די זאך פאסירט זיך אין מדין אין עגיפטען ארויס גענימען פאָן דער הייליגער שריפט (אָדער פאָן דיא פינף ביכער מאָזעס)
בעללויא גדל׳״

דאָס גאנצע ביכל, געדרוקט אויפן פאַפּיר פון די אמאָליקע מעשה־ביכלעך, האלט 71 געדרוקטע זייטן 32⁰, דערביי פעלן על פי טעות די נומערן 21-24.

פון שער־בלאַט איז, ווי ס׳איז צו זעען, נישט קענטיק, אז עס האנדלט זיך וועגן א פּיעסע. די פּיעסע האָט 7 אקטן, וואָס זיינען געטיילט אין סצענעס. ביזן 7־טן אקט שרייבט דער מחבר "אקטן", דעם לעצטן אקט רופט ער „זיבטע פאהר שטעלונג״.

ווי עס איז צו זעען איז די פּיעסע ארויסגעגעבן געוואָרן נישט דורכן מחבר גופא, נאָר נאָך זיין טויט דורך זיין ברודער הירש גדליהו בעללויא*). שלמה בדחן האָט אויך אַלזאָ געהייסן בעללויא, און פון פסעוודאָנים איז קלאָר, אז ער איז געווען א בדחן.

הירש גדלי׳ בעללוי האָט די פּיעסע נישט נאָר ארויסגעגעבן, נאָר אויך צוגעגעבן „נייע צו גאבען״.

וועגן מחבר פון די „ווייבערישע קניפּלעך״

שרייבנדיק פאַרן „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ די ביאָגראַפיע פון ישראל מאיר וואָהלמאַן**), וועלכער איז אָנגענומען ביי טייל ביאָגראַפן אַלס מחבר פון דער קאָמעדיע „די ווייבערשע קניפּלעך״, בעת אַנדערע ביאָגראַפן און ליטעראַטור־היסטאָריקער האַלטן לודוויק

*) ער ווערט דערמאָנט אין שמואל מייזעלס „יודישע טעאַטער-גע-שיכטע״ — געדרוקט אין „אָסט אונד וועסט״ און איבערגעזעצט אויף יידיש אין „טעאַטער-וועלט״ (1908, 6).

וועגן דאַזיקן הירש גדלי׳ בעללוי און זיין ראָל אין יידישן טע-אַטער אין וואַרשע נאָך איידער גאָלדפאַדען האָט געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער אין רומעניע, האָט ד״ר י. שאַצקי שוין געשריבן אין זיין „צו-שטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַרגאָלדפאַדענישן טעאַטער״ אין קוואַר-טאַל-בוך „יידיש טעאַטער״, וואַרשע, 3-4, 1927.

זע אויך „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, באַנד 1, זז. 192-193.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, 1, זז. 641-644.

לעווינזאָנען*) פאַרן מחבר פון דער קאָמעדיע, איז מיר אויסגעקומען דורכצולייענען דעם אַרטיקל פון זלמן רייזען „די וויבערשע קניפּלעך" און זייער מחבר. („די יידישע וועלט", וואַרשע, 6, 1928).

כדי צו באַקרעפטיקן זיינע באַווייזן, אַז נישט לעווינזאָן איז דער מחבר פון דער קאָמעדיע, נאָר וואָלמאַן, שרייבט קאָלעגע רייזען (ז. 442): „דאָס איז, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, די איינציקע געדרוקטע קוועלע צו יענער צייט, וואו וואָהלמאַן ווערט אָנגעגעבן אַלס דער מחבר פון „וויבערשע קניפּלעך"; זי איז אָבער געבליבן נישט אויסגענוצט, אפילו נישט (מיין קורסיוו — ז. ז.) פון ב. גאָרין**), דעם פאַרפאַסער פון דער „געשיכטע פון אידישען טעאַטער".

„גאָרין פאַרצייכנט אין זיין רשימה פון די יידישע טעאַטער־שטיק צום סוף פון זיין ווערק אויך „די וויבערשע קניפּלעך" מיט לעווינזאָנען אַלס מחבר, אָבער דערמאָנט נישט וועגן דער קאָמעדיע און איר אויטאָר אפילו קיין וואָרט אין טעקסט פון זיין געשיכטע, וואָס ס'איז אַ זיכערע ראיה, אַז ער האָט פון די „וויבערשע קניפּ־לעך" און איר אויטאָר מער ווי די נעמען קיין זאַך נישט געוואוסט, וואָרום אַ נישט — וואָלט ער זיי זיכער געשענקט מער אויפמערקזאַמ־קייט, ווי ער האָט עס געטאָן בנוגע עלטערע יידישע פּיעסעס, וועלכע האָבן נישט דעם ערך אַ קנאַפּערן סצעניש אינטערעס ווי די „קניפּלעך"."

רייזען האָט דאָ נאָר געמאַכט אַ קליינעם טעות: ער האָט נישט גרינטלעך איבערגעלייענט גאָרינס ווערק, וואָרום אויב יאָ, וואָלט ער זיין גאַנצע השערה נישט געבויט אויף אַזאַ זיכערער בריק.

אין גאָרינס ווערק „געשיכטע פון אידישען טעאַטער" (ערשטער באַנד) גיט גאָרין אָפּ דריי זייטלעך (זז. 125־127) דער קאָמעדיע „די וויבערשע קניפּלעך". אמת, אַז ער איז אין דער מיינונג, אַז נישט וואָלמאַן איז דער מחבר, נאָר לעווינזאָן. אַזוי שרייבט ער: „אין 1874 האָט זיך אין ווילנע אָפּגעדרוקט אַ שטיק מיטן נאָמען „די וויבערשע קניפּלעך", איין טעאַטער־שפּיל אין 5 אַקטן. דער נאָמען פון דעם שרייבער איז אָנגעגעבן י. מ. וואָלמאַן, נאָר ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז דער פאַרפאַסער פון דער דאָזיקער שטיק לודוויק

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, זז. 1149-1153.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 463-66.

לעווינזאָן, וועלכער האָט איר געגעבן וואָלמאַנען, אַז ער זאָל איר געבן צום דרוק, און יענער האָט שוין פאַר איין גאַנג אַרויסגעשטעלט אויף איר זיין אייגענעם נאָמען."

ווי עס איז צו זען, האָט גאָרין אפילו באַגרינדעט זיין השערה, פאַרוואָס אויפן געדרוקטן ביכל שטייט וואָלמאַן אַלס מחבר און נישט לעווינזאָן, אָבער, דאָ האָט זיך גאָרין פאַרפּלאָנטערט, וואָרום באמת איז די קאָמעדיע געדרוקט גאָר אין דער דרוקעריי פון איינעם יוסף לעבענזאָן און דערפון וויל רייזען אין זיין באַמערקונג (ז. 744) ציען אויפמערקזאַמקייט ביים פאַרשן די סיבה, ווי אַזוי מען האָט וואָלמאַנס (רייזען האַלט אים אומבאַדינגט פאַרן מחבר) קאָמעדיע צוגעשריבן לעווינזאָנען.

ווייטער גיט גאָרין איבער אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון דער קאָמעדיע. ער שרייבט: „די ווייבערשע קניפּלעך" איז אַ קאָמעדיע, וואָס רופט־אַרויס אַ געזונטן געלעכטער. דער סוזשעט צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענער פשטות און די האַנדלונג אַנטוויקלט זיך פון זיך אַליין. אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר, איז אַזוי נאַטירלעך, לעבעדיק, אָן שום אָנשטרענגונג, — אָן נסים. די פאַנטאַזיע פאַרשלעפּט נישט דער [דעם] מחבר אָן אַ זייט. הגם דער גאַנצער יסוד פון דער קאָ־מעדיע איז אַ שיינער פּייערוועַרק."

נאָכן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער קאָמעדיע און צי־טירנדיק אפילו אַ קורצן דיאַלאָג, פאַרענדיקט גאָרין מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיט איר איינפאַכקייט, מיט איר נאַטירלעכן דיאַלאָג, מיט איר נאָענטקייט צום לעבן, איז די קאָמעדיע „ווייבערשע קניפּלעך" איינע פון די בעסטע פון יידישן רעפּערטואַר.

די קאָמעדיע „ווייבערשטע קניפּלעך" האָט אין אַ קורצער צייט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויסגאַבן און אין דער געדרוקטער פאָרם איז זי זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דעם לעזנדן פּובליקום."

אָט די עטלעכע זייטלעך געפינען זיך אין קאַפּיטל „ערשטע יידישע דראַמאַטורגן אין רוסלאַנד", טאַקע אין יענעם קאַפּיטל, וועגן וועלכן רייזען זאָגט, אַז דאָרט האָט גאָרין געדאַרפט באַהאַנדלען די קאָמעדיע.

ס'איז אויך ווערט צו באַמערקן, אַז דער פאַרשטאָרבענער ב. גאָרין האָט געפּלאַנט צו באַאַרבעטן און אויפצופירן די קאָמעדיע

„ווייבערשע קניפלער". אזוי בין איך אינפארמירט געוואָרן פון יידישע שוישפילער. גאָרין האָט זיך בכלל אָרומגעטראָגן מיטן פּלאַן צו רעסטאַווירן און אויפפירן דעם גאַנצן אַלטן רעפּערטואַר. ער האָט געמאַכט אַ פּרוב מיט וואָלפזאָנס „לייכטזיין און פרעמעליי", וועלכע ער האָט באַארבעט אונטערן נאָמען „דער צבועק". די קאָמעדיע איז אין 1917 אויפגעפירט געוואָרן דורכן מעלאָדראַמען־דראַמאַטורג און אַקטיאָר מאַקס גאַביל*), אָבער זי איז דורכגעפאַלן, און גאָרין האָט זיין פּלאַן אויפגעגעבן.

„שאַנסאָנעטקעס" און קופּלעטן

אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון אברהם בער גאָטלאָבערס**) קאָמעדיע „דער דעקטוך", שרייבט דער מחבר פון „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער", ב. גאָרין, אַז „פאַר גאָטלאָבערן איז געווען ווייניק צו קעמפן מיט אַ צבועק. ער האָט געזוכט צו אַטאַקירן דעם גאַנצן בנין פון חסידיזמוס און ער האָט דערפאַר אַנגענומען די הויפּטזיילן און אַנגעווענדט זיין גאַנצע גבורה איינצוּוואַרפן זיי. ער האָט דערצו געברויכט אַלע מיטלען, אפילו שאַנסאָנעטקעס (אונטערגעשטראָכן פון מיר—ז. ז.), וועלכע האָבן אין יענער צייט קיין שום זין נישט געהאַט, ווייל שאַנסאָנעטקעס זיינען געמיינט צום זינגען, און אין יענער צייט האָט אַ יידישער דראַמאַטורג אפילו נישט גע'חלומ'ט צו זען זיינע אַ שטיק געשפּילט."

דערויף האָט ש. ניגער אין זיינעם אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן גאָטלאָבערן („צוקונפט", אויגוסט 1924), באַמערקט, אַז אין דער געדרוקטער אויסגאַבע זיינען בכלל נישטאָ קיין שאַנסאָנעטקעס.

ווייל איך דערמיט אויפקלערן, אַז ש. ניגערס באַמערקונג שטיצט זיך אויף אַ מיספאַרשטענדעניש:

גאָרין האָט נישט געמיינט, אַז אין דער פּיעסע פיגורירן שאַנסאָנעטקעס, ד. ה. „מיידלעך", וועלכע טרעטן אַרויס אין שאַנטאַנען. וועגן אַזעלכע וואָלטן געווען מיטבאַטייליקט אין דער קאָמעדיע, וואָלטן זיי דאָך געווען אין דער רשימה פון די „אַנטיילנעמער".

מיטן וואָרט „שאַנסאָנעטקעס" האָט גאָרין געמיינט „שאַנסאָנס"

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 490-495.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 252-256.

(קופּלעטן), וועלכע זיינען טאַקע פאַראַן אין דער קאָמעדיע. און אין די דאָזיקע קופּלעטן, וועלכע זיינען נישט געוועזן נויטיק (ווייל קופּלעטן דאַרף מען דאָך זינגען, און אין יענער צייט — ווי גאָרין באַמערקט ריכטיק — איז נישט געווען קיין שום רייד וועגן אויפפירן אַ פּיעסע אויף יידיש), מאַכט גאָטלאָבער אויפן וואולגאַרסטן אופן חוזק פון די חסידים.

דער אויסדרוק „שאַנסאָנעטקעס" אַלס „שאַנסאָנס", „קופּלעטן", ווערט אויך באַנוצט דורך א. גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. אַזוי ווערט עס אויך פאַרשטאַנען אין רומעניע און בעסאַראַביע.

דוקא נישט קיין נאָמען פון דער הפטורה

ש. ניגער אין זיין אַרטיקל „פופציק יאָר יידישע ליטעראַטור — ווער און וואָס איז געבליבן" („דער טאָג", ניו־יאָרק, 18 סעפּטעמבער 1938) שרייבט:

„נאָך מער אומבאַדייטנדיקע נעמען טרעפן מיר צווישן די ליי־דער־שרייבער פוןביידע זאַמלביכער [„הויז פריינד" און „אידישע פאָלקס ביבליאָטעק"]. דאָרט זיינען דאָ לידער פון ש. זאַקס, פ. זשוק, וו. זאַטולאָווסקי, ב. בעקערמאַן, י. ד. ריזבערג, א. דרוקער, מאיר אַבראַמאָוויטש (מענדעלים זון). פאַר אונדז איצט זיינען עס נעמען פון דער הפטורה."

אַ טייל נעמען זיינען טאַקע געבליבן נעמען פון דער הפטורה, ווי ביי יעדער ליטעראַטור, איבערהויפּט נאָך אין אָנפאַנג. אָבער צוויי פון די אויבנדערמאָנטע נעמען טאָרן פאַר קיין פאַל נישט אַריינגע־נומען ווערן אין אַלגעמיינעם רעמל. ש. זאַקס וואוינט היינט צו טאָג אין וואַרשע, וואו עס איז ערשט נישט לאַנג צוריק געפייערט געוואָרן זיין ליטעראַרישער יובילי. ער איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע צייטונגס־שרייבער אין פּוילן, און האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט זייער פיל איבערזעצונגען, וואָס פאַרנעמען אַ באַ־דייטנד אָרט אין אונדזער איבערזעצטן פאָרמעג פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

ב. בעקערמאַן, וועלכער איז מיט אייניקע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, האָט זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט ביי זיין דעביוט אין

די אויבנדערמאָנטע זאַמלביכער. ער איז טאַקע, מסתמא דורך אַ פאַרזען, נישטאָ אין רייזענס „לעקסיקאָן", דערפאַר פאַרנעמט ער אָבער, מיט רעכט, אַ גאַנץ אַנגעזען אָרט אין מיין „טעאַטער־לעקסיקאָן" (ער־שטער באַנד, זז. 195-6).

בעל־מחשבות׳ס שטעלונג צום יידישן טעאַטער

אין דירעקטער באַרירונג מיט בעל־מחשבות׳ן*) איז מיר אויסגע־קומען צו זיין נאָר איין מאָל. דאָס איז געווען אין יאָר 1923. אַלס מיטאַרבעטער פון אַ טעגלעכער יידישער צייטונג אין פוילן האָב איך מיר דערלויבט דעם לוקסוס צו פאַרברענגען מיין חודש אורלויב אין דייטשלאַנד. דייטשלאַנד איז נאָך דעמאָלט פאַר אונדז געווען דער מקור פון קולטור און ציוויליזאַציע. דער דייטשישער טעאַטער איז געשטאַנען אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, און איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן מיין פרייען חודש, און מאַכן אַ שטיקל „סמאַטר" איבער די דייטשע טעאַטערס.

געקומען אין בערלין, האָב איך אָנגעטראָפן דעם גלאַנץ־פעריאָד פון יידישן פאַרלאַגס־וועזן אין דייטשלאַנד. דער „כלל־פאַרלאַג" האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע וואָגיקע ביכער. אולשטיין, דער באַרימטער פאַר־לעגער, האָט געעפנט אַ ספּעציעלן יידישן אָפּטייל. איך האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט אויף מיין „טעאַטער־לעקסיקאָן", און נעמענדיק אין אַכט, אַז דאָס אַרויסגעבן דעם בוך דאַרף קאָסטן אַ סך געלט און ס׳נויטיקט זיך דערצו אַ גרויסער פאַרלעגער, ווי אויך דאָס וואָס אַזאַ בוך מוז עסטעטיש שיין אַרויסגעגעבן ווערן, האָב איך באַשלאָסן צו פּרובן מיין מזל ביים אולשטיין־פאַרלאַג און אַנדערע ענלעכע פאַרלאַגן.

אָט אַזוי האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסן פאַרלאַג פון די ברידער זאַלצמאַן, רוסישע יידן, וועלכע האָבן אויך געעפנט אַ ספּע־ציעלן יידישן אָפּטייל אונטער דער אָנפירונג פון יידישן דיכטער עזרא קאָרמאַן (איצט אין דעטראָיט, אַמעריקע). קאָרמאַן האָט מיך פאַר־אינטערעסירט מיטן פּלאַן פון מיין בוך, האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַרן פאַרלעגער, און אין פּרינציפּ איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם „לעקסיקאָן". אַזוי ווי איך גופא האָב געפילט, אַז מיין זאַמלערישע

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 189-191.

ארבעט וועט מיר צונעמען א טייל פון דער אביעקטיוויטעט, וואס איז נייטיק צו רעדאגירן. האב איך דערקלערט, אז כ'וואלט געוואלט האבן א שעף־רעדאקטאר איבערן בוך. נישט לאנג געטראכט, האט קארמאן אנגערופן דעם נאמען פון בעל־מחשבות.

ס'איז שווער איבערצוגעבן, וואס פאר א געפילן פון פרייד די דאזיקע ידיעה האט ביי מיר ארויסגערופן. באלד האט מען מיך פאר־געשטעלט פאר בעל־מחשבות'ן און ער האט מסכים געווען.

דער פלאן איז נישט פארווירקלעכט געווארן צוליב צוויי סיבות, ערשטנס, האט איך נישט געוואלט מסכים זיין, אז דער „לעקסיקאן" זאל אנטהאלטן די ביאגראפיעס נאר פון גדולים, צווייטנס, איז פלוצ־לינג געשען דער קראך פון דייטשן מארק, און איידער מען האט זיך ארומגעקוקט איז דאס יידישע פארלאגס־וועזן אין דייטשלאנד, אין צוזאמענהאנג מיטן מארק־קראך, אינגאנצן אונטערגעגאנגען.

אומדירעקט האב איך זיך זייער פיל מאל אנגעשטויסן אויף בעל־מחשבות'עס קאנטאקט מיטן יידישן טעאטער, סיי בעת'ן נישט דורכגעפירטן פרוב פון י. ל. פרץ און א. ווייטער צו גרינדן א יידיש קינסטלערישן טעאטער אין ווארשע, און סיי שפעטער, ווען עס איז יא פארווירקלעכט געווארן דער פלאן צו שאפן א יידיש קינסטלערישן טעאטער אין ראטנפארבאנד (שפעטערדיקער מאסקווער יידישער מלוכה־טעאטער), אבער קיין זאך ביי פיל יידישע שריפטשטעלער, וועלכע האבן אויך געשריבן וועגן יידישן טעאטער, איז נישט אזוי אינטערעסאנט ווי בעל־מחשבות'עס אזוי צו זאגן „אני מאמין" וועגן כאראקטער פון יידישן טעאטער.

אזוי שרייבט ער: „איטלעכס מאל ווען מען רעדט וועגן יידישן טעאטער, רעדט מען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, זיך נישט אפ־געבנדיק קיין חשבון וועגן פובליקום פאר וועמען טעאטער איז באשאפן געווארן (מיין קורסיוו — ז. ז.). ביי יידן, ווי ביי אלע אנדערע קולטור־פעלקער זיינען פאראנען פארשידענע טעאטער־פובליקומס. די גרויסע מאסע פון פאלק האט ליב שונד, און זוכט אויס אזא טעאטער און אזא שטיק, וואו זיין שונד־געשמאק זאל קאנען געפינען א באפרידי־קונג. א קלענערער טייל פון טעאטער־פובליקום וויל שוין א מעלא־דראמע, א בעסער פאלקס־שטיק, און אזא פובליקום געפינט זיין גע־שמאק אין גארדינען, אדער אין די שרייבער, וואס ארבעטן אויף זיין שטייגער. ווידער איז דא א פובליקום — פון דער העכערער אינטעליגענץ

פון פאָלק, — וואָס האָט אַ געשמאַק און אַן איגיווייניקסטע באַדערפֿניש צו אַ גוטער עכטער דראַמע, מעג עס זיין פון אַ היינטיקן אָדער פון אַ פאַרצייטיקן גרויסן דראַמאַטורג.

„. . . איך געפין, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט דער טעאַטער־פֿראַגע האָט די יידישע מאַסע, נישט וואַרטנדיק אויף די עצות פון דער אינטעליגענץ, זיך באַשאַפן דאָס, וואָס זי וויל און וואָס זי פאַרלאַנגט. איי, וואָס מיר האָבן נישט קיין טעאַטער, וואָס זאָל באַפרידיקן אונדזער העכערע אינטעליגענץ? דעריין איז נישט שולדיק דאָס יידישע פאָלק, נאָר די יידישע אינטעליגענץ אַליין.

נישט דאַרויף, וואָס מען וועט שפּילן אַ העכערן רעפערטואַר פאַר דאָס גאַרדינישע פּובליקום, וועט מען האָבן די עכטע דראַמאַטישע קונסט, נאָר דורך דעם וואָס אַ העכער געבילדעטעס פּובליקום וועט פאַרלאַנגען די באַפרידיקונג פאַר איר דראַמאַטישן געשמאַק אין אַ יידישן טעאַטער, און דאָס קאָן נאָר דעמאָלט זיין ווען דאָס געבילדעטע פּובליקום וועט אָנהויבן צו פאַרשטיין, דאָס בנוגע צו דער שפּראַך איז עס אָרעמער ווי דער אָרעמסטער פעדלער.״

אין אַ צווייטן אַרטיקל שרייבט בעל־מחשבות:

„ביי אונדז יידן האָט נאָר דערוויילע איין געזעלשאַפטס־קלאַס זיך געשאַפן אַ טעאַטער. אַלע איבריקע קלאַסן באַפרידיקן זייער גוסט צום טעאַטער אויף פרעמדע שפּראַכן. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויסגעאַרבעט פאַרשידענע פאַרוויילונגען. אין די פאַרוויילונגען נעמט די אינטעליגענץ, ווי די רייכע בורזשואַזיע, קיין שום אָנטייל נישט, אָבער אַ דעה זאָגן ווילט זיך איר גאָר שטאַרק. באַזונדערס ווילט זיך דאָס אַ טייל פון אונזער אינטעליגענץ, וואָס האָט צו אַ נאַאיווע פאַרשטעלונג, אַז איר געשמאַק, איר מיינונג, איז די איינציקע ריכטיקע. אַט דער דאָזיקער טייל וויל נישט וויסן פון קיין פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז.

. . . וויל מען פאַרט באַשאַפן אַ צווייטן טיפּ פון אַ יידישן־טעאַטער, דאַרף מען נישט זוכן צו ענדערן דעם רעפערטואַר אין יידישן פאָלקס־טעאַטער, נאָר מען מוז זיך באַשאַפן אַ במה לעצמו״.

מענדעלעס „לאָסאַל״־פּיעסע

דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער אַקטיאָר און פּיעסעס־שרייבער באָריס טאָמאַשעווסקי*) האָט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ (7־טן

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, 2, זז. 840-804.

דעצעמבער 1913) פארעפנטלעכט זיינעם א שמועס מיטן „זיידן" וועגן יידישן טעאטער,

צווישן אנדערן האט זיך מענדעלע אויסגעדריקט:

„— איצינד האב איך אפילו חשק עפעס אנצושרייבן פארן טעא־טער*). אבער אליין קאן איך דאס נישט טאן. אביסעלע צופיל פאר א זיידן. איך מוז האבן אן איניקל, ער זאל מיר העלפן. און אט וועל איך אייך אויסזאגן א סוד. קיינער וויס אים נישט, נאר איך, די אלטע, מיין טאכטער און נאך עטלעכע באקאנטע, וואס דרייען זיך ארום מיר אויף די דאטשעס. איך האב אנגעהויבן צו שרייבן א זאך פארן יידישן טעאטער, און מיין איניקל מארק ארנשטיין העלפט מיר. עס הייסט מיר העלפן זיך איינער דעם אנדערן, און ווען די זאך וועט פערטיק זיין, וועל איך עפעס איבערלאזן".

און אין א צווייטן ארטיקל וועגן מענדעלען, גיט איבער דער זעלבער טאמאשעווסקי מענדעלעס רייד: („פארווערטס", 14־טן דע־צעמבער 1913): „. . . דאך אבער זיינען גארדינס זאכן נישט שלעכט. אט אזא פארם יידיש טעאטער שטעל איך מיר פאר, און איך וועל דאס נאך אנשרייבן. און איר וועט דאס שפילן אין אמעריקע און עס קאן מעגלעך זיין, אז איך וועל נאך זיצן אין דער לאזשע און זען מיין טעאטער־שפיל. קומען קיין אמעריקע וועל איך, ווען מיין פיעסע וועט אויפגעפירט ווערן".

די דאזיקע אינפארמאציע, אז מענדעלע האט זיך געקליבן שרייבן א נייע פיעסע, ווערט אויך באשטעטיקט אין א קארעספאנדענץ וועגן א באזוך ביים זיידן („נייע צייט", קיעוו, 19־טן נאוועמבער 1917)**): „דער זיידע דערציילט וועגן א גרויסער דראמע, וואס ער האט געהאט בדעה אנצושרייבן אויף זייער אן אריגינעלע טעמע. אים איז שווער געווען צו שרייבן, האט אים א יידישער דראמאטורג צוגעזאגט העלפן, נאר ער האט עס נישט מקיים געווען. דער אייגענער דראמאטורג האט וועגן דער טעמע פון דער דראמע דערציילט מאקסים גארקין, וועלכן דאס איז זייער געפעלן".

*) געניי וועגן מענדעלע אלס דראמאטורג זע מיין ארבעט „מענדעלע מוכר ספרים און דאס יידישע טעאטער" אין שיקאגאער זשורנאל „שיקאגא". יולי-אויגוסט 1935.

**) אויספירלעך וועגן דעם זע מ. קיטאיס ארטיקלען אין בוך „מעשיות וועגן מענדעלען" (ווארשע 1928, 21-טע באנד פון מענדעלעס אלע ווערק)

די מינסקער „צייטשריפט" (1928), איבערדרוקענדיק די נאָטיץ פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, שרייבט אויך: „פאַר דער דאָזיקער דראַמע האָט ער (מענדעלע) באַדאַרפט צו וויסן ווי עס האָט געהייסן דער ייד, וואָס איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט ביסמאַרקן".

דער ענין, אַז מענדעלע האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ נייע פּיעסע, וועלכע איז געבליבן ביז איצט אומבאַקאַנט, האָט מיך נישט געלאָזט רוען, און איך האָב זיך דעריבער געווענדט צום נאָענטסטן עדות־ראיה, צו דעם מיטבאַטייליקטן אין דער פּיעסע, מאַרק אַרנשטיין, אַז ער זאָל אויפקלערן דעם ענין. און אָט וואָס מאַרק אַרנשטיין שרייבט מיר וועגן דעם:

„די געשיכטע איז געווען אַזוי: בשעת מיין וואוינען אין אָדעס (1913-1915) בין איך געווען נאָענט באַפריינדעט מיטן זיידן מענדעלע, ווי אויך מיט דער גרופּע, וועלכע האָט דעמאָלט אין אָדעס געוואוינט: ביאַליק, ראַווניצקי, פרישמאַן, ספּעקטאָר, פרוג און י. י. לינעצקי. אין איינעם פון אונדזערע געמיינזאַמע שמועסן וועגן יידיש טעאַטער האָט מען מיך גענומען צורעדן איך זאָל שאַפן אין אָדעס „אַ ליטעראַריש יידיש טעאַטער". מיין ענטפער איז געווען, אַז איך זע נישט קיין פּאַסנדן אָריגינעלן רעפּערטואַר פאַר אַזאַ שטענדיקע בינע. דערויף האָט ספּעקטאָר פאָרגעלייגט צו אינסצעניזירן זיינע צוויי־דריי ראָמאַנען, ליניעצקי זיין „פּויליש אינגל", און מענדעלע — אָנצושרייבן מיט מיר צוזאַמען אַ נייע פּיעסע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דעם לעצטן פאָרשלאַג האָב איך אָנגענומען מיט באַגייסטערונג. אַ מיטאַרבעטער פון דער אָדעסער צייטונג „יוזשנאַיאַ מיסל", וועלכער איז געווען דערביי, האָט טאַקע באַלד אין אַ פּאָר טעג אַרום, הערנדיק, אַז מיר זיינען שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ וועגן דעם אין זיין צייטונג (15־טן אויגוסט 1913): „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר ספרים (אַבראַמאָוויטש) האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ פּיעסע פון יידישן לעבן צוזאַמען מיט מאַרעק אַרנשטיין. די דאָזיקע פּיעסע וועט צוערשט אויפגעפירט ווערן אין ניו־יאָרקער נעשאָנאַל־טעאַטער". (דאָס נעשאָנאַל־טעאַטער האָט צו יענער צייט געהערט צו באָרים טאָמאַשעווסקין.)"

אין דער זעלבער צייט איז געקומען קיין אָדעס באָרים טאָמאַשעווסקי. (איך אַליין האָב אים טאַקע אַהין אַראָפּגעבראַכט אין מיין טעאַטער, וועלכן איך האָב דאָרט אָנגעפירט אין דער געביידע פון

„רוסקי טעאַטער". און אין וועלכן ס'האָבן געשפּילט די ביידע קאַמינסקים, ליבערט, וויסמאַן, יערמאַלינא, טרילינג, זשעלאַזא, סיעראַצקי, און דוכט זיך זאַסלאַווסקי מיט טיטעלבוימען). טאָמאַשעווסקי, דערוויסנדיק זיך דערפון, איז צוגעפאָרן צו מענדעלען, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אויפן באַלשאַי פאָנטאַן, הינטער אָדעס, און האָט געוואָלט דווקא שוין שרייבן אַ קאָנטראַקט מיט מענדעלען וועגן דער פּיעסע, און אפילו צוגערעדט מענדעלען, ער זאָל מיט מיר צוזאַמען קומען קיין אַמעריקע צו דער פּרעמיערע. קיין קאָנטראַקט האָבן [זיי] דאָך דעמאָלט נישט געשריבן, ווייל — די פּיעסע איז נאָך געווען אויפן דאָך . . .

קורץ: מיר האָבן באַוויזן אויסצואַרבעטן צוזאַמען אַז אינהאַלט און אַז אַלגעמיינעם פּלאַן. דער אינהאַלט איז געווען — ווי פאַר מענדעלע — מער אַלס אָריגינעל. זיין הויפּט־העלד האָט געזאָלט זיין . . . לאַסאַל! געוואָלט האָט ער, אַז לאַסאַלס טראַגעדיע זאָל באַשטיין אין דעם, וואָס ווילנדיק דווקא זיין אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, קאָן ער זיך דאָך נישט באַפרייען פון זיין יידישקייט, וואָס לאָזט אים נישט צורו אויף איין מינוט.

דאָס ערשטע בילד האָב איך אָנגעשריבן, דאָס צווייטע בילד האָט אָנגעשריבן מענדעלע. דערווייל בין איך אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע (סוף 1913), און ווען כ'בין צוריקגעקומען קיין אָדעס, האָט שוין געבושעוועט דער וועלט־קריג. קיין קאָנטאַקט מיט אַמעריקע האָבן מיר שוין נישט געהאַט, שאַפן אין אָדעס אַ גוט יידיש טעאַטער איז דעמאָלט אויך נישט געווען מעגלעך. באַלד בין איך אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו איך בין שוין פאַרבליבן ביז נאָך דער רעוואָלוציע. דערווייל איז מענדעלע געשטאָרבן, און איך ווייס נישט וואָס ס'איז געוואָרן מיט דעם טייל מאַנוסקריפּט, וועלכן מיר האָבן שוין צוזאַמען געהאַט באַאַרבעט".

עס איז כדאי, אַז אין „מענדעלע מוזיי" אין אָדעס זאָל געמאַכט ווערן אַ גוטע חקירה ודרישה, צי דאָרט געפינען זיך נישט די דאָזיקע צוויי בילדער פון דער אָנגעהויבענער פּיעסע.

אין ארץ ישראל האָט מען געזאָלט שפּילן העברייאיש און יידיש

דער באַקאַנטער שוישפּילער און איינער פון די הויפּט־גרינדער פון העברייאישן טעאַטער אין ארץ ישראל מ. גנעסין האָט אין תל־

אביב'ער זשורנאַל „כל נוע" פאַרעפנטלעכט זיינע זכרונות צו דער געשיכטע פון העברייאישן טעאַטער אין ארץ־ישראל. מיר ווערן דאָ געוואויר ממש סענסאַציאָנעלע נייעס.

אַזוי דערציילט גנעסין, אַז נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין 1905, ווען אַ סך רעוואָלוציאָנערן האָבן געמוזט עוקר זיין, און יעדן מיטוואָך האָבן אין ארץ ישראל אָנגעהויבן אָנצוקומען שיפן מיט אימיגראַנטן, „האָבן זיי אויך מיטגעבראַכט זייערע פּאַרטיי־דיסקור־סיעס, און האָבן אויך נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען דעם שפּראַכן־קאַמף . . . די „טרופּע" [וועלכע האָט זיך דערווייל דאָרט צונויפ־געשטעלט] האָט זיך פאַרשטאַרקט און די צאָל פון אירע קרעפטן איז גרעסער געוואָרן און עס איז געפאַלן אַ נייע לאָזונג: מען זאָל אויך שפּילן יידיש. אָבער באַלד האָבן זיך געפונען די פאַנאַטיקער, און צווישן זיי ד"ר מעטמאַן־קאָהאַן, וועלכער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דעם „משוגענעם" געדאַנק וועגן גרינדן אין יפו אַ העברייאישע גימ־נאַזיע, און אויף וועלכן מען האָט דעמאָלט געקוקט ווי אויף אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַנד און האָבן זיך אַרומגע־טראָגן מיט גרויסע פּלענער און מען האָט פון זיי חוזק געמאַכט. . . . ער איז אויך געווען צווישן די, וועלכע האָבן געהאָלפן אַפּשוואַכן די טענה וועגן יידיש אין דער טרופּע, וועלכע איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן, און צום סוף זיינען אויך די יידישיסטן געווען געצוואונגען מסכים צו זיין, אַז זייער טענה האָט נישט קיין גרונד. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון שפּילן יידיש."

און ווייטער דערציילט גנעסין: „דאָרט [אין נוה שלום, אַ קוואַר־טאַל אין יפו] זיינען אויך פאָרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונגען פון דער טרופּע, וועלכע האָט זיך גערופן „ליבהאָבער פון דער דראַמאַטי־שער קונסט". אונטער דעם דאָזיקן נאָמען האָט זיך באַהאַלטן דער ווילן פון אייניקע מיטגלידער, אַז די טרופּע זאָל אויך מעגן שפּילן פּיעסעס אין יידיש, ווייל נישט דאָס גאַנצע פּובליקום פון יפו פאַר־שטייט העברייאיש. אַזוי אָבער ווי דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון דער טרופּע, וועלכע זיינען געווען די הויפּט־אַקטיאָרן, האָבן זיך ענער־גיש אויסגעדריקט קעגן דעם, און האָבן זיך פעסט אוועקגעשטעלט דערפאַר, אַז מען זאָל אין פּראָגראַם אַריינשרייבן דעם פּונקט „שפּילן פאַרשטעלונגען כדי צו פאַרשפּרייטן די שפּראַך" (געמיינט העבריי־איש), איז בטל געוואָרן דער ווילן פון די יידישיסטן. זיי זיינען צו־

געשטאַנען צו דער מערהייט און זיינען ענערגיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט."

וועגן פּורים־שפּילן אויף יידיש אין אַרץ ישראל

אין 6־טן באַנד „רשמות" (תל־אביב) שילדערט אברהם כהן־רייס אין זיינע זכרונות פון אַלטן ירושלים פּאַלגנדיקן עפּיזאָד אין שייכות מיט פּורים־שפּילן אויף יידיש אין ארץ־ישראל:

„באַזונדערס איז ביי מיר געווען באַליבט דער יום־טוב פּורים, און דאָס פייערלעכע געמיט, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן קוואַרטאַל; די, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט אין מאַסקעס, און די, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרשטעלט. באַזונדערס גליקלעך בין איך געווען, ווען איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַ פאַר־שטעלונג פון „מכירת יוסף", אויסגעפירט דורך אַ טרופּע אויסגע־צייכנטע אַמאַטאָרן . . . די דאָזיקע טרופּע מיט איר אָנפירער דוד שטיינהאַרט איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער פון די אָנגעזעענסטע לייט און אומעטום פאָרגעשטעלט דאָס שטיק. אין אָנהויב האָבן זיך עטלעכע פרומע לייט געשראָקן טאָמער וועט די טרופּע עובר זיין אויף „לא ילבש גבר שמלת אשה" (אַז אַ פרוי זאָל זיך באַטייליקן אין שפּילן איז גאָר קיינעם נישט איינגע־פאַלן), אָבער נאָכדעם ווי זיי האָבן געהערט, אַז אין דעם פערסאָנאַל פון דעם שטיק פיגורירן נישט קיין פרויען, האָבן זיי זיך געמאַכט אוועקקוקן פון דער נייער זאַך. די מלבושים האָבן זיך די שפּילער געבאָרגט ביי די קאָוואַסן פון די קאָנסולן, וועלכע זיינען אָנגעטאָן גראָד אין אייראָפּעאישע מלבושים . . . מיר האָבן דעריבער געזען יוסף'ן און פּרעה'ן אָנגעטאָן אייראָפּעאיש מיט קרוינען אויף די קעפּ.

„אַ דראַמאַטישער מאָמענט אין דעם שטיק איז געווען ווען יוסף צעוויינט זיך אויפן קבר פון זיין מוטער רחל, בעת ער גייט דאָרט פאַרביי אַלס געפאַנגענער קיין מצרים: צווישן צוויי שטולן, באַדעקט מיט אַ ווייס לייַלעך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קבר, איז געזעסן די „מאַמע רחל", אַ יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ צאַרטע, אָנגענעמע שטימע. צום קבר קומט פּלוצלינג צו אַ גרופּע ישמעאלים, און פון איר רייסט זיך אַרויס יוסף, פאַלט אויף זיין מאַמעס קבר און צע־קלאָגט זיך. מיר האָבן געהאַט אַ ביטער רחמנות אויפן אומגליקלעכן

יוסף, וועלכער איז פארקויפט געווארן פאר א קנעכט, און מיר האבן אויך מיט אים מיטגעוויינט און מיטן יום־טוב פורים . . .

„דא דערהערט זיך פון קבר רחל'ס שטים: „מנע קולך מבכי ואת עיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך, נאום ה'", און צום דאזיקן פסוק, גענומען פון ירמיהו, זיינען באגלייט געווארן טרייסט־ווערטער אין דער גערעדטער יידישער שפראך:

„הער אויף צו וויינען, זיי פריילעך,
גיי קיין מצרים און ווער א מלך."

א בלעטל הפקרות פון אונדזערע פארלאגן

קיין צווייג פון ליטעראטור איז ביי אונדז נישט אזוי הפקר ווי דער דראמאטישער. עד היום האט נאך נישט געטראפן, אז וועלכער ס'איז פארלאג זאל דרוקן אין אריגינאל א ווערק פון א שרייבער אן זיין וויסן. העכסטנס פלעגט מען אמאל איבערדרוקן בגנבה א שרייבערס א ווערק, וואס האט געהאט א גוטן אפגאנג. אבער לכתחילה אויסמאכן מאנוסקריפטן פון א ווערק, וואס דער מחבר גיט נישט ארויס פאר דער עפענטלעכקייט — דאס געשעט נאר מיט יידישע טעאטער־שטיק.

און ווי געוויינלעך ווען דער מאנוסקריפט קומט נישט ארויס פון מחבר'ס האנט, ווען זיין אויג האט אויף דעם נישט גערוט, זיינען די ווערק זייער אפט איבערגעדרייט און צע'הרג'עט. דער פארשטארבענער דראמאטורג יעקב גארדין האט זיך געגוג באקלאגט, אז ער האט דערפאר געליטן פון די אייראפעאישע קריטיקער. אחוץ דעם, וואס דער מחבר איז בא'עולה'ט געווארן פון זיין האנאראר און פון זיין געבן השגחה אויף דער אויסערלעכער פארם פון זיינע ווערק, איז דער טעקסט אין די דאזיקע פובליקאציעס אזא, אז אפט ווערט דער מחבר טויט און רויט ווען ער דערזעט זיין געדרוקט בוך.

דאס דרוקן פיעסעס אן דעם וויסן און אן דער הסכמה פון די מחברים האט שוין ביי אונדז א טראדיציע. אנגעהויבן אין ווארשע פון יאר 1907, ווען מען האט געדרוקט יעקב גארדינס פיעסעס, א טייל איבערגעדרוקט, אבער דעם גרעסטן טייל צום ערשטן מאל געדרוקט פון גע'גנב'עטע מאנוסקריפטן פון אקטיארן אדער סופלערן, און פארט־זעצנדיק מיט דער בארימטער פארלאג־פירמע „אמקרויט און פריינד"

אין פּשעמישל, וועלכע האָט פאַרפּלייצט דעם מאַרק מיט די פּיעסעס פון גאָרדין, לאַטיינער, הורוויץ, פּיינמאַן, טאָמאַשעווסקי א. אַ. וו., האַלט עס אַזוי אָן עד היום.

אַזוי אָבער ווי מיר פּראָגרעסירן דאָך בכלל, האָבן מיר אויך אין דער הינזיכט פּראָגרעסירט.

פאַר מיר ליגט אַ פּאַק פּיעסעס, וואָס זיינען די לעצטע יאָרן דער־שינען אין וואַרשע אויפן זעלבן „לעגאַלן" אופן, אָבער די פאַרלעגער האָבן איבערגעשטיגן זייערע פאָרגענגער.

די דאָזיקע פּיעסעס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף „אשר יצר־פּאַפּיר" און געמאַכט „לויט באַשטעלונג". זיי מוזן האַלטן דריי אָדער פיר בויגן. טאָמער האָט די פּיעסע געדאַרפט האַלטן מער זייטן, האָט מען זיך מיט איר געפירט אַזוי ווי אין סדום; מען האָט איר אונטער־געהאַקט די פיס, אָדער מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן אַביסל טעקסט אָדער מ׳האָט עטלעכע זייטלעך געדרוקט אנשטאָט מיטן געוויינלעכן נאָר־מאַלן שריפט מיט אַביסל פּעטיט־שריפט. עלעהיי, די פּיעסע איז גע־וואָרן „קאַלירפּול" . . .

אָבער דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. ערגער איז דאָס וואָס די נעמען פון די מחברים זיינען איבערגעדרייט. ביי אַ טייל פּיעסעס האָט מען געגעבן דעם ריכטיקן נאָמען פון מחבר, אָבער דער נאָמען פון דער פּיעסע איז גאָר פון אַן אַנדערער. געשען איז דאָס צוליב דעם, וואָס מען האָט אין אייראָפּע אָפט געוואָלט שפּילן דעם אַמעריקאַנער „שלאָגער", אַקטיאָרן פלעגן אין דאָרטיקן אַרטיסטן־פאַראיין אָדער אין אַ רעדאַקציע נאָכקוקן די אַנאָנסן פון די אַמעריקאַנער צייטונגען און זעענדיק, אַז אין אַמעריקע גייט אַ פּיעסע שוין אַ לענגערע צייט, פלעגט מען אין אייראָפּע „אָנטאָן" דעם נאָמען פון דער דערפאָלג־רייכער אַמעריקאַנער פּיעסע אַן אַנדערער פּיעסע. אַזאַ פאַל איז למשל, ווי איך וועל ווייטער פעסטשטעלן, מיטן נאָמען „ליאָווקע מאַלאָדיעץ".

דערמיט אַליין האָבן זיך אָבער די ערנפולע פאַרלעגער נישט באַ־גנוגנט. אַ טייל פּיעסעס, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אויף גאָטס וועלט, זיינען נעבעך געקומען אַלס ממזרים. זיי האָבן גאָרנישט קיין טאַטעז. פּשוט: זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנאָנים.

אויף וויפיל איך האָב אין אַמעריקע פעסטגעשטעלט דורך אַק־

טיאַרן, מחברים און סופלערן, וועל איך פּרובירן קאָרעגירן אייניקע אַזעלכע „טעותים".

1) „די ווייסע שקלאַפן", דראַמע אין פיר אַקטן פון פּראָפּ. יאַקאָבי, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1926 — הייסט באמת „די ווייסע שקלאַפין", ווייל עס האַנדלט זיך וועגן דער העלדין פון דער פּיעסע, וועלכע ווערט פאַרקויפט צו שאַנד. די פּיעסע געהערט דער פעדער פון באַקאַנטן מעלאָדראַמען־שרייבער יצחק (אָדער איזידאָר) זאָלאָטאַרעפסקי. זי איז אונטער זיין נאָמען געשפּילט געוואָרן בערך אין 1909 פון מאָרים מאָשקאָוויטש און שפּעטער פון אַ סך אַנדערע אַקטיאָרן.

2) „וואו זיינען מיינע קינדער? !!!", מעלאָדראַמע אין פיר אַקטן, רעדאַגירט פון ראובן מאַנדעלבוים (מאַרסאַלאָוו), אַרויסגעגעבן פון זעלבן פאַרלאַג — איז געשריבן פון וויליאַם סיגעל.

3) „דאָס זיסע מיידל" אָדער „דאָס פּאַנסיאָן מיידל", קאָמישע אָפּערעטע אין דריי אַקטן, באַאַרבעט פון ר. מ., אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ת. יאַקובסאָן און מ. גאָלדבערג, וואַרשע 1926 — טראָגט אין אָריגינאַל דעם ערשטן נאָמען און איז פאַרפאַסט פון אַנשעל שאָר.

4) „די שטיפמוטער", אַ דראַמע אין דריי אַקטן, אַרויסגעגעבן אַנאָנים פון ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1928 — הייסט באמת „דאָס צווייטע ווייב" און איז געשריבן פון י. זאָלאָטאַרעפסקי.

5) „דער בלינדער מאַלער", מעלאָדראַמע אין דריי אַקטן מיט אַן עפּילאָג פון א. פריימאַן, פאַרקויף: בוכהאַנדלונג שאַפּיראָ, וואַרשע 1927 — איז באמת פון לואיס פריימאַן.

6) „קאַווקאַזער ליבע", אָפּערעטע אין דריי אַקטן פון א. פריימאַן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1926 — איז גאָר פאַרפאַסט פון ישראל ראָזענבערג.

דער שענסטער וויץ איז, וואָס ניט געגוג, וואָס די פּיעסע איז געדרוקט אָן דער דערלויבניש פון מחבר און וואָס מען האָט אָנגעגעבן אַ פאַלשן נאָמען פון מחבר, שטייט נאָך אויפן שער־בלאַט געדרוקט: „נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרבאָטן". נישט אַנדערש נאָר אַ קאָמיקער האָט אויפגעשריבן דעם שער־בלאַט . . .

7) „ציפקע פייער", מעלאָדראַמע אין פיר אַקטן, אויף דער הילע, און „קאָמעדיע אין פיר אַקטן מיט געזאַנג", אויפן שער־בלאַט, רעדאַגירט פון ראובן מאַנדעלבוים (מאַרסאַלאָוו), אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1925 — איז געשריבן פון ל. פריימאַן און ס. ה. קאַהן.

8) „שלמקע און ריקל", קאָמישע אָפּערעטע אין פיר אַקטן פון טאָמאַשעווסקי, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ע. גיטלין, וואַרשע, 1926 — הייסט גאָר „איר ודוי" און איז פאַרפאַסט פון יאָזעף לאַטיינער.

9) „בערעלע באָסיאַק", קאָמישע אָפּערעטע אין דריי אַקטן, אַנאָנים אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ת. יאַקובסאָן און מ. גאָלדבערג, וואַרשע, 1926 — איז פאַרפאַסט פון ישראל ראָזענבערג.

10) „ליאָווקע מאַלאַדיעץ", אָפּערעטע אין דריי אַקטן, אַנאָנים אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1925 — הייסט באמת גאָר „יאָשקע כוואַט" און איז פאַרפאַסט פון יצחק לעש.

אַן אָפּערעטע „ליאָווקע מאַלאַדיעץ" איז טאַקע פאַראַן, גאָר פון אַן אַנדערן מחבר, אָבער מיט דער דאָזיקער פּיעסע האָט זי קיין שום שייכות נישט.

11) „אַ ווייב אַן לשון" אָדער „דער אומשולדיקער קרבן", מעלאָדראַמע אין דריי אַקטן, אַנאָנים אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1927 — טראָגט ביים מחבר נאָר דעם צווייטן נאָמען און איז געשריבן פון יאָזעף לאַטיינער.

12) „דריי מינוט טויט", קאָמעדיע אין איין אַקט, באַאַרבעט פון אַרטיסט קוסטין, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ת. יאַקובסאָן און מ. גאָלדבערג, וואַרשע 1926 — איז גאָר פאַרפאַסט פון מאַקס געביל. דער אַקטיאָר ש. קוסטין, וואָס האָט טאַקע די קאָמעדיע געשפּילט אין פּוילן, לייקנט אַנטשידן אָפּ, אַז ער זאָל האָבן וועגן עס איז אָנגעגעבן אויף דעם איינאַקטער זיין נאָמען אַפילו אַלס באַאַרבעטער.

13) אויסערדעם האָט דער פאַרלאַג ת. יאַקובסאָן און מ. גאָלד־בערג אַרויסגעגעבן (וואַרשע 1926) אַנאָנים „חצקל כל־בו'ניק", קאָמי־שע אָפּערעטע אין פינף אַקטן. די דאָזיקע אָפּערעטע איז פאַרפאַסט שוין נישט פון קיין אַמעריקאַנער, נאָר דוקא פון אַ וואַרשעווער לאַנדסמאַן,

פון פאַרשטאָרבענעם י. ל. בוימוואַל, און זי איז (מסתמא אַן אומלע־גאַלער) איבערידרוק פון זײַן פּיעסע, וואָס איז דערשינען אין 1918 אין כאַרקאָוו.

14) געבליבן אָפן איז נאָך פאַר מיר די פּיעסע „איציקל וויל חתונה האָבן" אָדער „דער כלה'ס חלום", אָפּערעטע אין 5 אַקטן, אַנאָנים אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1925.

די דאָזיקע פּיעסע איז שוין דורכגעגאַנגען אַ סך גלגולים. אין איר ערשטן גלגול האָט זי געהייסן „תחית המתים, אָדער צווישן הימל און ערד", איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַדאָם מעסקא („לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2־טער באַנד, זז. 1375־77) און איז דעם 23־טן יאַנואַר 1903 אויפגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרקער פּיפּלס טעאַטער דורך באָריס טאָמאַשעווסקי. אונטערן נאָמען „דער כלה'ס חלום" איז זי בערך 1911־12 געבראַכט געוואָרן קיין לאָדזש דורך יצחק קאַפּלאַן, אַן אַקטיאָר, אַן איבערזעצער און אַ בינע־רעזשיסער, וועלכער איז אין 1929 געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. אין 1913 איז פּעפּי ליטמאַן אויפגעטראָטן אין דער דאָזיקער אָפּערעטע אונטערן נאָמען „איציקל וויל חתונה האָבן" און, דאַכט זיך, אַז אין יוליוס אַדלערס באַאַרבע־טונג. דערנאָך איז זי ווידער און ווידער באַאַרבעט געוואָרן . . .

15) אויך בין איך נישט זיכער בנוגע דער פּיעסע „טויט ביי דער חופּה" אָדער „צוריק פון קאַטאָרגע". טראַגעדיע אין פיר אַקטן פון יוסל רייזלמאַן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1923. דער נאָמען פון מחבר איז, דאַכט זיך, אַ פּיקטיווער.

16) נישט באַוואוסט איז מיר אויך ווער עס איז דער מחבר פון דער אַנאָנימער פּיעסע „די שוואַרצע חופּה", לעבנסבילד אין פיר אַקטן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג יאַקובסאָן און מ. גאָלדבערג, וואַרשע, 1926.

אַ גוזמא

מ. קיפּניס אין זײַן אַרטיקל „פון זיי איז כדאי צו וויסן" („היינט", וואַרשע, 7 יולי 1923) באַשרייבט דעם פאָלקס־דיכטער מ. געבירטיג*), און דערביי באַנוצט ער פאָלגנדיקן זאַץ: „איז אַ דאַנק געבירטיגס

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 495-96.

לידער האָט דאָך מאַלי פּיקאָן אין אירע אָפּערעטן, און קלאַראַ יאַנג, און די גאַנצע פּלעיאַדע רעווי־אַרטיסטן און רעציטאַטאָרן פון קליינ־קונסט־בינע געהאַט זייער דערפאָלג. ווי וואָלטן זיי אויסגעזען אָן מרדכי געבירטיגס לידער ? . . . די גאַנצע קאַריערע האָבן זיי דאָך צו פאַרדאַנקען געבירטיגן".

אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט די קאַריערע פון די צוויי אַקטריסעס קלאַראַ יאַנג און מאַלי פיקאָן, איז דאָ קאַלעגע מ. קיפּנים אַ רעכט ביסל מגזם.

קלאַראַ יאַנג האָט איר גרויסע קאַריערע אין אַמעריקע אָנגעהויבן אין מייזל־יאַנגס אָפּערעטע „זיין ווייבס מאַן", און אין איראָפּע איז זי אין 1912 געוואָרן פּאָפּולער נישט אַ דאַנק דעם טעקסט פון אירע לידער, נאָר דורך דער מוזיק פון „די אַמעריקאַנערין" און „כאַנטשע אין אַמעריקע" — מאָטיוון צו וועלכע געבירטיג האָט קיין שייכות נישט.

מאַלי פּיקאָן איז אין איראָפּע באַרימט געוואָרן בעת אירע גאַסטראָלן אין 1921 דורך איר שפּילן „יאַנקעלע". אמת, אַז דאָרט זיינען פאַראַן אייניקע געבירטיגס לידלעך, אָבער זיי האָבן נישט דער־צידירט וועגן מאַלי פּיקאָנס דערפאָלג, נאָר איר שפּילן גופא. ווידער מאַלי פּיקאָנס דערפאָלג אין אַמעריקע, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך גרעסער ווי אין איראָפּע, האָט די אַקטריסע געהאַט אויסשליסלעך צו פאַרדאַנקען איר שפּילן, און — טיילווייז — דער מוזיק פון אירע אָפּערעטעס.

אָנהענגען דעריבער זייער דערפאָלג אויף געבירטיגס חשבון איז אַ רעכט ביסל גוזמא.

דאָס פאָלקס־ליד האָט אַ טאַטען

ד"ר י. רובין אין זיין אַרטיקל „שאַמשל פערשט — וועלוול זבאַרזשערס אַן אייניקל" (ליט"בלט, וואַרשע, 43, 1932) דריקט אויך אָפּ פערשטס ליד „קינדער־יאָרן" און באַמערקט דערצו „לויט דעם באַקאַנטן פאָלקס־ליד „קינדער־יאָרן".

דאָס ליד „קינדער־יאָרן" איז נישט קיין פאָלקס־ליד. סיי דער טעקסט, סיי דער ניגון געהערן צו מ. געבירטיג, און זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין משה שאָרס אָפּערעטע „די רומענישע חתונה".

מאַקס ריינהאַרדט פאַר'גוי'אישט אַ יידישן אַנעקדאָט

די צייטונגען דערציילן וועגן אַ רעפעראַט, וואָס מאַקס ריינהאַרדט האָט געהאַלטן אויף דער טעמע „צי האָט דאָס טעאַטער אַ צוקונפט" אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די ראַטאַריסטן („אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניגונג פון אינטעלעקטועלע"), וואָס איז פאָרגעקומען אין ווין.

ריינהאַרדט האָט דערציילט אַגב אַן אַנעקדאָט, אַז אין אַ פּראָווינצער טעאַטער האָט געשפּילט אַן אַרטיסט, וואָס זיין באַווייזן זיך אויף דער סצענע פלעגט אַרויסרופן אַ . . . מאַסן־עמיגראַציע פון זאַל. אין איין פּיעסע האָט דער דאָזיקער אַרטיסט געהאַט גאָר אַ גרויסע ראָל, איז טאַקע דערגאַנגען דערצו, אַז קיין איין צושויער איז נישט געבליבן אין טעאַטער. ווען אויך די טיר־שטייער האָבן באַשלאָסן, אַז אין שכנות'דיקן שענק קאָנען זיי בעסער פאַרברענגען די צייט, איז דער דירעקטאָר צו צום אַרטיסט, וואָס האָט נישט אויפגעהערט „שפּילן", און אים דערקלערט:

— מיין הער, דאָ האָט איר די שליסלען, זייט מוחל און פאַרשליסט אַליין דאָס טעאַטער. איך האָב נישט דעם מינדסטן חשק צו וואַרטן ביז איר וועט ענדיקן.

דער דאָזיקער וויץ ווערט שוין לאַנג דערציילט אין די יידישע פאָלקס־מעשׂות וועגן אַ בעל־דרשן, וואָס האָט געהאַלטן שלעכטע דרשות אין בתי־מדרשים, און איינמאָל, ווען דער גאַנצער עולם איז שוין אַוועק, און דער שמש איז געבליבן, האָט ער צוגעטראָגן דעם שליסל צום בעל־דרשן.

מאַקס ריינהאַרדט האָט, אַלזאָ, דעם אַנעקדאָט בלויז פאַר'גוי'אישט".

אַנסקיס איינאַקטער

אין אַ שמועס וועגן זיינע פּיעסעס, האָט מיר ש. אַנסקי אַמאָל, בעת זיינער אַ פאַרלעזונג אין לאָדזש, געזאָגט, אַז דער „בונד" האָט בשעתו אַרויסגעגעבן אין דער שווייץ אויף אַן אומלעגאַלן אופן זיין איינאַקטער „פאָטער און זון".

איך האָב די דאָזיקע אינפאָרמאַציע פאַרנאָטירט אין אַנסקיס

ביאָגראַפיע, הגם אויף וויפיל איך האָב געזוכט, האָב איך די אויסגאַבע נישט געקאָנט געפינען.

צופעליק האָב איך אָבער שפּעטער, נאָכדעם ווי אַנסקיס ביאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" איז שוין געווען אָפּגעדרוקט*), זיך אַנגעשטויסן אויף אַן איינאַקטער, געדרוקט אין גאַנץ פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מחבר סינאַני, און נאָכדעם ווי כ'האָב פאַרגליכן ביידע טעקסטן, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז עס טאַקע יענע אויסגאַבע, וועגן וועלכער דער פאַרשטאָרבענער ש. אַנסקי האָט מיר אַמאָל געזאָגט.

דאָס איז אַ קליין ביכעלע פון 24 זייטן, 32־טל פאָרמאַט.

פון אויבן קומט:

פּראָלעטאַריער אַלער לענדער פעראייניגט אייך!

דער אַלגעמיינער אידישער ארבייטערבונד אין ליטא, פּוילען און רוסלאַנד.

דערנאָד:

ד י „ א ו נ ט ע ר ט ה ע נ י ג ע"

אַ דראַמע אין איין אַקט פון סינאַני

ארויסגעגעבען פון אַלגעמיינעם אידישען ארבייטער בונד, זשענעווו. דרוקעריי פון אַלגעמיינעם אידישען ארבייטער־בונד („בונד"), מערץ 1904 יאָהר.

אַן ענגלישער וואַריאַנט פון אַנסקים „טאָג און נאַכט"

דאָס נישט־לאַנג דערשינענע ענגלישע בוך „רוטס אין די סקיי" (וואָרצלען אין הימל) פון סידני מעלער שילדערט דאָס לעבן פון אַ רב'ניש פאַר־פאָלק אין אַמעריקע מיט זייערע קינדער.

צווישן אַנדערש דערציילט דער מחבר ווי די רבי'צין, בעת זי האָט נאָך געוואוינט אין פּוילן, איז זי איינמאָל, אום ערב ראש השנה, ווען זי איז איינע אַליין געגאַנגען פאַרטאָג פון סליחות, באַפאַלן גע־וואָרן פון אַן אָפיציר, וואָס האָט זי פאַרגוואַלטיקט, און אַלס רעזול־טאַט דערפון איז געבוירן געוואָרן איר עלטסטער זון דייוויד. אין היפּוך צו אַלע אירע קינדער איז אָט דער האַלבער ייד, וועלכער איז

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 79־71.

פיזיש אַנדערש פון זיינע ברידער און שוועסטער, גייסטיק צוריקגע־שטאַנען, אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס ער איז מער צוגע־בונדן צו זיינע פרומע „עלטערן" ווי אַלע אַנדערע קינדער, און ער האָט ליב יידישקייט. אים ציט צו רבנים, צו דער שול. ער פאַרבלייבט דער בעסטער ייד אין דעם גאַנצן יונגערן דור.

איך האָב זיך דאָ געצוויער אָפּגעשטעלט אויף דעם שטריך, ווייל ער דערמאָנט שטאַרק אָן דער פּאַבולע פון ש. אַנסקים „טאָג און נאַכט". אויך דאָרט איז דער רבי רב דן דער זון פון אַ רבי'צין, אַן אַנוסה פון אַ קאָזאַק, אָבער ער וואַקלט זיך צווישן אמת'ער פרומער יידישקייט און פאַרשייטער גוי'אישקייט.

ביבליאָגראַפיע האָט אַ צוועק

אין 4־טן באַנד פון דער יידישער „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע" ווערן אין מ. שאַליטס ביאָגראַפיע פון ש. אַנסקי לחלוטין נישט דער־מאָנט אַנסקים איינאַקטערס און זיין פּיעסע „טאָג און נאַכט", וואָס איז אויך געשפּילט געוואָרן אין פרעמדע שפּראַכן. אויך זיין „דבוק" ווערט אָפּגעפאַרטיקט מיט אַ פּאָר געצײילטע שורות: „ווערט גע־שטעלט הונדערטער מאָל [טויזנטער וואָלט געווען פיל ריכטיקער], קריגט אַ וועלט־נאָמען, ווערט אפילו מוזיקאַליש איבערגעדיכטעט פון לאַדאָוויקאַ ראָקאָ אין אַן אָפּערע אויף איטאַליעניש, ווערט איבער־זעצט אין פאַרשידענע שפּראַכן."

מילא, אָפּגערעדט דערפון, וואָס די לעצטע ווערטער האָבן סטי־ליסטיש געדאַרפט גיין פריער, וואָרום אַנדערש מיינט מען, אַז די אָפּערע איז איבערזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן, נישט די פּיעסע, איז קלאָר, אַז אין אַן אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע קאָן מען זיך נישט אַריינלאָזן אין צופיל פּרטים, אפילו וועגן אַזאַ עפּאָכע־מאַכנדער פּיעסע ווי דער „דבוק", אָבער אויב פאַר די דאָזיקע איינ־צעלהייטן איז געזאָרגט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער פאַך־ענציקלאָפּעדיע ווי דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", איז אַ גרויסע עולה פאַרוואָס אין דער ביבליאָגראַפיע אונטער אַנסקים ביאָגראַפיע אין דער „ענצי־קלאָפּעדיע" ווערט דער „טעאַטער־לעקסיקאָן" אינגאַנצן נישט דער־מאָנט, בעת אַנדערע, נישט־אינפאָרמאַטיווע, אַרטיקלען ווערן יאָ אָנגעגעבן.

ביבליאָגראַפיע האָט דאָך אַ צוועק, און פאַר דעם איז דאָ דער „טעאַטער־לעקסיקאָן" גראָד זייער וויכטיק, ווייל די פיזיאָנאָמיע פון אַנסקי דעם דראַמאַטורג איז קענטיק נאָר אין „טעאַטער־לעקסיקאָן", וואו עס ווערט געגעבן איבערגעגעבן אַנסקיס פולשטענדיקע דראַמאַטורגישע קאַריערע.

יידיש טעאַטער ווערט איגנאָרירט

בכלל ווערט דאָס יידישע טעאַטער אויסערגעוויינלעך איגנאָרירט אין דער „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע".

אין די ביז איצט דערשינענע 4 בענדער איז נישטאָ קיין איין ביאָגראַפיע פון אַ יידישן שוישפּילער. אומזיסט וועט מען דאָרט זוכן די ביאָגראַפיעס פון יעקב פּ., סעראַ, צילי, יוליוס, עמיליע און סעם אַדלער, חנה אַפּעל, בינע אַבראַמאָוויטש — אַלץ נעמען, וואָס האָבן געשפּילט און שפּילן נאָך אַ גרויסע ראָל אין יידישן טעאַטער איבער דער גאַנצער וועלט.

אין אַפּאַטאָשוס ביאָגראַפיע, וועלכע פאַרנעמט גענוג פּלאַץ, אַזוי אַז די עטלעכע שורות האָבן געקאָנט אַריין, פעלט די דראַמאַטיזאַציע און פילם־אויפפירונג פון זיין „פוילישע וועלדער".

אין דער ביאָגראַפיע „אַפּערע" ווערט נישט דערמאָנט משה בראָדערזאָנס און העניעד קאָנס אָפּערע „דוד און בת שבע".

דער יידישער מאָלער און טעאַטער־דעקאָראַטאָר ברוך אַראָנסאָן פעלט אינגאַנצן.

אין אַ. דיזשורס אַרבעט וועגן אַרגענטינע ווערן דערמאָנט די יידישע צייטונגען, אַפילו די יידיש־שפּאַנישע צייטונגען, אָבער עס ווערט לחלוטין נישט פאַרצייכנט, אַז אין אַרגענטינע עקסיסטירן סטאַביל 3 ביז 4 יידישע טעאַטערס, אַפילו מיט אויפפירונגען פון פּיעסעס פון אָרטיקע מחברים, און אַז די דאָרטיקע יידישע אַקטיאָרן־משפחה האָט אַן אייגענעם אַקטיאָרן־פאַראיין מיט אַן אָרגאַן.

וועגן הויפּטמאַנען אין יידיש

ד. מאַרינסקי אין זיין אַרטיקל „גערהאַרדט הויפּטמאַן" („ליט"בלט, וואַרשע, 49, 1932) שרייבט, אַז אין אַמעריקע איז דערשינען אַ יידישע איבערזעצונג פון „ראָזע בערנדט". דאָס שטימט נישט.

דאַקעגן האָט ד. מאַרינסקי פאַרגעסן צו פאַרצייכנען, אַז אין געדרוקטער פאָרם זיינען פאַראַן נאָך צוויי איבערזעצונגען פון הויפּטמאַנס דראַמעס: „איינזאַמע מענשען", איבערזעצט פון א. פרומקין (דערשינען 1909 אין לאָנדאָן) און „דאָר אַנטלאָפן", אַ 5-אַקטיקער קאָמעדיע, איבערזעצט פון ל. באַלייזען (געדרוקט 1913 אין „פרייע אַרבייטער שטימע"). אויסערדעם זיינען דורך דער „פרייע יידישע פאָלקסבינע" אין אַמעריקע אויך געשפּילט געוואָרן הויפּטמאַנס „פרידנספעסט" און „מיכאַיל קראַמער"*).

אָפּערע אין יידיש

אין אַן אַרטיקל „ווי האַלט עס מיט דער געזאַנג-אַפּטיילונג אין אונדזער יידישער ליטעראַטור?" (צוקונפט", מאַי 1930) רעדט-אַרום י. פּיראָזשניקאָוו די פראַגע וועגן דער נויטיקייט פון איבערזעצן אין יידיש געזאַנג-לידער. דערביי דערציילט ער אויך אַביסל געשיכטע וועגן וועלטלעכע קאָנצערטן אין דער יידישער שפּראַך, און ער שרייבט: „מיט אַ יאָר 15 שפּעטער איז אין לאָנדאָן אין „טעמפּל"-טעאַטער, אויך צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער שפּראַך, אויפגעפירט געוואָרן אַן אָפּערע-ספּעקטאַקל אין יידיש. דאָס איז געווען דער דריטער אַקט פון רובינשטיינס אָפּערע „די מאַקאַבעער", וועלכע איך האָב איבערזעצט פון רוסיש אין יידיש. מיר איז אויך באַשערט געווען דער פאַרגעניגן צו זיין אויף דער דאָזיקער ערשטער יידישער אָפּערע-פאָרשטעלונג, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די אָפּערע איז דעמאָלט אויפגעפירט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון אונדזער באַוואוסטן יידישן זינגער יוסף ווינאָגראַדאָוו**), וועלכער האָט אַליין געזונגען די הויפּט-ראָלע אין אַן עכט-ליטווישן יידיש און האָט געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג. דער זעלבער „טעמפּל"-טעאַטער האָט נאָכדעם אויפגעפירט נאָך איניקע אָפּערעס פון מאַסקאַני און ווערדי."

אוודאי איז זייער גוט, אויב אין דער צייט, ווען מיר האָבן נאָך נישט קיין דאַטען צו דער געשיכטע פון אָפּערע-אויפפירונגען אין

*) זע „פינף און צוואַנציק יאָר פאָלקס-בינע" ג. י., זז. 79, 91. 100, 146

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 721-723.

יידיש, פאַרצייכנט יעדער אַקטיווער אנטיילנעמער אין דער דאַזיקער באַוועגונג דאַטעז פאַר דער געשיכטע, אָבער אַביסל עניות און געניי־קייט שאַדט נישט.

„די מאַקאַבעער"־אויפפירונג איז נישט געווען די ערשטע אָפּע־רע־אויפפירונג אין יידיש. טאַקע אין דאַזיקן לאַנדאַנער „טעמפל"־טעאַטער (וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צום אָנדענקן פון פאַרשטאָר־בענעם אַקטיאָר זיגמונט פיינמאַן), איז די ערשטע אָפּערע־אויפפירונג אין דער יידישער שפּראַך געווען די אָריגינעלע יידישע אָפּערע „מלך אחז", טעקסט און מוזיק געשריבן פון לאַנדאַנער יידישן קאָמפּאָזיטאָר ש. אַלמאַז,*) וועלכער האָט אויך איבערזעצט פאַר דער זעלבער טרופּע אייניקע אָפּערעס פון מאַסקאַני און ווערדי.

די פּרעמיערע פון דער דאַזיקער ערשטער אָפּערע אין יידיש איז פאַרגעקומען דעם 16־טן מערץ 1912.

כתם שבחים

אין דער ריגער צייטונג "פרימאָרגן" פון 3־טן מערץ 1930 שרייבט הירש אַבראַמאָוויטש אַן אַרטיקל „דער יידישער טעאַטער לויטן אַרכיוו פון ייוואָ", געווידמעט דעם אָנדענקן פון נחום ליי־פּאָווסקי**), און באַנוצט דאָרט אַזאַ זאַץ: ליפּאָווסקי ווערט אַן אמת'ער מיטגליד אין דער רוסישער קייזערלעכער טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ היבשער יחוס און כבוד, אפשר צוליב אַלע זיינע פאַרדינסטן אויף דעם געביט פון „אויפקלערונגס־אַרבעט"."

ה' אַבראַמאָוויטש וויל אַלזאָ דרינגען, אַז ה' ליפּאָווסקי האָט געהאַט אַ באַזונדערע זכיה צו ווערן אַ מיטגליד פון דער דאַזיקער טעאַטער־געזעלשאַפט און גיט טאַקע באַלד אָן די סיבה דערפון.

וויל איך דאָ אָנווייזן, אַז די גאַנצע מעשה הייבט זיך גאָרנישט אָן.

קודם־כל האָט ה' אַבראַמאָוויטש פאַלש איבערזעצט ליפּאָווסקים מיטגליד־קאַרט: דאָרט שטייט בפירוש: „דעיסטוויטעלני טשלען", וואָס באַדייט נישט „אמת'ער", נאָר „פאַקטישער מיטגליד", און דער גאַנצער ענין מיט דער דאַזיקער טעאַטער־געזעלשאַפט איז אַזאַ: אין

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 63.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, זז. 1098-1103.

פעטערבורג האָט עקסיסטירט אַ רוסישע טעאַטער־געזעלשאַפט, וועלכע איז אָפיציעל געשטאַנען אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. נעבן דער דאָזיקער טעאַטער־געזעלשאַפט האָט אויך עקסיס־טירט אַ צווייג (אָפּטיילונג) מיטן נאָמען „פאַרבאַנד פון רוסישע דראַ־מאַטישע און מוזיקאַלישע שריפטשטעלער".

די אויפגאַבע פון דאָזיקן פאַרבאַנד איז געווען איינצומאַנען האָנאָראַר פאַר מחברים אָדער איבערזעצער, וועמענס פּיעסעס אָדער מוזיקאַלישע ווערק זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויפן שטח פון דער רוסישער מלוכה.

אַלס מיטגלידער אין דאָזיקן פאַרבאַנד זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלע (אויך יידן), וועלכע זיינען געווען באַקאַנט אַלס שריפטשטעלער, אָדער האָבן געקאָנט צושטעלן אַן אַפיש, אַז מען האָט געשפּילט זייערס אַן אָריגינעל ווערק אָדער אַן איבערזעצונג.

גלייכצייטיק מיטן ווערן אַ מיטגליד אין דאָזיקן פאַרבאַנד, איז מען אויך אויטאָמאַטיש געוואָרן אַ מיטגליד אין דער טעאַטער־גע־זעלשאַפט.

וואָס־זשע האָבן געטאָן די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן ?

כדי אויסצומיידן צו באַצאָלן האָנאָראַר פאַר די פּיעסעס, וועלכע זיי האָבן אויפגעפירט, האָבן זיי צוגעשטעלט אין פאַרבאַנד אַן אַפיש מיט אַ געשפּילטער פּיעסע אויף זייער נאָמען, פלעגן באַקומען 2 מיטגלידער פון פאַרבאַנד אַלס רעקאָמאַנדירער און ווערן אַ מיטגליד אין פאַרבאַנד. דערנאָך פלעגן זיי אַריינשיקן אין פאַרבאַנד אַ ליסט מיט כמעט דעם גאַנצן רעפּערטואַר, וועלכן זיי האָבן געשפּילט, אָנ־געבנדיק זיך אַלס מחברים, איבערזעצער אָדער באַאַרבעטער אפילו פון גאָרדינס אָדער ליבינס פּיעסעס.

אויף אַזאַ אופן פלעגן זיי פּשוט באַ'עוולה'ן די אמת'ע מחברים און איבערזעצער.

די בעסטע אילוסטראַציע פאַר מיינע ווערטער קאָנען דינען די קאַטאַלאָגן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט פאַר די יאָרן 1913-14 (איך בין דעמאָלט אויך שוין געווען אַ מיטגליד פון דאָזיקן פאַרבאַנד). דאָרט זיינען פאַראַן די נעמען פון די „באַרימטע" דראַמאַטורגן אברהם פישזאָן, אַלעזר ראַפעל, א. ג. קאַמפּאַנעיעץ, נחום ליפּאָווסקי, ש. קופּערמאַן, גוזיק א. אַ. אויף כמעט דער גאַנצן יידישן רעפּערטואַר.

די צוגעהעריקייט צום דאָזיקן פאַרבאַנד איז דוקא נישט איינע פון די שענסטע בלעטלעך אין דער נוצלעכער טעאַטער־טעטיקייט פון פאַרשטאָרבענעם נחום ליפּאָווסקי.

אַ געשיכטע מיט נעמען

דער אַקטיאָר דזשייקאָב דזשייקאָבס*) האָט מיט אייניקע יאָר צוריק אָנגעשריבן פאַר א. בלומס פּיעסע „מען קאָן לעבן, נאָר מען לאָזט נישט" אַ לידל מיטן נאָמען „ביי מיר ביזטו שיין", צו וועלכן דער קאָמפּאָזיטאָר שלום סעקונדא האָט געשריבן די מוזיק. זיינען אַוועק עטלעכע יאָר, און די מוזיק איז אַזוי געפעלן דער אַמעריקאַנער מוזיקאַלישער וועלט, אַז מען האָט די מוזיק אַביסל פאַרדזשעזעוועט, און איבערנעמענדיק אויך דעם גרונט־געדאַנק פון ליד, איז דער ניגון אונטערן נאָמען „ביי מיר ביזטו שיין" באַלד געוואָרן אַ שלאָגער איבער גאַנץ אַמעריקע. אייניקע חדשים איז „ביי מיר ביזטו שיין" געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט געוואָרן פון מיליאָנען מענטשן אין אַמעריקע און דערנאָך איז עס אַריבערגעטראָגן געוואָרן איבער אַנדערע וועלט־טיילן.

אויסנוצנדיק דעם פּאָפּולערן נאָמען „ביי מיר ביזטו שיין", האָט דער אַקטיאָר דזשייקאָב דזשייקאָבס אויפגעפירט אין ניו־יאָרק אַ פּיעסע פון ה. קאַלמאַנאָוויטש אונטער דעם נאָמען. אין דער זעלבער צייט און אַביסל שפּעטער האָט מען איבער דער וועלט אָנגעהויבן שפּילן אַלטע פּיעסעס פון פאַרשידענע מחברים אַלץ אונטערן נאָמען „ביי מיר ביזטו שיין". דאָס איז פאָרגעקומען סיי אין אַרגענטינע, מעקסיקאָ, בעלגיע, קאָוונא א. אַ. וו.

דער לידער־שרייבער ש. שמולעוויטש האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן אַ לידל „אַ בריוועלע דער מאַמען", וואָס איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן איבער דער וועלט, אַז עס ווערט ממש פאַררעכנט פאַר אַ פאָלקס־ליד. אין די לעצטע יאָרן איז דאָס ליד אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן און מען הערט עס מער נישט, האָט גענומען דער שריפטשטעלער מ. אָשעראָוויטש און אָנגעשריבן אַ פילם אונ־

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 549-50.

טערן נאָמען „אַ בריוועלע דער מאַמען״. ווײַבאַלד אָבער עס זײַנען נאָר אין ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס״ אָפּגעדרוקט געוואָרן אייניקע נאָטיצן וועגן דעם פֿילם, און עס איז אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען „אַ בריוועלע דער מאַמען״, האָט עס שוין אויסגענוצט דער פּיעסעס־שרײַבער א. אָסטראָוו און אויפֿפֿירנדיק אין מעקסיקאָ זײַנע אַ פּיעסע, האָט ער זי שוין גערופֿן „אַ בריוועלע דער מאַמען״.

זײַנען מיר באמת אַזוי אָרעם אין נעמען, אָדער האָט מען בײַ די אַלע פֿאַלן געהאַט געוויסע כּוונות?

טרײַפֿענע יידישע ווערטער

דאָס יידישע טעאַטער לײַדט פֿון אַ זאַך, פֿון וועלכער קיין שום אַנדערע בינע ווייסט אפֿשר נישט. עס זײַנען פֿאַראַן אַ ריי ווערטער, וואָס זײַנען פֿולשטענדיק כּשר אין דער יידישער שפּראַך, אָבער זיי האָבן גאַנץ אַנדערע, אָפּטמאָל פֿאַרנאַגראַפֿישע באַדײַטונגען אין אַנדערע שפּראַכן. צוליב דעם מוזן יידישע אַקטיאָרן, וועלכע וואַנדערן פֿון איין לאַנד אין אַנדערן, שטענדיק דאָס האָבן אין זינען.

אַזאַ אומשולדיק יידיש וואָרט ווי „יענס״ („דיזן, דאָזן, דאָס און יענס״ אין שלום עליכם׳ס „מזל טוב״) טאָר פֿון דער יידישער בינע אין אַמעריקע נישט געזאָגט ווערן, ווײַל אין דאָרטיקן „סלענג״ (גאַסן־דיאַלעקט) האָט עס אַ געוויסע, נישט־וואויל־קלינגענדיקע באַדײַטונג.

אַזאַ וואָרט ווי „שיטן״, למשל: „עס שיט זיך פֿון אים [ליגנס ווי פֿון אַ לעכערדיקן זאַק], אָדער „מען האָט אים באַשיט פֿון אַלע זײַטן״, טאָר מען אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע נישט באַנוצן, ווײַל „שיטן״ האָט אויף ענגליש, וואָס ווערט אויך געברויכט אין אַמעריקאַנער „יידיש״, אַ באַדײַטונג פֿאַר אַ געוויסער פֿיזיאָלאָגישער באַדערפֿניש.

אַזאַ וואָרט ווי „קאַנט״ (ברעג, עק, געגנט), ווי למשל: „גיב נאָר אַ קוק ווי ער האָט זיך צעלייגט אויפֿן קאַנט״ [פֿון דער סאָפֿע, פֿון אויסלייג־שטול], טאָר מען אין אַמעריקע נישט באַנוצן מחמת אין אַמעריקאַנער „סלענג״ איז עס אַן אומלעגאַל וואָרט.

אויף דער יידישער בינע אין מזרח און טיילווייז מערב־אייראָפּע קאָן מען נישט באַנוצן אַזאַ וואָרט ווי „טרענען" (דייטש : „צעטיילן", „שיידן"). אין יידישן „סלענג" איז עס אַ פּאָרנאָגראַפישער אויסדרוק.

אויף דער יידישער בינע אין רומעניע קאָן מען נישט באַנוצן דאָס העברייאיִשע וואָרט „פּעולה" וואָס ליטווישע יידן זאָגן שטענדיק אַנשטאָט „ווירקונג", „איינפלוס", ווייל אויף רומעניש האָט עס גאָר אַ פיזיאָלאָגישע באַדייטונג.

אין אַרגענטינע איז נישט רעכט צו באַנוצן פון דער בינע אַזעלכע ווערטער ווי : „סוחר", „סחורה", „הייזל", „משא ומתן", „מאַדאַם", „שמאַטע", „באַלעבאָס", „באַלעבאָסטע" און „חברה־מאַן", ווייל די אַלע ווערטער ווערן אויסגעטייטשט אַלס אויסדריקן, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן אַמאָליקן פרויען־האַנדל און זיינע העלדן.

פּ. ס. — נאָכדעם ווי ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיין נאָטיץ וועגן די „טרייפענע ווערטער אויף דער יידישער בינע", האָט דער שריפטשטעלער יעקב באָטאָשאַנסקי פון בוענאָס איירעס (אַרגענטינע) אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין רעדאַקציע, אין וועלכן ער לייקנט אָפּ, אַז אין אַרגענטינע טאָר מען נישט באַנוצן פון דער אָרטיקער יידישער בינע די ווערטער „סוחר", „סחורה", „הייזל", „משא ומתן", „מאַדאַם", „שמאַטעס", „באַלעבאָס" און „באַלעבאָסטע". די אַלע ווערטער — שרייבט ער — מעג מען יאָ באַנוצן פון דער בינע און מען באַנוצט זיי. דאָס איינציקע וואָרט „הייזל" באַדייט אין אַרגענטינער יידיש (און לויט זיין השערה אויך נישט נאָר אין אַרגענטינע) אַ שאַנדהויז און אויך דאָס דאָזיקע וואָרט קאָן געברויכט ווערן אין אַ אַנדערן זין אויך. מען טאָר אָבער נישט באַנוצן — באַמערקט קאָלעגע באָטאָ־שאַנסקי — דאָס וואָרט „חברה־מאַן", וואָס באַדייט אומעטום אַ קהל'ס־מאַן, אַ שאַלטיק, און אין אַרגענטינע באַדייט דאָס אַ פרויען־הענדלער, אָבער דאָס איז דאָס איינציקע וואָרט, וואָס האָט אין אַר־גענטינער יידיש אַן אַנדערן באַדייט.

אין 1936 בין איך אָבער געווען אין אַרגענטינע, און האָב פעסט־געשטעלט, אַז געדעכט בין איך, נישט באָטאָשאַנסקי. אמת, אַז דער גאַנצער ענין פון פרויען־האַנדל, וואָס איז געווען דער פלעק פון אַר־גענטינער יידנטום, געהערט, צו אונדזער פרייד, צו דער פאַרגעסענער

פאַרגאַנגענהייט, אָבער די טרייפענע ווערטער פון דעמאָלט שלעפּן זיך נאָך אַלץ נאָך ווי אַ שאָטן, און מען מיידט אויס זיי צו באַנוצן פון דער יידישער בינע.

נישט־קאָנטראָלירטע ידיעות

אין דער יידיש־ענגלישער ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַרנעמט אַ באַדייטנדיק פּלאַץ דער זשורנאַליסט אייזיק גאָלדבערג. ער האָט איבערזעצט זייער פיל פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ענגליש, איבערהויפּט האָט ער איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט די פּיעסעס פון אונדזערע בעסערע דראַמאַטורגן. אַ חוץ אָבער דער דאָזיקער איבער־זעצונגס־אַרבעט האָט ער אין זיין בוך "The Drama of Transition" („די דראַמע פון איבערגאַנג"), סינסינעטי, 1922, אָפּגעגעבן איבער 100 זייטן פאַר דער געשיכטע פון דער דראַמע אויף יידיש. ער רעדט אַרום די דראַמעס פון גאָלדפאַדען, גאָרדין, קאָברין, פּינסקי, הירשביין, בימקאָ, לייוויק, א. א.

איך האָב זיין געשיכטע נישט איבערגעלייענט און דעריבער וויל איך דאָ נישט אַרויסזאָגן קיין מבינות אויף איר. איין זאַך, וואָס כ'האָב אָבער באַמערקט, געפין איך פאַר אומבאַדינגט נויטיק „ריכטיק צו שטעלן".

שרייבנדיק וועגן לעאָן קאָברינס (ז. 370) פּיעסע „יאַנקל בוילע" (מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער דאָרפסיונג"), זאָגט גאָלדבערג, אַז די פּיעסע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אין אַ רוסישער איבערזעצונג דורכן מאָסקווער קונסט־טעאַטער.

אודאי איז זייער שיין צו מאַכן „פּובליסיטי" (אַ פיינערער אויס־דרוק פאַר „רעקלאַמע") פאַר אַזאַ אָנגעזעענעם דראַמאַטורג ווי לעאָן קאָברין, אָבער ווען דאָס ווערט געמאַכט אין אַ צייטונג, קאָן מען עס נאָך מיט אַ שמייכל פאַרבייגיין. אין אַ בוך פון געשיכטע מוז מען זיין אַביסל פאַרזיכטיקער.

קאָברינס פּיעסע „דער דאָרפסיונג" איז קיינמאָל נישט געשפּילט געוואָרן דורכן מאָסקווער קונסט־טעאַטער (נישט דורכן נישט־יידישן און נישט דורכן יידישן קאַמער־טעאַטער).

דאָס מאָסקווער קונסט־טעאַטער האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט צו שטעלן דעם „דיבוק" אויף רוסיש. . . .

איך ווייס נישט פון וואַנען גאָלדבערגס אינפאָרמאַציע שטאַמט, אָבער זי איז עלול צו פאַרפירן די לייענער און פאָרשער פון יידישן טעאַטער.

אַ ראיה, אַז אַנדערע ענגלישע טעאַטער־ביכער שטיצן זיך שוין אין זייערע נאָטיצן וועגן יידישן טעאַטער און די יידישע דראַמע אויף גאָלדבערגס אינפאָרמאַציע (זע „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע ביי ייוואָ", ז. 488).

אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט

געשטאָרבן אַ באַרימטער יידישער אַקטיאָר — באָריס טאָמאַ־שעווסקי*). איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז עס זאָל זיך אָנהויבן אַ מבול פון נעקראָלאָגן. טאָמאַשעווסקי האָט איבער 50 יאָר אַרויסגעוויזן טעטיקייט אין אַמעריקע און יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיטן געדרוקטן וואָרט, קען אים און זיין טעטיקייט. טאָמאַשעווסקי איז אויך געווען אַקטיוו איבער דער וועלט. ער האָט גאַסטראָלירט אין פוילן און אין אַרגענטינע, אין רוסלאַנד און אין מערב־אייראָפּע, איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין יעדען פון אָט די לענדער זאָל מען איצט שילדערן טאָמאַשעווסקין און דערציילן געוויסע עראינערונגען אין שייכות מיט זיין שפּילן אין אָט די לענדער.

אָבער, גאָט אין הימל, פאַרוואָס הערשט ביי אונדז אַזאַ לייכט־זיניקע באַציאונג בנוגע פאַקטן. מילא, כל זמן עס איז נישט געווען קיין „טעאַטער־לעקסיקאָן", וואו דאַטעס זיינען גענוי פאַרפיקסירט גע־וואָרן, האָט מען זיך נישט געקאָנט העלפן, האָט מען אַלץ געמוזט שרייבן נישט־גענוי, אָן דאַטעס, אָן פאַקטן, נאָר „בערך", „אַרום", „אין דער צייט", אָבער איצט?

שרייבט א. לערמאַן אין „אונזער עקספּרעס" (וואַרשע, 14 יולי 1939): „ער איז 17 יאָר אַלט געווען ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע". סיי אין „טעאַטער־לעקסיקאָן", סיי אין די זכרונות פון אב. קאַהאַן קאָן מען זען, אַז ווען טאָמאַשעווסקי איז אָנגעקומען אין

*) „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, זז. 804-840.

אמעריקע אין 1881, איז ער אַלט געווען נאָר 13 יאָר. ווייטער שרייבט לערמאַן: „טאָמאַשעווסקי האָט לאַנג געהונגערט ביז ער האָט זיך דאָס חזנות ארויסגעשלאָגן פון קאָפּ און איז געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַן ענגליש מיידל, די טאָכטער פון אַ וואָדעוויל־אַקטיאָר, און אַ דאַנק איר האָט ער אוועקגעוואָרפן די פאַבריק און זיך גענומען צו טעאַטער". נישט טאָמאַשעווסקי האָט לאַנג געהונגערט, ווייל קורץ דערויף ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער אַריינגעגאַנגען אַרבעטן אין אַ פּאַפּי־ראָסן־פאַבריק, און נישט ער איז דורך אַן ענגליש מיידל געקומען צום טעאַטער, נאָר דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט די אַנדערע פּאַפּיראָסן־אַרבעטער, באַזונדערס פון די אַרבעטער אברהם גאָלובאָק און ראָזענ־בלום, מיט וועלכע ער האָט קורץ דערויף איינגעאָרדענט די ערשטע יידישע פאָרשטעלונג אין אַמעריקע.

און ווידער שרייבט לערמאַן: „און זיך אַרויסגעלאָזט מיט דעם רעפּערטואַר איבער אַלע שטעט, וואו עס האָבן נאָר געוואוינט יידן". אויך אַ שרעקלעכע גוזמא, ווייל בסך הכל האָט טאָמאַשעווסקי מיט זיינע ליבהאָבער געשפּילט אין שיקאַגאָ, באַלטימאָר און באָסטאָן. נו, אין אַמעריקע זיינען אפילו דעמאָלט געווען אַ סך מער שטעט, וואו עס האָבן געוואוינט יידן . . .

ריידנדיק וועגן דער אָפּנקייט מיט וועלכער טאָמאַשעווסקי האָט געשריבן זיין לעבנסגעשיכטע, דערציילט לערמאַן, אַז טאָמאַשעווסקי האָט דאָרט געשריבן וועגן „זיינע אומגעזעצלעכע קינדער . . . גאַנץ אָפּט האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון אַמעריקע, ווייל די פאַרראַטענע מענער פלעגן אים דראָען מיט דערשיסן. נו. ה' לערמאַן האָט נאָך אַ רייכערע פאַנטאַזיע ווי טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אויך נישט געזשאַלעוועט חלילה קיין פאַרב צו זיינע זכרונות, אָבער אָט די שטעלן געפינען זיך אפילו נישט ביי טאָמאַשעווסקין.

אַזוי וואָלט אויך נישט געשאַדט צו קאָריגירן דעם זאַץ, אַז טאָמאַשעווסקי האָט זיך אויף דער עלטער געקויפט אַ גרויסן קאַבאַרעט. נישט טאָמאַשעווסקי האָט זיך געקויפט אַ קאַבאַרעט, נאָר ער און זיין פאַרטנעריין רעגינע צוקערבערג האָבן זיך אַנגאַזשירט אין אַ קאַבאַרעט ביי יענעם.

אָבער וואָס פאַר אַ טענות קאָן מען האָבן צום ה' לערמאַן, אַז

א שריפטשטעלער ווי יואל ענטין, וועלכער האלט זיך פארן גרעסטן גארדיניסט פון אונדזער צייט, שרייבט אזוי („דער אידישער קעמפער", ניו־יארק, 21 יולי 1939): „גארדינס ערשטע פיר־פינף פיעסעס האט טאקע יעקב אדלער אויפגעפירט, אבער אומגעפער די זעקסטע „דער פאגראם", האט שוין טאמאשעווסקי געשטעלט". וואס טוט גאט? איז „דער פאגראם" נישט גארדינס זעקסטע, נאר צווייטע פיעסע. די ערשטע פיעסע „סיביריא" (1897) האט אדלער אויפגעפירט, און שוין די צווייטע פיעסע „דער פאגראם אין רוסלאנד" ווערט אויפגעפירט דורך טאמאשעווסקי.

כאראקטעריזירנדיק טאמאשעווסקין שרייבט ענטין: „אזוי האט ער, אפילו אז ערד אין 1892, נאכדעם שוין ווי גארדין האט א פאר דערפאלג־פיעסעס געהאט, אין טאליא טעאטער געקערט וועלטן מיט „100 לעבעדיקע שאף" פאר „מכירת יוסף" און „טויזנט עלעקטרישע לעמפלעך" פאר „אלכסנדר דער קרוין־פרינץ פון ירושלים".

אבער לאמיר נאר געבן א קוק ווי אזוי די זאך זעט אוים אין דער ווירקלעכקייט: אין 1892, האט גארדין געהאט אויפגעפירט בלויז 3 פיעסעס זיינע: „סיביריא", „דער פאגראם אין רוסלאנד", צוויי באארבעטונגען פון גאלדפאדענס „מליץ יושר" און „משיח'ס צייטן" און ענדלעך „דער יידישער קעניג ליר". פון די אלע 5 פיעסעס האט קוים איינע געהאט א מאטעריעלן דערפאלג. דעריבער איז זיך נישטא וואס צו וואונדערן אויב טאמאשעווסקי האט זיך ווייטער געהאלטן ביי זיין רעפערטואר. דער היסטאריקער פון יידישן טעאטער ב. גארין שרייבט וועגן יענער עפאכע: „גארדין איז דערוויל געווען נישט מער ווי א גאסט אין טעאטער און אלץ, וואס אים איז געלונגען ביז איצט צו דערווייזן, איז געווען, אז מען זאל אויף אים נישט קוקן ווי אויף א „יאלד" און מען זאל אים נעמען ערנסט. די גרענדע אין טעאטער פירן די פריערדיקע פארפאסערס און אין קאסע שיט זיך גאלד פון לאטיינערס און הורוויטשעס שטיקער".

דער היוצא לנו מזה איז, אז די, וואס שרייבן וועגן יידישן טעאטער זאלן זיך אויפהערן פארלאזן אויף זייער זכרון און זאלן זיך נעמען דאס ביסעלע מי און אריינקוקן אין „טעאטער־לעקסיקאן", וועלן זייערע אינפארמאציעס זיין אביסל גענויער און אפשטאל וועלן זייערע הנחות זיין אביסל פינקטלעכער . . .

נאָר אַ טעות?

דער „אַרטעף",*) דער „אידישער אַרבעטער טעאַטער", אין ניו־יאָרק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט לעצטנס געפּייערט זיין 10־יאָריקן יובילִיי.

אין שייכות דערמיט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ גרויסן אַלמאַנאַך מיט פאַרשידענע אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון „אַרטעף", און סתם אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער.

וועלן מיר שוין נישט רעדן וועגן די אַן אַ שיעור דרוק־פעלער, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם באמת פּרעכטיק אַרויסגעגעבענעם אַלמאַנאַך, כאָטש דער „פּראָלעטפּען" האָט געמעגט אויסזוכן אַ חבר, וואָס זאָל מאַכן אַ קאָרעקטע קאָרעקטור און נישט דערלאָזן, אַז מאַנכע זאַכן זאָלן שלעכט פאַרשטאַנען ווערן און טייל נעמען זאָלן, אין אַזאַ היסטאָרישן מאַטעריאַל, אַרויסקומען פאַרדרייט און צע־קאַליעטשעט.

מילא, מ'קאָן דעם דאָזיקן פעלער פאַרענטפערן דערמיט, אַז דער אַלמאַנאַך איז געזעצט און געדרוקט געוואָרן אין איילעניש; צו אַ יובילִיי, דעריבער האָט מען נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק מקפּיד זיין אויף דער טעכנישער זייט.

מיט וואָס אָבער קאָן די רעדאַקציע פאַרענטפערן אַזאַ „פעלער"?:
אין דעם אַלמאַנאַך איז פאַראַן אַן אויספירלעכע ביבליאָגראַפיע וועגן אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן „אַרטעף". אין דער ביבליאָ־גראַפיע זיינען פאַרצייכנט אפילו פּשוט'ע צייטונגס־נאָטיצן, אַן שום אונטערשריפט, וואָס האָבן געהאַט נישט מער ווי דעם טאָגלעכן „פּוב־ליסיטי"־באַדייט. וואָס עס פעלט אָבער אינגאַנצן זיינען די אַרטיקלען און באַריכטן, וואָס זיינען געווען געדרוקט טאַקע אין אָרגאַן פון דער איינענער פּאַרטיי, אין „מאָרגן־פרייהייט", וועגן די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער פון „אַרטעף"; אייניקע מיטגלידער און מיטגלידערינס, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט פון ערשטן טאָג אָן, אַ משך פון 7־8 יאָר, און זיינען צוגעפּירט געוואָרן דערצו, אַז זיי האָבן אפילו געפּיקעט קעגן „אַרטעף".

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, 92-95

זאָל דאָ פאַרשטאַנען ווערן:

כ'וויל נישט אַריינגיין אין עצם ענין ווער עס איז גערעכט געווען אין יענעם קאַמף, צי די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער אָדער די אויס־שליסער. דאָס איז אַן אינערלעכער ענין. וויבאַלד אָבער עס איז וועגן דעם געשריבן געוואָרן עפנטלעך, און וויבאַלד עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרצייכניש פון דער ביבליאָגראַפיע צוליב היסטאָרישע צוועקן, אַז דער קומענדער שרייבער פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און פון „אַרטעף" זאָל האָבן פאַר זיך אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן דינען אַלס שטאָף פון זיין אַרבעט, טאָ צוליב וועלכן צוועק האָט מען פאַר־שוויגן אָט יענעם „רויטן" בלעטל געשיכטע פון „אַרטעף"?

1924, 1937 און נאָכאַמאָל 1937

אלעקסאַנדער גראַנאָווסקי,*) דער פאָטער פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע, אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע פערזענלעכקייט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט, וועלכער האָט דאָ אַריינגעשריבן איינע פון די וויכטיקסטע בלעטער, איז געשטאָרבן מיט אַ קורצער צייט צוריק.

נו, האָט מען געדאַרפט דערוואַרטן, אַז עס וועלן זיך באַווייזן אין די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אַרטיקלען וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער פערזענלעכקייט, וועגן גראַנאָווסקיס באַדייטנדע אויפטואונ־גען אויפן יידישן קינסטלערישן געביט, אָבער שאַ־שטיל. אין די דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק, אין „פאָרווערטס", „טאָג" און „מאָרגן זשורנאַל" איז וועגן גראַנאָווסקין מער ווי די נייעס נישט געשריבן געוואָרן, און דאַכט זיך, אַז אין די רעדאַקציעס פון די צייט־טונגען זיצן פּערזאָנען, וועלכע האָבן גאַנץ גוט געקענט די טעטיקייט פון גראַנאָווסקין, ווי אַ שטייגער ד"ר מוקדוני.

פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן?

אַנגערופן האָט זיך ביז איצט, לויט אונדזער וויסן, דער זשורנאַ־ליסט און טעאַטראַל שמואל ראָזשאַנסקי אין דער בוענאָס איירעסער „אידישע צייטונג", מיט אַ גרעסערן אַרטיקל, און משה כץ אין „מאָרגן־פרייהייט" מיט 2 אַרטיקלען.

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 516-17

אבער דעמאָלט ווען גראַנאָווסקי איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, האָט מען ווענן אים שוין דווקא גענוג געשריבן.

אַט אַ שטייגער האָט מ. ליטוואַקאָוו*) זיין בוך „5 יאָר מלוכה'שער אידישער קאַמער טעאַטער" אינגאַנצן געווידמעט דעם „חבר א. גראַ־נאָווסקי".

און אַט ווי ליטוואַקאָוו כאַראַקטעריזירט גראַנאָווסקיס רעזשי, זיין אויסטייטשן דאָס טעאַטער, זיין בייִשטייער צו דער יידישער קולטור:

„אַנדערע טעאַטערן — טעאַטערן פון היינטיקן טאָג, וועלכע שטרעבן צו גיין אין איין טראָט מיט דער רעוואָלוציע און באַטראַכטן זיך נישט מער ווי אַן אָפּשניט פון איר גראַנדיעזן פּראָנט, שטרעבן דווקא צו אַנטפּלעקן אַט דעם „שלל וואַכעדיקע אמת'ן". זיי צילן אויפ־צורייסן אין דער נשמה פונם צושויער די פאַרלייגנטע אין איר פּולווער־קעלערס פון אומרו, זיי הויבן אים אויף מיט גוואַלד אויף כוואַליעס פון אימפּעטפולע טעמפּן, שפּרינגענדיקע ריטמען, בלענדענדע פאַרבן און שווינדלדיקע באַוועגונגען. איינער פון די אַממערסטן בולט'ע טעאַטערן פון דעם דאָזיקן טיפּ, — און אַזעלכע טעאַטערן זיינען אפילו ביי אונדז אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַראַן גאַנץ ווייניק, — איז דער מלוכה'שער יידישער קאַמער־טעאַטער".

„דאָס אַלץ מאַכט דעם מלוכה'שן יידישן קאַמער־טעאַטער, אַט דעם איינעם פון די ערשטקלאַסיקע אייראָפּעאישע טעאַטערן פון איצ־טיקער צייט, פאַר ליב און טייער די יידישע אַרבעטער. אָבער דאָס אַלץ רופט אַרויס צו אים אויך די שאַרפסטע שנאה מצד די בורזשואַזע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אמת, ער האָט זיי סוף כל סוף באַזיגט; דאָ, ביי אונדז „אַנערקענען" זיי אים שוין „דע פאַקטאָ", אָבער דערפאַר נעמען זיי איבער אים „רעוואַנש" אין „יידישן" אויס־לאַנד: די דאָרטיקע כלל־ישראל־פּרעסע, באַזונדערס אין אַמעריקע, האָט צו אים אויך די זעלבע געפילן ווי צו דער ראַטן־מאַכט איבער־הויפּט און צו די „יעווסעקן בפרט".

„דערפאַר זיינען אַזוי עם־הארצ'יש די רייד וועגן דעם, אַז אין קאַמער־טעאַטער האָבן מיר גרויסע פאָרמעלע דערגרייכונגען אָן רע־וואָלוציאָנערן אינהאַלט". (קורסיוו פון מיר. ז. ז.)

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, ז. 1050

„גראַנאָווסקי האָט דאָ געהאַנדלט לויט זיין אויסגעפּרובטן מעטאָד: ער נעמט געוויינלעכע שטייגער־פּיעסעס, אַנטבלויזט זייער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן סקעלעט, פאַרשאַרפט זיי און טייטשט זיי אויס סצעניש אַזוי, אַז זיי ווערן אומגעריכט פאַרוואַנדלט אין רעוואָלוציאָנערע זאַכן."

און איצט קומט דער אַפּאָטעאָז:

„שוין אָפּגערעדט פון דער פּאָליטישער באַדייטונג און דערגרייכונגען פונם יידישן קאַמער־טעאַטער. ער איז איינער פון די סאַמע בולט'ע באַווייזן אויף דער גראַנדיעזער שאַפונגס־ענערגיע פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. נאָר זי האָט געקאָנט ווי דורך אַ צויבער עפענען די געוועזט פאַרשטאָפּטע קונסט־קוואַלן פון די יידישע מאַסן און אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער וועלט אַזויפיל עסטעטישן געמיט. דער טעאַטער איז די בעסטע אילוסטראַציע צום שעפערישן וועזן פונם קאָמוניזם אין דער יידישער סביבה. בלויז „יעווסעקן" האָבן דעם טעאַטער אָפּגעשאַצט פון דער ערשטער מינוט אָן, און בלויז מיט „יעווסעקן" האָט דער טעאַטער געקאָנט און געוואָלט אַרבעטן פון זיין ערשטער מינוט אָן ביז איצט. און טאַקע דערפאַר האָט זיך דער טעאַטער אַזוי פעסט פאַרבונדן מיט די אַרבעטער, דערפאַר ברידערט ער זיך אַלץ מער מיט דער רויטער אַרמיי."

וועך משה ליטוואַקאָוו איז, דאַרף מען די לעזער נישט זאָגן. דאָס האָט ער געשריבן אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „עמעס", און די אַרטיקלען זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ ספּעציעלן בוך. דאָס איז געווען אין 1924.

אין יענער צייט איז גראַנאָווסקי געווען דער רעזשיסער און אָנפירער פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. אַלע טיטולן, אַלע רעוואָלוציאָנערע אויסצייכענונגען, אַלע קאָמוניסטישע אויפטואונגען פון דעם טעאַטער, וואָס זיינען אויבן ציטירט געוואָרן, געהערן גראַנאָווסקין, וועלכער איז געווען אין יענער צייט דער פאַקטישער דיקטאַטאָר פון דעם טעאַטער.

אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן ביז 1928, ווען די טרופּע האָט צוזאַמען מיט גראַנאָווסקין גאַסטראָלירט אין מערב־אייראָפּע. דאָ האָט גראַנאָווסקי זיך אָפּגעזאָגט צוריקצוקערן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. די טרופּע, צו וועלכער עס איז געקומען אַ ספּעציעלער קאָמיסאַר פון מאָסקווע, ה' פּאַלאַטניק, איז יאָ צוריקגעפאָרן.

און אָט וואָס עס שרייבט אין 1937 אין „מאָרגן־פרייהייט" וועגן

גראַנאָווסקיס רעוואָלוציאָנערן טעאַטער, משה קאַץ: „גראַנאָווסקיס טעאַטער איז געוואָרן אַ טיפּיש־פאָרמאַליסטישער טעאַטער, (קורסיוו פון מיר. ז. ז.) וועלכן ס'איז אין גרונט גענומען אַלץ איינס וואָס צו שטעלן, ווייל דער אינהאַלט אינטערעסירט אים נישט. אין אָנהויב פון יאָר 1928 איז דער יידישער מלוכה־טעאַטער אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור איבער אויסלאַנד. אין בערלין, אין פּראַג, אין פּאַריז האָט ער באַקומען אַ באַגייסטערטע אויפנאַמע. אָבער ס'איז געווען עפּעס מאָדנע מיט דער דאָזיקער באַגייסטערונג. גרויס התפּעלות האָט אַרויסגעוויזן די בורזשואַזע טעאַטער־קריטיק, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט אָנלויבן מיט די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון דעם יידישן מלוכה־טעאַטער."

און רעדנדיק וועגן דער קרוין־אויפפירונג פון יידישן מלוכה־טעאַטער: מענדעלים „מסעות בנימין השלישי", זאָגט קאַץ: „דער שענסטער לויט דער פאָרם און דער רעאַקציאָנערסטער לויט אינהאַלט".

געדענקט גוט, אַז פריער האָט ליטוואַקאָוו בפירוש דערקלערט אַלס עם־הארצ'יש די, וועלכע זאָגן, אַז אין טעאַטער האָט מען דערגרייכט גרויסע פאָרמעלע דערגרייכונגען אָן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, און אַז דער טעאַטער איז אַזוי פעסט פאַרבונדן מיט די אַרבעטער און און ער ברידערט זיך אַלץ מער מיט דער רויטער אַרמיי.

קאַצס אַרטיקל איז געדרוקט ענדע מערץ 1937. איינער פון די זאַצן, וועלכע מיר ציטירן, רעדט וועגן דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט פון גראַנאָווסקיס טעאַטער, און אָט האָבן מיר אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 18 אַפּריל 1937 אַ באַריכט פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" וועגן אַ צוזאַמענקום פון סאָוועטישע יידישע שרייבער, און אָט וואָס דער באַקאַנטער סאָוועטיש־יידישער דיכטער איציק פעפער האָט געזאָגט וועגן גראַנאָווסקיס טעאַטער: „אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען דער ערשטער אָנפירער פון „גאָסעט", גראַנאָווסקי, פאַר וועלכן די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט פונם יידישן פאָלק איז געווען בלויז אַן אָביעקט פון אָפּלאַכן און איזדיעקעווען זיך. דער דאָזיקער ניהיליזם האָט געבראַכט אויך צום פול־שטענדיקן פאַרגעסן אָן דעם יידישן פאָלקלאָר — איינעם פון די אַממערסטן פאַרלאָזענע געביטן פון דער יידישער קונסט."

הייסט עס, אַז גראַנאָווסקי ווערט געטאַדלט נישט פאַר רעאַקציע, נישט פאַר פערהערלעכן דאָס אַלטע יידישע לעבן און די אַלטע יידישע

טיפּן, וועלכע גראַנאָווסקי האָט אַרויסגעבראַכט אין די פּיעסן פון אַש, פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע און אַנדערע יידישע שרייבער פון דער פאַר־רעוואָלוציע, נאָר פאַרקערט, עס ווערט אים גאָר פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט אין די פּיעסן חוזק געמאַכט פון די טיפּן פון דער אַמאָ־ליקער יידישער וועלט און זיי נישט געשילדערט אין אַ געוועב פון דרד־ארץ און פּיעטעט.

און טאַקע אין זעלבן רעפּאָרט רעדט זיך וועגן דעם, אַז מען זאָל זיך נעמען פאַר אַ מוסטער ווי אַזוי די רוסישע שרייבער באַציען זיך צו פּושקינען, וועמענס יובּיליי עס ווערט איצט געפּייערט.

האָבן מיר פאַר זיך דריי סאָוועטישע אַפּשאַצונגען, וואָס איינע איז סותר די אַנדערע און נאַאיווע מענטשן שטייען און קוועטשן מיט די פּלייצעס:

— וואו איז, ענדלעך, דער אמת'ער אמת וועגן רעוואָלוציאָנערע כשרות אויף טעאַטראַלן פראָנט?

וועגן קריסטן אויף דער יידישער בינע

יאָנאַס טורקאָוו*) טוט זייער אַ וואוילע אַרבעט. אַלס אינטע־ליגענטער יידישער אַקטיאָר פאַרשטייט ער, אַז עס ליגט אויך אַ חוב אויף אַ יידישן שוישפּילער צו דינען דער יידישער בינע נישט נאָר אויף די ברעטלעך, נאָר אויך אויף אַלע אַנדערע געביטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום טעאַטער. טורקאָוו פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען איבער פאַרשידענע יידישע טעאַטער־ענינים.

אַזוי האָט ער אין „ליטעראַרישע בלעטער" (48, 1932) אָפּגע־דרוקט אַן אַרטיקל א"נ „קריסטן אויף דער יידישער בינע". אין דער הקדמה פון זיין אַרטיקל באַצייכנט ער אַליין, אַז די טעמע איז זייער אַ ברייטע און זי דינט אים פאַר אַ גרעסערע אַרבעט, וועלכע ער גרייט צום דרוק. אין זיין אַרטיקל גיט ער נאָר אייניקע עפּיזאָדן און בעט, ווער עס האָט, זאָל צוגעבן הוספות. איך בין אים מוחל, וואָס כאָטש ער האָט גענומען כמעט אַלע זיינע „העלדן" פונם ערשטן באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", פונדעסטוועגן, האָט ער נישט

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, ז. 871-73.

אָנגעגעבן קיין קוועלע. סוף כּל סוף האַנדלט זיך נישט וועגן מיין כּבוד, נאָר וועגן געשיכטע.

קודם־כּל עטלעכע קאָרעגאַציעס צו זיין אַרטיקל:

1) ווײנגאָלד האָט נישט געהייסן פּאַיצאַ, נאָר וואַיקאַ.

2) ראַווינסקע הייסט באמת פראַנעק רואינסקי.

און איצט אַביסל איינצלהייטן וועגן רואינסקין: ער איז אַ פּאַ־ליאַק פון גאַליציע, האָט געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמעע אַלס אָפיציר. געווען אַ פּאַרוטשניק אין מיליטער־אָרקעסטערס. רעדט און שרייבט גוט העברייאיש. קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ קריסט, ווייל ער פלעגט שפּילן גראָד עכט־יידישע ראָלן, ווי למשל „בצלאל ראַפּאָפּאָרט” אין יעקב גאָרדינס „שחיטה”. בכלל אַ קאָמ־פּליצירטער טיפּ. פּסח פלעגט ער זיך אָנדינגען אין אַ יידישן רעס־טאָראַן און עסן פּסח'דיקע מאכלים. צו דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט און פלעגט עס דייטלעך אַרויסזאָגן אין זיינע שמועסן מיט קאָלעגן. אין מלחמה־צייט איז רואינסקי געווען אַ דירעקטאָר פון אַ יידישער טרופּע אין אוקראַאינע. ער איז אַ לענ־גערע צייט געווען פאַרבונדן מיט אַ יידישער אַקטריסע, און, לויט אירע אינפאָרמאַציעס, האָט ער אויפגעגעבן די בינע און פאַרנעמט אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכע שטעל ביי דער באָלשעוויסטיש־אוקראַאינישער רע־גירונג. לויט אַנדערע אינפאָרמאַציעס געפינט זיך רואינסקי אין פּוילן און האַלט זיך צוריק פון באַקאַנטע, אָפּווישנדיק זיין „יידישע פאַר־גאַנגענהייט”.

3) פּריצי אַרקאַ איז נישט קיין קריסטין. זי איז אַ יידישע, איז געבוירן און אויפגעצויגן אין דייטשלאַנד. זי האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע אויף דער דייטשער בינע.

4) אויך בין איך נישט זיכער, צי פּינאַ סערבאַ איז אַ קריסטין. אַלנפאַלס האָט זי מיר און אַנדערע אַ סך מאָל פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ יידישקע.

5) די אַרטיסטין ק. האָט מיר איבערגעגעבן, אַז זי ווייסט זייער ווייניק וועגן איר אָפּשטאַם. קענטיק, אַז זי האָט אירע עלטערן נישט געקענט און איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי קריסטן.

6) איך האָב אויך ענדלעך באַקומען אויספירלעכע דאַטן וועגן פּראַפּירא קאָנסטאַנטינאָוונא כריסטעסקאָ,*) די פרוי פון שפּעטערדיקן גר אַלעקסאַנדער בידעסקאָ־וואַנדערגאָלד. לויט אירע דאָקומענטן, איז זי געבוירן אין בוקאַרעשט, אין יאָר 1880, אין אַ קריסטלעכער משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַן אייזנבאַן־אַרבעטער. ביז 15 יאָר געלערנט אין אַ רומענישער שול. געענדיקט די שול, איז זי אָנגעקומען אין אַ רומענישער טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון ניקאָלעסקו אַלס כאָריסטקע. זי האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטימע. 3 יאָר איז זי געווען אין כאָר, דערנאָך אַריבער צו שפּילן סובּרעטין און פּרימאַדאָנע־ראָלן. זי האָט אַרומגעוואַנדערט איבער דער רומענישער פּראָווינץ, ביז זי האָט זיך באַקענט מיטן רומענישן אַקטיאָר אַלעקסאַנדער בידעסקאָ (דעמאָלט — אַ קריסט), מיט אים חתונה געהאַט און צוזאַמען מיט אים געשפּילט ביז 1905 אויף דער רומענישער בינע אין רומעניע. דערנאָך זיינען זיי געפאָרן קיין רוסלאַנד דאָרט צו שפּילן רומעניש. אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט איינער פון דעמאָלטיקע באַרימטע געשעפטס־פירער אין יידישן טעאַטער שאַץ־קאַגאַן זי געהערט. ער האָט געזוכט זינגער. אַזוי ווי זיי האָבן געקענט גוט דייטש, האָבען זיי זיך געלאָזט פון אים צורעדן איבערצוגיין אויף דער יידישער בינע, וואו מען האָט דעמאָלט גערעדט מער דייטש ווי יידיש. זי איז געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע אין פאַרשידענע יידישע טרופּעס און זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר. אין 1913 איז זי זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט איר מאַן און אָנגעהויבן אַליין אַרומפאָרן מיט פאַרשידענע וואַנדער־קאָלעקטיוון איבער רוסלאַנד. זי האָט אויך געשפּילט אין די טרופּעס פון יוליוס אַדלער, אסתר רחל קאַמינסקאַ, ראַפּעל, פּישזאָן, סעם אַדלער א. אַ. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז זי פאַרבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד און געשפּילט איבער די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון אוקראַאינע. דעם 7־טן אַפּריל 1931 איז זי קראַנק געוואָרן (אין שטעטל כמעלניק, ווינניצער געגנט). אַ טאָג פאַרן טויט (דעם 5־טן אַפּריל 1931) האָט זי איבערגעלאָזט דעם אַקטיאָר פעדערעסקאָ אַ צוואה, מען זאָל זי מקבר זיין (כאָטש זי האָט זיך נישט מגייר געווען) אויפן אָרטיקן יידישן בית־עולם, ווייל כמעלניק איז אַ יידיש שטעטל, וואו ס׳קומען אָפט יידישע טרופּעס, וועט

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, 2, ז. 956-57

אפשר אמאָל אַ יידישער אַקטיאָר באַזוכן איר קבר. דער זעלבער אַקטיאָר האָט איר אויך געשטעלט אַ מצבה. געשטאָרבן איז כריס־טעסקאַ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יידישן אַקטיאָר, אין גרויס נויט און אָרעמקייט, אין פרעמדע תכריכים.

יאָנאַס טורקאָוו האָט אויך פּוּלשטענדיק דורכגעלאָזט אייניקע קריסטן, וואָס האָבן געשפּילט אויף דער יידישער בינע, דהיינו:

1) אַדאָלף לינק. אַ דייטשער אַקטיאָר. דעם 14־טן יאַנואַר 1918 האָט ער מיטגעשפּילט אין אַדלערס גרענד טעאַטער אין ניו־יאָרק אין דער אויפפירונג פון הויפּטמאַנס „די וועבער". אפנים, אַז קיין גרויסן דערפאָלג האָט ער נישט געהאַט, ווייל ער האָט זיך לאַנג אויף דער יידישער בינע נישט געהאַלטן.

2) וואַמפּירא לעאָנעסקאַ, געבוירן אין בוקאַרעשט. זי האָט דאָרט געשפּילט אין נאַציאָנאַל־טעאַטער. אין 1907 איז זי געקומען אין אַמעריקע, האָט דאָ געשפּילט אויף רומעניש און נישט האָבנדיק קיין גרויסן דערפאָלג, האָט זי אָנגעהויבן צו שפּילן יידיש. זי איז אויפגעטראָטן אין מאָליערס „דער קאַרגער" און אין ריכאַרד פאַסעס פּיעסע „שולדיק". אויך איר שפּילן אויף דער יידישער בינע האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים.

3) גרעטאַ מייער*) געבוירען בערך 1886 אין דעסוי, אַנהאַלט, דייטשלאַנד. פאָטער — אַ דייטשער אַקטיאָר. שוין אין עלטער פון 14 יאָר האָט זי זיך באַטייליקט אין שילער־טעאַטער אין בערלין, דערנאָך אין לעסינג טעאַטער. איז געוואָרען אַ באַקאַנטע דייטשע שוישפּילערין און אָנגעהויבן גאַסטראָלירן איבער דייטשלאַנד, עסט־רייך און האָלאַנד און לסוף געקומען מיט אַ דייטשער טרופּע אין אַמעריקע. דאָ האָט זי געשפּילט אין ניו־יאָרקער אורווינג פּליים טעאַטער. באַלד נאָך דער מלחמה איז די דייטשע טרופּע זיך צעפאַלן, און גרעטאַ מייער איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן געפּרובט זייער מזל אויף דער יידישער בינע. זי איז אַריינגעטראָטן אין שוואַרצס קונסט־טעאַטער און דעביוטירט דעם 4־טן יוני 1920 אין איבסענס „ראָזמערסהאָלם". באַלד איז זי אַריבער אויף עכט־יידישע ראָלן.

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, ז. 1298

אזוי האָט זי געשפּילט „פּעסעניו" אין יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" און „עטיע" אין „קרייצער סאָנאַטאַ". זי פּלעגט אין די פּיעסעם אויך אַ גאָר אינטערעסאַנטן אופן זינגען יידישע לידער. זי האָט זיך אויך אויסגעלערנט דעקלאַמירן פאַרשידענע יידישע לידער. זי איז געגאַנגען נאָך אַ שריט ווייטער: זי האָט זיך אויסגעלערנט ביים אַקטיאָר מ. ב. סאַמואילאָוו לייענען און שרייבן יידיש — וואָס עס קענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אַ סך געבוירענע יידישע אַקטריסעס.

אין איר רעדן יידיש האָבן זיך געפילט נאָר זייער לייכטע שפּורן פון דייטש. שפּעטער האָט זי גאַסטראָלירט איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ און, נישט ווערנדיק אַנגאַזשירט אין יידישן טעאַטער, האָט זי געעפנט אין ניו־יאָרק אַ דייטשן קאַבאַרעט, שפּעטער אַ רעסטאָ־ראַן. ווען ס'איז אויפגעקומען דער קלאַנג־פילם, האָט מען זי, אַדאַנק איר שטאַטלעכער פיגור, אַנגאַזשירט פאַרן קלאַנג־פילם „גרענד האָ־טעל". איצט געפינט זיך גרעטאַ מייער אין האָליוואָוד, וואו איך האָב זי באַזוכט. זי האָט מיר דערציילט אַ סך עפּיזאָדן וועגן איר איבער־גיין צו דער יידישער בינע. זי האָט אָנגעוויזן, אַז זי פילט זיך כמעט אַ יידישקע, כאָטש זי איז ווייטער אַ דייטשע. זי האָט עטלעכע מאָל באַטאָנט, אַז אין עטלעכע פאַלן פון נויט איז איר געקומען צו הילף די אַמעריקאַנער יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן. זי האָט מיר דערציילט וועגן אינצידענטן אין איר פאַמיליע, וועלכע זי האָט באַזוכט אין דייטשלאַנד, און וועלכע זיינען צופעליק אַנטיסעמיטן (נאָך פאַר דער היטלער־מגפה). ווען זי איז בעת מיין אַנוועזנהייט אויפגעטראָטן אויף אַ יידישער אונטערנעמונג און דעקלאַמירט אייניקע דייטשע לידער, האָט זי דערנאָך געהאַלטן אַ רעדע אויף יידיש און זיך אָנאָנ־סירט אַלס „די גרעטאַ מיטן יידישן האַרץ".

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער דייטשער אַקטריסע גרעטאַ מייער איז כדאי צוצוגעבן איר דערקלערונג (אין שיקאַגער „פאָר־ווערטס" פון 17 יולי 1933) וועגן היטלעריזם.

4) מאַקאַר אָסיפּאָוויטש רעזניקאָוו, אַ יונגער פויער פון טווע־רער גובערניע, אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געדינט ביי אַ יידישן קצב אין פּעטערבורג, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן יידיש מיטן קנאַק. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שיינע שטים, און איז געווען

אַ בינע־אַרבעטער אין טעאַטער פון קרעסטאַווסקיס גאָרטן אין פּעטערבורג, וואו ס'האָט אין 1881 געשפּילט גאָלדפאַדענס טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון לייזער צוקערמאַן, האָט מען אים אָנגעהויבן „צורעכענען צום מנין", ד. ה. געבן אים קליינע ראָלן, ווען ס'האָט פאַרפעלט אַן אַקטיאָר. זיין ערשטער דעביוט האָט „מאַקאַרקע", ווי מ'האָט אים גערופן, געהאַט אין דער ראָל „זרח" אין גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע". ווען די טרופּע איז אַפּגעפאָרן פון פּעטערבורג, האָט מען אים נישט מיטגענומען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער שכור. מאַקאַר איז געבליבן אין פּעטערבורג, אָבער שוין נישט אַלס בינע־אַרבעטער, נאָר ער פלעגט אַרויסטרעטן אַלס קופּלעטיסט אין פאַרשידענע באַלאַגאַנען און זינגען יידישע און גלייכצייטיק רוסישע אַנטיסעמיטישע לידלעך.

5) רודאָלף קריסטיאַן. געווען דירעקטאָר פון דייטשן טעאַטער אין אווירווינג פּליים אין ניו־יאָרק, און ווען דאָס טעאַטער איז זיך צעפאַלן, האָט ער דעביוטירט ביי מאָרים שוואַרצן אַלס „ר' עקיבא" אין „אוריאל אַקאָסטאַ", שפּעטער האָט ער מיטגעשפּילט אין אַסך דימאַוס פּיעסע „די דערוואַכונג פון אַ פאָלק". אויך ער איז לאַנג אויף דער יידישער בינע נישט פאַרבליבן.

אין דער אַרבעט אויפן צווייטן באַנד פון מיין „טעאַטער־לעקסיקאָן" בין איך געקומען צו דער ביאָגראַפיע פון דער קריסטין מאַלי סאווער. וועלכע זאָל זיין געבוירן אין סאַמע בערלין אַליין.

בעת דער יידישער אַקטיאָר צעזאַר גרינבערג האָט אין 1896 איינגעאָרדנט יידישע פאָרשטעלונגען אין יאָהאַנעסבורג (דרום־אַפריקע), און ס'האָבן אים פאַרפעלט געזאַנג־כחות, האָט ער אַנאָנסירט, אַז ער זוכט אַזעלכע באַטרעפנדע כחות צווישן די, וועלכע קענען דייטש.

מאַלי סאווער, וועלכע האָט געשפּילט אין אַ דייטשער אָפּערעטעס־טרופּע אין דעמאָלט, אויף דער דאָזיקער ווענדונג, אַריינגעטראָטן אין כאָר פון יידישן טעאַטער, באַלד דערויף איז פאַר איר אָנגעשריבן געוואָרן אַ ספּעציעלע סצענקע אין דער אָפּערעטע „מרים החשמונאית", אין וועלכער זי האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און איז שוין פאַרבליבן אַלס פּרימאַדאָנע אין דער טרופּע, וואו זי האָט געשפּילט אַנדערהאַלבן יאָר.

דורך דער צייט האָט זיך סאָוער אויסגעלערנט יידיש און אַביסל העברייאיש.

ח׳ יעקב מעססטעל מאַכט מיך אויפמערקזאַם אויפן אַרטיקל פון אַקטיאָר און שרייבער ס. (אברהם) טייטלבוים „מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער יידישער בינע אין רוסלאַנד״ געדרוקט אין „דער אידישער קעמפער״ ניו־יאָרק, מערץ 1918, וואָס אַנטהאַלט אינפאָרמאַציעס וועגן נישט־יידן אויף דער יידישער בינע.

אומפינקטלעכקייטן אין אַ גאָרדין־ביאָגראַפיע

עס זעט אויס אַ פנים, אַז קלמן מרמר גרייט צו אַ גאָרדין־ביאָגראַפיע. דאָס וואָלטווירקלעך געווען אַ נויטיקע אויסגאַבע, ווייל ביזן היינטיקן טאָג איז (אויסער אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״) נישטאָ קיין אויספירלעכע גאָרדין־ביאָגראַפיע. אָבער עס איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין אַ טעאַטער־לעקסיקאָן זאָל מען אַ סך פאַקטן, וועלכע שפילן זייטיקע ראָלן, איינגאַנצן אויסמיידן און אַנדערע ליטעראַרישע טעטיקייטן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צום טעאַטער, נישט אַרומריידן אויספירלעך. דעריבער האָב איך זייער אויפמערקזאַם געלייענט די סעריע אַרטיקלען, וואָס מרמר האָט פאַרעפנטלעכט אין „מאָרגן פרייהייט״, און אין די אינטערעסן פון היסטאָרישן אמת וואָלט געווען כדאי, אַז ער זאָל אויסמיידן אין זיין שפּעטערדיקער בוד־אויסגאַבע אָט די אַלע אומבאַוואוסטזיניקע און באַוואוסטזיניקע טעותים, וועלכע ער האָט אין זיין סעריע אַרטיקלען.

אָט אַ שטייגער רעדט מרמר וועגן גאָרדינס פּיעסע „דער רוסישער ייד אין אַמעריקע״, וואָס דאַרף פאַר אונדז האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס, ווייל דאָס איז די ערשטע גאָרדין־פּיעסע, וואָס איר האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ אין אַמעריקע. דאָ האָט גאָרדין צום ערשטן מאָל גענומען פאַר זיינע העלדן נישט קיין טיפּן פון אַנדערע נישט־יידישע פּיעסעס און אויף זיי אַרויפגעצויגן אַ יידישע הויט (ווי ער האָט געטאָן אין אַ סך פון זיינע אַנדערע פּיעסעס) און אפילו נישט רעסטאַווירט די טיפּן, וועלכע ער האָט געזען אין דער אַלטער היים, נאָר ער האָט גענומען מענטשן פון דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. זיין דאָזיקע פּיעסע קאָן פאַר אונדז גילטן היינט צו טאָג ווי אַ היסטאָריש בילד פון דעם אָנהויב עטאַבלירונג פון דער יידישער אימיגראַציע אין

אמעריקע. פון דער האנדלונג פון דער פיעסע און פון אירע כאראק־טערן און טיפן שיילט זיך ארויס די פיזאנאמיע פון דער יידישער ארבעטערשאפט אין דעם אמעריקאנער שאפ, דער אנהייב פון דער ארגאניזירונג פון יידישן ארבעטער אין אמעריקע און די באציאונג צווישן יידישן מיטלקלאס און ארבעטער קלאס.

ווען אט די פיעסע „דער רוסישער ייד אין אמעריקע" איז אויפ־געפירט געווארן אין 1895, האט זי ארויסגערופן א גרויסן טומל, ווייל גארדין האט איינעם פון זיינע העלדן „הוזדאק" ארייגגעגעבן אין מויל ווערטער, וואס האבן געקאנט באטראכט ווערן ווי א רכילות קעגן די רעכט פון די יוניאנס. דאס האט צוגעפירט דערצו, אז אב. קאהאן, וועלכער האט געזען די פיעסע, האט זיך נישט איינגעהאלטן און אויס־געשריען אין טעאטער „דאס איז א ליגן!", שרייבט וועגן דעם קלמן מרמר אין זיין ארטיקל „יעקב גארדין און די אידישע ארבעטערשאפט" („מארגן פרייהייט", 29 אקטאבער 1939):

„נישט געקוקט אויף קאהאנס אויסגעשריי „ס'איז א ליגן", האט דאך די פיעסע דעמאלט שטארק אויסגענומען ביי די יידישע ארבעטער־מאסן. זי איז געשפילט געווארן זעקס וואכן נאכאנאנד און נאכדעם האט מען זי עטלעכע יאר געשפילט מאטינעעס און צו בענעפיטן אין ניו־יארק און אויף דער פראווינץ. ווי ס'זעט אויס, האט אב. קאהאן זיך באנוגנט מיט זיין מינדלעכן אויסרוף. ער האט אבער גארנישט געשריבן צו באווייזן, אז דער הוזדאקיזם אין דער ארבעטער־באוועגונג איז א ליגן".

וואלט אלץ גוט געווען ווען עס וואלט טאקע אזוי געווען. אבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען פונקט פארקערט, און עס איז זייער צו באדויערן, וואס מרמר טראגט אריין אויך אין היסטאריע־גראפיע דעם קאמוניסטישן סיסטעם פון מאכן פאלשע באשולדיקונגען אויף א געגנער אבי אים צו באשמוצן מיט דער אויסרעכענונג, אז עס וועט זיך נישט געפינען קיינער, וואס וועט זיך געבן די מי פעסטצו־שטעלן דעם אמת.

און דער אמת איז, אז נאר א דאנק אב. קאהאן ווייסן מיר היינט דעם אינהאלט פון גארדינס פיעסע „דער רוסישער ייד אין אמעריקע" און אז אב. קאהאן האט יא זיך באמיט צו באגרינדן זיין שטאנדפונקט אויף וויפיל גארדין האט געשעדיקט די יידישע ארבעטער־אינטערעסן

דורך זיין טיפּ „הוזדאק”. אב. קאַהאַן האָט וועגן דער פּיעסע אָפּגע־דרוקט אַן אויספירלעכע רעצענזיע אין „דיא אַרבייטער צייטונג”. אָבער דערמיט האָט זיך דער סכסוך צווישן אים און גאָרדינען נאָך נישט געענדיקט. גאָרדין האָט אים געענטפערט, די דיסקוסיע האָט זיך גע־צויגן אין איניקע נומערן פון דער צייטונג (24, 31 מאַי, 8, 14, 21, 28 יוני, 4 און 11 יולי 1895), און ווען איינער שרייבט געשיכטע, וואָלט ער זיך געמעגט מטריח זיין צו באַקענען מיט אָט דעם מאַטעריאַל. בפרט, אַז אין „לעקסיקאָן” (ערשטער באַנד, זייטן 406-7) ווערט דער גאַנצער ענין געגנוי באַלויכטן.

⁂

אין זיין אַרטיקל „יעקב גאָרדין הויבט אַן זיין גלאַנץ־פּעריאָד” („מאָרגן פרייהייט”, 13 נאָוועמבער 1939) שטעלט קלמן מרמר אַוועק אַ פראַגע צייכן ביים נאָמען פון דער פּיעסע „סאָלאָמאָן קאַהוס”, וואָס דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ער ווייסט נישט אָדער ער האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזאַ פּיעסע.

וואונדערט מיך זייער אויף אַ שרייבער, וואָס גרייט צו אַ מאָנאָ־גראַפיע וועגן גאָרדינען, און האָט געלעבט אין דער גאָרדין־עפּאָכע אין אַמעריקע, און וואַרשיינלעך געזעען גאָרדינס פּיעסעס, אַז ער זאָל נישט וויסן, אַז מיט „סאָלאָמאָן קאַהוס” מיינט מען גאָרדינס פּיעסע „שלמה חכם”, וועלכע איז, בערך אין 1899 אָדער אין 1900 צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך יעקב פּ. אַדלער און איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע פּיעסעס אין אַדלערס רעפּערטואַר, וועלכן ער פלעגט שפּילן כמעט ביז צו זיין טויט (1926).

⁂

אין זיין אַרטיקל „יעקב גאָרדינס אידישע פרויען־געשטאַלטן” („מאָרגן פרייהייט”, ניו־יאָרק, 20 נאָוועמבער 1939) שרייבט קלמן מרמר וועגן „גאָט, מענטש און טייוול”:

„אין דייטש איז די פּיעסע דערשינען אונטערן נאָמען „געלט” (קעלן, 7 1906). דער איבערזעצער ווערט נישט דערמאָנט, נאָר יענער האָט געמוזט האָבן אַ נאָענטע שייכות צום יידישן קריטיקער בעל מחשבות. דער לעצטער האָט מיר נאָך אין פרילינג 1903 דער־קלערט, אַז דער נאָמען „גאָט, מענטש און טייוול” (און נאַטירלעך

אויך דער פּראָלאָג) איז צו פּרעטענציעז. ס'איז דאָך נישט קיין איוב־דראַמע און אויך נישט קיין פּויסט, נאָר אַ פאַמיליע־דראַמע, פאַר וועלכער דער פּאַסנדיקער נאָמען דאַרף זיין „געלט". ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אָט אונטער דעם נאָמען וועט די פּיעסע איבערזעצט ווערן אין דייטש".

אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, איז די דייטשע איבערזעצונג פון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" קיינמאָל נישט דערשינען אין קיין סעפּאַראַטער אויסגאַבע, נאָר אין דעם קעלנער ציוניסטישן זשורנאַל “Die Welt” (אין די נומערן 1, 2, 3, 4, און 6, אין 1906).

בנוגע דעם איבערזעצער קאָן איך צוגעבן, אַז מיט איינינקע יאָר צוריק, בעת אַ שמועס מיט ד"ר א. קאַראַלניק, האָט ער מיר דער־קלערט, אַז דאָס האָט ער איבערזעצט די פּיעסע אויף דייטש און זי אַנאָנים אָפּגעדרוקט אין „די וועלט".

ליניעצקי האָט נישט געשריבן קיין פּיעסע „דאָס פּוילישע אינגל"

אַ טעאַטער־רעפּאָרטער אין אַן אַרטיקל „הונדערט יאָר גאָלד־פאַדען" (מאָרגען זשורנאַל", ניו־יאָרק, 20 דעצעמבער 1939) שרייבט:

„עס איז איצט הונדערט יאָר ווי עס איז געבוירן געוואָרן יצחק יואל ליניעצקי*) דער פּאָרפאַסער פון דער באַרימטער יידישער פּיעסע „פּויליש אינגל", אַ פּיעסע, וואָס איז אין ניו־יאָרק אַליין געשפּילט געוואָרן הונדערטער מאָל. מען קאָן דערפרישן דאָס יידישע טעאַטער מיטן גאָלדפאַדען רעפּערטואַר און אפילו מיטן „פּוילישן אינגל".

איז, ערשטנס, האָט ליניעצקי קיינמאָל נישט אָנגעשריבן קיין פּיעסע „דאָס פּוילישע אינגל". ער האָט פאַרפאַסט די דערציילונג אָדער ראָמאַן „דאָס פּוילישע יונגעל" אָדער „דאָס חסידישע יונגעל".

לויט ב. גאָרין זאָל פּראָפעסאָר הורוויץ האָבן דראַמאַטיזירט „דאָס פּוילישע אינגל" און דערמיט געעפנט זיין טעאַטער אין בוּ־קאַרעסט נאָך פּסח 1878. שפּעטער איז די פּיעסע דורך יעקב פּ. אַדלער אויך געשפּילט געוואָרן אין לאָנדאָן. (זע וועגן דעם מ. ווינ־טשעוסקים זכרונות, קאַפּיטל וועגן יידישן טעאַטער), אָבער גאָלדפאַדען

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, זז. 1092-1096.

אין זיינע זכרונות דערציילט, אז ווען הורוויץ האָט אים פאַרגעלייענט די דראַמאַטיזאַציע איידער זי איז אויפגעפירט געוואָרן, האָט גאָלדפאַדען פּעסטגעשטעלט, אַז זי האָט נישט קיין שום שייכות צו לינעצקיס ווערק מיטן זעלבן נאָמען, נאָר עס איז „עפּעס אַ נאַרישער וואָדעוויל, אַ מין אָרט ווי שמענדריק". (זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", ערשטער באַנד, ז. 1093.)

אין ניו־יאָרק איז די פּיעסע, אויף וויפיל איך האָב פעסטגעשטעלט אויפן גרונט פון די אַנאָנסן אין די אַלטע צייטונגען, בכלל נישט געשפּילט געוואָרן, און אויב אפילו יאָ, איז זי געגאַנגען געציילטע מאָל. אַלנפאַלס אָבער נישט קיין הונדערטער מאָל.

י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער

נחמן מייזיל האָט אין "יידישע קולטור" (ניו־יאָרק, 4, 5־6, 1940) געפּרובט געבן אַ פולשטענדיקן סך־הכל וועגן י. ל. פּרצס אַרבעטן פאַרן יידישן טעאַטער; זיינע דראַמאַטישע ווערק, זיינע פּרובן צו שטיין אין פאַרבינדונג מיטן יידישן טעאַטער און דעם איינדרוק פון זיינע אויפגעפירטע ווערק. עס איז דאָרט צונויפגעזאַמלט זייער פיל מאַטעריאַל, אָבער נאַטירלעך איז דאָרט אויך פיל דורכגעלאָזט געוואָרן.

אַזוי איז צווישן די פאַרשידענע דיאַלאָגן און מאָנאָלאָגן, וואָס פלעגן געשפּילט ווערן אויף דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער בינע, דורכגעלאָזט געוואָרן דער באַרימטער מאָנאָלאָג „דער משוגע'נער בטלן", וואָס איז אומצייליקע מאָל געשפּילט געוואָרן דורך אַזעלכע אַקטיאָרן ווי יוליוס אַדלער, רודאָלף זאַסלאַווסקי און לייזער זשעלאַזאָ, וועלכער איז ממש באַרימט געווען אין דער ראָל. דאָס איז אַלץ נאָך געשען בעת פּרץ האָט געלעבט און ער האָט געזען זייער שפּילן.

אין די שטעלן וועגן פּרצס באַציאונג צו יעקב גאָרדין איז דורכגעלאָזט געוואָרן פּרצס אויפפירונג (1910) פון גאָרדינס „די שבועה" אין וואַרשע מיט דער שוישפּילערין מיני גורעוויטש אין דער ראָל פון „ראַניע די פּאַטשטאַרקע". דאָס איז געווען אַ פּרוב פון צוציען פּרצן צום דעמאָלטיקן יידישן פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער, און אַט דער פּעריאָד אין פּרצס טעאַטראַלער טעטיקייט איז ווערט אַ גענויע אָפּהאַנדלונג.

אין די פופציקער, וואו עס רעדט זיך וועגן פּרצס באַציאונגען מיט די יידישע אַקטיאָרן, וואָלט געווען זייער וויכטיק זיך צו באַנוצן מיט

דער שילדערונג פון דער שוישפילערין עמיליע אדלער אין אירע זכרונות,*) וואו זי גיט איבער א סצענע ווי אזוי פרץ האט פארגעלייענט א פיעסע פאר קאמינסקים טרופע און די באציאונג פון די אקטיארן צו פרצן.

אין אזא ארבעט וואלט אויך נישט געשאדט צו דערמאנען די איבערזעצונגען פון פרצס דראמעס אין פארשידענע שפראכן ווי אין העברייאיש, דייטש, ענגליש און רוסיש.

וועגן א „פרץ טעאטער" אין פאריז

אין 1927 בין איך געווען אין פאריז, און צווישן די פארשידענע מעשיות, וועלכע מ'האט מיר דערציילט וועגן דארטיקן יידישן טעאטער, און וועגן די פרובן איינצוארדנען א שטענדיק יידיש טעאטער אין פאריז, האט מען מיר אויך דערמאנט דעם פרוב פון א ליטעראַרישע בינע אויפן נאמען פון י. ל. פרץ, און דערביי האט מען אנגערופן דעם נאמען לעאן טראצקי. אויף וויפל איך האב געוואוסט, איז צווישן אלע יידישע אקטיארן אויף דער וועלט נישטא קיינער מיטן נאמען טראצקי, און איך האב אין אנהויב א טראכט געטאן אויב דאס איז נישט א געוויסער ליטווישער ייד לעאן טראצקי, אין זגערזש, א קליינע שטאט נעבן לאדזש, מיט וועלכן איך האב זיך באקענט בעת איך האב פאר דער מלחמה אנגעפירט מיט א האלב פראפעסיאנעלע אקטיארן־גרופע, און ער פלעגט, אלס א גוואלדיקער פאטריאט פון יידישן טעאטער, מיך אפט איינלאדן צו שפילן אין זגערזש. אבער מיין אינפארמאטאר האט מיך לאנג נישט געלאזן טראכטן און באלד צוגעגעבן, אז עס האנדלט זיך וועגן לעאן טראצקי, דער געוועזענער באלשעוויסטישער פירער.

ווי מיין אינפארמאטאר האט מיר איבערגעגעבן, האט אין 1916 זיך אנגעהויבן אין פאריז צו אינטערעסירן מיטן יידישן טעאטער א געוויסער יצחק דיראכאווסקי, א באקאנטע פערזענלעכקייט אין די פאריזער קינסטלער־קרייזן, און א דאנק זיין איניציאטיוו איז געגרינדעט געווארן א געזעלשאפט, וואס האט באשלאסן צו עפענען א

*) עמיליע אדלער — דאס לעבן פון א יידישע אקטריסע, „די אידישע וועלט", קליוולאנד, 26, 29 אויגוסט 1930.

יידיש ליטעראַריש טעאַטער. דאָס טעאַטער האָט מען אַ נאָמען געגעבן „פּרץ טעאַטער". אַלע יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין פּאַריז, זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן אין דעם טעאַטער, און אַלס פּרעמיערע איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצופירן פּרצס „אין פּאַליש אויף דער קייט".

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע אין וועלכער עס זיינען אַריין: אייניקע געזעלשאַפטלעכע עסקנים, פאַר־טיי־טוער און אייניקע פערזאָן, וועלכע האָבן זיך נאָך פון פריער באַשעפטיקט מיט יידיש טעאַטער.

די מיטגלידער פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע זיינען געווען די ה'ה: לאַזאַווסקי, טשעסקים, ראָזענפעלד, יצחק לאַקס, פּעסקים, און זיי האָבן אויך צוגעצויגן אין דער קאָמיסיע לעאָן טראָצקין, וועלכער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין פּאַריז זיין צייטונג „נאַטשאַלאָ".

די קאָמיסיע איז געווען דער שטרענגער שומר פונם רעפּערטואַר, און פלעגט וועגן דער דאָזיקער פראַגע אָפּהאַלטן אָפטע זיצונגען. טראָצקי זאָל זיך האָבן באַטייליקט נאָר אין איין זיצונג.

פון פּלאַן אויפצופירן „אין פּאַליש אויף דער קייט" האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן, און צו דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט מען, צווישן אַנדערע, אויפגעפירט פּרצס איינאַקטער „אַמאָל איז געווען אַ מלך". דערנאָך זיינען אויפגעפירט אַנדערע פּיעסעס פון יידישע שרייבער. אָבער טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען און אויפרופן צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פּאַריז, איז זי געבליבן קאַלט צו דעם פּרוב, און דער דעפיציט פונם טעאַטער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, אַזוי, אַז עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי חדשים, האָט דאָס טעאַטער זיך געמוזט פאַרמאַכן.

אייניקע מיטגלידער פון דער טרופּע האָבן נישט געקאָנט ביי־שטיין דעם נסיון, געדענקענדיק, אַז ביים שונד־טעאַטער האָבן זיי געהאַט פּרנסה, האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פונם „פּרץ טעאַטער", ווען ס'האָט נאָך גע'גוסס'ט, און געעפנט אַ טעאַטער מיטן . . . „פּינטעלע ייד". דאָס איז געווען די לעצטע שאָפל אויפן קבר פונם „פּרץ טעאַטער" אין פּאַריז.

פּ. ס. — נאָכדעם ווי מיין נאָטיץ וועגן „פּרץ טעאַטער" איז געווען געדרוקט אין אַ גרעסערער קאָרעספּאָנדענץ וועגן יידישן טעאַטער

אין פאריז, האט דער זשורנאַליסט נ. פראַנק פאַרעפנטלעכט אַ אַרטיקל, ספּעציעל געווידמעט דער פראַגע צי עס איז אמת, אַז לעאָן טראָצקי האָט זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַרישער קאָמיסיע פון „פּרץ טעאַטער", אָדער די גאַנצע געשיכטע אפילו וועגן דער איינ־ציקער זיצונג אין וועלכער ער זאָל האָבן אָנטיילגענומען, איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע.

ער דערקלערט, אַז ער, וואָס איז זייער באַקאַנט מיט דער גע־שיכטע פונם יידישן טעאַטער אין פּאַריז אין יענער צייט, ווי אויך אַלע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט אין „פּרץ טעאַטער", וואָס האָט עקסיסטירט נאָר אַ חודש אין 1915, ווייסן נישט וועגן וועלכן עס איז אָנטייל פון טראָצקי אין דער ליטעראַרישער קאָמיסיע.

אין אַ פּראָגראַם פון „פּרץ טעאַטער" ווערט אָנגעגעבן פאָלגנדע רשימה פון דער טעאַטער [וואַרשיינלעך פון דער ליטעראַרישער] קאָמיסיע: נ. טאָסין, ל. טשעסקיס, מ. יאַרבלום, א. ראָזענפעלד, א. פּיק, א. פּאָז, סאַמועל קראַסינסקי, י. ראַשקעס און מ. שיין.

אַזוי ווי ס'איז פּאַרט מעגלעך געווען, אַז טראָצקי האָט, צוליב געוויסע טעמים, נישט געוואָלט אָנגעבן זיין נאָמען, האָט פראַנק זיך נאָכגעפרעגט ביים איניציאַטאָר פונם „פּרץ טעאַטער" יצחק רירא־באָווסקי, און ער האָט אים דערקלערט, אַז לעאָן טראָצקי איז קיינמאָל נישט געווען פאַרמישט אין פּאַריזער „פּרץ טעאַטער", און איז קיינ־מאָל נישט געווען אויף קיין שום קאָמיסיע־פאַרזאַמלונג.

⁂

צו דעם וויל איך באַמערקן, אַז כאָטש פראַנק לייקנט־אָפּ אַזוי קאַטעגאָריש די אינפאָרמאַציע, וואָס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, אַז טראָצקי זאָל זיך פּאַרט האָבן באַטייליקט אין איין זיצונג פון דער קאָמיסיע, ביים פּאַריזער „פּרץ טעאַטער", איז דאָך מעגלעך, אַז די אינפאָרמאַציע, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן זאָל פּאַרט שטימען, ווייל עס איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז דאָס איבערגעבליבענע פּראָגראַם פונם „פּרץ טעאַטער" שטאַמט פון אַ שפּעטערדיקער צייט, שוין נאָך די ערשטע זיצונגען פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע. דאָס קאָן מען זען דערפון, וואָס דאָרט פעלן די נעמען פון לאַזאָווסקי, פּעסקים (וועלכער איז אפשר על פּי טעות אָנגעגעבן געוואָרן אַנשטאָט ראַש־קעס) און יצחק לאַקס, וועלכער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער

סופלער אין פּאַריז און פלעגט אויך פון צייט צו צייט אַרויסטרעטן
אין דער פּאַריזער יידישער פּעריאָדיקע מיט ליטעראַרישע אַרבעטן.
איך גלויב, אַז ער טאַקע איז געווען דער, וועלכער האָט מיר געגעבן
די אינפאָרמאַציע וועגן טראַצקין.

דער דראַמאַטורג ד״ר הערצל

אַז ד״ר הערצל איז פריער, איידער ער איז געוואָרן ציוניסטישער פירער, געווען אַ שטאַרק באַרימטער זשורנאַליסט און פעליעטאָניסט, איז באַקאַנט. אַ גרויסער טייל פון עלטערן דור ווייסט, אַז ד״ר הערצל איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער באַרימטער צייטונג „נייע פרייע פּרעסע״ אין ווין. דער יונגער דור ווייסט עס פון די געבליבענע הערצל־שריפטן און הערצלס טאָג־ביכער. וואָס עס איז אָבער ווייניק באַקאַנט איז, אַז ד״ר הערצל איז אין זיין צייט געווען אַ באַקאַנטער דראַמאַטורג, און, אַז אייגנטלעך איז דאָס געווען זיין שטרעבן. ער האָט נישט גע׳חלומ׳ט דערפון, אַז ער וועט ווערן אַזאַ פיגור אין דער יידישער געשיכטע. ער האָט געגלויבט, אַז זיין נאָמען וועט פאַר די שפּעטערדיקע דורות דערמאָנט ווערן אַלס איינער פון די זיילן פון דער אייראָפּעאישער דראַמאַטורגיע.

אָט דעם פאַקט, באַגרינדעט מיט פאַרשידענע איינצלהייטן, גע־שטיצט אויף בריוו פון הערצלן צו פאַרשידענע טעאַטער־דירעקטאָרן און שוישפּילער, באַהאַנדלט יאָזעף פרענקל אין זיין בוך אין דער דייטשער שפּראַך*). עס הייסט, אַז באמת איז הערצלס ערשטער וואונטש געווען צו ווערן אַ דראַמאַטורג, און דאָס וואָס ער איז פאַקטיש געוואָרן, איז געשען דורך אַ צופאַל. אפילו צו זיינע ציוניסטישע שריפטן איז הערצל געקומען דורכן טעאַטער. 2 יאָר נאָך איידער ער האָט אָנגע־שריבן זיין באַרימטן „יודנשטאַט״, אין וועלכן ער באַטראַכט די איינצלהייטן ווי אַזוי עס זאָל געבויט ווערן די יידישע מלוכה, האָט הערצל אָנגעשריבן אַ פּיעסע „דאָס נייע געטאָ״**), אין וועלכער ער האָט שוין פּראָפּאַגאַנדירט, אַז מען דאַרף אַרויספירן דאָס יידישע פאָלק

* Josef Fraenkel—Theodor Herzl, des Schoepfers erstes Wollen.

**) „דאָס נייע געטאָ״ איז צוערשט דערשינען אין אַן העברייאישער איבערזעצונג (הגיתו החדש, מתורגם מאשכנזית על ידי ר. בריינין; וואַרשע, 1898) און דערנאָך אין צוויי יידישע איבערזעצונגען („דאָס נייע גהעטאָ״,

פון געטא. הערצל אליין האט א פנים זייער געהאלטן פון זיינע פיעסעס אויך נאכדעם ווי ער האט זיך שוין אפגעגעבן מיט ציוניזם, ווייל אין זיין ליטעראַרישער צוואה (1897), האט ער אנגעזאגט, אז ער וויל, אז מען זאל ארויסגעבן אלע זיינע טעאטער־שטיק אין א זאמלונג. אבער די דאזיקע צוואה איז ביז צום היינטיקן טאג נישט דורכגעפירט געוואָרן, פונקט אזוי ווי ער האט נישט זוכה געווען צו באזעצן זיך ביים לעבן אין ארץ ישראל, דאס לאנד פון זיין שטרעבן, פונקט אזוי האט ער נישט זוכה געווען, אז זיין שטרעבונג וועגן זיינע דראמאטישע ווערק זאל פארווירקלעכט ווערן.

פון הערצלס איבער 30 טעאטער־שטיק: דראמעס, קאמעדיעס און שוישפילן, זיינען בלויז 2 געדרוקט. דאס זיינען זיין יידישע פראבלעם־פיעסע „דאס נייע געטא" און דער איינאקטער „דער אנטלאפענער"**). אויך זיי קאן מען כמעט נישט קריגן אין זייער דייטשן אריגינאל, נאר גיכער אין דער יידישער איבערזעצונג. הערצלס אלע אנדערע פיעסעס זיינען איבערהויפט נישטא פארן לייענער, ווייל זיי זיינען קיינמאל נישט געדרוקט געוואָרן.

הערצלס פיעסעס זיינען געשפילט געוואָרן אין א סך טעאטערס אין אמעריקע, פראנקרייך, אין קעניגלעכן שוי־שפילהויז אין בערלין, אין דייטשן טעאטער אין פראג. אין ווין, וואו הערצל האט געלעבט, האט מען זיינע דראמאטישע ווערק געשפילט אין הויפבורג־טעאטער, אין דייטשן פאלק־טעאטער, אין קארל־טעאטער, א. ד. ג. אייניקע פון די אויפפירונגען זיינען פון פובליקום אויפגענומען געוואָרן מיט אפלאדיסמענטן, אנדערע האט מען אויסגעפיפן. הערצל האט סוף כל סוף באשלאסן, אז ער טאר נישט לייגן קיין אכט דערויף, צי ער געפעלט יא אדער נישט די טעאטער־דירעקטארן אדער דעם טעאטער־עולם, נאר ער אליין דארף זיין דער מבין. ער האט אליין אנגעהויבן באשליסן וועגן זיינע פיעסעס. ער האט אליין אויף זיך אויסגעפרובט צי זיינע פיעסעס רופן ארויס שרעק און אויפרעגונג אדער געלעכטער און

א דראמא אין 4 אקטן, איבערזעצט פון י. ח. ברענער, לעמבערג, 1909, און „דאס נייע געטא", דראמע אין 4 אקטן, יידיש ש. י. לינדער [לאנדינסקי], ווארשע 1923.

**) אין יידיש דערשינען: דער אנטלאפענער, א קאמעדיע אין איין אקט, איבערזעצט דורך מ[ארק] ט[ורקאוו], ווארשע, 1921.

פרייד. וואָס אַנדערע וועלן טראַכטן וועגן זיינע פּיעסעס, האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. עס איז אים געוואָרן גלייכגילטיק.

ווייזט אויס אַז הערצל איז באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע מענטשן: הערצל דער מלוכה־מאַן, דער פּאָליטיקער, און הערצל — דער שריפטשטעלער, דער דראַמאַטורג. איינער מיטן אַנדערן האָבן נישט געהאַט קיין שייכות, און נאָר דערמיט איז צו פאַרשטיין ווי אַזוי הערצל האָט זיך געקאָנט אַזוי אָפּרייסן פון זיין ליטעראַרישער טעטי־קייט, דערוווייטערן זיך, ווערנדיק אַ פּאָליטיקער, פון זיינע אַלטע פריינט און באַקאַנטע און זיך מיט איינמאָל אינגאַנצן אָפּקערן פון זיין ביז דעמאָלטיקער סביבה. ער האָט מער נישט געהאַט קיין שום אינטערעס פאַר זיינע פּיעסעס, און האָט נאָר געזען פאַר זיך זיינע ציוניסטישע ווערק „דער יודנשטאַאַט" און „אַלט נייַלאַנד". ווען ער איז אָבער מיד געוואָרן פון פּאָליטיק, ווען ער איז געוואָרן איבערשפּאַנט פון די פאַרשידענע קאַמפן, וועלכע ער האָט געהאַט דורכצומאַכן, האָט ער זיך ווידער געגעבן אַ וואָרף צו דער פעדער, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער דראַמע, און אַזוי נאָך געפונען רו און צעשטרייאונג. אַרבע־טנדיק איבער דער דריטער קאָנגרעס־רעדע — דערציילט פרענקל — איז הערצלען איינגעפאַלן אַ אידעע אָנצושרייבן זיין דראַמע „די זינ־דיקע מוטער", אַן אַנדער מאָל איז אים איינגעפאַלן אַ טעמע פון תנ"ך. ער הויבט אָן שרייבן, מאַכט זיך אַ פּלאַן, אָבער ער פאַרענ־דיקט נישט, ווייל אין מיטן דער אַרבעט דערמאָנט ער זיך אַז דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ער טראָגט אויף זיך אַלס ציוניס־טישער פירער, און ער רייסט זיך אָפּ פון שרייב־טיש.

און דווקא אָט די נישט־פאַרענדיקטע פּיעסע וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל זי האָט געזאָלט שילדערן דאָס לעבען פון משה רבינו, אַ משה, וועלכער ווערט מיד און אָפּגעמאַטערט בעת זיין פירן די יידן, אָבער ער פאַרמאָגט דאָך נאָך גענוג קראַפט און מוט נישט אונטערצוגיין. אַ משה, וועלכער דערקענט אויף די עלטערע יאָרן, אַז ביים פאָלק ישראל האָט אַליין נאָך קורח אַ גרויסע דעה, ס'הערשט נאָך דאָס גאָלדענע קאַלב, מ'איז צוגעוואוינט צום עגיפּטישן געטאָ, און טיף אין דער נשמה איז איינגעוואָרצלט דאָס שקלאַפישע. משה רבינו האָט אין הערצלס פּיעסע געזאָלט זיין אַ טראַגישע פיגור, וואָס בלייבט אָבער אַלס פירער און מענטש ריין און ערלעך.

אָט די פּיעסע האָט געזאָלט זיין דער שפּיגל פון הערצלס אייגן

לעבן. אָבער מער ווי אַ פּראָיעקט פון איר האָט הערצל נישט באַוויזן אָנצושרייבן. זיין פּאָליטישע טעטיקייט האָט אים געשטערט צו פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעט.

הערצלס וועג צום טעאַטער איז נישט געווען קיין לייכטער. פון 11 פּיעסעס, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן דער דירעקציע פון ווינער בורג־טעאַטער, זיינען 5 אויפגעפירט געוואָרן. די אַנדערע 6 זיינען אויך געשפּילט געוואָרן, נאָר פון אַנדערע טעאַטערס. אָבער דאָס שטרעבן פון יעדן וויכטיקן דראַמאַטורג צו יענער צייט איז געווען, אַז זיינס אַ בינע־ווערק זאָל געשפּילט ווערן דורכן בורג־טעאַטער. דאָס איז געווען דער קדשי קדשים פון קונסט אין מערב־אייראָפּע, און אַ שרייבער, וועמענס דראַמאַטיש ווערק איז אויפגעפירט געוואָרן אין בורג־טעאַטער, האָט געהייסן אַ באַדייטנדער דראַמאַטורג.

שוין אין עלטער פון 19 יאָר האָט הערצל אָנגעהויבן שרייבן טעאַטער־שטיק. זיין ערשטע פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך ליבהאָבער, און הערצל אַליין האָט אין איר מיטגעשפּילט. דער איינ־אַקטער האָט געהאַט דערפאָלג און הערצל האָט באַקומען געגוג מוט צוצושיקן דעם איינאַקטער צום אַקטיאָר און רעזשיסער פון בורג־טעאַטער האַרטמאַן. האַרטמאַנען איז עס געפעלן, ער האָט עס איבערגעשיקט צו דער דירעקציע. דאָרט האָט עס געוואַנדערט פון איין פאַכמאַן צום אַנדערן, ביז . . . הערצל האָט באַקומען אַן אָפיציעלן אָפּזאָג. הערצל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. אין 16 יאָר אַרום האָט ער דעם איינאַקטער מיט נאָך צוויי אַנדערע ווידער איבערגעגעבן דער דירעקציע פון זעלבן טעאַטער, און ווידער באַקומען אַן אָפּזאָג.

אין 1883 האָט הערצל אויסגעהאַלטן דעם מלוכה־עקזאַמען אַלס יוריסט און זיין פאָטער האָט פון גרויס נחת אים געגעבן אַביסל געלט און אים אַוועקגעשיקט אין דער שווייץ. דאָ, אין די שווייצאַרישע בערג, האָט הערצל זיך ערשט גענומען שרייבן טעאַטער־שטיק. אַ יאָר שפּעטער, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן שטודירן אַלס אַדוואָקאַט, האָט ער אויך אַרויסגעוויזן מער אינטערעס פאַרן טעאַטער ווי צו די טרוקענע געזעצן. צו יענער צייט האָט מען אין אייניקע פּראָווינץ־שטעט שוין אויפגעפירט זיינע פּיעסעס, אָבער דאָס האָט אים נישט באַפרידיקט. ער האָט געוואָלט האָבן גרויסע דערפאָלגן, עס האָט אים ווי געטאָן וואָס ער ווערט נישט אָנערקענט אַלס דראַמאַטורג. זיינע טעאַטער־

שטיק ווערן אים צוריקגעשיקט. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף.

אַזוי האָט ער סוף 1885 צוגעשיקט צום בורג־טעאַטער זיין קאָמעדיע „דער מאַמעס זונדל", אָבער ווידער באַקומען אַן אָפּזאָג. הערצל ווערט איצט אַן אַקטיווער זשורנאַליסט. ער ווערט מיטאַרבעטער פון פיל צייטונגען, וואו ער שרייבט פעליעטאָנען, אַרטיקלען און קריטיק. אין 1887 מאַכט ער, אויף די קאָסטן פון זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט, אַ רייזע קיין איטאַליע. ער האָט שוין אַ נאָמען אַלס שרייבער, און געשטיצט אויפן דאָזיקן נאָמען, ווענדעט ער זיך צו אַ צווייטן גרויסן יידישן נאָמען אויף אַן אַנדערן געביט, צום געוועזענעם שניידער־געזעלן און איצטיקן וועלט־באַרימטן שוישפּילער און דירעקטאָר פון בורג־טעאַטער ריטער אַדאָלף פאָן זאָנענטאַל, אַז ער זאָל אויפפירן זיין פּיעסע „זיין האָהייט". די פּיעסע ווערט אין יענער צייט צוגעגרייט אין אַ בערלינער טעאַטער, אָבער הערצלען, וועלכער האָט די פּיעסע שוין מיט אַ יאָר פריער געשיקט אין בורג־טעאַטער און זי צוריקבאַקומען מיט אַן אָפּזאָג, גייט עס אין לעבן, אַז זי זאָל געשפּילט ווערן אין בורג־טעאַטער. ער באַאַרבעט די פּיעסע און שיקט זי זאָנענטאַלן.

„זיין האָהייט" איז נישט קיין לעבעדיקער מענטש, ווי דאָס קאָן זיך אויסווייזן פון נאָמען. הערצל שילדערט אין דער פּיעסע ווי געלט איז מאַכט, ווי דורך געלט קויפט מען זיך רום, אַכטונג און כבוד. זאָנענטאַל האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן מיט דער פּיעסע. טיילווייז איז אים די קאָמעדיע געפעלן, די באַאַרבעטונגען אין בורג־טעאַטער האָבן לאַנג געדויערט, און סוף כל סוף האָט עס זיך גענענדיקט דערמיט, אַז מ'האָט די פּיעסע צוריקגעשיקט הערצלען, אָבער אין 1888 איז די קאָמעדיע פאָרט אויפגעפירט געוואָרן, כאָטש נישט אין ווין, נאָר אין פּראַג און אין בערלין.

הערצלס לײדנשאַפטלעכער ווילן אָנערקענט צו ווערן אַלס דראַמאַטורג הויבט־אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן. ער ווערט אַ גערן־געלייענטער שרייבער פון די דייטשע און עסטרייכישע צייטונגען. זיינע פּיעסעס ווערן אויפגעפירט אויף פאַרשידענע בינעס. ער באַגנוגנט זיך אָבער נישט דערמיט. ער וויל עראָבערן די „נייע פרייע פרעסע" און דאָס „בורג־טעאַטער". די „נייע פרייע פרעסע" איז די אָנגעזעענסטע

ציַיטונג, און דאָס „בורג־טעאַטער" איז דאָס אָנגעזעענסטע טעאַטער אין מערב אייראָפּע.

אין די דאָזיקע יאָרן איז הערצל געווען באַזונדערס טעטיק און שעפעריש. ער האָט געשריבן אַ ריי דראַמעס און קלאַסישע מייסטער־פעליעטאָנען, און ס'זיינען אים כסדר איינגעפאַלן ליטעראַרישע פּלע־נער. ער הויבט־אָן זוכן שותפים צוזאַמענצושרייבן פּיעסעס לויט זיינע אידעען, אַזוי ווענדעט ער זיך צום באַקאַנטן דראַמאַטורג פּאול לינדוי און צום גרינדער פון לעסינג־טעאַטער בלומענטאַל. צום סוף נעמט ער צו אַלס שותף צו צוויי פּיעסעס דעם פעליעטאָניסט הוגאָ וויטמאַן, וועלכער האָט אויך געאַרבעט אין „די נייע פרייע פּרעסע". די אידעען און פּלענער צו ביידע פּיעסעס זיינען געווען הערצלס, נאָר וויטמאַן האָט געהאָלפן צו זייער קאָנסטרוקציע. ביידע פּיעסעס „די ווילדיבע" און „די דאַמע אין שוואַרץ" האָבן געהאַט אַ דערפאָלג אויף דער בינע, באַזונדערס די ערשטע פּיעסע, וועלכע איז בלויז אין בורג־טעאַטער אַליין געשפּילט געוואָרן 56 מאָל, און אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס ערשטע מאָל איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרן אַנאָנים, און ווען דאָס פּובליקום האָט אין אַ שיעור מאָל געקלאַפּט בראַוואָ און אַרויסגערופן דעם מחבר, איז אַרויסגעקומען דער רעזשיסער און זיך פאַרנייגט.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד, וועלכער קלינגט היינט צו טאָג ווי אַן אַנאַכראָניזם: אין אַ געוויסער סצענע פון דער פּיעסע, אין דריטן אַקט, איז פאַראַן אַ זאַץ „איך דאַרף איין שלאָף־קאַיוטע פאַר אַ דאַמע און איינע פאַר מיר", האָט מען דערקלערט דעם זאַץ פאַר אוממאָראַליש און אים געמוזט ענדערן אַזוי: „איך דאַרף איין פּלאַץ אין אַ דאַמען־קאַיוטע און נאָך אַ פּלאַץ אין דער ערשטער קלאַס". אָט אַזוי האָט מען אַמאָל אָפּגעהיט די מאָראַל...

געזען דעם דערפאָלג פון דער פּיעסע, האָט הערצל געגעבן דער דירעקציע אַ נייע קאָמעדיע „וואָס וועט מען זאָגן?", אָבער די צוויי מבינים מצד דער דירעקציע, וועלכע האָבן איבערגעלייענט די פּיעסע, האָבן נישט געקאָנט צווישן זיך דורכקומען. וואָס איינעם איז גע־פעלן, האָט ביים אַנדערן נישט אויסגענומען, און די לעצטע שורה איז געווען, אַז דאָס טעאַטער האָט די קאָמעדיע נישט אָנגענומען, נאָר עטלעכע חדשים שפּעטער איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן אין פּראָג.

הערצל וויל ווידער פאָרן קיין איטאַליע, און ער נויטיקט זיך אין

געלט, זעצט ער זיך אוועק צום שרייב־טיש און אין פארלויף פון דריי טעג שרייבט ער אן איינאקטער „דער אנטלאפענער". דאס שטיק וואנדערט פון איין רעזשיסער צום אנדערן. יעדער האט זיך אן אנ־דערע מיינונג, ביז זאנענטאל דריקט זיך אויס, אז ווען מען וועט האלטן ביים אויפפירן איינאקטערס איז עס א זייער פאסיקער איינאקטער. ענדלעך באשטימט מען א טערמין צו שטעלן דעם איינאקטער. הערצל גרייט זיך שוין צו האבן אביסל נחת, אבער עס קומען פאר ענדערונגען אין דער דירעקציע פון טעאטער, ביז דער איינאקטער ווערט ענדלעך, מיט א פארשפעטיקונג, אויפגעפירט.

איצט קומט־ארויס הערצל מיט זיין פיעסע „די דאמע אין שווארץ", וועלכע ער האט געשריבן צוזאמען מיט וויטמאנען. זא־נענטאל איז מסכים אנצונעמען די פיעסע, ער פארלאנגט אבער צו מאכן געוויסע ענדערונגען. די מחברים באארבעטן די פיעסע אונטער זאנענטאלס איינפלוס. זאנענטאל איז צופרידן מיט די אויסבעסערונ־גען און הויבט־אן ארבעטן איבער דער רעזשי פון דער פיעסע. עס גייען אבער דורך חדשים און די פיעסע ווערט אין בורג־טעאטער נישט אויפגעפירט. דערווייל ווענדעט מען זיך צו הערצלען וועגן דער פיעסע פון בערלין, און אונטערן דאזיקן דרוק איילט מען צו אין בורג־טע־אטער די אויפפירונג, וועלכע קומט־פאר דעם 6־טן פעברואר 1891. די פיעסע האט קיין אריכת ימים נישט געהאט. זי איז בסך הכל גע־שפילט געווארן 7 מאל.

א גרעסערן דערפאלג האט געהאט הערצלס קאמעדיע „פרינצן פון זשעני־לאנד", וואס איז אויפגעפירט געווארן אין ווינער קארל־טעאטער.

נאך זייענדיק אין פאריז האט הערצל זיך באגייסטערט פאר א סקיצע פון באקאנטן יידיש־פראנצויזישן שריפטשטעלער קאטול מענדעס, אין וועלכער ער האט געזען א גוטע ראל פאר א דעמאלטיקן באקאנטן שוישפילער פרידריך מיטלווארצער. הערצל האט זיך גע־ווענדעט צו מענדעסן און באקומען פון אים די דערלויבניש צו דרא־מאטיזירן די סקיצע. די הויפט־ראל אין דער דראמאטיזאציע האט געהייסן „טאבארין", א מין פאיאץ, וועלכער דערזעט בעת זיין שפילן אויף דער בינע ווי זיין פרוי פארראט אים מיט אן אנדערן, און ער דערשטעכט זי. דער עולם אין טעאטער באוואונדערט דאס מייסטער־האפטע שפילן פון פאיאץ און פון זיין קרבן, ווייל דער עולם ווייסט

נישט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ווערט כלומר'שט געשפּילט, קומט באמת פאָר אין דער ווירקלעכקייט, ביז טאַבאַרין באַגייט זעלבסטמאָרד און אַלץ ווערט אויפגעקלערט. הערצל האָט די טעמע באַאַרבעט אין צוויי פאָרמען, איינע אין אַ דריי־אַקטער און איינע אין אַן איינאַקטער. דעם איינאַקטער האָט ער צוגעשיקט מיטעלוואורצערן, וועלכער איז דער־ווייל אַוועקגעפאָרן גאַסטראָלירן אין אַמעריקע, און טאַקע דאָ איז אין נאָוועמבער 1885 אויפגעפירט געוואָרן דער איינאַקטער. מיט אייניקע יאָר שפּעטער איז מיטעלוואורצער צוריקגעקומען אין ווין און אַריינ־געטראָטן אין בורג־טעאַטער און דאָרט פאָרגעלייענט הערצלס איינאַק־טער „טאַבאַרין”. דעם דירעקטאָר בורקהאַרדט, אויך אַ יוריסט און אַ שרייבער ווי הערצל, און זיינער אַן אינטימער פריינט, איז דער איינאַקטער געפעלן. הערצל איז דעמאָלט שוין געווען פאַרנומען מיט דער יידן־פראַגע, ווי פּלוצלינג האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דירעק־טאָר בורקהאַרדט, אַז ער וויל אויפפירן זיין איינאַקטער „טאַבאַרין”, נאָר ער בעט אָנגעבן די קוועלע פון וואו הערצל האָט דעם איינאַקטער דראַמאַטיזירט. הערצל ענטפערט מיט אַ לענגערן בריוו, אַז, ערשטנס, האָט ער דעם איינאַקטער שוין לאַנג אָנגעשריבן, און אויב מען וויל אים איצט שפּילן, מוז מען אים פריער איבערקוקן. והשנית, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרבאָרגן די קוועלע. ער האָט דעם איינאַקטער דראַ־מאַטיזירט פון אַ סקיצע פון קאַטול מענדעס, וועלכער האָט איצט אַליין געמאַכט אַ פּיעסע פון זיין סקיצע. אָבער מענדעס האָט אויך די סקיצע גענומען ביי אַן אַנדערן, און יענער האָט עס ווידער גענומען ביי אַן אַנדערן . . . בקיצור — עס איז אַ מעשה אָן אַן עק, און נאָך מער: הערצל איז גרייט צוצושיקן מענדעסעס דראַמאַטיזאַציע און לאָזן דעם דירעקטאָר פרייע הענט אויפצופירן זיין, הערצלס דראַמאַ־טיזאַציע, אָדער מענדעסעס. אַזוי ווי הערצלס דראַמאַטיזאַציע איז בעסער געפעלן געוואָרן ווי מענדעסעס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בריוו־אויסטויש צווישן הערצלן און דעם טעאַטער־דירעקטאָר וועגן טערמין פון דער אויפפירונג און וועגן דעם ווער עס זאָל שפּילן די ראָלן. דערביי האָט הערצל אומבאַדינגט פאַרלאַנגט אָפּצודרוקן אין געוויסע צייטונגען אַ דערקלערונג וועגן דער גאַנצער געשיכטע ווי אַזוי ער קומט צו דער פּיעסע, ווייל מענדעס האָט דערווייל פאַרווערט אויפ־צופירן אין דייטשלאַנד הערצלס דראַמאַטיזאַציע, וועלנדיק, אַז מען זאָל שפּילן זיין אייגענע דראַמאַטיזאַציע. הערצל, וועלכער האָט געהאַט

פריער באַקומען די רעכט פון מענדעסן צו דראַמאַטיזירן זיין סקיצע, האָט בשום אופן נישט געוואָלט גילטן אַלס פּלאַגיאַטאָר, און ער האָט דעריבער אויפגעדעקט די געשיכטע, אַז די אידעע צו דער זעלבער סקיצע איז פאַרהאַן אין דער שפּאַנישער פּיעסע „אַ נייע דראַמע" פון טאַמאַיאָ, און אויסערדעם איז נאָך פאַרהאַן אַ ליברעטאָ צו אַן אָפּערעטע „טאַבאַריין" פון פעריער.

אַן אינטערעסאַנט בלעטל געשיכטע זיינען די בריוו און טעלע־גראַמעס וועגן דער אויפפירונג פון הערצלס קאָמעדיע „אונזער קעטכען". אין יידישן טעאַטער, וואו מען ווייסט נישט אָפט עטלעכע טעג פאַר דער פּרעמיערע וואָס מען וועט שפּילן, און ביז דער לעצטער מינוט איז אָפט נישט קלאָר ווער עס וועט שפּילן די ראָלן, וועט עס קלינגען ווי אַ לעגענדע ווען מען זאָל הערן ווי מ׳זאָרגט אין דייטשן טעאַטער וועגן יעדער קליינער ראָל, ווי מען באַשטימט 3 חדשים פאַראויס דעם גענויען טערמין פון דער פּרעמיערע און ווי אַזוי די פּרעמיערע ווערט אָפּגעלייגט אויף אַ קנאַפּן חודש צוליב דעם וואָס די פּיעסע מוז האָבן פולע 7 פּראָבעס. היינט די העפלעכע בריוו פון די טעאַטער־דירעק־טאָרן און רעזשיסערן. אין יידישן טעאַטער, בעוונותינו הרבים, טרעפט דאָך, אַז מען שטעלט אַ פּיעסע אָן דער ידיעה פון מחבר, און ווען ער בעט שפּעטער האָנאָראַר, ענטפערט מען אים אפילו נישט.

אָבער ביז עס איז געקומען צו דער אויפפירונג פון „אונזער קעטכען", איז אין טעאַטער פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל. די פּיעסע שילדערט אייניקע פאַרהייראַטע פּאָרלעך; אַ חתונה־פּאָרל פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואו ס׳קומען כסדר פאָר מיספאַרשטענדנישן, און אַ פאַרהייראַט אַרבעטער־פּאָרל, ביי וועלכער ס׳הערשט חבר׳שאַפט און פאַרשטענדניש. נאָך דער דריטער פּראָבע האָט אַן אַקטריסע פּלוצלינג דערקלערט, אַז זי וועט אַ געוויסן זאַץ נישט זאָגן, ווייל עס פּאַסט נישט. הערצל האָט דערצו נישט געוואָלט מסכים זיין. עס איז געקומען צו אַן עפנטלעכער דיסקוסיע, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די צענזור האָט צוריקגעצויגן די דערלויבניש אויף דער פּיעסע און זי פאַרווערט צו שפּילן.

די פּרעסע האָט באַלד אָנגעהויבן טומלען. די אַנטיסעמיטישע און אַנטי־ציוניסטישע צייטונגען זיינען אָנגעפאַלן אויף הערצלן, וועלכער איז שוין דאַמאָלט געווען ציוניסטישער פירער, און האָבן אים

אנגעהויבן פארווארפן מיט פארשידענע זידל־ווערטער און געמיינהייטן. צווישן אנדערע אטאקעס קעגן הערצלען זיינען אויך געווען די, אז ער באליידיקט דאס אפיצירענטום, אז ער איז גענייגט צו די סאציאליסטן, און אז זיין קאמעדיע איז פארנאגראפיע. אין די וויצן־בלעטער זיינען געווען געדרוקט פארשידענע קיבעצערייען און קאריקאטורן אויף הערצלען.

דער רעזולטאט פון דער גאנצער בילעריי איז געווען, אז ס'האבן זיך צו הערצלען א לאז געטאן בריוו און טעלעגראמעס פון ערשטקלאסיקע דייטשע און נישט־דייטשע בינעס, וועלכע האבן אים אנגעבאטן צו שפילן די פיעסע, און זי איז טאקע באלד געשפילט געווארן אין דייטשן פאלקס־טעאטער. די פרעמיערע איז אריבער זייער שטורמיש. ווען הערצל האט זיך באוויזן פארן פארהאנג, האט א טייל פון פובליקום אים באגעגנט מיט געשרייען „פוי", „אראפ". אן אנדערער טייל, ווידער, האט אים געמאכט א שטורמישע מאניפעסטאציע. ער האט געמוזט איייניקע מאל ארויסגיין פארן פארהאנג. אזוי אבער ווי די טומלער האבן נישט אויפגעהערט צו פייפן, האט מען זיך גענומען שלאגן, און געענדיקט האט עס זיך מיט איייניקע ארעסטן.

בכלל האט מען געהאלטן הערצלען פאר א סאציאלן אוטאפיסט. כמעט אלע זיינע פיעסעס טראגן א סאציאלן כאראקטער און ווייזן אן אויף דעם שלעכטן אין דער אומגעזונטער ארדנונג. דארט וואו עס הערשט ארעמקייט, הערשט אויך צניעות און יושר, און פארקערט — איז דאס פארקערטע. און ווען אן אקטיאר האט אין פערטן אקט פון „אונזער קעטכען" אויסגעשריגן: „מיר זיינען נישט קיין בעטלער, מיר זיינען ארבעטער", האט זיך אין טעאטער דערהערט א שטורמישער אפלאז. די טומלער זיינען שטיל געווארן.

די אנטיסעמיטישע פרעסע האט דאס שטיק מיט שנאה אראפגעריסן. הערמאן באהר, דער בארימטער טעאטער־קריטיקער און דראמאטורג, האט אין זיין רעצענזיע אנגעוויזן, אז ס'איז געקומען א מאמענט ווען דער עולם אינטערעסירט זיך מער נישט מיט דער פיעסע, נאר מיטן מחבר. יעדער וויל, אז דער מחבר זאל געהערן צו זיין פארטיי, און טאמער איז ער זיין פארטיי־קעגנער, פייפט מען אים אויס מיט זיין פיעסע, מעג זי זיין ווי קינסטלעריש. באזונדערס האט דער עולם די געלעגנהייט אויסצודריקן זיינע געפילן ווען דער מחבר בא־

ווייזט זיך פאַרן פאַרהאַנג. ער לייגט דעריבער פאָר, אַז קודם כּל זאָל מען אָפּשאַפן דאָס פאַרנייגן זיך פון די מחברים. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, און באַלד איז אין דער פּרעסע אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ דערקלערונג פון 10 דראַמאַטורגן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיך מער נישט צו ווייזן פאַרן פּובליקום אויף די פּרעמיערעס פון זייערע פּיעסעס.

נאָך אַן אײנאַקטער „איך ליב דיך", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין בורג־טעאַטער, איז הערצל געקומען מיט זיין פּיעסע „דאָס נייע געטאָ"*). דאָס „קאַרל טעאַטער", וואָס האָט די פּיעסע געשפּילט, האָט, ווי געוויינלעך, צוגעשיקט די פּיעסע צו דער פּאָליציי, און די פּאָליציי האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן טראַקטאַט וועגן דער פּיעסע. קודם כּל ווייזט מען דאָרט אָן, אַז הערצל, דער מחבר פון „יודנשטאַט", פּרעדיקט אין דער פּיעסע דיזעלבע ציוניסטישע געדאַנקן, און אַזוי ווי דאָס באַהאַנדלען אויף אַזאַ אופן אויף דער בינע די יידן־פראַגע קאָן אַרויסרופן אומרוען, דעריבער איז די פּאָליציי נישט מסכּים צו דערלויבן אויפצופירן די פּיעסע סיידן מען וועט ענדערן דעם נאָמען פון דער פּיעסע, וואָס זאָגט דייטלעך, אַז די איצטיקע שוין־פרייגעזאָגענע יידן לעבן ווייטער אין אַ „נייע געטאָ", און מ'וועט ענדערן אַן אַ שעור שטעלן פון דער פּיעסע. אויסערדעם טאָר דער „ראַבינער", וואָס דערשיינט אין ערשטן און אין דריטן אַקט, נישט אַרויפקומען אויף דער בינע אין די אָפיציעלע גייסטלעכע מלבושים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן די פּאָליציי־פּרעזידיומס און די צענזאָרן. סוף כּל סוף האָט מען דערלויבט צו שפּילן די פּיעסע, נאָר דער „ראַבינער" האָט נישט געטאָרט טראָגן זיין אָפיציעלן טראַכט אויף דער בינע. נאָך דער פּרעמיערע זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פּאָליציי־ראַפּאָרטן. אין איין ראַפּאָרט איז אָפּגעלייקנט די פאַלשע ציטונגס־אינפאָרמאַציע, אַז אין דער צייט פון אַ פאָרשטעלונג פון „דאָס נייע געטאָ", איז אין טעאַטער פאָרגעקומען אַן אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציע.

*) די פּיעסע איז אויף דער יידישער בינע געשפּילט געוואָרן אַ סך יאָרן נאָך איר דערשיינען. זי איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף העברייאיש. וועגן דעם זע מיין אַרטיקל „יידישע אַקטיאָרן אויף דער העברייאישער בינע" און מיין בוך „טעאַטער־זכרונות", ווילנע, 1928, זז. 58‑46.

דאָס איז געווען הערצלס שוואַנען־ליד אויפֿן דראַמאַטישן געביט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט אַ מער לעבעדיקער דראַמע, מיט דער דראַמע פֿון יידישן פֿאָלק. ער האָט פֿאַרגעסן זיין ערשטע שטרעבונג צו ווערן אַ דראַמאַטורג. ער איז אַליין געוואָרן אַ העלד אין דער דראַמע פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס קעמפֿט פֿאַר זיין זעלבשטענדיגקייט און נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג.

די ערשטע פיעסע אין דער העברייאישער שפראך

דער געשיכטע־שרייבער פון יידישן טעאטער וועט זיך אנשטויסן אויף א מערקווירדיקן פאל. דאס שפילן אויף דער בינע, וואס האט זיך דורך יידן אנגעהויבן זייער פרי, איז ביי יידן אנגעהויבן געווארן זייער שפעט. איך מיין צו זאגן, אז אין דער צייט וואס די געשיכטע־שרייבער פארצייכנען אלס שוישפילער דעם יידן אליטיראס (שוין אין דער צייט פון נירון קיסר), קאנען מיר בשום אופן נישט געפינען קיין שפורן פון שפילן טעאטער ביי יידן פריער ווי אין מיטן פון ניינצנטן יארהונדערט. אויב מיר זאלן רעכנען דעם אנהויב פון יידישן טעאטער פון אברהם גאלדפאדענען, הייסט עס, איז פון פינפטן אקטאבער, 1876*). אויב אבער מיר זאלן אלס טעאטער שוין צורעכנען אפילו

*) עס זיינען אפילו פאראן איינצלנע פאלן פון טעאטער-פארשטעלונגען פון פריער: אזוי איז באקאנט די שתדלנות פון דער ווארשעווער קהלה אין 1837, אז מ'זאל נישט דערלויבן א גרופע יידן איינצואָרדנען א פורים-שפיל, ווייל ס'איז „אוממאראליש", און די קארעספאנדענץ צווישן ווארשעווער דאזאר, א. פאפראצקי און דעם ווארשעווער פאליציימייסטער וועגן דער ביטע פון דוד העלין אין 1840 איינצואָרדנען פופצן „דראמאטישע פארשטעלונגען אין דער יידישער שפראך" אין ווארשע (זע „לעקסיקאן פון יידישן טעאטער", ערשטער באנד, ז. 630-31). אין 1862 איז פארגעקומען די בארימטע „סערקעלע"-אויפפירונג אין דער זשיטאמירער ראבינער-שול. לויט נאך-נישט גענוג קלארע דאטען האט אין משך פון די יארן 1868-70 געשפילט אין ווארשע א יידישע טרופע אונטער דער דירעקציע פון הירש גדלי בעללויה (זע „לעקסיקאן פון יידישן טעאטער", ערשטער באנד, ז. 192-3), דער אלטער אקטיאר צעזאר גרינבערג גיט איבער, אז אין 1875 האט ער אין קאנסטאנטינאפאל אויפגעפירט א ביבלישע אפערעטע „יוסף מיט די ברידער" מיטן אנטייל פון 150 פערזאן (זע „לעקסיקאן פון יידישן טעאטער", ערשטער באנד, ז. 534-35).

ד"ר יעקב שאצקי אין זיין ארטיקל „יידישער טעאטער אין ווארשע אין דער ערשטער העלפט 19-טן יארהונדערט" („ייווא בלעטער", יאנואר-פעברואר 1939, ז. 1-9) ווייזט אן, געשטיצט אויף א דייטש בוך, וואס איז ארויס אין לייפציג אין יאר 1844, אז בערך 1832 אדער אביסל שפעטער, האט מען אין ווארשע שוין געשפילט יידיש טעאטער אין א טאנץ-זאל פון א שענק אונטערן נאמען „אונטער די דריי נעגערס".

די בראַדערזינגער און בדחנים, קאָן מען אַלץ נישט אוועקשטעלן קיין פריערדיקע דאַטע ווי דער אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, סיידען ווען מען זאָל די לכבוד פורים־געשפּילטע פּורים־שפּילן (שוין פון פערצטען יאָרהונדערט אָן) באַטראַכטן אַלס טעאַטער אין מאָדערנעם זין פון וואָרט.

דאָס איז בנוגע דער יידישער שפּראַך. מען קאָן אָבער נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז יידן האָבן תמיד אין זייערע פאַרשידענע וואוין־ערטער גערעדט די לאַנד־שפּראַך, און אַ חוץ דעם געהאַלטן פאַר זייער אייגענער שפּראַך נאָך צוויי שפּראַכן — העברייאיש און לאַדינאָ־שפּאַניאַליש (נאָר אין געוויסע לענדער). אויף דער לעצטער שפּראַך האָט מען אָנגעהויבן שפּילן נאָך אַ סך שפּעטער ווי אין יידיש, און די טעאַטער־ליטעראַטור אין דער דאָזיקער שפּראַך איז גאָר קליין. אַנדערש אָבער איז מיט העברייאיש. אין דער צייט ווען אויף העברייאיש האָט מען אָנגעהויבן שפּילן זייער שפּעט, האַרט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער חבת־ציון־באַוועגונג און דאָס אויך נישט־פּראָפעסיאָנעל, נאָר דורך „ליבהאָבער", האָבן מיר אָבער אין העברייאיש אַ טעאַטער־ליטעראַטור, וואָס איז אַלט איבער 300 יאָר. אַזוי האָט עס געהייסן ביז איצט, אַז די עלטסטע העברייאישע פּיעסע איז „יסוד עולם", געשריבן פון מקובל רבי משה זכות (זאַקוט).

ר' משה זכות (1625־1698), וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ מיוחס'דיקער שפּאַניאָלישער פאַמיליע אין אַמסטערדאַם, האָט זיך אָנגעהערט פאַרשידענע מעשיות וועגן דער אינקוויזיציע פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן אַליין בייגעוואוינט אָדער איבערגעלעבט דעם שאַנדפלעק פון קריסטלעכער ציוויליזאַציע, און ער האָט באַשלאָסן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אָט די קדושים, וועלכע האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר זייער צוגעהעריקייט צו אברהם אבינו'ס גלויבן. אַ פּנים, אַז אָפּן אַרויסטרעטן קעגן שפּאַניע, האָט זכות מורא געהאַט, און ער האָט (ענלעך האָט אין אונדזער צייט געהאַנדלט חיים נחמן ביאַליק מיט זיין „משא נימירוב") די האַנדלונג אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער לאַנד, און אַלס הויפּט־העלד געמאַכט אברהם אבינו'ן, וועלכער צעהאַקט זיין פאָטערס געצן, ווערט דערפאַר באַטראַכט אַלס מלוכה־פאַררעטער, ווערט אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־אויוון.

רבי משה זכות האָט פיל אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשידענע לענדער און זאָל האָבן די דאָזיקע דראַמע אָנגעשריבן אין זיין יוגנט

אין אמסטערדאם. עס איז אבער פאראן א מיינונג, אז די דאזיקע ערשטע דראמע אין העברייאיש איז דורך זכות'ן פארפאסט געווארן אין איטאליע, וואו אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יארהונדערט, אין אויפשטייג פון דער רענעסאנס־עפאכע, האבן זיך געפונען אין איטאליע פיל יידישע מוזיקער, אקטיארן און אפילו טעאטער־דירעקטארן.

ביז איצט האט עס, אלזא, געהייסן, אז די ערשטע העברייאישע דראמע איז „יסוד עולם" פון משה זכות. איצט האט דער באקאנטער העברייאישער ליטעראטור־היסטאריקער און קריטיקער פ. לאכאווער פארעפנטלעכט אן ארטיקל, אין וועלכן ער ווייזט־אן, אז אין דער העברייאישער שפראך איז פאראן א פיעסע, וועלכע איז מיט זיבעציק יאר עלטער פון זכות'ס, און נאך מער — עס זיינען פאראן סימנים, אז די דאזיקע פיעסע איז אין איר צייט אפילו געשפילט געווארן.

אויבן איז שוין דערמאנט געווארן, אז אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יארהונדערט זיינען אין איטאליע געווען פיל יידישע מוזי־קער, אקטיארן און טעאטער־דירעקטארן. איינער אזא טעאטער־דירעק־טאר, יהודה דע סומי, פון דער פאמיליע „שער־אריה" (Porte Leone) פון מאנטאבא, וועלכער איז געבוירן געווארן אין 1527, אז ערד הונדערט יאר פאר רבי משה זכות, איז געווען באוואוסט אלס פאעט, וועלכער האט פארפאסט לידער אין העברייאיש און איטאליעניש, און אויך אייניקע דראמעס אין איטאליעניש, וועלכע ער האט אויפגעפירט אויף דער בינע. זיינע ווערק האלטן 11 בענדער און 4 בענדער איטא־ליענישע לידער און דיאלאגן. ער האט אויך אנגעשריבן אין איטאליע־ניש א בוך וועגן דער בינע־קונסט, און עס איז געווען גאנץ ווארשיינלעך, אז ער האט אויך געפרובט שרייבן דראמעס אין העברייאיש, ווייל ער איז געווען באקאנט אלס פארערער פון דער העברייאישער שפראך און איר ליטעראטור. דאס איז קענטיק פון זיין שמועס מיט ר' עזריה, וועלכער איז געקומען אין מאנטאבא דרוקן זיין בוך „מאור עינים", און דע סומי האט אים געמוטיקט, אז ער זאל דאס בוך דרוקן. ר' עזריה דערציילט וועגן דעם, ווי דער שטייגער פאר יענער צייט, זייער מליצה'דיק, אין איינעם פון די קאפיטלעך פון זיין בוך. אבער ביז איצט איז בלויז געווען א השערה, אז דע סומי האט אויך געשריבן דראמעס אין העברייאיש. עס זיינען בלויז געווען אייניקע קנאפע אינפארמאציעס, אז ס'איז פאראן אין העברייאיש א דראמע „אמון

ודבורה", פון וועלכער ס'איז נישט באַוואוסט דער נאָמען פון מחבר, און פּונקט אַזוי ווי מען קען גאַרנישט איר אינהאַלט, אַזוי ווייסט מען אויך נישט ווען די דראַמע איז אָנגעשריבן געוואָרן.

איצט אָבער איז געלונגען אַ יונגען יידישן געלערנטן, ח. שערמאַן אין בערלין, אויפצודעקן דאָס געהיימניס פון דער דאָזיקער דראַמע. אין דער דייטשער „מאָנאַטשריפט" ווייזט אָן שערמאַן, אַז „אמון ודבורה" איז אייגנטלעך די ערשטע דראַמע אין דער העברייאישער שפּראַך, און אַז דער פאַרפאַסער איז דער אידיש־איטאַליענישער טע־אַטער־דירעקטאָר יהודה דע סומי.

פון דער דראַמע, וועלכע שערמאַן האָט געזאָלט פאַרעפנטלעכן אין תּל־אביב'ער העברייאישן זאַמלבוך „רשמות"*), איז דעם אָנטדעקער געלונגען צו באַקומען פיר מאַנוסקריפּטן, וועלכע אונטערשיידן זיך אַ שיין ביסל איינס פונם אַנדערן. אין איינעם פון די דאָזיקע מאַ־נוסקריפּטן, אין וועלכן עס זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז ער איז אייגנט־לעך דער ערשטער, איז פאַראַן אַ ליד אַלס אַ הקדמה פון מחבר, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער, „וזאת ליהודה ואמר". אויך אין „פּראָלאָג" פון אַן אַנדערן מאַנוסקריפּט, וועלכער שטאַמט, קענטיק פון מחבר, איז פאַראַן אַן אָנצוהערעניש אויפן מחבר'ס נאָמען, ווייל

*) אַזוי ווי „רשמות" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, האָט שערמאַן די אַרבעט אָפּגעדרוקט אין זאַמלבוך „כנסת" (ספר ראשון, תל אביב, תרצ"ו, זז. 430-442). דאָ גיט ער איבער אויספירלעך דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן איר קאָנסטרוקציע און אייניקע מוסטערן פון טעקסט.

דער שריפטשטעלער און פאָרשער יצחק ריבקינד האָט מיך אויפמערק־זאַם געמאַכט אויף אַן אַנדערער אַרבעט, וואָס וויל באַווייזן וועגן נאָך אַ פרי־ערדיקער פּיעסע אין דער העברייאישער שפּראַך. דאָס איז אַן אַרטיקל פון משה דוד קאַטוסו (אין דער העברייאישער אָפּטיילונג פון בוך 'Jewish Studies', New York, 1935, pp. 121 - 128), וועלכער פאַרעפנטלעכט דאָרט אַן איבערזעצט טעאַטער-שטיק אין העברייאיש פון יוסף בן שמואל צרפתי, אין איטאַליעניש Giuseppe Galo, וואָס שטאַמט נאָך פון די ערשטע יאָרן פון 16-טן יאָרהונדערט. נאָכדעם אָבער ווי כ'האָב זיך באַקענט מיטן טעקסט, קאָן איך פעסטשטעלן, אַז כאָטש די זאַך, געשריבן פון מאַראַן פער־נאַנדאָ דע ראָיאַס, ווערט אין איר שפּאַנישן אָריגינאַל באַצייכנט אַלס „קאָ־מעדיע", און אין אַ שפּעטערדיקער אויסגאַבע אַלס „טראַגיקאָמעדיע", איז עס פאַקטיש נישט מער ווי אַ ליד, און דעריבער ווערט די פּריאָריטעט פון „אמון ודבורה" נישט אָפּגעפרעגט.

ער ווערט דארט טיטולירט אלס דער „ארי שבחבורה" (דער לייב, דער הויפט פון דער גרופע, אין העברייאיש גייט דער נאמען יהודה צוזאמען מיט אריה).

אין ערשטן מאנוסקריפט שרייבט דער קאפירער אויך אז דעם דאטום 1618 אלס דאס יאר ווען ער האט קאפירט די פיעסע, און אין דער הקדמה פון דאזיקן מאנוסקריפט ווי אויך אין אן אנדערן מאנוסקריפט, איז אנגעגעבן, אז דער מחבר האט פארפאסט די פיעסע אין זיין יוגנט. די דאטע איז, אלזא, נאנט צום פעריאד ווען יהודה דע סומי האט געלעבט.

לאכאווער האלט אפילו, אז מען קאן אננעמען אלס פארפאסער פון דער פיעסע יהודה מודינה (מאדעני), ווייל ער וואלט גיכער געפאסט פארן טיטל „ארי שבחבורה" און אויך מיט דער דאטע, וואס איז פאראן אין מאנוסקריפט, ווארום יהודה דע סומי איז געשטארבן אין יאר 1592 און עס וואלט דעריבער געווען נישט מער ווי רעכט, אז דער, וואס האט געשריבן די הקדמה צו זיין דראמע אין 1618, זאל דער־מאנען דעם דאטום ווען דער מחבר איז געשטארבן, נישט אז דער מחבר האט געשריבן די פיעסע אין זיין יוגנט. דאס שטימט גיכער מיט די דאטען פון יהודה מודינה, ווייל ער האט אין 1618 נאך געלעבט (ער איז געשטארבן ערשט אין 1649), און איז דעמאלט געווען אין זיינע בעסטע יארן, און עס פאסט זיך, אלזא, צו אים דאס, וואס דער קאפיסט שרייבט, אז ער האט פארפאסט די פיעסע אין זיין יוגנט. שערמאן שטיצט זיך אבער, אז מודינה איז נישט דער פארפאסער פון דער פיעסע, ווייל ער האט זי נישט דערמאנט אין דער ליסטע פון זיינע ווערק אין זיין אויטאביאגראפיע, בעת ער האט דערמאנט זיין פאסט־ראלע „רחל און יעקב" אין איטאליעניש. שערמאן שטיצט זיך אויך דערויף וואס דער ערשטער מאנוסקריפט שטאמט פון מאנטאבא, וואו יהודה דע סומי האט געלעבט און איז געווען טעטיק.

און דא דארף באטאנט ווערן א וויכטיקע זאך: „אמון ודבורה" איז נישט נאר די ערשטע פיעסע אין דער העברייאישער שפראך, נאר גלייכצייטיק אויך די ערשטע וועלטלעכע פיעסע אין דער העברייאישער שפראך. אין דער צייט וואס די ביז איצט באקאנטע ערשטע העברייאישע פיעסע „יסוד עולם" האט א טראגיש־רעליגיעזן כאראקטער, איז „אמון ודבורה" א קאמעדיע מיט א וועלטלעכן אינהאלט. אויפן שער־בלאט ווערט די פיעסע פון מחבר אדער אפשר פון קאפיסט, וועלכע

האבן נישט געפונען קיין העברייאיש ווארט פארן אויסדרוק „קאמע־דיע", טיטולירט „צחות בדיחותא דקדושין".

נאך מער, אין ערשטן מאנוסקריפט ווערט דייטלעך געזאגט, אז „די קאמעדיע איז געשריבן געווארן כדי זי זאל געשפילט ווערן פורים און בעת פארווײלונגען", און פון די ענדערונגען, וועלכע זיינען געמאכט געווארן אין די מאנוסקריפטן, קאן מען זען, אז די קאמעדיע איז טאקע אויך געשפילט געווארן.

די פאבולא פון דער קאמעדיע איז ענלעך צו די ערשטע הע־ברייאישע דראמעס אין דער מאדערנער העברייאישער ליטעראטור.

אמון, א רייכער מאן אין דער שטאט צידון, האט צוגעזאגט ידידיה'ן, אן איינוואוינער פון דמשק, אז ער וועט אים געבן זיין טאכטער ברוריה פאר א פרוי. שלום, ידידיה'ס פאטער, אויך פון צידון, איז באקאנט אלס א קארגער, אבער דבורה, אמונ'ס פרוי, האט באשלאסן צו געבן קעסט איר צוקונפטיקן איידעם אזוי לאנג ווי ידידיה'ס פאטער לעבט, ווייל זי ווארט אויף דער ירושה, וועלכע ער וועט באקומען. דערווייל קומט אן א ידיעה פון דמשק, אז שלום איז געשטארבן און ער האט זיין גאנץ פארמעגן איבערגעלאזט נישט פאר זיין זון ידידיה, נאר פאר זיין דינער שובל. אמון וויל בלייבן געטריי זיין שבועה, וואס ער האט געגעבן חתונה צו מאכן זיין טאכטער מיט ידידיה'ן. זיין פרוי האלט אבער, אז דער פאטער האט געבראכן די שבועה, און נאך א לענגערן געשפרעך איז אמון מסכים אוועקצושיקן זיין טאכטער אין א דארף, כדי זי צו דערווייטערן פון איר געליבטן. ער איז אויך מסכים צו ריידן מיט עזאל'ן, דער זון פון גביר עפרון, אז ער זאל חתונה האבן מיט זיין טאכטער, אבער עזאל האט גאר ליב שפרה'ן, ידידיה'ס שוועסטער, און אויסערדעם מוז ער מאכן דעם אנשטעל, אז ער וויל חתונה האבן מיט א טאכטער פון רבי חמדון, א געלט־גייציקער, אן אויסוואורף און א נידערטרעכטיקער מאן, וואס ביי אים אין די הענט ליגט עפרונ'ס פארמעגן.

אזוי האלט זיך די דראמע כסדר אין פארוויקלען און קאמפלי־צירן. עס קומט אויך צו אלס „העלד" דער דינער שובל, וועלכער איז דער איינציקער יורש פון רייכן שלום. חמדון, דער געלט־גייציקער, וויל שובל'ן חתונה מאכן מיט זיין טאכטער. אבער אין דער לעצטער מינוט, ווען מען האלט שוין ביים פינאל, קומט א בייזער סוף אויף די שלעכטע און די גוטע און ערנטלעכע לייט זיגן. אזוי שטעלט זיך

ארויס, אז אין דער צוואה האט שלום איבערגעלאזט זיין דינער אלץ, דערביי האט ער אבער אריינגעשטעלט אין דער צואה א פונקט, אז זיין זון מעג זיך אויסקלייבן איין זאך, נעמט ידידיה און קלייבט זיך אוים אלם די איינע זאך — דעם דינער שובל, און דורכדעם ווערט אויך דעם דינערס פארמעגן (די ירושה) זיין אייגנטום (דער דין פון דער גמרא זאגט, „כל מה שקנה עבד קנה רבו". דאס אייגנטום פון דינער געהערט צו זיין הער). פארשטייט זיך, אז ווי באלד ידידיה איז דער באזיצער פון פארמעגן, איז שוין אלץ ווידער רעכט און ער קריגט שוין אמונ'ס טאכטער, ברוריה, פאר א ווייב.

אט דער דאזיקער סוף איז אייגנטלעך סטערעאטיפיש פאר אלע שפעטערדיקע קאמעדיעס און מעלאדראמעס. אומעטום האט עס זיך שטענדיק געענדיקט מיט דעם, אז דער רשע באקומט זיין שטראף און דעם צדיק איז וואויל ווי די וועלט. אין דער אמעריקאנער דראמע או באזונדערס אין פילם איז נאך ביז היינט אזא מנהג אזוי צו פארענדיק די פיעסעם. א מנהג, וואס איז שוין אלט עטלעכע הונדערט יאר.

אַשעראָוויטשס מאָנאָגראַפיע וועגן צוויי יידישע אַקטיאָרן

מ. אַשעראָוויטשס בוך*) איז אַן ערשטלינג. נישט אַן ערשטלינג ביים מחבר. אַשעראָוויטש**) האָט שוין אַרויסגעגעבן מערערע ביכער. אויף אַ באַנקעט לכבוד דער דערשיינונג פון דאָזיקן בוך האָט מען אָנגעגעבן אַ ציפער: 14 איבערזעצונגען און אָריגינעלע דער־ציילונגען. אַן ערשטלינג איז דאָס בוך אין אונדזער ליטעראַטור***).

עס איז ביז היינט פאַראַן אַ כינעזישער מויער צווישן די צוויי אין עצם אַזוי ענג־פאַרבונדענע אינסטיטוציעס: יידישע ליטעראַטור און יידיש טעאַטער. יעדער איינער שטייט אויף דער שוועל פון זיין גרענעץ און גיט נישט דעם אַנדערן קיין וויזע אויף אַריינצוקומען אין צווייטנס מדינה. און אַ התקרבות, אַ שטענדיק צוזאַמענלעבן איז דאָך אַזוי נויטיק פאַר ביידן. אָבער דאָך רייסן זיך דורך פון צייט צו צייט מוטיקע רייזנדער, און אַזאַ איינער איז מ. אַשעראָוויטש.

מיר האָבן שוין אין יידיש מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע פּער־זענלעכקייטן אין פּאָליטיק, פינאַנץ, געזעלשאַפטלעכקייט. מיר האָבן מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע שריפטשטעלער, אפילו וועגן מאָלער, וואָס זיינען יידיש בלויז לויט זייערע פּעסער, אָדער לויטן פּלפּול פון זייערע מפרשים, אָבער וועגן יידישע שוישפּילער, וועגן אַקטיאָרן, וועלכע האָבן פאַרקלונגען די וועלט מיטן יידישן לשון און איבער־געשאַפן אונדזער יידיש לעבן אויף די דלד אמות פון אַ בינע — האָבן מיר ביז איצט נישט געהאַט קיין איין בוך.

דאָ און דאָרט זיינען צעוואָרפן איבער שבעה ימים אַרטיקלען,

*) „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד — צוויי דורות אידיש טעאַטער". 256 זייטן, ניו־יאָרק, 1930.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 113-114.

***) דורך דער צייט איז שוין דערוויל דערשינען מיין מאָנאָגראַפיע וועגן זיגמונט מאָגולעסקאָ (ב"א, 1936).

זכרונות, שטריכן, איינדרוקן און כאַראַקטעריסטיקעס וועגן די גרעס־סערע פּערזענלעכקייטן אויף דער יידישער בינע — צעזייט און צע־שפּרייט אַזוי ווי זיי אַליין זיינען געוועזן ביים לעבן. אָבער אײן גאַנצעס וועגן כאַטש איין יידישן שוישפּילער האָבן מיר ביז היינט נישט געהאַט.

און אין אונדזער זכרון זיינען דאָך פאַרבליבן ווי אַ ווייטער עכאָ די נעמען פון אייניקע באַדייטנדע יידישע שוישפּילער אין די גרויסע יידישע קבוצים פון רוסלאַנד, פּוילן און אַמעריקע. אָבער כדי צונויפ־צוגיסן דאָס אין איין גאַנצעס און שאַפן אַ בילד פון די דאָזיקע יידישע קינסטלער, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ שריפטשטעלער, און אונדזערע יידישע שרייבער האָבן אַ וואַרעמע באַציאונג צו אַלץ — אַ חוץ צום יידישן טעאַטער.

אַשעראַוויטש האָט נישט גענומען אויף זיך קיין לייכטע אויפגאַבע — זיין אַן אַנהויבער און אויסגעשטעלט ווערן צו די פּיילן פון ב׳עוֹל, חשדים און גלייכצייטיק זיין דער ערשטער גייער אויף אַ נייעם וועג. זיינען דאָך אויף אַלע געביטן פון ליטעראַטור אין יידיש פאַראַן אויסגעטראָטענע וועגן, אָבער דער וועג פון די מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע שוישפּילער איז נאָך נישט קיין אויסגעטראָטענער. אַשע־ראַוויטש איז דעריבער אין זיין בוך דורך און דורך אָריגינעל.

⁂

דאָס בוך איז געווידמעט צוויי אַקטיאָרן — דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד*). איינער (קעסלער) — אַ פאַרענדיקטער, אַ פאַרשטאַרבענער, אונטער וועמענס לעבן און טעטיקייט מ׳קאָן שוין אונטערפירן אַ סך־הכל; דער צווייטער (וויזענפריינד) — אַ יונגער שוישפּילער, וואָס האָט ערשט אויפגעבליצט, וואָס איז לויט זיינע יאָרן נאָך גאָר ניי. בלויז אויסערלעכע סיבות (זיין טעאַטראַלע משפּחה) האָבן געבראַכט דערצו, אַז ער האָט שוין הינטער זיך אַ קאַריערע, אָבער ווייט נישט קיין פאַרענדיקטע, און דעריבער איז וועגן אַזעלכן צו פרי צו שרייבן אין זעלבן פאַרנעם, ווי וועגן קעסלערן.

שאַקירט דאָס טאַקע, און דער מחבר אַליין דערפילט און פאַר־ענטפערט עס דערמיט, וואָס ער האָט אַ ספּעציעלע ליבע צו די דאָזיקע צוויי שוישפּילער. אודאי איז עס אַ גרויסע מעלה, ווען מ׳שרייבט

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 670-672.

וועגן אַ זאַך צו וועלכער מ'פּילט אַ באַציאונג, אָבער דער מחבר אַליין ווערט באַלד געשטראָפט פאַר צונויפבינדן אַט דאָס שטיק פאַרגאַנגג־הייט מיטן שטיק קעגנוואַרט — די מאָנאָגראַפיע וועגן ווייזענפריינדן איז באַדייטנד בלאַסער ווי וועגן קעסלערן. דאָרט האָט אַשעראָוויטש געקאָנט ריידן מיט אַ געעפנטן מויל, און דאָ האָט ער גערעדט אויף אונטערשטע טענער.

אַשעראָוויטש האָט זיך נישט באַנוגנט מיט געבן אַ ביאָגראַפיע און כסדר אָנוואַרפן דאַטן. ער האָט אַרויסגעשיילט פון די יאָרן דאָס לעבן פון דעם אַקטיאָר און מענטש דוד קעסלער. ער באַמיט זיך דעריבער אים פּסיכאָלאָגיש צו פאַרשטיין און בויט זיך אַליין אויף פאָלגענדע טעזיסן: 1) קעסלער איז געווען אַזוי אויפגערעגט און בייז, ווייל ער איז געווען אַ מאָדים אויף נאַטירלעכן טאָן, און ווייל ער האָט פיינט געהאַט שלעכט שפּילן, שלעכטע פּיעסן און אַ נישט־דערצויגן פּובליקום (זז. 42, 73 און 125) ; 2) קעסלער האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ פעסט־אָוועקגעשטעלטן טעאַטער מיט טראַדיציעס, נישט ער זאָל זיין דער בויער און דאַרפן אַריבערטראָגן די חבלי לידה (זז. 33, 34, 42).

זיינע טעזיסן באַגרינדעט אַשעראָוויטש מיט זייער פיל פאַקטן און עפּיזאָדן, וואָס גיבן אַ רייך בילד פון גאַנג און אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער. עס איז אַן ערנסטע און מיזאַמע אַרבעט — צונויפ־צוקלייבן אַזוי פיל פאַקטן און זיי אַזוי סיסטעמאַטיש צונויפגלידערן, אַז זיי זאָלן בילדן איין גאַנצעס כדי צו שאַפן די פיגור פון קעסלער. אָבער נישט זעלטן קאָן מען אַשעראָוויטשן אָפּפרעגן טאַקע פון זיין אייגענעם בוך. אַזוי זאָגט ער אויף זייט 30, אַז קעסלער האָט פון זיין מוטער גע'ירש'נט גוטמוטיקייט און פון זיין פאָטער בייזקייט. אַלזאָ, איז דאָך די בייזקייט אַ ירושה־זאַך ביי קעסלער, און איז נישט ערשט אַרויסגערופן געוואָרן צוליב אַנדערע סיבות. אויף זייט 49 דערציילט אַשעראָוויטש, ווי ווילד קעסלער איז געווען נאָך אין חדר ; אויף זייט 51 דערציילט ער ווי קעסלער פלעגט מיט גאַל איבערקרימען די שלעכטע שטריכן, וואָס ער האָט געזען ביי מענטשן, און דערביי פלעגט ער זאָגן זיין שפּעטער־באַרימט געוואָרן ווערטל : „גע'הרג'עט זאָלן זיי ווערן". קעסלער אַליין אין זיינע מעמואַרן*), דערציילט, ווי אַזוי

*) זע קעסלערס מעמואַרן אין „טאָג", נ. י., 7 יאַנואַר-18 מערץ, 1917.

ער האָט זיך אַמאָל (דאַכט זיך) אויף אַ מאַרק געכאַפּט ווילד שלאָגן און אַז ער איז אָנגעגאַנגען אַלס ווילדער און שלעגער. און דאָס אַלץ איז דאָך פאָרגעקומען איידער קעסלער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר!

דערוועקט זיך דעריבער אַ ספק, אויב קעסלער איז טאַקע נישט בטבע געווען אַ שלעכטער, אַן אָנגעווייטאַקטער, אַן אָנגעכמורעטער, און ווען ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט אויסצודריקן זיין כעס, האָט ער עס געטאָן. אַזוי דערציילט אונדז אָשעראָוויטש (ז. 57), אַז בעת קעסלער האָט (נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר) צונויפגענומען אַ גרופּע בחורים און מיידלעך און מיט זיי געשפּילט ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען, האָט ער די שפּילער אויסגע־טיילט אַ סך צרות: „וואָס מען האָט נישט געטאָן, ווי אַזוי מען האָט נישט געשפּילט, קעסלערן איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן".

אויך דער צווייטער טייל אינם ערשטן פּונקט פון אָשעראָוויטשס טעאָריע דערוועקט אַביסל אַ ספק. אָט דערציילט אָשעראָוויטש (לויט לעאָן קאָברין), אַז בעת קעסלער האָט געשפּילט מיט טאָמאַשעווסקין און אַדלערן אין גאָרדינס „ברידער לוריא" (פאַר יענער צייט האָט דאָס געהייסן ליטעראַטור), האָט קעסלער געמאַכט חוזק פון שפּילן. און אָט דערציילט ב. גאָרין („געשיכטע פון אידישען טעאַטער", 2־טער באַנד, ז. 164), אַז „ווען גאָרדין איז נאָכדעם געקומען לייענען זיין „קרייצער סאָנאַטא", האָט קעסלער פאַרבראַקירט די פּיעסע, און הגם בערטא קאַליש האָט די דאָזיקע פּיעסע אויפגעפירט אויף איר אייגענער אחריות, און „קרייצער סאָנאַטא" האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, איז קעסלער אַלץ געבליבן אומצופרידן און אויפן קומענדן סעזאָן האָט ער איבערגעלאָזט די גאַנצע גדולה פון זיין אַ דירעקטאָר און איז אַריינגעטראָטן אויף שכירות אין ווינדזאָר־טעאַטער".

דאַקעגן איז נישטאָ קיין גרונד אָפּצוואַרפן אָשעראָוויטשס הנחה, אַז קעסלער האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ טעאַטער, וואָס זאָל שוין שטיין אויף די אייגענע פיס, נישט ער זאָל זיין דער פונדאַמענט. אַז קעסלער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, אַ שוישפּילער מיט אַ רייכער אינ־טואיציע און האָט געקאָנט באַגייסטערן מיט זיין שפּילן, ווערט קלאָר פון אָשעראָוויטשס כאַראַקטעריזירן דעם אופן, ווי אַזוי קעסלער האָט פאַרקערפּערט די ראָלן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַרימט געמאַכט. ער איז דעריבער זיכער, אַז ווען אַ שוישפּילער פון אַזאַ גרויס וואָלט צוגעקומען צום יידישן טעאַטער אין דער צייט פון בעסערע, ריינע

פּיעסעס, וואו די האַנדלונג און די כאַראַקטערן זאָלן זיין קינסטלעריש געשילדערט, וואָלט קעסלער פּיל מער געשאַפן.

זייער כאַראַקטעריסטיש און ווערטפול פאַרן טיפּ קעסלער אַלס מענטש און אַקטיאָר זיינען די מיינונגען, וועלכע אַשעראָוויטש ברענגט פון קעסלערן וועגן אַנדערע אַקטיאָרן, זיינע שיחת־חולין, דער אופן ווי אַזוי אַט דער דאָזיקער פּרימיטיווער, אָבער טיף־פילנדער, מענטש האָט באַגריפן די וועלט; זיינע משלים און בילדלעכע אויסדרוקן, זיינע טענות וועגן פּובליקום, וועגן דראַמאַטורגן און אויך דעם אַרט ווי אַזוי קעסלער, נישט קענענדיק זיינע ראָלן, האָט פאַרט פאַרגע־שטעלט דעם נויטיקן טיפּ און אַרויסגעבראַכט די האַנדלונג אָפּט אַן ווערטער.

אַשעראָוויטש גריבלט זיך אויך אין די דירעקטע סיבות, וועלכע האָבן צוגעפירט קעסלערן צום טעאַטער, און זייער געלונגען לייגט ער דאָ אַלס יסוד: קעסלערס אַרומגייען איבער די גאַסן אַלס פּעדלער (ז. 50) און שפּעטער דעם טעאַטראַלן עפעקט פון די דרשות ביי די מיסיאָנערן (ז. 52). איבער דער דאָזיקער פראַגע וואָלט אַשעראָוויטש געקאָנט געפינען נאָך מער פּרטים אין קעסלערס מעמוארן. דורך זיי וואָלטן אויך פאַרפולט געוואָרן אייניקע בלויזן אין דער שוישפּילע־רישער אַנטוויקלונג פון קעסלערן אין דער אַלטער היים.

אַ שאָד אויך, וואָס אַשעראָוויטש האָט נישט גענוג באַלויכטן דעם פּעריאָד פון קעסלערס גאַסטראָלן אין אייראָפּע.*) עס איז אויך לחלוטין נישט דערמאָנט קעסלערס אומגעלונגענער פּרוב צו שפּילן אויף דער ענגלישער בינע.

⁂

מוני וויזענפריינדס מאָנאָגראַפיע הויבט דער מחבר אַליין אָן מיט אַ פאַרענטפערונג, אַז ס'איז נאָך אפשר צו פרי צו שרייבן אַזאַ בוך וועגן אַ יונגן שוישפּילער, אָבער האַלטנדיק, אַז מיטן איבערגייז צו דער ענגלישער בינע און דערנאָך צום פילם, איז וויזענפריינד אַוועק פון יידישן טעאַטער, האָט אַשעראָוויטש געוואָלט אָפּשאַצן, וואָס וויזענפריינד האָט געגעבן דעם יידישן טעאַטער און וואָס וועט די יידישע בינע פאַרלירן מיט זיין אַוועקגיין.

איז אַשעראָוויטש גערעכט, אַז וויזענפריינדס ביז איצטיק שפּילן אויף דער יידישער בינע פאַרענדיקט אַן אָפּגעשלאָסענעם קאַפּיטל אין

*) זע וועגן דעם נח פּרילוצקים בוך „יידיש טעאַטער".

זיין אנטוויקלונג, און אויב ער זאָל ווען אַמאָל צוריקקומען צו דער יידישער בינע, וועט וויזענפריינד זיין אַ גאַנץ אַנדערער נאָך זיין פּאָזיציע אין דער גרויסער וועלט, ווען ביי אים וועט זיך די דער־פאַרונג פון דער פרעמד פאַרבינדן מיט דער דערפאַרונג פון דער יידישער בינע.

די מאָנאָגראַפיע וועגן וויזענפריינדן איז מיט גאַרנישט צונויפ־געבונדן מיט קעסלערס, אחוץ אפשר וואָס אשעראָוויטש דערציילט אונדז, אַז קעסלער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אנערקענט און אָנגעוויזן אויף מוניס טאַלאַנט (ז. 148) און (דאָס איז שוין גאָר וויכטיק), וואָס אויך מוני וויזענפריינד איז אַ פּאַרביטערטער, ניט־גוט געשטימטער (זז. 6, 154). אָבער זייענדיק קולטורעלער פון קעסלערן, האָט וויזענפריינד אויך די טבע זיך צו גריבלען אין זיך. גאַנץ אָפט איז ער אַליין מסופק אין זיין טאַלאַנט (ז. 216).

כאַראַקטעריזירנדיק דאָס שפּילן פון קעסלערן, זאָגט אשעראָ־וויטש דער עיקר אַרוים זיינע אייגענע מיינונגען. ביי וויזענפריינדן באַזירט ער מער אויף די מיינונגען פון פאַרשידענע יידישע קריטיקער. דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט גלייך באַמערקן, אַז די אַלגעמיינע מיינונג פון דער קריטיק (זז. 198, 203, 232) איז, אַז וויזענפריינד איז אַ מייסטער אויף דעטאַלן, און פאַרקערפּערט אויסגעצייכנט, אויף אַן עכט־שוישפּילעריש אופן, עפּיזאָדישע ראָלן און כאַראַקטערן, וועלכע זיינען נאָר טיילן פון דער פּיעסע, אָבער נישט די הויפּט־פיגורן פון דער פּיעסע. אוודאי איז עס אַ גרויסע מדרגה אַרויפצושטייגן אין די נישט־אָפּישירטע ראָלן. אַז וויזענפריינד האָט פאַרדינט די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט, איז לייכט פעסטצושטעלן, ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף די פאַרשידענע טיפּן, וועלכע זיינען אָפּפאָטאָגראַפירט אין דעם בוך. עס איז אַ גאַלעריי פון מענטשן געשאַפן דורך איין גרויסן מענטשן־קענער, דורך אַ קינסטלער־שעפער.

זייער פיין איז דאָס קאַפּיטל וועגן דער פאַרבינדונג צווישן מוני און זיין פאָטער, דעם אַקטיאָר פיליפּ וויזענפריינד*). דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, אַזוי אויך דאָס פריערדיקע וועגן זיין מוטער**), איז אַן אויס־געצייכנטער צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אייראָפּע.

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 673.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 672.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון אַשעראַוויטשס בוך איז, אַז אָפּגעזען פון די אייניקע קלייניקייטן, אויף וועלכע איך האָב אָנגעוויזן, איז די דאָזיקע ערשטע מאָנאָגראַפיע וועגן יידישע אַקטיאָרן אַ זייער ערנסטע און געלונגענע אַרבעט און אַ דאַנק דער פּליסיקער שפּראַך, מיט וועלכער אַשעראַוויטש איז באַשאָנקען, איז דאָס בוך צוטריטלעך אפילו פאַר לייענער, וואָס האָבן נישט קיין ספּעציעלע באַציאונג צום טעאַטער. עס איז אַן אינטערעסאַנט בוך וועגן אינטערעסאַנטע מענטשן.

אַשעראָוויטש האָט פולשטענדיק אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און עס ליגט אויף אים אַ חוב צו געבן אונדז בקרוב מאָנאָגראַפיעס וועגן די אַנדערע קאָריפייען פון דער יידישער בינע: אַדלער, מאָגולעסקאָ, ליפּצין, א. ד. ג.

גאָלדפאַדען אויף דער פּוילישער בינע

1.

גאָלדפאַדען אַליין איז אין פּוילן געווען נאָר איין מאָל. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1885-1887. געקומען איז ער אין וואַרשע, נאָכדעם ווי אין אייגנטלעכן רוסלאַנד איז געוואָרן — צוליב אָפיציעלן פאַרבאָט — זייער שווער צו שפּילן יידיש טעאַטער. די פאָרשטעלונגען פון דער טרופּע, וועלכע איז טיילווייז געשטאַנען אונטער גאָלדפאַדענס אָנפירונג, זיינען פאָרגעקומען אין טעאַטער „בוף", וואָס האָט דערנאָך געענדערט דעם נאָמען אויף „עלדאָראַדאָ" און היינט הייסט עס באָגוסלאַווסקיס טעאַטער. אין וואַרשע האָט גאָלדפאַדען אויפגעפירט זיינע אָפּערעטעס, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין רומעניע און רוסלאַנד. דאָ אין פּוילן, האָט ער אַ פּנים נישט געפונען קיין פּאַסיקן שטאָף פאַר אַ נייער אָפּערעטע. די איינציקע נייע אָפּערעטע, וועלכע ער האָט דאָ אויפגעפירט אין פּוילן איז געווען אַ ביבלישע — „אחשורוש".

די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע האָבן אָנגעהאַלטן ביז 1887 און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. געשלאָגן דעם רעקאָרד פון אַלע זיינע פּיעסעס האָט „שולמית". דערווייל איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן גאָלדפאַדענען און די דירעקטאָרשע פון טעאַטער (אַ פּראַוואָסלאַוונע), און גאָלדפאַדען איז צוזאַמען מיט 2 אַקטיאָרן, דאָס פאָרפאָלק טאַנצמאַן, אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש, באַלד איז ער ווידער צוריקגעקומען אין וואַרשע, און אין 1887 איז ער פון דאַנען אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

גאָלדפאַדען איז אַוועק פון פּוילן, אָבער די פּיעסע „שולמית" איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון צענדליקער טויזענטער טעאַטער־באַזוכער.

גאָלדפאַדענס טעאַטער האָט איבערהויפּט געמאַכט גאָר אַ שטאַרקן רושם אין וואַרשע. די יידישע פּרעסע גופא, דעמאָלט בלויז אין פּויליש און העברייאיש, האָט אפילו זייער ווייניק געשריבן וועגן דעם טעאַטער, דערפאַר האָבן די קאָרעספּאָנדענטן פון דער יידיש־רוסישער און העברייאישער פּרעסע אין רוסלאַנד אַ סך געשריבן וועגן גאָלד־

פאַדענס טרופּע. איין וויכטיקער דאָקומענט איז אָבער יאָ געבליבן פון יענע פאָרשטעלונגען — דאָס איז אַ ספּעציעלע העברייאישע בראשור אונטערן נאָמען „במת ישחק" פון יידיש־העברייאישן שרייבער יהושע מזח*). דאָרט באַשרייבט מזח אויספירלעך די פאָרשטעלונגען און באַמערקט אויך, אַז „שולמית" איז אין דער פּוילישער איבערזעצונג פון י. בערנאָס געשפּילט געוואָרן 9 מאָל כסדר דורך פּוילישע אַקטיאָרן אין וואַרשעווער טעאַטער „אַלהאַמבראַ".

מער קיין פּרטים וועגן דער פּוילישער אויפפירונג פון „שולמית" זיינען ביז איצט נישט געווען, און אַזוי האָב איך אויך פאַרצייכנט אין דער גאָלדפאַדען־מאָנאָגראַפיע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער". גלייכצייטיק האָב איך מיר אָבער געשטעלט די אויפגאַבע, ווען כ'וועל באַזוכן פּוילן, אויפצוזוכן פּרטים וועגן דער דאָזיקער אַזוי וויכטיק באַקאַנטער אויפפירונג, און אָט די אויפגאַבע איז מיר פולשטענדיק געלונגען.

בעת אַ שמועס מיט אַ וועטעראַן פון יידישן טעאַטער אין פּוילן ישעיה ראַטשיין, וועלכער איז געוויסערמאָס געווען דער איניציאַטאָר און האָט זיך אַליין באַטייליקט אין יענער פּוילישער אויפפירונג פון „שולמית", איז מיר געלונגען פעסטצושטעלן פאָלגענדע פּרטים וועגן יענער אויפפירונג:

אין 1888 האָט אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ" אין וואַרשע געשפּילט אַ פּוילישע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון ה' סמאָטריצקי. די טרופּע האָט געמאַכט ביטערע געשעפטן, אַזוי שלעכט, אַז די אַקטיאָרן פלעגן ממש אויסגיין פון הונגער, און נישט האָבנדיק צו צאָלן קיין דירה־געלט, פלעגן זיי שלאָפן אויף דער בינע. אין דער קאַסע פלעגט זיצן פּאָליציי און קודם־כל באַצאָלן חובות, וואָס די טרופּע איז געווען שולדיק. די אַקטיאָרן זיינען אַרומגעגאַנגען אַז קעפּ, זיי האָבן נישט געזען קיין אויסוועג פון זייער טרויעריקער לאַגע.

ווי געזאָגט, האָט דאָס פּאַסירט נאָכדעם ווי גאָלדפאַדען האָט געשפּילט אין וואַרשע, און דאָ געהאַט אַזוי גערופענעם „קנאַבן־כאָר". אין דאָזיקן כאָר האָבן ביי גאָלדפאַדענען געזונגען די איצטיקע באַקאַנטע יידישע אַקטיאָרן אַדאָלף בערמאַן**) און ישעיה ראַטשיין. ווען גאָלדפאַדען איז אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, און דאָס יידישע

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, ז. 1288-89.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 204.

טעאַטער האָט דאָ אויפגעהערט צו עקסיסטירן, האָט הערמאַן בער־מאַן*) צונויפגעשטעלט אַ קוואַרטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אים (הערמאַן), זיין ברודער, אַדאָלף, ראַטשיין און דעם שפּעטער באַקאַנטן אַקטיאָר מ. ח. טיטעלמאַן**). הערמאַן בערמאַן איז געווען דער דירעקטאָר פון דעם קוואַרטעט, פון וועלכן ער האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגן. די 3 איבערגעבליבענע זינגער האָבן דאָך אָבער גע־דאַרפט פּרנסה, זיינען זיי אַריין אין כאָר פון פּוילישן טעאַטער. דאָ אָבער האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דער שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט. וועגן פּאַרדינען עפּעס איז נישט געווען וואָס צו רעדן, ווייל די אַק־טיאָרן האָבן אויך גאָרנישט באַקומען. און דאָ איז די כאָריסטן איינ־געפאַלן דער געדאַנק וועגן „שולמית". די פּיעסע איז געווען אומ־הויער פּאָפּולער אין וואַרשע. אין פּוילישן טעאַטער זיינען געווען זינגער, ווי וואָלט געווען ווען מען פירט אויף „שולמית" אין פּויליש?

קיין שווערע אַרבעט מיטן דירעקטאָר פון דער פּוילישער טרופּע האָבן זיי נישט געהאַט, ווייל ער האָט זיך געטרונקען אין חובות, און ער איז געווען גרייט זיך אָנצוכאַפּן אָן אַ שטרוי. מ'האָט אָפּגעזוכט אַ יונגנמאַן בערנאַס***), וועלכער האָט געקענט פּויליש און יידיש, און ער האָט איבערגעזעצט די אָפּערעטע, וועלכע מ'האָט גלייך אויפ־געפירט.

די הויפּטראָלן האָבן געשפּילט: „שולמית" — פּרוי שנעבעלין, וועלכע איז אַ סך יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ קאַסירערין אין לאָדזשער פּוילישן טעאַטער, „אבשלום" — רעצקי, „מנוח" — רוטקאָווסקי (אָדער קאַשטשינסקי), „צינגעטאַנג" — כאָינעצקי, „נתן הכהן" — קאַש־טשינסקי (אָדער רוטקאָווסקי). די אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען פּאַ־ליאַקן, אָבער איינגאַנצן אָן יידן איז מען זיך אויך נישט באַגאַנגען. די געזאַנגס־ראָלן פון די אַנדערע 2 „חתנים" האָבן געשפּילט יידן: „יואב גדעוני" האָט געזונגען מיטעלמאַן און „אבינדב" — ראַטשיין. אויך האָט ראַטשיין צוזאַמען מיט אַדאָלף בערמאַן געזונגען די גע־זאַנג־פּאַרטיע פון די „כהנים".

„שולמית" אויף פּויליש איז 2 חדשים געשפּילט געוואָרן ביי

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 205.

**) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, ז. 875.

***) מער איינצלהייטן וועגן אים זע אין „הונדערט יאָר גאָלדפאַדן", רעדאַקטירט פון ד"ר יעקב שאַצקי, ניו־יאָרק, 1940, זז. 8-9, 74-75.

אויספּאַרקויפטע הייזער. די פּױלישע אַקטיאָרן האָבן אויסגעצאָלט זייערע חובות.

שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט אַ נייע פּױלישע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון די ברידער טשיסטאָגורסקי (וועגן וועלכע מ׳האָט געמורמלט, אַז זיי זיינען לאָדזשער יידן), וועלכע האָט ווידער אויפגעפירט „שולמית". דאָס מאָל האָט די ראָל „צינגעטאַנג" שוין געשפּילט דער יידישער אַקטיאָר שליפּערשטיין. דערנאָך איז די טרופּע אַרומגעפאָרן איבער דער פּױלישער פּראָווינץ און אומעטום געמאַכט גוטע געשעפטן.

עס האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז אין די פּױלישע קאַבאַרעטן פלעגט מען זינגען אַ קופּלעט וועגן לעבן פון פּױלישן אַקטיאָר און מ׳האָט עס פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„יאַק בי ניע סולאַמיטאַ
טאַבי דאַווגאַ, ז׳נאַמי בילאַ קוויטאַ"

(ווען נישט שולמית
וואָלטן מיר לאַנג שוין געווען קוויט)*)

„שולמית איז נאָך שפּעטער געשפּילט געוואָרן, אָבער סוף כל סוף איז די אָפּערעטע אַרויסגענומען געוואָרן פון רעפּערטואַר פון די פּױלישע אָפּערעטע־טרופּעס.

2.

אַ פולשטענדיק נייע אַנטדעקונג איז די גרעסערע נאָטיץ פון א. ר. מלאכי**) וועגן אַ פּױלישע אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס „די כישוף־מאַכערין" אויף דער פּױלישער בינע.

די אויפפירונג איז פאָרגעקומען אין זומער 1889 אין וואַרשע, אין גאָרטן „עלדאָראַדאָ". די פּיעסע איז איבערזעצט געוואָרן דורך י. בערנאַס, דער פּױלישער איבערזעצער פון „שולמית". אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען פּאָליאַקן. די הויפּט־ראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן: „די כשוף־מאַכערין" — פרוי אָסמאָלסקאַ (אין קעגנזאַץ צו די יידישע טעאַטערס, וואו די טיטל־ראָל ווערט געשפּילט דורך אַ

*) קוויט — אַ תל.

**) אויספירלעך וועגן דער אויפפירונג זע אין אויבנדערמאָנטן בוך „הונדערט יאָר גאָלדפאַדן", זז. 74-75.

מאַז, אַז אַקטיאָר, נישט אַ פּרוי־אַקטריסע) און „האַצמאַד" — ה׳ ברעמער.

דער דערפּאָלג איז געווען זייער אַ גרויסער. צו די פאַרשטעלונגען זיינען געקומען סיי יידן און סיי קריסטן. צו יעדער פאַרשטעלונג איז דער גאַרטן געווען געפּאַקט, און די קאַסע האָט געמאַכט גוטע געשעפטן.

3.

אין מ. זייפערטס גרעסערער אַרבעט „געשיכטע פון יידישן טעאַטער"*) ווערט אפילו אָנגעגעבן, אַז גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא" איז אויך געשפּילט געוואָרן אויף פּויליש, אָבער ביז איצט איז נישטאָ קיין שום דאַטע וועגן דעם, און דעריבער דאַרף מען אָננעמען פאַר דער ערשטער „בר־כוכבא"־אויפפירונג אויף פּויליש די אויפפירונג, וועלכע איז דעם 29־טן מערץ 1934 געמאַכט געוואָרן אויף דער פּוילישער בינע אין לאָדזש („טעאַטער פּאָפּולאַרני"). די איבערזעצונג איז דאָס מאָל נישט געווען קיין ווערטלעכע, ווייל זי איז געמאַכט געוואָרן דורכן רעזשיסער י. שומאַכער, און ער האָט זי מער צוגעפּאַסט צו זיין קאָנצעפּציע.

גאָלדפאַדען האָט זיין גאַנץ לעבן גע׳טענה׳ט, אַז מען האָט נאָך זיינע אַ פּיעסע נישט אויפגעפירט לויט די מעגלעכקייטן, וואָס זי גיט. דער פאָטער פון יידישן טעאַטער האָט זיך נישט באַקלאָגט אויפן שפּילן פון זיינע פּיעסעס, ווייל ער האָט תמיד געהאַט גוטע אויספירער פאַר די ראָלן פון זיינע אָפּערעטעס. דאָס יידישע טעאַטער האָט באַלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג און אַנטוויקלונג געהאַט זייער פיל מוזיקאַלישע כוחות. האָבן דאָך די ערשטע אַקטיאָרן געשטאַמט פון משוררים און פאָלקס־זינגער.

פון דער אויספירונג פון זיינע פּיעסעס, האָט גאָלדפאַדען געקליבן נחת. אויף וואָס ער האָט זיך אָבער שטענדיק באַקלאָגט איז געווען אויף דער אויפפירונג פון זיינע אָפּערעטעס. גאָלדפאַדען האָט געהאַט דעם אמת׳ן חוש און פאַרשטענדניש פאַר טעאַטער און האָט דעם דעקאָראַטיוון טייל פון דער פאַרשטעלונג באַטראַכט פאַר אַן אינטעגראַלן חלק פון דער פּיעסע. אָבער אַ חוץ קליינע אויסנאַמען זיינען גאָלדפאַדענס פּיעסעס שטענדיק אויפגעפירט געוואָרן אויפן פאַרנאַכלעסיקסטן אופן. דער דערפאָלג פון זיינע אָפּערעטעס איז תמיד פאַר־

***) געדרוקט אין „דיא אידישע ביהנע", ניו־יאָרק, 1897.

אויסגעגאַנגען דער פאָרשטעלונג, און די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן דעריבער דעקאָראַטיוו קיינמאָל נישט געשאָנקן קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט גאָלדפאַדענס פּיעסעס. האָט די האַנדלונג געמעגט פאָרקומען אין אַ קעניגלעכן רוימישן פּאַלאַץ, אין אַ שפּאַנישן פירשטלעכן הויף, אָדער אין דעם זייער־רייכן בית־המקדש, האָט די בינע פון יידישן טעאַטער שטענדיק מיט זיך פאָרגעשטעלט די באַרימטע אַראָפּגעלאָזטע שטיקער לייוונט, וואָס האָבן זיך געשאָקלט, ווי אין אַ קדחת, און די אַקטיאָרן זיינען געווען אָנגעטאָן אין קאָסטיומען, וואָס האָבן קיינמאָל נישט דאָקומענטירט זייער עפּאָכע.

דערצו זיינען די אויפפירונגען פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס געוואָרן אַ טראַדיציע: עס איז שוין פאַראַן אַ חזקה, אַז אַזאַ און אַזאַ באָרד טראָגט מען אַלס „אברהם”, אַזאַ און אַזאַ שטיק לייוונט פלאָנטערט זיך אין צימער פון „מנוח”, און אַזוי און אַזוי שטייען די 6 אָדער 8 כאָריסטן אַלס „דאָס פאָלק” אין „בר־כוכבא”.

אַן אויסנאַם זיינען, נאַטירלעך, געווען די אויפפירונגען פון גאָלדפאַדענס פּיעסעס אין די יידישע קונסט־טעאַטערס — ביי מאָריס שוואַרצן („כשוף־מאַכערין”, „קוני־לעמל”, „לא תחמוד”), ביי א. גראַנאָווסקין („כשוף־מאַכערין”), ביי זיגמונט טורקאָוו („לא תחמוד”), ביי וניט — דורך מנחם רובין („קוני־לעמל”) און אַנדערע.

די דערמאָנטע אויפפירונג פון י. שומאַכער, — אַן אַרטיסט פון דער יידישער קליין־קונסט־בינע „אַראַראַט”, — האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבערגעבראָכן אָט די טראַדיציע. שומאַכער איז פולשטענדיק אָפּגעטראָטן פון פאַרגליווערטן סטערעאָטיפּ פון די „בר־כוכבא”־אויפפירונגען אין יידישן טעאַטער. צום ערשטן מאָל האָט מען דאָ געזען דאָס מיליע, די סביבה און אַטמאָספער פון ארץ־ישראל און אירע רוימישע סאַטראַפּן. סיי די דעקאָראַציעס (ב. וויטקאָווסקי), מאַסיוו אין זייער געבוי, סיי די קאָסטיומען, צוגעפּאַסט צו זייער עפּאָכע, האָבן געגעבן צום ערשטן מאָל דעם גלאַנץ פון גאָלדפאַדענס ארץ־ישראל־פּיעסע.

ביי גאָלדפאַדענען הייבט זיך אָן „בר־כוכבא” אין אַ שול. דאָס איז מער אין הסכם מיט גאָלדפאַדענס שטילער הסכמה צו די רייד פון אונטערטעניקן אליעזר, ווי צו די מונטערע רופן פון בונטאַר בר־כוכבא. דער יונגער רעזשיסער ה' שומאַכער האָט די אַקציע פון דער ערשטער סצענע איבערגעפירט אויף אַן אָפענעם פּלאַץ. די דעקאָראַציע דערמאָנט אָן דעם כותל־מערבי. דאָ ביים אָפּגלאַנץ פון דעם אַמאָליקן יידישן שטאָלץ, איז אַ פּאַסיק אָרט צו דערוועקן דעם דרימלדיק נאַ־

ציאנאלן שטאלץ און דער דאזיקער דעקאראטיווער הינטערגרונד איז טאקע מער עלול, אז די ערשטע סצענע זאל זיך ענדיקן מיט א פלאם־פייערדיקן אויסגעשריי פון פאלק צו קעמפן פאר דער אומאפהענגיקייט פון יהודה. דרך־אגב האט די רעזשי אזוינאך באקומען מער פרייע הענט פאר גרופירונגען און מאסען־סצענעס.ביידע קעגנער, בר־כוכבא און אליעזר, האבן זיך זייערע ערטער צווישן פאלק, און נאר ווען זיי רעדן, ווערן זיי ארויסגערוקט אין פאדערגרונד דורכן שיין פון רעפלעקטאר. אזוי איז דאמינירנד די מאסע.

די צווייטע סצענע קומט פאר ביי אליעזר'ן אין שטוב, אבער אנשטאט די הענגנדיקע פלאכטע, שטעלט דא פאר די בינע אן עכט אריענטאלישע שטוב.

אלס דריטע סצענע איז דא געגעבן געווארן די קרוינונג פון בר־כוכבא'ן. אין יידישן טעאטער ווערט די סצענע אינגאנצן נישט געשפילט. דא האבן זיך באקומען פיינע צערעמאניאל־בילדלעך. דא איז אויך אריינגעפירט געווארן, אויף א פאסיקן אופן, די מוזיק פון הענדלס „יהודה המכבי", וואס האט נאך מער אקצענטירט דעם אריענטאלישן כאראקטער פון דער אקציע.

דאס פערטע בילד איז געווען ממש א רעוואלוציע: אין יידישן טעאטער פלעגט מען אט די סצענע (אין פאלאץ פון רוימישן נציב רופוס) פארשטעלן אויף א לעכערלעכן אופן. דא אבער אין דעם פאלאץ, געהאלטן אין עכט־רוימישן סטיל, האט זיך געפילט דאס פרייע, אויסגעלאסענע לעבן פון די רוימישע סאטראפן, די באל־געזעלשאפט, דער אפרו־פלאץ פאר רופוסן, וואס פלעגט אין יידישן טעאטער פאר־געשטעלט ווערן דורך א טראן, אנשטאט דורך א סאפע, די ריטער־דינער, דער אריינגעפירטער גלאדיאטארן־טאנץ (פון נאוואוויעסקים „קווא וואדים") — אלץ האט געגעבן דעם נויטיקן קאלאריט.

די אנדערע 4 בילדער זיינען געווען לויט גאלדפאדענס טעקסט. אבער אויך דא און דארט האט דער איבערזעצער־רעזשיסער אריינגע־בראכט ענדערונגען: אזוי איז דינה'ס ליד אין תפיסה נישט קיין רעזיגנאציע־ליד, נאר דוקא א ליד, וואס מונטערט צום אויפשטאנד. אין דער סצענע ארום דער מויער איז אריינגעפירט געווען א דעפילאדע. אין דער לעצטער סצענע איז אויף א גוטן טעכנישן אופן דורכגעפירט געווארן די וויזיע פון אומגעבראכטן „אליעזר" (זייער ענלעך צו דער וויזיע און שבועה־סצענע פון „האמלעט" מיט זיין פאטער).

דעקאראטיוו און רעזשיסעריש איז „בר־כוכבא" אוועקגעשטעלט

געוואָרן בשלמות. דאָקעגן איז געווען זייער צוריקשטעליק די שויִ־שפּילערישע זייט. אַלע שפּילער זיינען טאַקע קריסטן, אַזוי אויך דער כאָר מיט איין איינציקן אויסנאַם, אָבער דאָס באַפרייט דאָך נישט פון גוט שפּילן.

פּילאַרסקי אַלס „בר־כוכבא" איז געווען צו פלעגמאַטיש און קאַלט. „בר־כוכבא" פאַרמאָגט היים אָריענטאַליש בלוט. פּילאַרסקי האָט זיך אָבער ממש געשלעפּט אויף דער בינע. די אַנדערע שוישפּילער („אליעזר" — פּאַוועל באַרסקי, „רופוס" —אַדאַם טאַרוויטש, „פּאַפּוס" — אַדאַם גורעצקי, „סעראַפּינאַ" — לעאָקאַדיאַ פּילאַרסקאַ) האָבן יעדער מיטלמעסיק געשפּילט. כמעט אַלע זיינען זיי עלטערע, הייזעריקע שוישפּילער, איין גליקלעכער אויסנאַם איז געווען פרל. יעווגעניאַ בראַנדט אַלס „דינה", אָבער אויך זי איז געווען מער געזאַנגלעך ווי שוישפּילעריש.

נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין ספּעציעלע אָפּערעטע־אַקטיאָרן, האָט דער אַראַנזשירער פון דער מוזיק, ה' ל. זעלמאַן, נאָר טיילווייז באַנוצט גאָלדפאַדענס מעלאָדיעס, איבערהויפּט — די מער פּאָפּולערע. „בר־כוכבא" אַליין האָט גאָרנישט געזונגען.

אביסל געשטערט האָבן אויך דאָס די אומגעהויער לאַנגע פּויזעס צווישן די 8 בילדער. די סיבה ליגט אין דעם, וואָס די דעקאָראַציעס זיינען מאַסיווע, בעת איצט באַנוצט מען זיך מער מיט אַ הינטערגרונט, וועלכער טוישט נאָר די פאָדערשטע פּלאַפּאָנען.

די פאָרשטעלונגען זיינען באַזוכט געוואָרן פון זייער פיל קריסטן. מאַנכע איז דוקא זייער געפעלן, וואָס יידן האָבן אויך געהאַט „מיליִ־טערישע פּאַטריאָטן".

דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען אין אַן עכט יידישער געגנט, וואו ס'זיינען בעת די פאָרשטעלונגען, פאָרגעקומען, דורך כוליגאַנעס, אַנטיִ־יידישע אָנפאַלן, און דאָס האָט זייער פיל געשטערט צום באַזוך, אַזוי, אַז די פּיעסע איז אַראָפּגענומען געוואָרן פאַר דער צייט.

דער „פרעמדער" יעקב גאָרדין

דעם גרעסטן חסרון, וואָס די יידישע קריטיק האָט פאָרגעוואָרפן דעם יסוד־לייגער פון יידישן דראַמאַטישן רעפּערטואַר, יעקב גאָרדין,*) איז געווען, אַז ער קומט פון דער פרעמד. מען האָט נישט געמיינט דערמיט זיין אָפּשטאַם, די סביבה, אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן, נאָר זיין שאַפן. אַ צווייטער יידישער שריפטשטעלער, וועלכער האָט זיך אויך באַטראַכט פאַר אַ יידישן דראַמאַטורג, און האָט כמעט נאָר געשריבן אין רוסיש, סעמיאָן יושקעוויטש, האָט זיינע פּיעסעס פון יידישן לעבן געשריבן אין רוסיש, אַ קליינער טייל פון וועלכע איז איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש, און בעת מען האָט זיי אויפגעפירט, האָט די יידישע טעאַטער־קריטיק אויך זיי פאָרגעוואָרפן באַדנלאַזיקייט. מען פלעגט אָנווייזן, אַז יושקעוויטש שעפּט נישט זיינע יידישע כאַראַקטערן פון עכטן יידישן נאָרמאַלן לעבן, נאָר ער זוכט אויס איינצעלנע עפּיזאָדן און פאַראַלגעמיינערט זיי.

יעקב גאָרדין האָט אַלע זיינע פּיעסעס יאָ געשריבן אין יידיש. ער האָט זיך אַליין באַטראַכט נישט פאַר אַ דראַמאַטורג אויף יידיש, נאָר פאַרן יידישן דראַמאַטורג, פאַרן רעפאָרמאַטאָר פונם יידישן טעאַטער. ער האָט רעפלעקטירט און געוואונען דעם אַטעסטאַט אַלס דער צווייטער, וויכטיקסטער בויער פון יידישן טעאַטער, נאָך אברהם גאָלדפאַדען. דאָך האָט די קריטיק כסדר אויפגעוואָרפן גאָרדינען, אַז זיינע פּיעסעס זיינען נישט יידיש. מען האָט נאָך יעדער אויפפירונג פון זיינער אַ פּיעסע זיך געגריבלט אין איר אָפּשטאַמונג און אויפגעוויזן מיט ראיות ברורות, אַז איר סוזשעט איז גענומען פון דער פרעמד, אַז די גאַנצע אַקציע איז גענומען פון נישט־יידישן לעבן, אַז די העלדן, הגם זיי רעדן יידיש, הגם זיי טראָגן יידישע מלבושים און הגם זיי האָבן יידישע תנועות און העוויות, איז זייער גאַנצער געדאַנקענגאַנג, זייער פילאָזאָפיע און עטיק גענומען פון דער פרעמד.

*) „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, זז. 392-461.

אָנגעהויבן האָט יעקב גאָרדין זיין דראַמאַטורגישע קאַריערע אין 1891 דוקא מיט אַן אָריגינעלער פּיעסע „סיבּיריאַ", און באַלד דערנאָך (1892) — מיט אַ צווייטער אָריגינעלער פּיעסע „דער פּאָגראָם אין רוסלאַנד", אָבער אָט די פּיעסעס, הגם זיי זיינען געשפּילט געוואָרן מיט דערפאָלג, וואָלטן זיכער נישט אַרויסגערוקט גאָרדינען אין פאָדערגרונט, אַפילו פון דער דעמאָלטיקער יידישער דראַמאַטורגיע, ווען גאָרדין וואָלט זיך נישט פאַרטיפט אין פּראָבלעם פון יידישן טעאַטער. ער איז נישט יוצא געווען מיט שרייבן פּיעסעס. ער האָט גענומען שטודירן די נשמה פון יידישן טעאַטער, פון יידישן אַקטיאָר און פון יידישן טעאַטער־עולם. ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין די פראַגן וועגן דער עקסיסטענץ פון יידישן טעאַטער אַלס אינסטיטוציע, און וואָס מען דאַרף טאָן, כדי די דאָזיקע אינסטיטוציע צו פאַרפעסטיקן. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז נישט גענוג אָנצושרייבן אַ פּיעסע פון אַ געשעעניש, וועלכע מען האָט פּערזענלעך איבערגעלעבט (די סוזשעטן פון זיינע ערשטע פּיעסעס) אָדער וועגן איר אינפאָרמירט געוואָרן. עס איז פאַראַן אַ ריזיקע וועלט־דראַמאַטורגיע מיט פּראָבּלעמען, מיט פראַגן פון לעבן, וואָס אינטערעסירן יעדן מענטשן, מעג ער געהערן צו וועלכער־עס־איז ראַסע, נאַציאָנאַליטעט אָדער גלויבן. און אויב דאָס יידישע טעאַטער וויל זיך אַנטוויקלען, אויב עס וויל ווערן אַ בינע מיט טעאַטראַלע געשטאַלטן, מיט מעגלעכקייטן פאַר שוישפּילער־באַדינגונגען, אַ פעלד, וואו דער אַקטיאָר זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט איבערצולעבן לעבנס פון אינטערעסאַנטע „העלדן", דאַרף מען מיט דער פולער מאָס זיך לאָזן שווימען אין דעם גרויסן ים פון וועלט־רעפּערטואַר.

אָבער גאָרדין האָט אויך מיט זיין חוש דערפילט, אַז דער יידישער פּרימיטיווער טעאַטער־עולם קאָן נישט אַזוי לייכט פאַרדייען דעם נישט־יידישן טיפּ אַזוי ווי ער שטייט און גייט, ער קאָן נישט איבערגענומען ווערן מיט די ליידן פון דעם העלד, אויב דער העלד טראָגט נישט כאָטש אויסערלעך דעם מלבוש פון אַ יידן, און גאָרדין איז געגאַנגען אויפן קאָמפּראָמיס־וועג — האָט באַאַרבעט אָדער פאַריידישט אַ ריי נישט־יידישע ווערק פון וועלט־רעפּערטואַר.

אָנגעהויבן אַלס באַאַרבעטער האָט גאָרדין גראָד (1892) מיט צוויי גאָלדפאַדען־פּיעסעס („מליץ יושר" און „משיח'ס צייטן"). גאָרדין איז געווען מיט דער מיינונג, אַז די יידישע בינע האָט זיך שוין אַזוי אַנטוויקלט, אַז די פּיעסעס אין זייער גאָלדפאַדענישן אָרי־

גינאַל זיינען צו־פּרימיטיוו. אָבער זיין ערשטע, גרעסערע, גרינטלעכע באַאַרבעטונג איז די פאַריידישונג פון וויליאַם שעקספּירס „דער קעניג ליר". גאָרדין מאַכט נישט קיין סוד פון דער אַדאַפּטאַציע: ער רופט אָן זיין ווערק בפירוש „דער יידישער קעניג ליר" (1892), און איינער פון די הויפּט־העלדן אין דער פּיעסע ברענגט אַפילו אין זיינער אַ טיראַדע אַ משל פון אמת'ן (שעקספּירישן) קעניג ליר.

אַ צווייטע פאַריידישונג האָט גאָרדין אויך געמאַכט פון אַ שעקספּיר־פּיעסע „ראָמעאָ און יוליאַ". ער האָט די פּיעסע גערופן „די ליטווישע ברידער לוריאַ". די האַנדלונג איז איר דערמאָנט געגנוי דעם סוזשעט פון שעקספּירס פּיעסע, אָבער גאָרדינס „העלדן" זיינען אַלע יידן.

נאָך דער איבערזעצונג פון איבסענס „נאָראַ" (1895) און די דראַמאַטיזירונג „דער שוואַרצער ייד", אָדער, „מאיר יוזעפאָוויטש" פון עליזאַ אָרזשעשקאָ (1895), האָט גאָרדין געמאַכט אַ פּשוט'ע, פרייע איבערזעצונג פון גרילפּאַרצערס „מעדעאַ" (1896), וועלכע איז יאָרן־לאַנג געשפּילט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין דער גאַנצער וועלט. גאָרדין האָט די פּיעסע, וועלכע איז, אין איר דייטשן אָריגינאַל, געשריבן אין ריימען, בלויז איבערזעצט אין יידיש איר דראַמאַטישע אַקציע. (ענלעך האָט געטאָן יאָרן פריער פאַר אים י. י. לערנער*) מיט דער פרייער איבערזעצונג פון קאַרל גוצקאָווס „אוריאַל אַקאָסטאַ", ביז אברהם מאָרעווסקי**) האָט איר צוריקגעגעבן איר פּאַעטישן לבוש).

דאַן (1896) ווידער איינינקע איבערזעצונגען, ווי איבסענס „פּאָלקס־פיינט", „קול שופר", אַ באַאַרבעטונג פון אַן איטאַליענישער אָפּערע פון ערנאַני, די איבערזעצונג „פּאַרוועטס" פון סטעפּניאַק, און אין זעלבן יאָר ווידער אַ נייע גאָרדין־פּיעסע „שלמקה שאַרלאַטאַן", וועלכע באַפּעסטיקט גאָרדינס אָרט אין יידישן טעאַטער. אויך די פּיעסע איז אַ פאַריידישונג, אַ פרייע באַאַרבעטונג פון אָסטראָווסקיס פּיעסע „ביעדנאָסט ניע פּאָראָק" („אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד"). אין 1897 ווערט אויפגעפירט גאָרדינס „דבורה'לע מיוחסת", וואָס איז אַדאַפּטירט פון אָסטראָווסקיס „גריעך דאַ ביעדאַ נאַ קאָוואָ ניע זשיוויאָט" („קיינער ווערט נישט געבוירן אין שאַנד אָדער אין אָרעמ־

*) „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, זז. 1162-1168.

**) „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 2, זז. 1259-1264.

קייט"). אין זעלבן יאָר האָט גאָרדין איבערזעצט לעסינגס „נתן החכם" און באַלד דערויף ווידער פאַריידישט אַ פּיעסע פון וועלט־רעפּערטואַר: שילערס „קאַבאַלע און ליבע" אונטערן נאָמען „רייזעלע, אָדער, זעליק איציק דער כל־זמר".

אין 1898 ווערט אויפגעפירט יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת", וואָס איז אייגנטלעך אַ ווייבערישע פּאַראַפראַזע פון „יידישער קעניג ליר", געבויט אויף שעקספּירס „קעניג ליר".

איצט (1899) קומט גאָרדין ווידער אַרויס מיט עטלעכע איבערזעצונגען; אָקטאַוו מירבאָס „די שלעכטע פּאַסטוכער", „די יידישע געטאָ" (נאָך זאַנגווילס „קינדער פון דער געטאָ"), און ווען ס׳ווערט אין זעלבן יאָר אויפגעפירט גאָרדינס אָריגינעלע פּיעסע „די שחיטה", וויל דוד פּינסקי אין איר אויך געפינען די השפעה פון אָסטראָווסקיס „לעב נישט אַזוי ווי ס׳ווילט זיך". אַז ענלעכע לאַגע שאַפט זיך, ווען ס׳ווערט (אין 1900) אויפגעפירט דאָס באַדייטנסטע ווערק פון גאָרדינען „גאָט, מענטש און טייוול". לואיס מילער פאַרעפנטלעכט דעמאָלט אַ גרעסערע סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע ער באַגרינדעט, אַז גאָרדין האָט זיין פּיעסע „צוזאַמענגעשטעלט" פון „איוב" און פון געטהעס „פאַוסט". אין זעלבן יאָר שרייבט אויך אַן גאָרדין (אַנאָנים) אַן אָפּערעטע „די שיינע מרים און די געפיניקטע", צו וועלכער ער נעמט דעם סוזשעט פון א. ש. פרידבערגס העברייאישן ראָמאַן „עמק הארזים" (דער ראָמאַן איז באַאַרבעט לויטן היסטאָרישן ווערק „וועלי אָוו סידערס" פון גרעיס אַגולאַר).

וועגן זיין פּיעסע „די שבועה", אָדער „ראַניע די פּאַטשטאַרקע" (1900) זאָגט גאָרדין דייטלעך, אַז איר סוזשעט איז גענומען ביי אַן אַנדערן מחבר. ער גיט אָבער נישט אָן די קוועלע — גערהאַרד הויפּטמאַנס „הענשל פורמאַן". דורך־אַגב איז די פּיעסע אויך אַ ווייבערישע פּאַראַפראַזע אַזוי ווי „מירעלע אפרת", ווייל ביידע פּיעסעס זיינען געשריבן דורך גאָרדינען פאַר אַ שוישפּילערין (קעני ליפּצין).

אין זעלבן יאָר ווערט אויך אויפגעפירט נאָך אַ גאָרדין פּיעסע: „די יידישע סאַפאָ". דאָ אַזוי ווי אין „יידישן קעניג ליר" איז גאָרדין אַליין מגלה סוד, אַז די פּיעסע האָט אַ נישט־יידישן מקור, און ווירקלעך זיינען פאַראַן פּיעסעס וועגן „סאַפאָ" ביי גרילפּאַרצער און דאָדע, און גאָרדין האָט זיך מיט זיי טאַקע באַנוצט.

נאָך אַ באַאַרבעטונג פֿון וויקטאָר הוגאָס „לוקרעציאַ באָרדזשאַ", אונטערן נאָמען „דער ממזר" (1901), ווערט אין 1902 אויפֿגעפֿירט גאָרדינס אַן אָריגינעל ווערק „די קרייצער סאָנאַטאַ", צו וועלכער ער אַדאַפּטירט אַ טייל סוזשעט פֿון גראַף טאָלסטאָיס ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען. אין זעלבן יאָר שרייבט אַן גאָרדין נאָך אַ דראַמע „עץ הדעת", געבויט אויף פֿרידריך העבעלס „מאַריאַ מאַגדאַלענאַ".

ווידער קומען (1902) אייניקע פֿרייע איבערזעצונגען: גראַף טאָלסטאָיס „די מאַכט פֿון פֿינסטערניש", גרילפּאַרצערס „סאַפֿאָ" (?) — „פּאַראַדינאַ", וואָס ווערט געשפּילט אונטערן נאָמען „די שטיפֿמאַמע", און דאַן ווערט אין 1903 אויפֿגעפֿירט איינע פֿון די פּאָפּולערסטע גאָרדין־פּיעסעס „די יתומה", וואָס אַ באַדייטנדן טייל פֿון סוזשעט (טיילווייז איז עס אַן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון דער באַרימטער אַקטריסע קעני ליפּצין) גיט דער מחבר אַן דורכן מויל פֿון זיין הויפּט־העלדין כאַסיע אַלס אַן אוקראַאינישע פֿאָלקס־מעשה.

שפּעטער קומען אַ ריי איבערזעצונגען: „קליינבירגער" פֿון מאַקסים גאָרקי (1903), „ראָזאַ בערנדט" און „זונען־אויפֿגאַנג" פֿון גערהאַרדט הויפּטמאַן (1904) ביז אין 1905 טרעט גאָרדין ווידער אויף מיט אַ גרויסע, אָריגינעלע פּיעסע, „דער אומבאַקאַנטער", צו וועלכער גאָרדין האָט זיך זייער פֿיל באַנוצט מיט סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקיס „דער גאָלדענער פֿלוס", און נאָכדעם ווי ס'ווערט אויפֿגעפֿירט (1906) גאָרדינס איבערזעצונג פֿון מאַקסים גאָרקיס „די קינדער פֿון דער זון", באַווייזט זיך ווידער אויף דער בינע אַ באַדייטנדע גאָרדין־פּיעסע „דער פֿרעמדער", וואָס איז אויסגעוואַקסן פֿון טעניסאָנס „ענאָק אַרדען".

ווי מיר זעען, אַלזאָ, האָט גאָרדין, דווקא צו זיינע באַדייטנדסטע ווערק גענומען די סוזשעטן פֿון דער פֿרעמד. ער האָט דערצו באַנוצט די דראַמאַטישע ווערק פֿון די גרעסטע וועלט־דראַמאַטורגן: שעקספּיר, געטהע, שילער, טאָלסטאָי, גרילפּאַרצער, דאָדע, אָסטראָווסקי, איבסען, הויפּטמאַן, פּשיבישעווסקי, ווי אויך פֿון אַ ריי בעלעטריסטן און דיכטער ווי טעניסאָן, פֿרידבערג, אָרזשעשקאָ, זאַנגוויל. אָבער אַ חוץ די אָפֿיציעלע איבערזעצונגען, זיינען אַלע גאָרדינישע פֿרייע באַאַרבעטונגען און פֿאַריידישונגען אַזוי פֿאַכמעניש געמאַכט געוואָרן, זיינע פֿאַריידישונגען האָבן אין זיך אַזויפֿיל יידישן כאַראַקטער, פֿאָלקסטימ־

לעבקייט און ספּעציפישע יידישע מנהגים, זיטן און כאַראַקטער־שטריכן, אַז דער צוקוקער האָט בשום אופן נישט דערקענט זייער נישט־יידישע אָפּשטאַמונג.

גאָרדין, אַ חוץ זיינע דירעקט אָריגינעלע ווערק (אין די צענדלי־קער), איז נאָר פאַר דעם דראַמאַטורגיע־פאָרשער און קריטיקער געווען דער אַדאַפּטירער, דער קאָמבינירער פון נישט־יידישע און יידישע בינע־ווערק. פאַרן יידישן טעאַטער־עולם איז ער געווען און געבליבן דער גרויסער יידישער דראַמאַטורג.

„קין" אויף דער יידישער בינע

(צו עדמונד קינס 100־סטן יארצייט)

שטיל גייט פארביי א מערקווירדיקע דאטע: דער 100־טער יאר־צייט פון איינעם פון די געניאלסטע ענגלישע אקטיארן עדמונד קין. אן ענגלישער אקטיאר, וואס איז א דאנק א פראנצויזישן ראמאניסט און דראמאטורג (אלעקסאנדער דיומא) נישט אפגעשטארבן מיטן מאמענט, ווען מען האט אים אראפגעלאזט אין קבר.

אן ענגלישער אקטיאר? טאקע אן אמת'ער ענגלענדער מבטן ומלדה? א פראגע־צייכן וואלט מען דא געדארפט אוועקשטעלן, ווי מען דארף בכלל אוועקשטעלן עטלעכע פראגע־צייכנס אויף זיין גאנצן אפשטאם.

וואלט קין געווען א דייטש און זיינע קינדער וואלטן זיך היינט געפונען אין „דריטן רייך" און געווען אזוי ווי זייער עלטער־פאטער פארדעכטיקט אין א ביסל יידישקייט, וואלט מען זיכער לייכטער אויס־געפונען זייער יחוס־בריוו און איינמאל פאר אלעמאל פעסטגעשטעלט, צי זיי זיינען ריינע אריער אדער עס פליסט אין זיי אביסל כשר בלוט פון זייער יידישן עלטער־פאטער עדמונד קין.

איז אבער עדמונד קין געווען אן ענגלענדער און זיינע קינדער זיינען געבליבן ענגלענדער, און אזוי איז עס ביז היינטיקן טאג נישט קלאר, צי ער איז געווען א ריינער אריער אדער טאקע א האלבער ייד פון פאטערס צד, פונקט ווי עס איז נישט זיכער ווער עס איז בכלל געווען זיין פאטער — א שטיקל אקטיאר אדער אזוי א שלעפער, צי גאר איינער פון די הויכע פענצטער, דורך וועמענס בלוי בלוט קין איז פארבליבן אזא דזשענטעלמען און אזוי לייכט ארויסגערופן דאס קלאפן פון די הערצער פון די פארנעמסטע לידים.

וועגן עדמונד קין איז אין ענגליש פאראן א גרויסע ליטעראטור, ווייל אין פאנטעאן פון די גרויסע ענגלישע בינע־קינסטלער פארנעמט ער גאר אן אנגעזען ארט, דערצו איז ער געווען איינער פון די בעסטע

שעקספּיר־שפּילער. ער האָט פאַרקערפּערט אי „שיילאָק", אי „ראָ־מעאָ", אי „האַמלעט", אי „קעניג ריטשאַרד", און שעקספּיר איז אַמאָל געווען אין ענגלאַנד דאָס ענגלישע טעאַטער.

אָבער הגם עדמונד קין שטייט מיט אַ פוס אין אונדזער אומה, ווייל אַ סך היסטאָריקער ווילן דורכאויס אין אים זען אַ זון פון אַ יידן, איז אין יידיש פאַראַן וועגן אים זייער ווייניק. אין עטלעכע שורות אויפן זכרון רעכן איך דאָ אויס אַלץ: אַן אַרטיקל אין דער וואַר־שעווער וואָכנשריפט „טעאַטער־וועלט", אַ פאָרוואָרט פון י. אוגער צו מיין יידישער איבערזעצונג פון דיומאַס פּיעסע „קין", ד"ר ל. פאַגעלמאַנס אַ גרעסערער אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און י. האַניגס אַ סעריע אַרטיקלען אין לאָנדאָנער „צייט". קיין גרעסערע אַרבעט וועגן אים אין יידיש איז נישטאָ*).

עדמונד קין איז געבוירן אין 1787 און אין עלטער פון 46 יאָר איז ער, אין 1833, געשטאָרבן.

46 יאָר פאַר אַן אַקטיאָר פון אַזאַ פאָרנעם ווי קין איז באמת נאָך יונגנט. און דערצו איז ער געשטאָרבן בנשיקה — אויף דער בינע. אַזוי ווי אַ סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד.

אָבער אין משך פון דעם קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט, וואָס קין האָט דורכגעקרייצט אייראָפּע און אַמעריקע, האָט ער איבערגעלעבט אַ סך לעבנס. ווי זאָגט ער דורכן מויל פון דיומאַ: „איך מוז יעדע זאָך אין לעבן שטודירן אויף מיין אייגענעם קערפּער, כדי עס דערנאָך קאָנען טריי אַרויסברענגען אויף דער בינע".

קין האָט דורכגעלעבט אַזוי פיל, אַז באמת האָט ער געלעבט עטלעכע הונדערט יאָר. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס לעבן פון קעלער ביז צו די העכסטע פּאַלאַצן, פון זומפּ ביז די געקינסטלטע גן־עדנ'ס, פון פּראָסטיטוטקעס ביז די העכסטע ספערן. זיינע פריינט האָט ער געטוישט אַזוי ווי הענטשקעס — פון מאַטראָסן און אַקראָבאַטן ביז אַמבאַסאַדאָרן און דעם קרוינפּרינץ פון ענגלאַנד. ער איז געווען אַמאָל ברוטאַל ווי אַ ווילדער נאָכן טרינקן עטלעכע טעג און נעבט דזשאַמייקא און באָרדאָ־וויין, און אַמאָל צאַרט אַזוי ווי ראָמעאָ.

קין איז געווען באַשאָנקען מיט אַזאַ אַקטיאָרישן טאַלאַנט, אַז ער האָט געקאָנט דערמיט באַשענקען אַ גאַנצע עדה אַקטיאָרן.

*) אַ גרעסערע אַרבעט וועגן קינען האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט מענדל עלקין אין זשורנאַל „באָדן", באַנד 3, נומער 3-4, אָקטאָבער 1936-אַפּריל 1937.

אַט די דאָזיקע עשירות פון לעבנס־תענוגים און שאַפונגס־טאַלאַנט האָט אַלעקסאַנדער דיומאַ (דער פאָטער) גענומען אַלס קאַנווע פאַר זיין פּיעסע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן באַלד נאָך קינס טויט, און שוין אַ גאַנצער יאָרהונדערט ווי די פּיעסע באַגייסטערט מיליאָנען צוקוקער איבער אַלע וועלט־טיילן און האָט משוגע געמאַכט טויזנטער אַקטיאָרן.

די פּיעסע „קין" האָט אַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט פאַר אַק־טיאָרן. יעדער אַקטיאָר קוקט אויף „קין" ווי אויף זיין עוואַנגעליום. אַלע וויטאַקן פון דעם אַקטיאָר, זיין גאַנץ צעבראָכן געמיט, זיין פרייד רעדט אַרויס פון אַט דער ראָלע.

אומ'רחמנות'דיק רייסט דיומאַ אַראָפּ אין דער פּיעסע דעם פּוץ און גלאַנץ פון הינטער די קוליסן. ער ווייזט די ליידיקע געשעפטן הינטער די אויסגעפּוצטע שויפענסטער, ער טוט אויס אַ נאַקעטן דעם אַקטיאָר. פאַראַן שטעלן אין דער פּיעסע, וועלכע אַקטיאָרן וואָלטן זייערע נאָענטסטע פריינט נישט געקאָנט זאָגן, סיידן זיי וואָלטן זיך פריער געדאַרפט אָנ'שכור'ן, און דאָ זאָגט מען עס פריי.

דער יידישער אַקטיאָר איז נישט קיין אויסנאַם. אויך דעם יידישן אַקטיאָר האָט געצויגן צו דער פּיעסע „קין". שוין דעם 1־טן יאַנואַר 1893 האָט באָריס טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט אין ניו־יאָרק די פּיעסע אין יאָזעף לאַטיינערס „באַאַרבעטונג". נאָך אים האָבן געשפּילט די פּיעסע אין פאַרשידענע אַנדערע יידישע איבערזעצונגען דוד קעסלער און מאַקס ראָזענטאַל, אָבער דאָס יידיש אויף דער בינע איז בכלל דעמאָלט געווען פאַרדייטשמערישט — בפרט, ווען די העלדן זיינען געווען נישט קיין יידן. שפּעטער האָט דער באַרימטער יידישער אַקטיאָר מאָרים מאָריסאָן געשפּילט „קין" טאַקע אינגאַנצן אויף דייטש, נאָר די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט זייערע ראָלן אין יידיש.

אין 1911 האָב איך געזען אין לאָדזשער „גרויסעם טעאַטער" מאָ־מאַנט דאַלסקין שפּילן „קין" אויף רוסיש. אַ יונג בחור'ל אין 17־טן יאָר בין איך דאַן נאָך געווען, און כמעט קיין יידיש טעאַטער נישט געזען. אויף דער גאַלעריע פון טעאַטער בין איך דעמאָלט געשטאַנען, ווייל דעמאָלט האָב איך נאָך געצאָלט פאַר בילעטן, און אַ מאָדנער דראַנג האָט מיך געשטופּט איבערצוזעצן די פּיעסע אויף יידיש. דאָס אַמעריקאַנער יידישער טעאַטער האָט דעמאָלט פאַר מיר עקסיסטירט

פונקט אזוי ווי פאר דער וועלט אמעריקע פאר קאלומבוסן. איך בין געווען זיכער, אז איך האב אנטדעקט די פיעסע.

איך האב אפילו נישט געוואוסט ווי אזוי מען קריגט די פיעסע, אבער אפגעשטאנען פון דעם בין איך נישט. דורך בוכהענדלער האב איך מיר איינגעשאפט א גאנצע „קין"־ביבליאטעק — א רוסישע איבערזעצונג, צוויי דייטשע און איין פוילישע און אזוינאר בין איך צוגעטראטן צו דער יידישער איבערזעצונג.

אזוי ווי אין דער פיעסע זיינען פאראן צוויי עלעמענטן — דער המון און די אריסטאקראטיע, האב איך זיך געשטעלט פאר א פרינ־ציפ, אז די שפראך פון המון זאל זיין מער געמישט מיט העברייאישע אויסדרוקן, דאקעגן די אריסטאקראטיע זאל אויסמיידן שטרענג־העברייאישע ווערטער.

פארטיק געווארן מיט דער איבערזעצונג, האב איך אנגעהויבן זוכן א בעלן צו שפילן די פיעסע. געפאלן דער גורל אויף דער געזעל־שאפט „דראמאטישע קונסט", א ליבהאבער־געזעלשאפט אין לאדזש אונטער מארק ארענשטיינס רעזשי, וואס האט אויפגעפירט אייראפע־אישע פיעסעס. אפגעהאלטן א זיצונג און ענדלעך דורכגעפירט דעם באשלוס צו שפילן, און עטלעכע מינוט נאכן אנגענומענעם באשלוס באקומען די בשורה, אז דאס טעאטער („פוילישעם טעאטער"), אין וועלכן מ'האט געזאלט שפילן, האט נאר וואס אפגעברענט.

בין איך אוועק צום בארימטן יידישן טעאטער־דירעקטאר יצחק זאנדבערג. זייער פיין אויפגענומען, אבער אפגעזאגט און מיט א קלארן מאטיוו:

— אין דער פיעסע זיינען פאראן פרינצן, באראנען, גראפן, ווייסן מיר דען ווי אזוי אזעלכע מענטשן גייען און ווי אזוי זיי רעדן? מילא, אז מען שפילט א יידישע היסטארישע פיעסע האט מען צו טאן מיט א יידישן מלך, מיט יידישע פרינצן, אבער גויים! ניין, און דערצו נאך נאכדעם ווי פון דער זעלבער בינע האבן די פיעסע גע־שפילט אויף רוסיש אזעלכע אקטיארן ווי מאמאנט דאלסקי און די ברידער אדעלהיים. ניין! (אזוי האט גערעדט א יידישער טעאטער־דירעקטאר און אקטיאר אין 1912 . . .).

האב איך זיך געווענדעט צו א צווייטן אקטיאר־דירעקטאר —

יוליוס אדלער, און ער האט מיט שמחה אנגענומען מיין פארשלאג און מוצאי־ראש־השנה 1913 איז „קין" אין מיין איבערזעצונג צום ערשטן מאל געשפילט געווארן אויף דער יידישער בינע אין מזרח־אייראפע, אין לאדזשער „סקאלא" טעאטער, און פון דעמאלט אן ווער פון די יידישע אקטיארן אין אייראפע האט שוין נישט געזאגט די יידישע עברי פון מיין „קין"? — יוליוס אדלער, רודאלף זאס־לאווסקי, לעאן סאקאלאוו, נאטאן דראנאוו, לייזער ראפעל, זיגמונט טורקאוו, מישע פישזאן, משה ליפמאן א. א., און שפעטער האט אברהם מארעוווסקי מיט „קין" דורך א הוראגאן פון 23 בסדר'דיקע פאר־שטעלונגען איבערגעבראכן די „דבוקיאדע" אין 1923.

דערמיט איז באזייטיקט געווארן די פראגע, וועלכע ישעיה אוגער האט געשטעלט אין סוף פון זיין הקדמה צו מיין געדרוקטער איבער־זעצונג „צי עס זיינען שוין דא די קרעפטן אויף דער יידישער בינע, וואס זאלן קאנען שפילן דאס שטיק?"

„קין" אין מיין געדרוקטער יידישער איבערזעצונג, וואס איז דערשינען 1913 אלס מיין ערשט געדרוקט בוך, האט דעם יידישן „קין" פאפולער געמאכט פאר צענדליקער טויזנטער יידישע טעאטער־באזוכער אין אייראפע און ארגענטינע — און איינעם פון זיי, דעם יידישן איבערזעצער פון דער פיעסע, אויף שטענדיק אזוי פארבונדן און פארקניפט מיט טעאטער בכלל און מיטן יידישן בפרט.

דער פּאַלעסטינער יואל ענגעל

ווענן קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל דאַרף שרייבן אַ פּאַכמאָן. ער האָט הינטער זיך אַזאַ קאַריערע אַלס מוזיקער, וואָס קאָן דינען גענוג שטאָף פאַר אַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפּיע, ווי ווענן איינעם פון אונזערע באַדייטנסטע מאָדערנע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן.

מיין כונה איז נאָר צו מאַכן איניקע פאַרצייכנונגען וועגן פּאַלעסטינער יואל ענגעל, וועגן די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ארץ ישראל.

עס קלינגט אפשר ווי איבערגעטריבן, אבער עס איז פאַרט אַ פאַקט, אַז יואל ענגעל, וועלכער איז געקומען אין ארץ ישראל אין עלטער פון 55 יאָר, און האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ רעקאָרד פון 30 יאָר אַרבעט אויפן געביט פון יידישער מוזיק, האָט זיך אין ארץ ישראל געפילט ווי אַ יונג בחור'ל, ווי ער וואָלט ערשט געמאַכט די ערשטע שריט אַלס קאָמפּאָזיטאָר. אַזוי פריש, אַזוי באַגייסטערט, אַזוי דורכגעדרונגען איז ער געווען מיט דער האָפנונג, אַז ענדלעך האָט ער געפונען דעם באָדן, וואו צו פאַרווירקלעכן זיין אַלטן חלום וועגן שאַפן אַן עכט יידישע מוזיקאַלישע סביבה.

יואל ענגעל איז געווען מיט דער מיינונג, אַז מוזיק איז דוקא די נאַציאָנאַלסטע פון אַלע שפּראַכן. ער האָט זיך שטענדיק אַרויס־געזאָגט מינדלעך און שריפטלעך, אַז דוקא אין דער מוזיק דריקט זיך אויס אַמ'בולט'סטן דאָס אייגנטימלעכע, דאָס אָריגינעל נאַציאָנאַלע, און דעריבער האָט ער זיך אַזוי באַמיט אויפצוזוכן די אַלטע קוואַלן פון דער יידישער מוזיק. דעריבער האָט ער אַזוי פלייסיק געאַרבעט, פריער אין פּעטערבורג און מאָסקווע, און שפּעטער צוזאַמען מיט אַנסקין, איבערן תחום המושב, אויסצוגעפינען די אַלטע יידישע פאָלקס־מעלאָדיעס.

און דערמיט ווערט אויך פאַרשטענדלעך, וואָס אין ארץ ישראל, וואָס איז אַ קיבוץ גליות פון פאַרשידענע לענדער, וואו ס'געפינען זיך אויך יידן פון אָריענט־לענדער, האָט ער זיך מיט אַזאַ איבער־

געבנהייט באמית צו אנטפלעקן און פארפיקסירן פאר די קומענדיקע דורות די אָריגינעלע יידישע מעלאָדיעס, וועלכע עס געדענקען נאָך געציילטע יידן פון אַלטן דור, פון יענע לענדער, וואָס זיינען אַמאָל געווען שטאַרק באַוואוינט פון יידן.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן אַ סצענע אַ שבועות ביינאַכט: דאָס איז געווען אין אַ שול פון תימנ׳ער יידן. די תימנ׳ער יידן זיצן שבועות אַ גאַנצע נאַכט אין שול. זיי זיצן נישט אויף קיין שטולן, נאָר אויף בענק, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין דער שול, אַרונטערגע־בויגן די פיס ווי אָריענטאַליער, און פאַר זיי שטייען טאַסן מיט שוואַרצע קאַווע, וואָס עס קאָכן תימנ׳ער פרויען אין אַ שכנות׳דיקן חדר. איבער דער שול הערט זיך דער אָריגינעלער אָריענטאַלישער מעלאַנכאָליש־טרויעריקער און זיסער ניגון פון צענדליקער תימנ׳ער, וואָס זאָגן תיקון. ווערט אַזאַ זאָגער מיד פון זאָגן, דערלאַנגט מען אים באַלד צו אַ טאָס קאַווע, וואָס דערמונטערט אים און גיט אים כח ווייטער צו זאָגן. ווערט ער אָבער שוין אינגאַנצן מיד און די אויגן קלעפּן זיך אים, גייט ער אויך נישט אַהיים שלאָפן, נאָר ער ציט זיך אויס אין זאַמד נעבן שולכל, אָט אַזוי אין אייגענעם מלבוש און מיטן היטל אויפן קאָפּ. אין בעסטן פאַל לייגט ער אונטער אַ ראַנאַזשע, וואָס די ווייבער האָבן אָנגעגרייט, און ער דעקט זיך אויך צו מיט אַ ראַנאַזשע, אָבער אַזוי ווי מען וועקט אים אויף, וואַשט ער זיך די הענט און גייט באַלד ווידער צוריק אַריין אין שולכל ווייטער זאָגן גאַטס תורה.

אין אָט אַזאַ שולכל אין יפו האָב איך געטראָפן נאָך געסט, וואָס זיי־נען נייגיריק צו זען אונזערע תימנ׳ער ברידער פּראַווען שבועות. די געסט זיינען געווען חיים נחמן ביאַליק און יואל ענגעל. זיי האָבן מיט אַן אומגעהויערן אינטערעס זיך איינגעהערט צום דאַווענען פון די תימנ׳ער. דעם דיכטער — האָבן אינטערעסירט די פיוטים, די אַנאָנימע אַלטע יידישע פּאָעזיע, און דעם קאָמפּאָזיטאָר — דער טאָן, די „שטיקלעך" ווי אַזוי זיי ווערן געזאָגט פון די תימנ׳ער.

ענגעל האָט זיך אָבער נישט נאָר אינטערעסירט מיטן אַלטן יידישן לעבן, נאָר דער עיקר מיטן נייעם יידישן אויפבליענדן לעבן. אַזוי האָט ער געמאַכט אַ באַזוך איבערן גאַנצן עמק, איבער דער טע־ריטאָריע, וואו עס אַרבעט דער יידישער פּויער, און ער האָט זיך צוגעהערט צום יידישן ריטם פון זיין אַרבעט כדי צו שאַפן פאַר אים אַ ניגון. ער האָט זיך צוגעהערט צו די נגונים, וועלכע ווערן דאָרט

געזונגען כדי זיי שפּעטער קינסטלעריש צו שלייפן, און זיי פּאַראַייביקן פאַר די קומענדע דורות.

די ערשטע צייט פון זיין קומען אין לאַנד, איז ענגעל געווען זייער אַנטוישט. ער האָט געהאָפט דאָ צו הערן דאָס עכטע יידישע ליד, צום סוף האָט מען אין ערגעץ נישט געהערט זינגען קיין העברייאיש ליד פון אַ דיכטער, אָדער אַ פאָלקס־לידל, נאָר רוסישע לידלעך, פּוילישע און דייטשע און אַמאָל אַ יידיש פאָלקס־לידל, אַלץ לידער, וואָס עס האָבן מיטגעבראַכט די אימיגראַנטן פון די לענדער פון וועלכע זיי זיינען געקומען. קיין ארץ ישראל־לידער זיינען נישט געווען, און די ארץ ישראל־ניגונים, וואָס זיינען יאָ געווען, זיינען געווען אַזוי קליין אין צאָל, אַז זיי זיינען נישט גענוג געווען אפילו פאַר איין קאָנצערט.

ענגעל האָט באַשלאָסן אויסצופילן אָט דעם בלויז. ער איז געוואָרן דער העברייאישער פאָלקסטימלעכער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט גענומען אויף זיך צו לייגן דעם יסוד פאַרן העברייאישן פאָלקס־ליד.

דורך די דריי יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין ארץ ישראל, האָט ענגעל געשאַפן זייער פיל לייכטע מעלאָדיעס, אַרבעטער־ניגונים און געשליפן פאָלקס־ניגונים, אָבער עפּעס מיט אַ באַזונדערער ליבע איז ער צוגעבונדן געוואָרן צו די יידישע אַרבעטער, און ווען ביי דער „הסתדרות" איז געשאַפן געוואָרן דער העברייאישער אַרבעטער־טעאַטער „אהל", איז ענגעל געוואָרן דער מוזיקאַלישער לייטער פון דעם טעאַטער. ער האָט געשאַפן אייניקע פּרעכטיקע מעלאָדיעס צו פּרצס איינאַקטערס מיט וועלכע דאָס טעאַטער, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ סטודיע, האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט.

שפּעטער ווען די סטודיע איז געוואָרן אַ שטענדיק טעאַטער, האָט ענגעל זיך נאָך מער צוגעבונדן דערצו, און זיין מעלאָדיע צו הייערמאַנסעס „דיגים" („די אונטערגעגאַנגענע האָפנונג") האָט געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָל אין דערפאָלג פון דער פּיעסע.

קיין פּרנסה האָט ענגעל פון „אהל" נישט געהאַט. חיונה האָט ער געצויגן פון זיין אַ מוזיק־לערער אין לערער־סעמינאַריום און אין דער מוזיק־שול „שולמית", אָבער ווי נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט האָט ער זי אוועקגעגעבן פאַרן „אהל".

ענגעל האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט יעדן נייעם ליד, וואָס איז געדרוקט געוואָרן, צי עס נויטיקט זיך נישט אין אַ מעלאָדיע. ער

האט אויך אנגעהויבן שרייבן א קינדער־אפערע און זיך אפגעגעבן מיט צונויפשטעלן אן ענציקלאפעדיע פון יידישער מוזיק.

ווען ער איז קראנק געווארן, האבן אים די דאקטוירים שטרענג פארווערט צו ארבעטן און איבערהויפט ארויסצוגיין פון שטוב. ענגעל האט זיי אבער נישט געפאלגט, און ווען די העברייאישע אפערע האט אויפגעפירט די אפערע „דער בארבער פון סעוויל", איז ער אוועק אין טעאטער און דערנאך אנגעשריבן אן ארטיקל וועגן דער אויפפירונג. אזוי ווי ער איז נאר אביסל געקומען צו זיך, איז ער ווידער קראנק געווארן, אבער אין דער מינוט ווי ער האט נאר בעסער געפילט, האט ער אנגעשריבן א ניגון מיטן נאמען „עונג שבת" פאר די שבת־בעלער, וועלכער מען האט דעמאלט אנגעהויבן איינצואָרדנען אין תל־אביב.

אין די לעצטע טעג פון זיין קראנקהייט איז איבער גאנץ ארץ ישראל געגאנגען א שטארקן גוס־רעגן און עס איז געווען א שטורם־ווינד, אז ס'איז געווען זייער שווער צו גיין איבערן גאס, דאך זיינען געקומען פיל פריינט באזוכן דעם חולה. א טאג פאר זיין טויט, ווען א פריינט האט אים באזוכט, האט ענגעל צו אים געזאגט:

— צו וואס האט איר זיך געדאַרפט שלעפן צו מיר אין אזא וועטער? מארגן שטיי איך דאך שוין אינגאנצן אויף פון בעט...

אין טאג פון זיין שטארבן, האט זיך ענגעל זייער גוט געפילט, און ער האט געהאט מיט צוויי פריינט א לענגערן שמועס אויף א מוזיקאלישער טעמע. א גאנצן טאג האט ער געשריבן זייער פלייסיק. אין אָוונט איז געקומען צו אים אויף א באזוך דער טענצער אגדתי, און ענגעל האט אים דערציילט, אז ער האלט ביים פארענדיקן 3 נייע מעלאָדיעס פאר א טאנץ מיטן נאמען „מלוה מלכה", און פארענדיקט דעם שמועס האט ער מיט די ווערטער:

— מארגן וועט די זון זיכער אויפשיינען, און איך וועל ענד־לעך ארויסגיין.

ער האט נישט געוואוסט ווי קראנק ער איז און ער האט גע־גלויבט, אז וויבאלד דאס וועטער וועט זיך נאר אויסלייטערן, וועט ער קאנען אראפ פון בעט און זיך ווידער נעמען צו פרישע ארבעט.

אבער דאסמאל האט ער זיך אפגענארט...

אַן אַ סופלער

יאָרן־לאַנג רײדן נאָך די אַקטיאָרן דעם סופלער. נאָכט בײ נאָכט קײען זײ איבער װערטער פון טאַלאַנטירטע און טאַלאַנטלאָזע דראַ־מאַטורגן, ביז זײ הערן כמעט אױף צו רײדן זײער אײגענע שפּראַך. װען איר קענט גענױ דעם ײדישן טעאַטער־רעפּערטואַר, און איר רעדט מיט אַן אַקטיאָר, קאָנט איר לײכט אַנאַליזירן װיפל זאַצן זײנען פון גאָלדפאַדענען, װיפל פון גאָרדינען, פון זאָלאָטאַרעװסקין און פון די „מאָדערנע" . . .

אַלײן איז מען געװאָרן אַ פאָנאָגראַף, װעלכן מ'דאַרף אָבער צו־ערשט אָנדרײען.

און דאָ, אמנעסטיע: דער אַקטיאָר דאַרף אַלײן רײדן, אָן אַ סופלער.

אָבער נישט געכאַפּט — דער סופלער איז דאָ: ער הײסט לעבן.

די צוזאַמענפאָרן פון די ײדישע אַקטיאָרן זײנען נישט קײן דעמאָנסטראַציעס, זײ זײנען בילאַנסן, יום הדין'ס פאַרן גאַנצן יאָר.

זײ זײנען דער עמוד האש, װאָס דאַרף באַלײכטן דאָס פאַרגאַנ־גענע יאָר, און אָנװײזן דעם דרך הישר פאַרן קומענדן יאָר.

דער 10־טער צוזאַמענפאָר פון ײדישן אַרטיסטן־פאַראײן אין פּױלן, דער יום טוב'דיקער, דער מנין, האָט אײגנטלעך געזאָלט אַרױס פון טאָג־טעגלעכן חשבון הנפש. ער האָט געזאָלט זײן אַביסל מבוסמ'־דיק, אָבער דער סופלער לעבן האָט נישט געלאָזט. ער האָט כסדר אונטערגעזאָגט: „גאַזשע", „פּראָצענט", „מאַרקן", „נע ונד", „פרוי מיט קינדער", און — מ'װערט עלטער . . .

און מ'האָט געמוזט דאָס ביסל יום טוב'דיקע אַריבערטראָגן אין אַ מקום מוכן לשנעפּסל — אין אַ באַר, אױף אַ ספּעציעלן באַנקעט.

⁂

די קאָנפערענץ איז געװען אַ הײסע.

דאָס איז דער אַלגעמײנער סך הכל. נישט די רעפעראַטן זײנען

געוועז הייסע. דאָס איז ערשט געוואָרן שפּעטער, ביי די דעבאַטן, און די סאַמע היץ איז געוועז גראָד ביינאַכט, ווען אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל.

דער אַרטיסטן־פאַראיין האָט אַ גאַנץ שיין לאָקאַל, הלואי אויף אַלע יידישע חברות פון אַ פערטל טויזנט מיטגלידער געזאָגט. אָבער מאַכן דאָרטן אַ קאָנפערענץ און אַריינלאָזן איבער 150 מענטשן אין דער צייט ווען דער רבונו של עולם האָט אַרויסגענומען די זון פון איר פוטער־פעסל — דאָס האָט מען נישט געטאָרט.

ווען מען זאָל אונטערזוכן די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, וואָלטן די געזונט־געבליבענע, נאָך דער שטיקענדער היץ אין זאַל, זיכער בטל געוואָרן בששים אין פאַרגלייך מיט די קראַנק־געוואָרענע און פאַרמאַטערטע.

ווי האָט אַ קאָמיקער געזאָגט אָדער געוואָלט זאָגן:

— די גרעסטע ליטעראַרישע ראָל קאָן אַזוי נישט אָפּמאַטערן ווי די היץ אין זאַל.

און אין אַזאַ היץ שטעלן זיך אָוועק יידן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם מאַנטל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און רחמנות, און האַלטן לאַנגע דרשות פונקט ווי ווינטער־צייט צו די וואַלן צום סיים*) און די שטאָט־ראַטן.

עס זאָל דאָס פעלן אַ וואָרט: סאָציאַליזאַציע, קאָנסטרוקטיווער אויפבוי, רעוואָלוציאָניזירענדער קאָלעקטיוויזם.

נאָך אַביסל, און די רעוואָלוציע וואָלט שוין געקומען: די אַק־טיאָרן וואָלטן אויסגעבראָכן אין אַן אויפשטאַנד טאַקע קעגן די דאָזיקע בעלי דרשנ'ס, וואָס אַ גאַנץ יאָר לאָכן זיי און שפּעטן אָפּ פון יידישן אַקטיאָר (ער שפּילט שונד און איז נישט קיין קינסטלער), און היינט קומען זיי אים גראַטולירן . . . נו, יאָ, הלמאי דאָס פּוילישע בילדונגס־מיניסטעריום, וואָס גיט נישט קיין פּרוטה פאַר אונדזער בידנער יידישער בינע, איז דאָך אויך געקומען באַגריסן . . .

יאָ, ברידער אַקטיאָרן, היינט שפּילט מען פאַר אייך טעאַטער.

⁂

אין זאַל זיצן מענטשן, וועלכע האָבן מיט זייער געלעכטער, מיט זייערע וויצן, מיט זייער זינגען און טאַנצן פרייליך און לוסטיק גע־

*) סיים — פּוילישער פּאַרלאַמענט.

מאכט צענדליקער טויזנטער מענטשן, און אליין זיינען זיי גאָרנישט פּריילעך, אליין זיינען זיי ערנסט געשטימט.

פּרנסה!

דער צענטער צוזאַמענפּאַר: אַ קימא לן, ס'איז שוין מער ווי 10 יאָר ווי דער פֿאַראיין עקסיסטירט, און יעדער פֿון די באַזוכער איז אויף אַזויפיל עלטער געוואָרן.

עלטער! — דאָס איז דאָך דער ערגסטער שונא פֿון אַקטיאָר.

ווען גאָט העלפט און מען גיט אַרויס אַן אַמנעסטיע, אַז די 10 יאָר ווערן פֿון יעדן אַראָפּגענומען.

אָבער ניין, דאָס איז פֿאַנטאַזיע. אין דער ווירקלעכקייט בלייבט נאָר אַ שימער, אַ שאָטן פֿון אַ גלאַנצפֿולן נאָמען, און פֿון הינטן שטייען שוין די יונגע חברה: די אַספּיראַנטן און קאַנדידאַטן**).

זיי שטייען גרייט צו פֿאַרנעמען די פּאַפּירענע קרוין פֿון קינסטלער, און די — קאַסע.

שלעכט!

גאָטעניו, זאָל באַדיי קומען אַ סאָציאַליזאַציע פֿון אַלע טעאַטערס, אַבי מ'זאָל שוין נישט דאַרפֿן זאָרגן וועגן שטיקל ברויט, ווען דאָס פּנים איז שוין אַביסל געקנייטשט, און כּדי צו לייענען אַ ראָל דאַרף מען אָנטאָן ברילן.

⁂

לחיים!

נע ונד'ניקעס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אָפּצו'טובל'ן אין שנאַפּס און ווייַן זייערע אומעטיקע צרות.

דערציילט איינער:

די טרופּע האָט נישט געהאַט קיין הוצאות צו פֿאָרן. דער פֿאַר־וואַלטער האָט אָבער געוואָרט אין אַן אַנדערער שטאָט, און ער האָט געמוזט וויסן אויב מען קומט, האָט מען אים טעלעגראַפֿירט: „די טרופּע איז אַרויסגעגאַנגען".

דערציילט אַן אַנדערער:

אסתּר רחל קאַמינסקאַ האָט בייטאָג איבערגעלעבט אַן אומגליק; זי האָט גע'מפּיל'ט, ווייל זי האָט ביז דער לעצטער מינוט געמוזט

**) לויט די געזעצן פֿון פֿאַראיין מעגן אַספּיראַנטן און קאַנדידאַטן שפּילן נאָר ווען אַקטיאָרן זייַנען שוין אַנגאַזשירט.

שפילן אויף דער בינע, און טאקע אין יענער נאכט האט זי געמוזט שפילן, ווייל די טרופע איז געווען פארמשכנט.

דערציילט א דריטער:

איין פאס האבן מיר געהאט און כדי צו נעמען א דערלויבניש צו שפילן, האט מען געמוזט האבן א פאס, איז אבער דער בעל הפאס נישט געווען קיין בעל־לשון, האבן מיר אויפגעזוכט דעם „רעדנער" צווישן אונדז, און ער איז אוועק צום פאליצייסטער מיטן פרעמדן פאס, און ווען ס'איז געקומען צו רייד, איז ער געווארן אזוי צעטומלט, אז ס'איז קלאר געווארן, אז ער איז נישט דער אייגנטימער פון פאס. פארשטייט זיך, אז מען האט אים ארעסטירט און אפגעפירט מיטן עטאפ.

און דערציילט אייך איינער עפעס פריילעכס, קלינגט עס אט אזוי:

גאלדפאדענס פרוי פלעגט ליב האבן צו נאשן צוקערלעך. גאלד־פאדען איז דעמאלט מיט איר געווען אין גאליציע. ער האט דעמאלט געשריבן און אויפגעפירט אייניקע פיעסן, און קיין גרויסע געלטער איז נישט געווען. רופט זיך אמאל אן גאלדפאדען צו מיר אזוי: „קיין לייטיש מלבוש האב איך טאקע נישט פון מיינע פיעסן, קיין צוקערלעך האט מאדאם גאלדפאדען אויך נישט, אבער דערפאר ווילן יידן האבן א טעאטער".

דערמאנט גאלדפאדענען, צעזינגען זיך יונגע און אלטע אקטיארן גאלדפאדענס ניגונים.

די בריק, וואס פאראייניקט אלע.

יארן געבענקט פטור צו ווערן פון דירעקטאר, דורכגעמאכט חברים־טרופעס, טרופעס אויף פראצענטער און אויף מארקן, און צוריקגע־קומען צום אלף:

— וואו נעמט מען דעם טעאטער־דירעקטאר?

פוילן איז גרוים געווארן. עס זיינען פאראן צענדליקער שטעט צום שפילן. אויב די אסימילאציע האט צוגערויבט אביסל יידיש טעאטער־פובליקום, האט די ציוויליזאציע דעם דאזיקן מינוס ממלא געווען: דאס יידישע טעאטער־פובליקום איז היינט גרעסער ווי מיט יארן צוריק.

— אבער וואו נעמט מען דעם טעאטער־דירעקטאר, דעם גוטן, פאראינטערעסירטן ארגאניזאטאר און אונטערנעמער?

וועט ער קומען דורכן באשלום, אז אין די גרויסע שטעט טאָר מען נישט שפּילן אַנדערש ווי אויף שכירות, אָדער וועט ער קומען אַז א גזרה פון „אויבן״?

פּלפּול׳ט מען זיך, לאָזט מען צוויי מאָל שטימען אַ פאַרשלאָג, וואָס די נייע פאַרוואַלטונג וויל נישט אָננעמען.

און אין דרויסן איז שוין העלער טאָג.

האָט איר געזען ווי אַ שיינע פרוי שטייט אויף פון איר געלעגער נישט געוואַשן און נישט געשמינקט?

טעאַטער איז שיין, אָבער נישט פאַרטאָגס.

די צוקונפט פון יידישן טעאטער אין אמעריקע

שרייבן וועגן דער צוקונפט פון א זאך הייסט כמעט ווי זאגן נביאות, און עפעס, זאגט מען, אז זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז די נבואה איבערגעגעבן געווארן צו די נאראנים, און עס וואלט זיך זייער נישט געוואלט זיך אליין אפשטעמפלען אלס נאר.

אז אנדערע זאלן דאס נישט טאן, קאן מען נישט פארהיטן, ווארום ווער זעט דען נישט אוים אין דעם אנדערנס אויגן ווי א נאר, בפרט נאך אויב מען האט היינטיקע צייטן א שטיקל אידעאל אדער אידעע פאר וועלכע מען איז נאך פון צייט צו צייט עפעס מקריב. פאר דעם, אלזא, קאן מען זיך נישט פארהיטן. יעדע זאך, וואס איר טוט אנ־דערש ווי די מערהייט, קוקט אוים ווי נישט־קלוג. אט א שטייגער האט זיך דער גאנצער עולם, מענער און פרויען, א ווארף געטאן צו רויכערן, און אויב איר זיצט אין א געזעלשאפט און מען איז אייך מכבד מיט א פאפיראס און איר האט דעם מוט צו זאגן, אז איר געהערט צו די „יחידי סגולה", וואס רויכערן נישט, גיט מען אייך א מעסט אפ מיט א בליק, וואס גיט אייך נישט צו קיין גרוים כבוד. עס איז שוין באלד ממש אן אידעאל פאר וועלכן מען ברענגט קרבנות אבער אליין זיך אנטאן דאס נארן־מיצל, ווייל מען וויל פאראוים זאגן וואס עס וועט, און מוז קומען, איז אביסל פריקרע, אבער, אז צו פארלירן האב איך שוין ניט וואס, פארהייראט בין איך, אומבאקאנטע קוקן אויף מיר ווי אויף „אן אוואנטוריסט", וואס פארדרייט יידן דעם קאפ מיט א בוד, מיט ציפערן און דאטעס אזוי ווי די ליסטעס פון אינקאם־טעקס*) אין א סטייט**); און באקאנטע און פריינט קוקן אויף מיר מיט באדויערן, וואס „איך בין נעבעך אביסל גערירט" און

*) הכנסה-שטייערן.
**) שטאט.

זיך אריינגענומען א משוגעת אין קאפ דוקא צו פארצייכנען א שטיק יידישע געשיכטע, וואס שפעטער אין הונדערטער יארן ארום ווען מיר וואלטן זי נישט געהאט פארצייכנט, וואלט מען געזעצט אויספארשונגס־קאמיסיעס מיט פראפעסארן זי אויסצוגראבן פון די בערג צייטונגען און ארכיוו־מאטעריאלן איבער דער גארער וועלט.

אויב אזוי טאקע, טא וואס האב איך מורא צו ריזיקירן און זאגן אביסל נביאות? און, שא, אפשר איז די פראגע וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאטער אין אמעריקע גארנישט קיין נביאות, נאר מען קאן זי אנאליזירן אויפן גרונט פון דער פארגאנגנהייט און קעגנווארט?

אויב אזוי, איז דאך די גאנצע זאך גאר אנדערש. דארף מען דאך, הייסט עס, אביסל שמועסן וועגן דער פארגאנגנהייט און וועגן דער קעגנווארט און צום סאמע סוף ציען פון דעם די קאנסעקווענצן פאר דער צוקונפט.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז די לייכסטע זאך איז צו רעדן וועגן דער פארגאנגענהייט. א גרויסער טייל פון די דירעקט־פאראינטערעסירטע לעבן שוין נישט. נישט זיי וועלן לייענען, וואס מיר שרייבן און נישט זיי וועלן פראטעסטירן אדער שיקן הכחשות ווען די פאקטן, וואס מיר וועלן אנגעבן, וועלן נישט שטימען מיט זייערע פאקטן, אדער מיט דעם ווי זיי האבן די פאקטן געזען. אנדערש איז אבער וועגן דער קעגנווארט. דא שטויסט מען זיך אן אויף לעבעדיקע מענטשן, וואס יידיש טעאטער איז נישט נאר זייער דעזערט, נאר זייער ברויט און פאר ברויט קעמפט מען צי מען איז יא גערעכט צי נישט. און דאס זעלבע וועגן דער צוקונפט. א שווינדזיכטיקער, וואס ליגט אין שפיטאל, אייגנטלעך אזוי ווי א צום טויט־פאר׳משפט׳ער זיצט און ווארט אויפן טויט, גלויבט דאך אויך, אז אט־אט וועט געשען א נס און איין זון־שטראל וועט אים צוריקשטעלן אויף די פיס. טא פארוואס זאלן עס נישט גלויבן מענטשן מיט שוואכערע קראנקהייטן, מיט קלענערע דעפעקטן אין זייער קערפער, און פארוואס זאלן זיי נישט בייז ווערן ווען איר קומט און זאגט זיי פארט אפ דאס לעבן?

האב איך, הייסט עס, צו דערווארטן א גרויסן פראטעסט־געשריי מצד די אקטיארן און מצד די פארשטייער פון זייער פאך, נאר עס קאן געשען א נס, אז קיינער פון זיי זאל נישט לייענען דעם ארטיקל און עס וועט זיין שלום על ישראל. פארן פובליקום, פארן פשוט׳ן לייע־

נער האָב איך נישט קיין מורא, ער איז מיט מיר. ער איז אפשר נישט אזוי דענקענד ווי פּראַקטיש, אַלנפאַלס איז ער נישט אַבסטראַקט געשטימט, אים פאַראינטערעסירן נישט די סיבות, דער „וואָרום", נאָר דער „דאָרום", ווי מען וואָלט עס געזאָגט אין דער שפּראַך פון פאָרן „דריטן רייך". ער קוקט אָן די לאַגע ווי זי איז און האָט צו איר אַ באַציאונג, אַ סענטימענטן און אַ פּערזענלעכע מאָטיוון.

וואָס איז געווען יידיש טעאַטער אין אַמעריקע אין דער פאַרגאַנגנהייט? — אַ שטיק קאָנצענטרירט יידיש לעבן. געקומען אין אַמעריקע אַ מאַסע אלף־בית׳ניקעס בכלל, אָדער בפרט אין וועלטלעכן זינען, האָבן צוליב דעם שאַפּ פאַרלוירן זייער רעליגיעזע נשמה יתירה, וואָס האָט גייסטיק אויסגעפילט זייער חלל אין לעבן, זיינען געוואָרן אַרויסגעריסן ווי בוימער פון זייער סביבה און פריינט, האָבן איבערנאַכט געדאַרפט בייטן מנהגים, זיטן, וואָס זיינען דורך דורות געוואָרן זייער צווייטער נאַטור. דאָס יידישע טעאַטער איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וואָס האָט זיי דאָס אַלץ ערזעצט. גאָלדפאַדענס אַ לידעלע וועגן בית המקדש, הורוויצעס „משה רבנו" און לאַטיינערס „יוסף מיט די ברידער" האָבן אויסגעפילט די בענקשאַפט צום חומש, צום עין יעקב, וואָס מען האָט געהערט שבת נאָכמיטאָג אין שניידערישן שולכל זאָגן דעם למדן פון שטעטל. יעקב גאָרדינס „גדליה לוריע", „מירעלע אפרת", „נחום׳טשע חנה דבורה׳ס", „אָקסל", ר׳ הערשעלע דובראָוונער", „חנה דבורה", „שמואל יאָסל" און „שמשון אייזנשטאַרק" האָבן געבראַכט אַ שלום־עליכם פון די קרובים און פריינט, וועלכע מען האָט דאָרט אויף יענער זייט איבערגעלאָזט. מען האָט כמעט געפילט ווי מען איז ווידער מיט זיי. די אַלטע מנהגים און ווערטלעך פון וועלכע מען האָט זיך אַנגעהויבן אָפּגעוואוינען, ווייל מען האָט באַשלאָסן צו ווערן „אמת׳ע אַמעריקאַנער", האָבן נאָך אַמאָל אַ שיין געטאָן מיט זייער גאַנצער, צו זייער צוגעוואוינטער, שיינקייט ווי דאָס טייכעלע אין דער אַלטער היים, ווי דער איינגעפאַלענער סאָד, ווי דאָס וואַקלדיקע בריקל, וואָס איז ווי אַ פליג קעגן דער מאַנהעטען ברידזש, אָבער דאָס בריקל איז דאָך ליבער דורך דעם אָפּגעטיילטן שטח.

האָט דאָס יידישע טעאַטער טאַקע אויסגעפילט אַ שטיק יידיש לעבן, איז טאַקע יידיש טעאַטער אין אַמעריקע געווען אַ נויטווענדיקייט פאַר הונדערטער טויזנטער יידן, אָבער, און דאָ הויבט זיך אָן דער „ויהי", דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע האָט נישט געהאַט קיין

פירער. אזוי לאנג ווי עס האט זיך געהאלטן אין ענגע ראמען: גאלד־פאדען מיט זיין טרופע, שפעטער נאך צוויי טרופעס: לערנער און לאטיינער אדער שמ״ר, האבן די פירער געהאט די קאנטראל, אבער ווען דאס יידישע טעאטער אין אמעריקע איז ראפטום געוואקסן אזוי ווי בראנזוויל*), זיינען די טעאטער־פירער אליין געפירט געווארן. דאס איז אייגנטלעך דאס אומגליק פון יעדער אונטערנעמונג, נישט צו קאנען האלטן דעם וואוקס אונטער קאנטראל. דאס יידישע טעא־טער האט אזא פירערשאפט נישט געהאט. ווי יעדע אינדוסטריע אין אמעריקע האט מען זייער אכטונג געגעבן, אז מען זאל קריגן באצאלט פאר דער ארבעט, נאר אויף דער קוואליטעט פון דער ארבעט האט מען נישט אכטונג געגעבן: מען האט נישט באמערקט, אז דער ייד איז אמעריקע קריסטאליזירט זיך איבער. ער האט שוין פארלוירן דעם סענטימענט צו זיין היימישער קאפאטע, צום ווישן די נאז מיטן ארבל, צו דעם צונאמען מיט וועלכן מען פלעגט רופן יעדן דריטן ייד אין דער אלטער היים. ער האט אויך שוין באוויזן זיך אויסצולערנען לייענען ענגליש און אמאל אן אנדער לשון. ער זעטיקט שוין זיין בענקשאפט צו יידישקייט דורך צייטונג, און בוך, דער אלטער שטאף טויג שוין מער נישט פאר אים, אפילו אין א געענדערטער פארם.

וואס האט מען געדארפט טאן? איינס פוןביידע, אדער אויפ־געבן דעם געדאנק וועגן טעאטער אין יידיש, אדער דערציען דעם עולם מיט א באציאונג פון דרך־ארץ און ליבע צו דער יידישער שפראך. ממילא וואלט יעדע פיעסע פון יעדן ווינקל פון לעבן, פון יעדער סיטואציע, פון יעדן פאלק, פון יעדער סביבה, אבי נאר אין דער יידישער שפראך, געווען יידיש טעאטער. אזוי קוקט יעדעס פאלק אויף זיין טעאטער. אין ווארשע, די הויפט־שטאט פון פוילן, האב איך אויף א טיר פון זאקסישן גארטן געזען קלעפן בערך 10 אפישן פון פארשידענע טעאטערס, און אויף יעדער פיעסע איז געווען אויפ־געשריבן דאס ווארט „איבערזעצט פון . . .״, און כאטש פויליש טעא־טער האט א לאנד מיט א שפראך פאר 30 מיליאן מענטשן, מיט א מלוכה, וואס שטיצט דאס טעאטער, מיט דראמאטורגן, וואס שילדערן דאס לעבן פון אט די 30 מיליאן אין זייער פארגאנגנהייט, קעגנווארט און צוקונפט, פונדעסטוועגן הייסן די 10 פיעסעס, גענומען פון איטאל־יעניש, דייטש, רוסיש, טשעכיש, פראנצויזיש, ענגליש, לעטיש און

*) בראנזוויל — א גרויסער יידישער קווארטאל אין ניו־יארק.

אונגאַריש, „פּויליש טעאַטער", ווייל אין דער ערשטער ריי האַנדלט זיך פאַר אַ טעאַטער זיין שפּראַך. ביים יידישן טעאַטער, ביי זיינע טרעגער, סיי די אַקטיאָרן, סיי דירעקטאָרן, סיי די מתעסקים, איז די שפּראַך געוועזן אַ נעבן־זאַך: יידיש טעאַטער אין דער יידישער שפּראַך ווערט אַ נעבן־זאַך, ווי זאָגט דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל „אַזוי ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען".

גייט מען היינט אין יידישן טעאַטער אָן שום באַציאונג, וואָס דאָס מיינט אַמוזירן זיך בלויז, און דאָ איז אַמעריקע אַ לאַנד מיט גרויס קאָנקורענץ. מען קוקט אַזוי לאַנג אויף אַ הויז פון 80 שטאָק ביז מען בויט אויס אַ הויז פון 85 שטאָק. יחוס איז דאָ אַ פאַרבראַ־קירטער אַרטיקל. „וואָס איז ער ווערט?", אָט אַזוי שאַצט מען. פאַר וויפיל אַמוזירט מען זיך ווען מען צאָלט 75 סענט? מען קריגט „מאָנים־וואָוירט"?*) און עס איז טאַקע שווער צו קריגן אויב מען מעסט בלויז אַזוי. טרפה פליישׁ קאָסט נאָך אַלץ ביליקער. גוייִ־שער אַמוזיר־שטאָף איז אַלץ נאָך שטאַרקער און ביליקער, ווערט דאָס יידישע טעאַטער אויסגעשטעלט נישט אויף ביזנעס, נאָר אויף אַ נדבה. נו, אַ נדבה קאָן מען קיינעם נישט אויפצווינגען צו געבן, און וויפיל ער גיט, מוז ער דערפאַר קריגן אַ שיינעם דאַנק, כאָטש מען קאָן אַמאָל פאַר דער נדבה מער נישט קריגן ווי אַ שאַכטל צינדהעלצלעך אָנצוצינדן בלויז צו קאָכן אַ מיטאָג, אָבער דאָס מיטאָג גופא איז נישטאָ.

אַזוי זעט אויס די קעגנוואַרט.

די צוקונפט? מען מוז זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז יידיש טעאַטער אין דער יידישער שפּראַך איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער יידישער קולטור. וואָס אַמאָל מוזן ענגער ווערן די פעדעם, וואָס פאַרבינדן די יידישע פּרעסע, ליטעראַטור, קונסט, שול און יידיש טעאַטער און זייערע טוער, און אין אָט דעם קאַמף פאַר דער צוריקאויפלעבונג פון דער נייער יידישער קולטור־שפּראַך פון די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע איז אָפּהענגיק דער ענטפער וועגן דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

דער איצטיקער ייד אין אַמעריקע איז גאַנץ אַנדערש פון דעם אימיגראַנט, כאָטש טיילמאָל איז עס נאָך דער זעלבער גוף. ער מוז

*) דעם ווערט פאַרן באַצאָלן געלט.

אַנהויבן לעבן אַלס מאָדערנער ייד מיט די אַטריבוטן פון אַ מאָדערנעם יידן. וועט געלונגען צו האָבן אין אַמעריקע יידישע יידן, וועלן מיר האָבן אַ נייעם יידישן טעאַטער אין דער יידישער שפּראַך. אויב מיר וועלן האָבן אַז אַמעריקאַנער יידן, האָט יידיש טעאַטער קיין אויסזיכטן אויף דער צוקונפט סיידן רעשטלעך ווי די „פּיינטעד דעזערט"**), צו וועלכע מען וועט אַמאָל קומען „סלאָמען".

**) „פּיינטעד דעזערט" (דער געפאַרבטער מדבר) איז אַ שטח אין אַמעריקע, וואו מענטשן פאָרן צו אָנקוקן פאַר טשיקאַוועס.

די ראָל פון „ליבהאָבער" אין יידישן טעאַטער

אין דער געשיכטע פון יעדן טעאַטער פאַרנעמען די דראַמאַטישע געזעלשאַפטן אָדער די ניט-פּראָפעסיאָנעלע „ליבהאָבער" אַ זייער וויכטיק אָרט. גאַנץ אָפט איז זיי באַשערט צו מאַכן געשיכטע. דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער איז אין דער ערשטער ריי (געוויינלעך) אַ געשעפט און פּאַסט זיך צו צום קונה. טיילמאָל איז דער קונה מיט געשמאַק, טיילמאָל מיט ווייניקער געשמאַק, אָבער ער האָט זעלטן ליב עקספּערימענטן. ער וויל קומען צום גרייטן, צום אויסגעפּרובטן. דער „ליבהאָבער", וואָס לעבט נישט פון טעאַטער, וואָס די הכנסה פון דער פאָרשטעלונג איז נישט זיין ברויט, נאָר פאַרקערט, גאַנץ אָפט נעמט ער אַראָפּ פון זיין ברויט, פון זיין ווירקלעכער פּרנסה, אַ באַדייטנדן טייל כדי צו דעקן די דעפיציטן, וואָס זיינע פאָרשטעלונגען ברענגען, אָט דער דאָזיקער „מעצענאַט" קאָן זיך שוין יאָ דערלויבן אויף עקספּערימענטן, ווייל ער מוז זיך נישט צופּאַסן צום געשמאַק פון קונה, פון באַזוכער, ווייל סוף כל סוף דעקט קיינמאָל נישט דער קונה זיינע גאַנצע אויסגאַבן.

די דאָזיקע ראָל, די באַדייטונג פון זיין ווערט פאַר דער אַנטוויקלונג פון נייע פאָרמען אין טעאַטער, פון פּרובן צו גיין אויף נייע וועגן, האָבן פאַרשטאַנען פיל „ליבהאָבער", און אַ דאַנק זיי זיינען טאַקע אָפט געשאַפן געוואָרן דורכברוכן אין טעאַטער.

אַלס ביישפּיל איז גענוג צו נעמען דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער מיט זיינע ליבהאָבער-קרייזן, וואָס האָבן די ערשטע אַרויסגעפירט אויף דער בינע דעם באַדייטנדיקן אַמעריקאַנער דראַמאַטורג יודזשין אָ'ניעל, וועלכן דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער האָט פריער פאַרשוויגן, און אים אָנגעהויבן שפּילן ערשט נאָכדעם ווי די „ליבהאָבער" האָבן אים אויסגעפּרובט.

דערמיט האָט זיך די ראָל פון אַמעריקאַנער „ליבהאָבער" נישט פאַרענדיקט. אין די צייטן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער האָט זיך

געהאַלטן שטרענג אין דער טעמאַטיק פון דער פאַמיליען־טראַגעדיע, פון די יחידים־ליידן און פריידן, זיינען געקומען די „ליבהאָבער" און האָבן די ערשטע אָנגעהויבן שפּילן אַקטועלע פּיעסעס, טעאַטער־שטיק, וואָס האָבן געאָטעמט מיטן טאָג, וואָס האָבן אויסגעוויטאָקט די דאגות און זאָרגן, די ליידן און קאַמפן פון דעם האָרעפּאַשניק, פון דעם עקספּלואַטירטן, וועלכער זעט זיין רעטונג אין אַ נייער וועלט־אָרדנונג, הילף דורכן כלל, דורכן קאָלעקטיוו. מיט איין וואָרט — די אַמעריקאַנער „ליבהאָבער" האָבן די ערשטע אָנגעהויבן אַרויפצופירן אויף דער בינע די סאָציאַלע פּיעסעס, זיי האָבן אָנגעהויבן באַרירן אויף דער בינע פראַגן, וואָס האָבן נאָך געבלוטיקט, די זעלבע ענינים, וועלכע די צייטונג פון זעלבן טאָג האָט באַהאַנדלט. זיי האָבן פאַראייניקט דאָס לעבן מיטן טעאַטער.

אויך אין יידישן טעאַטער האָבן די „ליבהאָבער"־גרופּעס געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג, אָבער דאָך נישט די, וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָבן. נישטאָ קיין שטעטל אָדער ישוב פון אייניקע הונדערט יידן, וואָס זאָל נישט האָבן געהאַט קיין ליבהאָבער־קרייז, אָבער קיינע פון די קרייזן האָבן נישט געהאַט קיין אידעאַל, אַחוץ צו „שפּילן", און אין דער הינזיכט האָבן זיי, ממש ווי מאַלפּעס, נאָכגעאָפירט דאָס פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער. אָדער מען פלעגט נאָכשפּילן אַ פּיעסע, וואָס אַ טרופּע האָט פריער געשפּילט אין וועלכן שטעטל, אָדער מען האָט אין אייגענעם שטעטל קיין יידיש טעאַטער נישט געהאַט, האָט מען זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס מען האָט אויסגעשריבן אַ געדרוקטע פּיעסע, צי גאָר געלאָזט אויסשרייבן פון דער גרויסער שטאָט אַן איבערגעשריבענע פּיעסע ביי אַ סופלאָר, און זי געשפּילט. און ווער רעדט נאָך אויב אין שטעטל האָט זיך געפונען איינער, וועלכער האָט דאָס „פּיעסעניו" געזען פריער שפּילן אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער זי אויפגעפירט, נאָכקאָפּירנדיק זי מיט אַלע שמד־שטיק ווי די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן האָבן זי געשפּילט. די „ליבהאָבער" אין שטעטל האָבן אויף אַזאַ אופן נישט נאָר נישט באַקעמפט די שלעכטע (אָפט געצוואונגענע) מדות פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, נישט נאָר נישט געווען קיין אַוואַנגאַרד פאַרן בעסערן טעאַטער, פאַר אויסאיידלען און פאַרפיינערן דעם חוש פאַר דער טעאַטער־קונסט, נאָר זיינען געווען דער פאַרפאָסטן פאַרן שונד־טעאַטער, וואָס אויב ער איז שפּעטער געקומען אין זייער שטאָט, האָט ער שוין געהאַט אַ צוגעגרייטן עולם

דורך די ליבהאָבער־אויפפירונגען און דעם רעפּערטואַר, וועלכן זיי האָבן געשפּילט.

אָבער כאָטש דאָס איז געווען דער רוב פון די יידישע ליבהאָבער־גרופּעס, קאָן מען אָבער נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז די געציילטע אויסנאַמעס, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דעם געביט, האָבן געלאָזט שפּורן אין גאַנג פון יידישן טעאַטער איבער דער וועלט. אַ שטייגער פּוילן מיט אירע ליבהאָבער־גרופּעס, ווי „האַרפע", און „דראַמאַ־טישע קונסט" אין לאָדזש מיט אַ רעזשיסער און אַ רעפּערטואַר, וואָס זיינען געווען אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר יענער צייט און טאַקע צוגע־פירט דערצו, אַז דאָס יידישע טעאַטער אין לאָדזש האָט אויפגעפירט אַ סך פּיעסעס פון אַש, הירשביין און פיל איבערזעצונגען פון אייראָ־פּעאישן ריינעם רעפּערטואַר, אָדער די וואַרשעווער דראַמאַטישע „הזמיר"־סעקציע אונטער פּרצס אָנפירונג, צי דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע" אָדער די דראַמאַטישע ליבהאָבער־קרייזן אונטער דוד הער־מאַנס אָנפירונג, צי דעם האַלב ליבהאָבער און האַלב פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון פּרץ הירשביין, צי די „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב" און די גרופּע „פרייע פאָלקס־בינע" אין אַמעריקע, וואָס האָבן די ערשטע אויפגעפירט הירשביינס פּיעסעס און אים אַריינגעפירט אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, און געלייגט די יסודות פאַרן שפּעטערדיקן יידישן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, אָדער אפילו די געזעלשאַפט „פּאַדאָ" אין ווילנע, וואָס פון איר איז אַנט־שטאַנען די שפּעטער אַזוי וועלט־באַרימטע „ווילנער טרופּע". אָט די דערמאָנטע געזעלשאַפטן און ליבהאָבער־קרייזן זיינען אויף דער וועלט געקומען נישט סתם אַזוי, זיי האָבן געהאַט אַן אידעע — דעם קאַמף קעגן דאַמאָלסטדיקן רעפּערטואַר אין יידישן טעאַטער. געקוקט מיט היינטיקע אויגן, הייסט עס, אַ ריינער קונסט־קאַמף, אַן אַ געזעלשאַפט־לעכע אידעאָלאָגיע, אָבער מען דאַרף געדענקען יענע פאַרהעלטנים־מעסיק רואיקע עפּאָכע אין וועלכער דער גרעסטער טייל פון די דער־מאָנטע געזעלשאַפטן איז אַנטשטאַנען. דער עצם פאַקט פון זייער אַקטיוויטעט איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער לגבי דעם דאַמאָלסטדיקן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

עפּיזאָדן און קוריאָזן

„סלאַווא טעביע האָספּאָדי״*)

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין פּוילן נאָך אין דער צייט, ווען פּוילן האָט געהערט צו רוסלאַנד.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון יעקב ליבערט, יוליוס אַדלער, שטאַבינסקי, עמנואל טשיזשיק, קאַלינער און אַנדערע. געשפּילט האָט מען אין דער שטאָט סלאָנים ביי אַ קאַוואַל. נאָך אַלע אויסגאַבן זיי־נען געבליבן עטלעכע רובל. חברה אַקטיאָרן האָבן גענומען די פּיס אויף די פּלייצעס, און האָבן זיך געלאָזט קיין וואָלקאָוויסק. אויפן וועג אָבער האָט מען אויפגעגעסן די עטלעכע רובל, און אַזוי איז מען אָן אַ גראָשן אין טאַש אָנגעקומען אין וואָלקאָוויסק. דאָרט האָט זיך חברה באַזעצט אין אַן אַכסניה. געוויינלעך וואָלט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט ביז זיי וואָלטן פריער באַצאָלט, וואָרום פון פּראַקטיק האָבן שוין די האָטעל־באַזיצער געוואוסט, אַז יידישע אַקטיאָרן האָבן זייער זעלטן צו באַצאָלן דערנאָך, און דעריבער פלעגט מען ביי זיי נעמען באַצאָלט פּאָראויס. דאָסמאָל האָט מען זיי אָבער אַריינגעלאָזט, ווייל טשיזשיק האָט שוין עטלעכע מאָל געוואוינט אין דער דאָזיקער אַכסניה, און האָט שטענדיק באַצאָלט.

ווען עס איז געקומען צו גיין אַרויסנעמען די ערלויבעניש צו שפּילן, האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן אַ מאַן, וואָס רעדט גוט רוסיש. געזוכט, ביז מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן אַקטיאָר קאַלינער. צום אומגליק, איז ער אָבער געגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. היינט ווי אַזוי קאָן מען אים אין אַזאַ הילוך שיקן צו נאַטשאַלסטוואָ? האָט מען אים אָנגעהויבן באַקליידן און באַצירן. וואָס איינער האָט

*) אַ דאַנק דיר, גאָטעניו!

געהאַט עפּעס אַ ליטישע זאַך: אַ פּאָר גאַנצע שיך, אַ גאַנצן גאַרני־טור, אַ קראַגן, האָט ער עס אויסגעטאָן, און עס אָנגעטאָן דעם „שליח ציבור”, קאַלינערן. דער אַקטיאָר טשיזשיק האָט פאַרמאָגט אַן אַלטן זייגער מיט אַ מעשענער קייט, וואָס האָט געגלאַנצט ווי גאָלד, האָט מען דאָס אויך אָנגעטאָן קאַלינערן, פאַרשטייט זיך, אַז אָן אַ צילינדער האָט מען נישט געקאָנט יוצא זיין, מען האָט אים אויך אָנגעטאָן אַ צילינדער.

צוריקגעקומען איז קאַלינער מיט דער בשורה, אַז דער פּאָליציי־מייסטער דערלויבט נישט קיין פאַרשטעלונג אפילו אויף דייטש, וואָ־רום ער ווייסט שוין, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, און אין דער ווירקלעכקייט שפּילט מען אויף יידיש. דאָס איינציקע, וואָס ער ער־לויבט יאָ, איז אַ פאַרשטעלונג אויף רוסיש.

רוסיש! ווער קאָן דאָס שפּילן רוסיש? אָבער פאַרפאַלן, דער מאָגן מאָנט זיינס, מען דאַרף עסן! איז געבליבן, אַז מען וועט אַנאָנסירן אַ רוסישע פאַרשטעלונג, און זינגען וועט מען קוואַרטעטן פון „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ”. דאָס איז געווען אַזאַ מין צוזאַמענשטעל פון אוקראַאינישע לידער, וועלכער יעדער זינגער, און יעדער יידישער אַקטיאָר, האָט ווי עס איז געקענט. מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קליי־נעם אַפיש, אויף וועלכן עס איז דורך אַ טעות געווען געדרוקט נישט „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ”, נאָר „נאַטאַלקאַ פּלאַטאַווקאַ”.

אַזוי ווי קיין נאָטן זיינען נישט געווען, האָט לעאָ ליאָוו, דער איצטיקער באַקאַנטער מוזיקער און כאָר דיריגענט פון ניו יאָרק, אָנ־געשריבן עטלעכע נאָטן, און אַזוי ווי ליבערטס נאָמען איז דאַמאָלט געווען זייער פּאָפּולער אַלס שוישפּילער, האָט מען אויפן אַפיש גע־שריבן, אַז ער וועט זינגען דאָס באַקאַנטע ליד „גלאַדיאַ נאַ לוטש”, כאָטש מען האָט באַלד געוואוסט, אַז זינגען וועט דאָס אַן אַנדערער אַקטיאָר, ווייל ליבערט האָט נישט געהאַט קיין שטימע פאַר דעם ליד.

די פאַרשטעלונג איז פאָרגעקומען ערגעץ אין אַ „זאַל” אויף אַ צווייטן שטאָק. פּלעצער צום זיצן האָט מען געמאַכט פון ברעטער, וועלכע מעי האָט געלייגט איבער בענקלעך איןביידע עקן. דער אַפיש האָט אָבער דעם יידישן פּובליקום נישט צוגעצויגן. געקומען זיינען געציילטע יידן, אייניקע רוסן און עטלעכע רוסישע אָפיצירן, וואָס זיינען געזעסן אין דער ערשטער רייע.

דאָס לידל האָט אָנשטאָט ליבערטן געזונגען יוליוס אַדלער, אויך די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן געזונגען אויף רוסיש, וואָס זיי האָבן גע־

קענט. דאָס גאַנצע פּראָגראַם, וואָס די אַקטיאָרן האָבן פאַרמאָגט, איז שוין געווען פאַרענדיקט, און דאָ איז נאָך נישט אַריבער קיין שעה. שלעכט! דאָס „פּובליקום" זיצט און וואַרט. די אַקטיאָרן האָבן אָבער שוין נישט מער וואָס צו געבן, און מען דאַרף אַרויסגיין זאָגן, אַז דאָס פּראָגראַם איז געענדיקט. אָבער יעדער פון די אַקטיאָרן האָט מורא אַרויסצוגיין, ווארום אַ פּראָגראַם צו יענער צייט האָט געדאַרפט דויערן כּמעט דריי שעה.

ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז טשיזשיק זאָל אַרויסגיין מיט דער מעלדונג. ליאָוו האָט אים אויסגעלערנט די עטלעכע ווערטער אויף רוסיש.

דערוואַרט האָבן די אַקטיאָרן, אַז נאָכדעם ווי טשיזשיק וועט אויסזאָגן דעם סוד, אַז דאָס פּראָגראַם איז געענדיקט, וועט דער עולם פּראָטעסטירן, און פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל ווייטער שפּילן. געשען איז אָבער אַן אומדערוואַרטע זאַך:

אַזוי גיך ווי טשיזשיק האָט אַרויסגעזאָגט די עטלעכע ווערטער, האָבן זיך די אָפיצירן אויפגעשטעלט, און הויך אַרויסגערופן:

— סלאַווא טעביע, האָספּאָדי! אַ דאַנק דיר, הייסט עס, רבונו של עולם, וואָס מען ווערט פון אייך פּטור.

געשעפּט איז יידיש

אין יענער צייט האָט מען שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז פון דער בינע אין יידישן טעאַטער זאָל מען רעדן דייטש, און גליקלעך איז דעריבער געווען די יידישע טעאַטער־טרופּע, וועלכע האָט געהאַט צווישן זיך אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון גאַליציע אָדער פּוילן, ווייל די דאָרטיקע יידן קענען גיכער אַרויסרעדן אַ יידיש וואָרט, וואָס קלינגט ענלעך צו דייטש. איבערהויפּט פלעגט זיין אַ גרויסע שמחה אין יענער טרופּע, וואָס פלעגט האָבן מיט זיך דעם אַקטיאָר יוליוס אַסקאַר*).

דאָס איז געווען אַ יידישער אַקטיאָר פון דעם מאַרים מאַריסאָן־טיפּ. אַליין האָט ער פריער געשפּילט אויף דער פּוילישער בינע, דער־

*) זע „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 80.

נאָך אויף דער דייטשער, און דאָן איז ער געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר. זייענדיק צוגעוואוינט צו דער דייטשער שפּראַך, פּלעגט ער, שפּילנדיק אויף דער יידישער בינע, אַלץ נאָך רעדן דייטש, אפילו דאָרט וואו מען האָט זיך פּשוט גענויטיקט אין אַן עכט יידיש וואָרט.

וואָלטן די יידישע אַקטיאָרן געקאָנט זיך דערלויבן, אַז זייער יידיש לשון זאָל זיין ריין און עכט, וואָלטן זיי אָסקאַרן גאָרנישט געקאָנט אריינגעמען צו זיך, אַזוי אָבער ווי דאָס קענען רעדן דייטש פלעגט זיי שטאַרק צונוץ קומען, האָט זיך יעדע טרופּע געיאָגט נאָך אָסקאַרן.

אין דער צייט ווען אַנדערע יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך געדאַרפט ברעכן די צונג, אַז זיי זאָלן רעדן „דייטש", האָט אָסקאַר טאַקע גע־רעדט אַ ריכטיקן דייטש, און ער האָט זיך געדאַרפט מאַטערן, אַז ער זאָל אַרויסרעדן ריכטיק אַ יידיש וואָרט.

די טרופּע, וואָס איז געקומען אין דעם שטעטל גלוכאָוו, טשערני־גאָווער גובערניע, איז באַשטאַנען פון אסתר רחל קאַמינסקאַ און איר מאַן אברהם יצחק, קיידאַנאָוו (אַן אַקטיאָר, וואָס האָט אויסגעזען ענלעך צו אברהם גאָלדפאַדען, און איז טאַקע אַ צייט אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט אַלס גאָלדפאַדען, און זיך געלאָזן איינאָרדנען קאָנ־צערטן, און פלעגט צונעמען דאָס געלט מיטן ביסל כבוד), יוליוס אָסקאַר, זאַבלאַצקי, פּאַלעוויק, קיסעלעווסקי, און עמנואל טשיזשיק.

אברהם יצחק קאַמינסקי איז אַליין אוועק צום איספּראַווניק נאָך אַ דערלויבניש צו שפּילן. אין אָנהויב האָט דער איספּראַווניק נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבניש, נאָר ערשט ווען מען האָט אים פאַר־זיכערט, אַז מען וועט שפּילן אויף דייטש, און אַז ער קאָן אַליין קומען אין טעאַטער און זיך איבערצייגן צי מען שפּילט נישט קיין דייטש, און אויב ער וועט הערן איין וואָרט יידיש, מעג ער תיכף איבעררייסן די פאָרשטעלונג, האָט ער ענדלעך דערלויבט צו שפּילן.

די גוטע בשורה, אַז ס'איז מעגלעך, אַז דער איספּראַווניק וועט קומען אין טעאַטער קאָנטראָלירן צי מ'שפּילט טאַקע דייטש, האָט די אַקטיאָרן נישט געשמעקט, אָבער קיין בעסערע ברירה האָבן זיי דאָך נישט געהאַט, דערצו האָבן זיי קיין סך נישט מורא געהאַט, וואָרום זיי האָבן דאָך עפּעס יוליוס אָסקאַרן אין דער טרופּע, און ער רעדט דאָך טאַקע דאָס אמת'ע דייטש! . . .

געשפּילט האָט מען יענעם אָוונט גאָלדפאַדענס אָפּערעטע „קבצנזאָן און הונגערמאַן". דער איספּראַווניק האָט טאַקע געהאַלטן

ווארט, און איז אליין געקומען אין טעאטער. די אקטיארן האבן געהאקט דייטש, און עס איז אלץ געגאנגען ווי ס'דארף צו זיין. באזונדערס האבן זיך די אקטיארן דערפרייט, ווי ס'איז געקומען צו דער סצענע, ווען יוליוס אסקאר איז ארויף אויף דער בינע, אבער דא איז געשען א נישט־פאראויסגעזען אומגליק:

ווען יוליוס אסקאר, וועלכער האט געשפילט אין דער פיעסע דעם טאטען, האט א זאג געטאן אויף דייטש:

— ווירד ער דען פיר דיר זיין איין גוטער מאן? ווירד דען איין זאלכער שארלאטאן ווישען וויזא איין געשעפט צו פירען?,

האט זיך דער איספראווניק געגעבן א שטעל אויף פון זיין פלאץ און געהייסן תיכף אראפלאזן דעם פארהאנג.

— א, מיר קענען די יידישע קעפלעך! — האט ער געדונערט.

— געמיינט אז מען וועט מיך אפנארן און איינרעדן, אז מען שפילט דייטש, אבער איך האב אייך געפאקט!

— וואס האט איר אונדז געפאקט? — האבן די איבערגעשראקענע אקטיארן געפרעגט.

— מאשעניקעס!*) — האט דער איספראווניק געשריגן. — אלע וייסן, אז געשעפט איז א יידישע זאך. געשעפט איז יידיש, און יידיש טאר מען נישט שפילן!

צומארגנס איז דער שטאטישער „מאכער" אוועק צום איספראווניק אויסבעטן, אז מען זאל פארט דערלויבן די ארעמע אקטיארן צו שפילן. האט דער איספראווניק ווייטער גע'טענה'ט, אז אלע אקטיארן רעדן גוט דייטש, נאר איין יוליוס אסקאר קען נישט קיין דייטש, ווארום ווען ער וואלט געקענט דייטש, וואלט ער דאך געוואוסט, אז „געשעפט" איז יידיש, און אויב די טרופע וויל ווייטער שפילן, זאל זי שפילן אן יוליוס אסקארן, אדער ער זאל זיך אויסלערנען דייטש...

דער גאסט פון יענער וועלט

דאס איז געשען אין שטעטל פיראטין, פאלטאווער גובערניע.

די טרופע איז באשטאנען פון יוליוס און עמיליע אדלער, הערמאן סיראצקי, שלום צוקער, יצחק בליפעלד, יעקב גארטעלעוויטש, ראטשטיין, און דעם דירעקטאר בערענשטיין.

*) מאשעניקעס — שווינדלער.

דער גובערנאַטאָר האָט, נאָך גרויסער מי, אַרויסגעגעבן אַ דער־לויבניש צו שפּילן „דייטש טעאַטער” אין זיין גאַנצער גובערניע, אָבער די דערלויבניש פון גובערנאַטאָר מוז ערשט באַשטעטיקט ווערן פון יעדן איספּראַוניק אין דעם אָרט, וואו מען וויל שפּילן. דעם גובערנאַטאָרס דערלויבניש איז נישט מער ווי אַ רעקאָמענדאַציע. פלעגט טאַקע טרעפן, אַז אין אַ טייל ערטער האָט דער אָרטיקער פאַר־שטייער פון דער רעגירונג אָנגענומען די רעקאָמענדאַציע און אין אַנ־דערע נישט. אויך דער איספּראַוניק פון פּיראַטין, וואָס איז געווען אַ גרויסער שונא־ישראל, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל נישט דערלויבן צו שפּילן ביי זיך אין שטעטל.

— ס'טייטש, — שרייט דער טרופּע־פאַרוואַלטער — אָט האָבן מיר דאָך אַ דערלויבניש פון גובערנאַטאָר אַליין!

אָבער דער איספּראַוניק ווערט נישט נתפּעל.

— דאָ, אין פּיראַטין, — ענטפערט ער זיך רואיק, — בין איך גובערנאַטאָר, און קיינער קאָן מיר נישט באַפעלן. צווייטנס, ווילט איר שפּילן דייטש טעאַטער, און ביי אונדז זיינען גאַרנישט פאַראַן קיין דייטשן, טאָ פאַר וועמען ווילט איר שפּילן? דריטנס, איז דאָס שטעטל אַן אָרעם שטעטל, און אָט זיינען נאַר־וואָס געווען אַקטיאָר־שטשיקעס, וואָס ברעכן זיך און מאַכן קונצן, און האָבן געטאָן אַזעלכע גרויסע געשעפטן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אַהיימצופאָרן, און איך האָב זיי געמוזט שאַפן אויף הוצאות. טאָ וועלכע גליקן דערוואַרטן אייך דאָ? בקיצור, פאָרט ווייטער, דאָ אין פּיראַטין וועט איר נישט שפּילן.

ווען דער פאַרוואַלטער איז צוריקגעקומען מיט דער גוטער בשורה צו דער טרופּע, וועלכע האָט נאָך געשפּילט אין אַן אַנדער שטעטל, און געוואָרט שוין אַריינצופאָרן אין פּיראַטין, ווייל פּיראַטין איז אָנגעגאַנגען אַלס אַ גוט שטעטל פאַר יידיש טעאַטער, האָט זיך דער אַקטיאָר אַדלער אָנגערופן, אַז ער וועט פאָרן צום איספּראַוניק אין פּיראַטין, און ער וועט ביי אים יאָ אויסווירקן צו קריגן אַ דערלויבניש דאָרט צו שפּילן.

די טרופּע האָט זיך צוזאַמענגעלייגט אויף אַ באַן־בילעט, און אָוועקגעשיקט דעם אַקטיאָר אַדלער קיין פּיראַטין. ער האָט דעם דאָרטיקן איספּראַוניק איינגערעדט, אַז ער איז אַ דירעקטאָר פון

א רוסישער טרופּע, און, פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט באַלד באַקומען די דערלויבעניש, און געלאָזט אונטערשרייבן אַן אַפיש (אַזוי איז געווען דאָס געזעץ), אַז מען וועט שפּילן די פּיעסע „דער גאַסט פֿון קבר", ווייל אויף דעם נאָמען האָט די טרופּע געהאַט אַ פּיעסע, וועלכע איז צענזורירט געוואָרן אין פּעטערבורג, און אַז אַזאַ צענזורירט בוך האָט מען דאָך אין רוסלאַנד נישט געקענט שפּילן.

אַדלער האָט זיך באַלד אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל, און זיך דערוואוסט, אַז דאָס יידישע פּובליקום גאַרט שטאַרק צו זען שפּילן די קאָמעדיע „מישקע און מאַשקע", אָדער „די איראַפּעער אין אַמע־ריקע" פֿון לאַטיינער, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער.

ווען די אַקטיאָרן זיינען אָנגעקומען אין שטעטל, האָבן זיך די יידן זייער דערפֿרייט. מ'האָט שוין דאָרט לאַנג פֿאַר זיי נישט גע־שפּילט קיין יידיש טעאַטער, נאָר עס פֿלעגן כּסדר קומען רוסישע און אוקראַאינישע טרופּעס, אָדער גלאַט קונצן־מאַכער, אַקראָבאַטן, פֿון וועלכע עס האָט זיי שוין געקערט די גאַל. יידן בענקן נאָך אַ יידיש וואָרט, נאָך אַ יידיש לידל, און כאָטש עס איז אויפֿן אַפֿיש געשטאַנען, אַז עס קומט אַ רוסישע טרופּע, האָבן אַלע יידן באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז עס אַ יידישע טרופּע, וואָרום דאָס פּוב־ליקום האָט געקענט די נעמען פֿון די אַקטיאָרן אויפֿן אַפֿיש אַלס יידישע אַקטיאָרן. דערצו האָט מען אין דער שטיל יעדן געזאָגט, אַז מען וועט נישט שפּילן „דער גאַסט פֿון יענער וועלט", נאָר טאַקע „מישקע און מאַשקע", האָט מען צעכאַפּט די בילעטן ווי מצה־וואַסער.

געשפּילט האָט מען אין אַ גאָרטן, ווייל עס איז געווען זומער. דער איספּראַווניק, וואָס איז שוין געווען גענוג געוואוינט צו רוסישע פֿאָרשטעלונגען ביי זיך אין שטעטל, איז דעם אָוונט פֿון דער פֿאָר־שטעלונג נישט געגאַנגען אין טעאַטער, נאָר זיך בעסער אַריינגעכאַפּט אין קלוב שפּילן אַ קערטל. אין מיטן שפּילן רופֿט זיך צו אים אַן אַ ייד:

— גאָספּאָדין איספּראַווניק, היינט איז ביי אונדז אין שטעטל פֿריילעך, מיר האָבן היינט אַ טעאַטער, און ווען איך וואָלט נאָר באַ־קומען אַ ביליקן בילעט, וואָלט איך אויך איך דאָרט געווען.

— איך וויים, — ענטפֿערט אים דער איספּראַווניק, — עפּעס אַ רוסישע טרופּע שפּילט היינט.

דער ייד, וואָס האָט חלילה נישט געמיינט צו מסר'ן, נאָר בלויז

געוואָלט ווייזן, אַז ער ווייסט בעסער פון איספּראַווניק, האָט אים דערויף געענטפערט:

— גאָספּאָדין איספּראַוונִיק, איר האָט אַ טעות, נישט אַ רוסישע, נאָר אַ יידישע טרופּע!

— אַ יידישע טרופּע, נישט אַ רוסישע?! — האָט דער איספּראַווניק מיט כעס אויסגעשריגן. — פאַרוואָס האָט מען מיך אָפּגענאַרט?!

און ער האָט אַ וואָרף געטאָן די קאַרטן, און שנעל צוגעריטן צום גאַרטן, אין וועלכן ס'איז פאָרגעקומען די יידישע פאָרשטעלונג.

אַדלער, וואָס האָט געשפּילט די ראָל „מאַנקי דזשאָו", וועלכע פאָדערט נישט קיין שטאַרקן גרים, איז געזעסן אין דער קאַסע און פאַרקויפט די עטלעכע איבערגעבליבענע טייערע בילעטן, כאָטש אין גאַרטן האָט מען שוין געהאַלטן אין מיטן שפּילן. ווען ער האָט דערזען דעם איספּראַווניק, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס וועט שוין דאָ נישט זיין, איז ער שנעל אַרונטערגעלאָפן הינטער דער בינע, און אַ געשריי געטאָן צו די אַקטיאָרן:

— חברה, אָט קומט דער גאַסט פון יענער וועלט!

וואָס דאָס מיינט, האָבן שוין די אַקטיאָרן געוואוסט, וואָרום מער ווי אין איין שטאָט האָט פּאַסירט עפּעס ענלעכעס.

דער ערשטער איז טאַקע אַנטלאָפן אַדלער אַליין מיטן קעסטעלע, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן דאָס געלט און די בילעטן. די אַקטיאָרן, וואָס זיינען געווען אויף דער בינע, זיינען, אַז אַ פאַרוואָס, אַראָפּ פון דער בינע, אָבער איידער וואָס־ווען איז אָנגעקומען דער איספּראַווניק.

— אָנו, יידעלעך, קומט נאָר אַהער, — האָט ער געשריגן, — און ווייזט נאָר אייערע פּעסער!

ס'איז גוט צו זאָגן „פּעסער", אַז פון אַלע 15 מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אין דער טרופּע, האָט נאָר דער אַקטיאָר ראָטשטיין געהאַט אַ פּאַס. די אַקטיאָרן האָבן דערקלערט דעם איספּראַווניק, אַז זיי האָבן זייערע פּעסער אין האָטעל, און זיי גייען אַהין זיי ברענגען. מיט דעם תירוץ זיינען די אַקטיאָרן אַרויס, און טאַקע באַלד דערויף אַנטלאָפן פון שטעטל.

די פאָרשטעלונג האָט מען שוין נישט געענדיקט, און אַ לענגערע צייט נאָך דער געשיכטע, האָט מען אין פּיראַטין נישט געשפּילט קיין יידיש טעאַטער.

דער מסור איז גאָר אַריינגעפֿאַלן

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין שטעטל בערעזאָווקע, כערסאָנער גובערניע. אין יענער צייט האָט מען געשפּילט יידיש טעאַטער אונטער דער פירמע „רוסיש־דייטשער קאָנצערט", אָדער „רוסיש־דייטשער קוואַרטעט", און פון אונטן אויפן אַפּיש איז געווען געדרוקט מיט גרויסע בוכשטאַבן דאָס וואָרט „שולמית", אָדער „קאַלדוניא" („די באָבע יאַכנע"). דאָס יידישע טעאַטער־פּובליקום האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס שפּילט מען טעאַטער אויף יידיש, נאָר צוליב דער רעגירונג מוז עס הייסן, אַז עס קומט פאָר אַ דייטש־רוסישער קאָנצערט.

דער אוריאַדניק פון שטעטל האָט פאַר עטלעכע רובל אַוועק־געקוקט, און נישט געמאַכט זיך ווּיסן, אַז מען נאַרט אָפּ נאַטשאַל־סטווא. אַזוי אָבער ווי עס האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז עס זאָל צופעליק קומען אין טעאַטער אַ העכערער באַאַמטער ווי דער אוריאַדניק, פלעגט שטענדיק איין אַקטיאָר פון דער טרופּע שטיין אויף דער וואַך ווען עס וועט זיין נויטיק „צו געבן צונג", צו לאָזן ווּיסן, אַז עס גייט אַ „קנעפּל" (אַ באַאַמטער).

געוויינלעך זיינען שוין אין יעדן שטעטל געווען געוויסע פּער־זאָנען, וואָס האָבן נישט געקויפט קיין בילעטן אין יידישן טעאַטער, נאָר פלעגן אַריינגיין אומזיסט. דער דירעקטאָר אָדער אַן אַקטיאָר פלעגט זיי געבן קאָנטראַמאַרקעס (פרייע בילעטן).

מאַכט זיך אָבער, אַז ווען די טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אבא קאָמפּאַניעיעץ איז געקומען אין בערעזאָווקע, האָט זיך דער די־רעקטאָר אָפּגעזאָגט צו געבן אַ קאָנטראַמאַרקע איינעם פון די שטענ־דיקע אומזיסטע גייער, האָט דאָס פאַרדראָסן דעם חברה־מאַן און ער איז אַוועק אין אַ דערביייאיק שטעטל צום סטאַנאָוואָי, וואָס איז אַ הע־כערער באַאַמטער ווי דער אוריאַדניק פון בערעזאָווקע, און פאַר'מסר'ט קאָמפּאַניעיעצס טרופּע, אַז זי שפּילט אויף יידיש.

ווען דער סטאַנאָוואָי האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך פונאַנ־דערגעשריגן:

— וואָס, זשידאָווסקי טעאַטער! אַזאַ העזה! אַזאַ פרעכהייט!

און ער איז אַליין געקומען זען, וואָס עס קומט דאָרט פאָר אין דעם „רוסיש־דייטשן טעאַטער".

גראַד האָט מען יענעם אָוונט געשפּילט גאָלדפאַדענס אָפּערעטע „שולמית". דער אדון איז אַריינגעפאַלן צו דער סצענע אין ערשטן אַקט, ווען אבשלום און שולמית זינגען דעם דועט „ביים ברונעם". (די ראָלן האָבן געשפּילט קאָמפּאַניִיעץ און זיין פרוי). דער אַקטיאָר, וואָס איז דרויסן געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט שוין דערווייל צו־וויסן געגעבן וועגן דעם „גאַסט", און אין איין סעקונדע זיינען קאָמ־פּאַניִיעץ מיט זיין פרוי פּלוצלינג שטום געוואָרן, אויפגעהערט צו זינגען, און זיינען אַן פאַרוואָס אַראָפּ פון דער בינע.

דער גאַסט האָט פאַרנומען אַ שטול אין דער ערשטער ריי, און אָנגעשטעלט די אויערן צו הערן ווי אַזוי מען רעדט דייטש־יידיש.

אייניקע מינוט איז די בינע געווען ליידיק, דאָס פּובליקום אין טעאַטער האָט געשוויגן, וואָרום אַלע האָבן געקענט דעם סטאַנאָוואָי, און מען האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַקטיאָרן זיינען געצוואונגען געווען אַזוי צו האַנדלען.

באַלד אָבער זיינען קאָמפּאַניִיעץ מיט זיין פרוי צוריק אַרויף דער בינע, אָבער פון שולמית און אבשלום אין זייערע היסטאָרישע קאָסטיומען איז שוין נישט געווען קיין סימן. קאָמפּאַניִיעץ האָט פאַרגעשטעלט אַ טיפּישן קאַצאַפּ אָנגעטאָן אין אַ רויטער כאַלאַטסקער רובאַשקע, אַ פּאָר גרויסע שטיוול מיט אַ בעזים אין האַנט, און לאָזנ־דיק זיך אין אַ פּייערדיקן רוסישן האָפּאַק, האָט ער גענומען זינגען דאָס כאַראַקטעריסטישע רוסישע לידל „יאַ זשע פּאַרען ניע דוראַק, זנאַיו לאַדיט סקעם אי קאַק" (איך בין נישט קיין יאָלד, איך ווייס וואָס איך האָב צו טאָן).

שולמית ווידער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ מאַלאָרוסישן קאָסטיום, געטראָגן אַ פּאָר עמערס אויף קאָראָמיסלעס (הענגערס), און געזונגען דאָס אוקראַאינישע פאָלקס־לידל „אוקאַזאַלאַ מעניע מאַטי" (די מאַמע האָט מיך געהייסן).

אין דער ערשטער רגע איז דער סטאַנאָוואָי געווען צעטומלט, ער האָט זיך אַליין נישט געגלייבט זיינע אויגן. באַלד אָבער האָט ער פאַרגעסן צו וואָס ער איז געקומען אין טעאַטער, און זיך אָנגעריבן אַ פּאָר רויטע הענט פון אָפּלאָדירן.

אין דער צייט פון אַנטראַקט איז ער אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן, געדריקט די האַנט קאָמפּאַניִיעצן, און אים געדאַנקט דערפאַר,

וואָס ער האָט נישט אָפּגענאַרט נאַטשאַלסטוואָ, און געגעבן טאַקע א רוסישן קאָנצערט.

דעם מסור האָט ער צומאָרגנס פאַר פאַלשער מסירה פאַרשיקט אויף אכט טעג אין טורמע.

דער לייב איז געשטאָרבן

די געשיכטע, וועלכע ווערט דאָ דערציילט, האָט פאַסירט אין יאָר 1904 אין ענגלאַנד. אין יענעם יאָר איז געשטאָרבן דער פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ד״ר טעאָדאָר הערצל. אין פיל לענדער, וואו יידן האָבן געוואוינט, האָט געהערשט א טרויער. אין מערערע שטעט האָבן די קהילות דערקלערט א פאָרמעלן טרויער אויף א מאָנאַט צייט, אין משך פון וועלכן יידן דאַרפן נישט מאַכן קיין שום שמחות, חתונות, פאַרוויילונגען און אויך נישט באַזוכן קיין טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

אין יענער צייט האָט א יידישע וואַנדער־טרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון אהרן נאַגער, זיך אַרומגעשלעפּט איבער ענגלאַנד און איז אָנגעקומען אין מאַנטשעסטער גראַד צו הערצלס טויט.

א מאָנאַט צייט נישט צו שפּילן, — דאָס איז נישט געווען אזא אנגענעמער ביסן! מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אז קיין גלענצנדע ביזנעס האָט די טרופּע, חלילה, נישט געמאַכט. אין בעסטן פאַל האָט מען געהאַט אויף איבערצוקומען דעם טאָג, אָבער אָפּשפּאָרן אויף א „שוואַרצן” טאָג האָט מען נישט געקאָנט. די בשורה, אז די טרופּע וועט א מאָנאַט צייט נישט קאָנען שפּילן, איז פאַר די אַקטיאָרן געווען זייער א טרויעריקע.

די טרופּע האָט באַלד אָפּגעהאַלטן א מיטינג און באַשלאָסן, אז . . . עס איז ביטער.

מ׳האָט געשיקט א דעלעגאַציע צו די יידישע פּני פון דער שטאָט, אפשר וועט מען פאַרט דערלויבן צו שפּילן. אָבער דער ענטפער איז געווען, אז דעם גאַנצן מאָנאַט וועט מען פאַר קיין פאַל נישט דערלויבן צו שפּילן טעאַטער.

שלעכט! און דאָ הייבט מען שוין אָן צו הונגערן. וואָס טוט מען?

דאָ פאַלט איין א פּלאַן דעם פירער פון דער טרופּע, אהרן נאַגער,

און ער, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע אַקטיאָרן, טוען זיך אָן זייערע צילינדערס און שבת לאָזן זיך אַריין אין דער הויפּט שול. געזען די אַקטיאָרן אין שול, האָט מען זיי גאַנץ שיין אויפגענומען און געגעבן אַ פּלאַץ אויבן־אָן אין מזרח. ווען עס איז געקומען צו קריאת־התורה, האָט נאָגער געגעבן אַ קלאַפּ אין שטענדער, אַלס צייכן, אַז ער וויל עפּעס רעדן.

עס איז געוואָרן שטיל און דער אַקטיאָר האָט אָוועקגעלייגט אַזאַ דרשה:

— יידן! מיר, יידישע אַקטיאָרן, זיינען דאָ היינט געקומען אין שול און וועלן פריער נישט לאָזן לייענען די תורה, ביז איר וועט אונדז נישט אויסהערן און טאָן וואָס מיר בעטן פון אייך. די גרעסטע מצוה ביי יידן איז רחמנות. די גאַנצע תורה איז געשטעלט אויף רחמנות. היינט, ווי אַזוי קאָנט איר לייענען די תורה, אַז איר האָט נישט קיין רחמנות? מילא, אַז איר האָט נישט קיין רחמנות אויף אונדז, מענטשן, איז גאָט מיט אייך. אונדזער גרויסער פירער ד״ר הערצל איז געשטאָרבן און עס איז אַ גרויסער טרויער ביי אַלע יידן, זיינען מיר אַקטיאָרן אויך יידן, און מיר טרויערן מיט. מיר וועלן נישט שפּילן און נישט מאַכן קיין לעבן. דערויף זיינען מיר מענטשן, אָבער אַ חיה, אַן אָרעם, שטום באַשעפעניש, אַ לייב — וואָס איז אַ לייב שולדיק? פאַרוואָס מוז דער לייב טרויערן און אויסגיין פון הונגער?

אין שול איז געוואָרן אַ טומל, און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט שטימען:

— וואָס פאַר אַ לייב? ! וואָס מיינט איר מיטן לייב?

— אהאַ, איר האָט גאַרנישט געוואוסט! — האָט דער אַקטיאָר אויסגערופן מיט טריאַמף. — איר ווייסט דאָך, אַז מיר שפּילן „בר־כוכבא״, און אין דער דאָזיקער פּיעסע שפּילט מיט אַ לייב. ער איז די וויכטיקסטע קראַפט אין דער פּיעסע. פירן מיר מיט זיך מיט אַן אייגענעם לייב. אַלזאָ, פריינדע, מילא, מיר הונגערן, איז פאַרפאַלן. מיר מוזן, מיר זיינען מענטשן און יידן, אָבער ער, דער אומגליקלעכער לייב, ער איז דאָך אומשולדיק. ער דאַרף נישט הונגערן. אָבער, אַז מיר פאַרדינען נישט, האָבן מיר דאָך נישט קיין געלד מיט וואָס צו קויפן פאַר אים עסן. דזשענטלמען! דער לייב הונגערט שוין עטלעכע טעג. ווי קאָנט איר, אַלס מענטשן און יידן, דערלאָזן, אַז אַ לייב זאָל הונגערן צוליב דעם וואָס ד״ר הערצל איז געשטאָרבן?

— טאָ וואָס ווילט איר ? — האָבן זיך געהערט עטלעכע שטימען.

— מיר זיינען אהערגעקומען א .דעלעגאַציע, — האָט נאָגער ווייטער גערעדט, — אַז איר זאָלט אויסוויילן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל באַזאָרגן דעם לייב מיט עסן. און וויסן זיין זאָלט איר, אַז מיר האָבן דעם לייב צוגעוואוינט צו עסן פרישע עסנס, און אַזוי ווי מיר זיינען אַליין יידן און עסן נאָר וואָס איז כשר, גיבן מיר דעם לייב כשר פלייש, כדי מיר זאָלן נישט, אַמאָל, צונויפמישן כשר מיט טרפה. געדענקט־זשע, פריינדע, שאַפט אַ קאָמיטעט און ברענגט עסן פאַרן לייב.

די רעדע איז אַלעמען געפעלן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט מיינונגען, אַז דער אַקטיאָר איז גערעכט, און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט.

יעדן טאָג פלעגט דער קאָמיטעט ברענגן די אַקטיאָרן גאַנצע פעק מיט פרישע ברויטן, הערינג, פּוטער, און דער עיקר — פלייש. דאָס האָט די אַקטיאָרן דערוויל דערהאַלטן ביים לעבן.

אָט אַזוי איז אַוועק דער טרויער־חודש, און באַלד דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ פּאָוסטער, אַז די „טרופּע פון די באַרימטע קינסט־לער" שפּילט די באַרימטע פּיעסע „בר־כוכבא" פון אברהם גאָלדפאַדען.

דאָס טעאַטער איז געווען אויספאַרקויפט. דאָס פּובליקום האָט זייער וואַרעם אויפגענומען די אַקטיאָרן, אָבער מען האָט געפילט, אַז מען וואַרט אויף נאָך עפּעס.

דאָס האָט מען געוואַרט אויפן לייב, וואָרום יעדער האָט זיך געפילט פאַר אַ שטיקל מחותן מיטן לייב, פאַר וועלכן די יידן פון דער שטאָט האָבן צוגעשטעלט עסן.

אַז מ'האָט געענדיקט שפּילן די פּיעסע, און דער לאַנג געגאַרטער לייב האָט זיך נישט באַוויזן, איז געוואָרן אַ טומל אין טעאַטער.

— וואו איז דער לייב ? דער לייב וואו איז ? — האָט מען געשריגן.

עטלעכע מינוט האָט זיך אַזוי געטומלט ביז דער דירעקטאָר פון דער טרופּע איז אַרויסגעקומען אויף דער בינע און זיך געווענדעט צום פּובליקום :

— האָכגעשעצטע פריינדע ! איר שרייט וואו איז דער לייב, און איר האָט רעכט ! איר האָט דעם לייב געשפּייזט פיר וואָכן צייט און איר ווילט אים זען. אָבער פריינדע, אונדז האָט פּאַסירט אַ גרויס, אַ שרעקלעך אומגליק, — דער לייב איז געשטאָרבן. יאָ, געשטאָרבן.

און ווייסט איר פון וואָס די אומגליקלעכע חיה איז געשטאָרבן? דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז דער לייב איז געשטאָרבן פון עסן נישט־פריש פלייש. איר פאַרשטייט, פריינדע, איינער פון אייך האָט אונדז אָפּגענאַרט, ער האָט אונדז געבראַכט אַלט פלייש פאַרן לייב, און דער לייב, אַ צאַרטער לייב, איז דערפון געשטאָרבן. מיר זיינען אומגליקלעך, אַ טרויעך הערשט ביי אונדז. מיר זיינען אַלע צעבראָכן פון אונדזער אומגליק, אָבער אַזוי ווי איר האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פריינטשאַפט צום לייב און אויך צו אונדז, האָבן מיר אייך נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין האַרץ־ווייטיק און דעריבער האָבן מיר אייך נישט אויסגעזאָגט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט אונדזער באַליבטן לייב.

דאָס פּובליקום איז נאָך דעם דירעקטאָרס ווערטער אהיימגע־גאַנגען אין אַ געדריקטער שטימונג און אין כעס אויף דעם מאַן, וואָס האָט דעם לייב געגעבן נישט־פריש פלייש און דורכדעם פאַראורזאַכט זיין טויט...

„שמענדריק" אין איטאַליעניש

עס איז שוין אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי די געשיכטע האָט פּאַסירט — דערציילט מיר דער פּיעסעס־שרייבער אהרן נאַגער — אַ יידישע טרופּע אַקטיאָרן האָט זיך דעמאָלט געפונען אין ענגלאַנד, וואו מיר האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז מיר האָבן מער געשפּילט מיטן לעבן, ווי אין אַ טעאַטער, ווארום אין לאָנדאָן איז געשטאַנען אַ גרויסע יידישע טרופּע, און מיר האָבן געמוזט אַרומוואַנדערן איבער די קליינע שטעטלעך. היינט וואו נעמט מען דאָרט יידן?

אין די קליינע שטעטלעך פון ענגלאַנד וואוינען ענגלענדער, איר־לענדער, שאָטלענדער — מיט איין וואָרט, אַלע מינים פון יענע מענטשן, אויף וועלכע מען זאָגט טאַקע, אַז זיי שטאַמען פון די עשרת השבטים, אָבער קיין יידיש פאַרשטייען זיי פאָרט נישט.

און אָט אַזוי וואַנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט און פון שטעטל צו שטעטל, זיינען מיר פאַרקראָכן אין אַ קליין שטעטל, וואָס לעבט פון אַרומיקע קוילען־מאַינס.

האָבן מיר געטראַכט און געטראַכט און באַשלאָסן, אַז מען מוז

דאַ מאַכן אַ פֿאַרשטעלונג, ווייל אויב נישט, דאַרף מען נעמען און אוועקשטאַרבן מיט ווייב און קינדער אין מיטן גאַס.

אַבער ווי קאָן מען פֿאַרט שפּילן יידיש פֿאַר אייִרישע ? בלייבט, אַז מיר שפּילן נישט קיין יידיש, נאָר איטאַליעניש. וואָס איז די מעלה פֿון איטאַליעניש ? די אירלענדער פֿאַרשטייען דאָך קיין איטאַליעניש אויך נישט, און מיר ווידער קאָנען דאָך אויך נישט קיין איטאַליעניש ?, איז דער תירוץ, אַז איטאַליעניש טעאַטער איז באַקאַנט אַלס אַ געזאַנג און טאַנץ־טעאַטער. נו, פֿון געזאַנג און טאַנץ דאַרף מען דאָך נישט פֿאַרשטייען די שפּראַך. מיר ווידער וועלן טאַקע שפּילן יידיש, נאָר מאַכן עס אַזוי, אַז עס זאָל קלינגען איטאַליעניש. און אַזוי ווי די אייִרישע גויים פֿאַרשטייען נישט קיין יידיש און נישט קיין איטאַליעניש, וועט עס הייסן, אַז מיר שפּילן טאַקע איטאַליעניש.

און אָט אַזוי האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אַ פּאָוסטער, אַז מיר שפּילן די וועלט־באַרימטע גאָלאַ־אָפּערעטע „שמענדריקוס", וואָס איז נעבעך, געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי אונדזער אברהמ'ל גאָלדפֿאַדענס „שמענדריק". מיר האָבן כמעט די גאַנצע פּראָזע אַרויסגעשניטן, און אויף טריט און שריט אַריינגעשטעלט לידער. עס איז געווען נישט איין גאָלדפֿאַדענישע אָפּערעטע, נאָר גאַנץ גאָלדפֿאַדען.

וואו איינער האָט נאָר געקענט אַ ליד פֿון גאָלדפֿאַדענס אַן אָפּערעטע, האָט מען עס אַריינגעשטעלט, צי עס האָט יאָ געפּאַסט, אָדער עס איז אַריין ווי אַ יון אין סוכה. די העלדן פֿון דער אָפּערעטע האָט מען איטאַליעניזירט. די כשר'ע יידענע ברײַנע האָט געהייסן סינאָריטאַ בריינע. שמענדריק אַליין האָט געהייסן סעניאָר שמענדריקוס.

דאָס טעאַטער איז געווען אויספֿאַרקויפֿט, ווייל מיר האָבן געשפּילט שבת אין אָוונט, ווען דער גרעסטער טייל אייִרישע קוילן־אַרבעטער זיינען פֿריי פֿון דער אַרבעט. דאָס געלעכטער אין טעאַטער און די אַפּלאָדיסמענטן זיינען געווען גאָר גוואַלדיק. דער עיקר האָט מען געלאַכט פֿון סעניאָר שמענדריקוס, און מיר האָבן געלאַכט פֿון די שמענדריקס, וואָס זיצן אין טעאַטער.

ערשט נאָכן צווייטן אַקט, מיר גיבן אַ קוק, הינטער דער בינע דרייט זיך אַרום אַ יידל. יאָ, ווי זאָגט מען אין דער אַלטער יידישער אָפּערעטע: „זאָוואָר איך לעבע, איין יודע". דאָס איז זיך פֿאַרקראָכן אין דעם אייִרישן שטעטל אַ ליטוואַק, נעבעך, אַ פּעדלער, און פֿאַר אומעטיקייט איז ער אַוועק אין „איטאַליענישן" טעאַטער. אַבער זעענ־

דיק די טיפן אויף דער בינע, און דערהערנדיק פון צייט צו צייט א יידיש וואָרט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער חלום'ט, און ער איז דעריבער געקומען הינטער די קוליסן רעדן מיט די אַקטיאָרן און זען צי זיי זיינען נישט אַמאָל קיין יידן.

מילא, עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און עס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען די סצענע ווי צווישן יוסף'ן מיט זיינע ברידער ווען זיי לאָזן זיך דערקענען . . .

אָבער איין זאַך האָבן מיר אָפּגערעדט מיט דעם פעדלער, אז פתח שין — שאַ. ער קען אונדז נישט, און מיר בלייבן ווייטער איטאַליענער.

און אַזוי זיינען מיר ווייטער אָנגעגאַנגען מיטן שפּילן.

ערשט, אַז מיר ענדיקן דאָס שפּילן, קומט צו אונדז דער פּאָליס־מאַן, וועלכער שטייט הינטער די קוליסען, און זאָגט אונדז, אַז ער האָט פאַר אונדז אַ גוטע בשורה: עס האָט זיך אָפּגעזוכט אונדזערער אַ לאַנדסמאַן, אַן איטאַליענער, וואָס וויל מיט אונדז רעדן. ער, דער פּאָליסמאַן, האָט אים אָבער געזאָגט, אַז מען קאָן מיט אונדז נישט רעדן פריער ווי נאָך דער פאָרשטעלונג, און אַזוי ווי איצט איז שוין נאָך דער פאָרשטעלונג, וואַרט אונדזער לאַנדסמאַן, דער איטאַליענער, און וויל מיט אונדז רעדן.

אָט די בשורה האָט אונדז נישט אַזוי געפרייט. מיר האָבן גע־מיינט, אַז מיר זיינען שוין דורכגעגאַנגען אונדזער איטאַליענישע „פּראָבע", אָבער איצט וועט מען אונדז „כאַפּן ביי דער האַנט", וואָרום דער איטאַליענער וועט דאָך רעדן איטאַליעניש, און קיינער פון אונדז קען קיין וואָרט איטאַליעניש נישט אויסרעדן. אויסערדעם, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל דער איטאַליענער וועט אונדז מאַכן פאַר דעם „איטאַליעניש", וואָס מיר האָבן גערעדט אויף דער בינע.

אָבער פאַרפאַלן, דער איטאַליענער שטייט שוין הינטער אונד־זערע פּלייצעס, און מען מוז אים אויפנעמען.

אַלס פאָרשטייער פון דער טרופּע, האָט דער פּאָליסמאַן צוגע־פירט דעם איטאַליענער צו מיר. איך קוק אים אָן, אַ מאַן אין די פערציקער. שלעכט! און דאָ פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אַ געבוי־רענער בין איך אַ ליטוואַק און האָב אין מיין קינדהייט גערעדט ליט־וויש, נישט אַ ליטווישן יידיש, נאָר ליטוויש, די שפּראַך פון די אמת'ע

גוי׳אישע ליטוואקעס, און איך גיב דאס א פאר ארויס צו דעם איטאליע־נער אויף מיין ליטוויש.

דער איטאליענער איז געבליבן אין א שטארקער פארלעגנהייט, ווי איך וואלט אים אפגעגאסן מיט הייס וואסער.

ער האט א שמייכל געטאן, און פארלעגן געזאגט אויף ענגליש:

— פארשטייט, סעניאר, איך בין שוין דא 40 יאר אין אט דער געגנט. איך בין אהערגעקומען אלס קינד. איך האב געוואוינט אין איטאליע אין א קליינער פראווינץ און גערעדט אן ארטיקן דיאלעקט. איר ווייסט דאך, איטאליעניש האט זייער פיל דיאלעקטן. זייט דע־מאלט איז מיר נישט אויסגעקומען צו רעדן איטאליעניש. איר, ווי עס זעט אויס, רעדט א גרויסשטאטישן איטאליעניש, א פנים ווי מען רעדט אין ווענעציע, און איך פארשטיי נישט קיין ווארט, וואס איר רעדט, פונקט ווי איך האב גארנישט פארשטאנען פון דעם, וואס איר האט גערעדט אויף דער בינע. עקסקיוז מי*), לאמיר רעדן ענגליש און הויך אויסרופן: „לעבן זאל איטאליע, אונדזער געמיינזאם בא־ליבט פאטערלאנד!״

מיינע ערשטע טעאטער־איינדרוקן

פיל פון מיינע לייענער פארווארפן מיך תמיד מיט פראגן, ווי אזוי איך קום צום טעאטער, וויל איך דא דערציילן עטלעכע עפיזאדן וועגן דעם:

איך געדענק נישט, אז מיין מאמע זאל זיין געגאנגען אין טעאטער איידער איך האב זיך אנגעהויבן דערמיט צו פארנעמען, אבער זייער אפט פלעגט זי זינגען פאר זיך און פאר אונדז קינדער טעאטער־לידלעך. למשל, אזעלכע גאלדפאדענישע לידלעך, ווי „ראזשינקעס מיט מאנדלען״ אין „שולמית״ אדער „מילכל דריי זיך״ אין „בר־כוכבא״, צי מאגולעסקאס „מן המצר קראתי יה״ אין „בלימעלע״, פלעגט זי זינגען מיט א באזונדערער מתיקות. זי האט געהאט צו די לידער די זעלבע באציאונג, ווי צו די מעשיות פון טייטש־חומש. עס איז ביי איר געווען דער גלויבן אין גאט, די ליבע צו ארץ־ישראל. דער פאטער ווידער, א פרומער ציוניסט, האט מיך, נאך אלס קינד,

*) עקסקיוז מי — אנטשולדיקט.

מיטגענומען אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, און ציוניזם איז דע־מאָלט באַשטאַנען אין צוויי זאַכן: אין קויפן אַ שקל און זינגען שירי־ציון. קויפן אַ שקל בין איך געווען צו יונג, אָבער צו זינגען שירי־ציון האָב איך געפּאַסט, ווײַל איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן סאָפּראַן, און אויב איך האָב געזונגען פאַלש, (וואָס עס איז מיר געבליבן ביז הײַנט), האָט מען דערויף אויך נישט מקפּיד געווען, אַבי איך האָב אויסגעלאָזט מיט די סאַמע העכסטע טענער אַזעלכע ליבע ווער־טער, ווי „ארץ אבותינו עיר בה דוד חנה".

אַ שטיקל טעאַטראַלן אָדער האָב איך יאָ געהאַט אין מיר: מײַן מאַמעס אַ ברודער, לייזער, אַ וואונדערבאַר שיינער מאַן, איז באַזעסן אַ הערלעכן העלדן־טענאָר. פון פאַך איז ער געווען אַ וועבער. ער איז געווען אַן אַזאַרקאַווער און ער פלעגט זינגען פאַרשידענע לידער צוזאַמען מיט די אַנדערע פּועלים וועבער, אָבער אַזוי ווי ער האָט געשטאַמט פון אַ שיינער היים, האָט ער אויסגעמיטן דעם גורל פון עטלעכע פון זײַנע חברים: ער איז קיין יידישער אַקטיאָר נישט גע־וואָרן, אָבער זײַן באַגאַזש מיט יידישע טעאַטער־לידער פלעגט ער אויסלאָדענען פאַר אַ קליינעם עולם צוהערער, און איך בין געווען זײַן שטענדיקער צוהערער. אַז עס פלעגט נאָר גוט זײַן אויפן געמיט, פלעגן מיר מאַכן אַ קוואַרטעט: דער פעטער, די מאַמע, איך און מײַן שוועסטער, און מיר האָבן געהאַט אַ „טעאַטער אין דער שטוב". אַט אַזוי טאַקע פלעגט די מאַמע זאָגן.

דאָס איז מכּח געזאַנג. מכּח אַקציע איז געווען אַנדערש:

יעדעס געשעעניש האָט זיך אין מײַנע אויגן געשטאַלטעט אין אַזאַ כאַראַקטער, וואָס איצט וואָלט איך עס אָנגערופן טעאַטער.

אַלס אַזאַ ערשט געשעעניש געדענק איך, למשל, דאָס לאָזן דע־מאָנסטרירן דעם ערשטן טראַמוויי אין לאָדזש. איך בין דעמאָלט געווען אַ קינד פון 5־6 יאָר בערך. מיר האָבן געוואוינט אויף נאַוואָ־מיעסקאַ 4. אַזוי ווי איצט זע איך פאַר מיר אַ בילד, ווי אויף די ליניעס, וואָס זײַנען ספּעציעל אויסגעלייגט געוואָרן אויף דער נאַוואָ־מיעסקאַ־גאַס, גייט זיך עפּעס אַ מאַשינקע אָן פערד, און טויזנטער מענטשן שטייען און קוקן און באַוואונדערן. איך געדענק נישט, נאָר מײַן פאַנטאַזיע מאָלט מיר, אַז דעמאָנסטרירט האָט מען נישט קיין ריכטיקן טראַמוויי־וואַגאָן, נאָר עפּעס אַ פּראָבע־וואַגאַנדל פון קלענערן

פּאַרמאַט, אָבער אַפילו דאָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער חידוש, בפרט פאַר אונדז קינדער. איך האָב אין דעם געזען אַ ספּעקטאַקל.

דאָ אַ צווייט געשעעניש: טאַקע אין זעלבן הויז וואו מיר האָבן געוואוינט, האָט מען עפּעס אַ האַלב געוועלב פאַרדונגען פאַר אַ שיס־בודע, און פאַר עטלעכע גראָשן האָט מען געקאָנט אַרויסשיקן 2 דרעסירטע טויבן, וועלכע פלעגן נעמען אין זייערע שנאָבלען ספּעציעל צוגעגרייטע קאָנווערטן מיט בריוו און צוריקברענגען צום זעלבן פּלאַץ, פון וואַנען מען האָט זיי אַרויסגעשיקט.

מיט קינדערשע אויגן געקוקט — איז דאָס געווען הפלא ופלא, אַ כשוף־טעאַטער.

און איצט ווידער אַ מעשה שוין מיט מענטשן. שבת נאָכמיטאָג איז עס געווען. בין השמשות, איך בין געזעסן ביים פענסטער און געזאָגט פּרק. פּלוצלונג האָב איך דערזען נעבן אונדזער פענסטער (אין פּאַרטער), ווי צוויי קריסטן אין לאַנגע גרויע סאָלדאַטסקע שינעלן, רייסן זיך צווישן זיך, האַלטנדיק זילבערנע לייכטער אין די הענט. דערנאָך האָבן זיי ביידע שנעל זיך אָפּגעטראָגן אַריבערן פּלויט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ. אַביסל שפּעטער, ווען מען האָט געעפנט אַ געוועלב, וואָס האָט זיך געפונען אויפן זעלבן הויף, איז געוואָרן אַ שרעקלעך גוואַלד. דער גאַנצער הויף איז באַלד געגאַנגען כאַדראַם. דאָס האָט מען אויסגעפונען, אַז מען האָט נעבעך אַ יידישע משפּחה אומגליקלעך געמאַכט. מען האָט זי באַ'גנב'עט און צוגענומען אַלץ פון דער שטוב. אין מיינע אויגן האָט זיך דעמאָלט איינגעקריצט דער איינדרוק, אַז אַלע גנבים זיינען אַזעלכע הויכע און טראָגן אַזעלכע גרויע שינעלן און שלאָגן זיך צווישן זיך.

דערצו האָט מיך נישט אינטערעסירט די גאַנצע זאַך פון רחמנות־שטאַנדפּונקט. אַלע האָבן געשאָלטן די גנבים מיט טויטע קללות. איך האָב אָבער געקוקט אויף זיי, ווי אויף העלדן, ווי אויף מענטשן פון טאַט: דער ספּעקטאַקל אין דעם רייסן זיך, דער אויסדרוק פון זייערע פּנים'ער האָט ביי מיר אַרויסגערופן רעספּעקט. עס האָט מיך מיטגעריסן.

און איינציקע יאָר שפּעטער — אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, לידע, נעבן ווילנע. איך האָב דאָרט געלערנט אין ישיבה. אין שטאָטישן

גאָרטן האָט גאַסטראָלירט אַ צירק. דאָס גאַנצע שטעטל איז געלאָפן אויף בייזע חדושים. אַלע האָבן געמעגט גיין, נאָר מיר, ישיבה־בחורים, נישט. אָבער דער יצר־הרע צו זען טעאַטער איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מיין בעל־הבית פון דער אַכסניה, אַז פאַרן כאַבאַר פון קויפן אויך פאַר אים אַ בילעט, זאָל ער קיינעם נישט דערציילן, אַז נאָכדעם ווי איך בין פון ישיבה אַהיים געגאַנגען שלאָפן, בין איך באמת אַוועק גאָר אין צירק, און ווען דער קלאָון איז אַרויסגעקומען מיט אַ וואָגן היי און גרויסע לייצעס און דערנאָך אַרויסגעבראַכט נישט קיין פערד, נאָר אַ קליין הילצערן פערדל, ווי פאַר קליינע קינדער, — ווער איז נאָך געווען אַזוי גליקלעך, ווער האָט נאָך אַזויפיל געלאַכט ? !

ווידער זיינען אַריבער אייניקע יאָר, און דאַסמאָל בין איך שוין געגאַנגען אין אַן אמת טעאַטער. עס איז געווען אין זאַנדבערגס „גרויסעם טעאַטער" אין לאָדזש. מיין פֿאָטערס אַ פריינט האָט מיך מיטגענומען אין טעאַטער, נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום טעאַטער און דערהערט, אַז מען שפּילט אַ דראַמע, האָט ער באַשלאָסן נישט צו גיין, און בלויז געקויפט פאַר מיר אַ בילעט אויף דער גאַלעריי. געשפּילט האָט מען „דער ישיבה־בחור", און ווער איז נאָך געווען אַזוי אומגליקלעך, ווי איך, ווען מען האָט געשלאָגן אביגדור'לען, אָדער ווען זיין געליבט אסתר'ל איז געשטאָרבן, און ווי געפּלעפּט בין איך געווען פון דער זאַך, וואָס איך האָב געזען. איך האָב אָנגעהויבן זיך „פאַרטיפן" אין אַלעם, וואָס איך האָב געזען און געהערט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס האָט מען זיך פאַרשטעלט, און איך האָב דעריבער פאַרשטאַנען, אַז די זעלבע פאַרשטעלער קאָנען זיך מאָרגן אַנדערש פאַרשטעלן, אָבער וואָס איז מיט די הייזער און שטובן און גערטנער ? ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אָט דאָרט, וואו עס איז נאָר וואָס געווען אַ שטוב, איז געוואָרן אַ גאָרטן, און דאָרט, וואו עס איז מיט עטלעכע מינוט צוריק געווען אַ גאָרטן, איז געוואָרן אַ בית־עולם, דאָס האָט מיין שכל נישט געקאָנט באַנעמען, סיידן אַ כשוף — און אָט דעם כשוף האָב איך אָנגערופן טעאַטער.

און אָט אין דעם כשוף האָב איך זיך אויך אַריינגעדרייט . . .

שיער אַ קרבן פון יידישן טעאַטער אין לובלין

אין 1928 האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ רייזע איבער דער וועלט. כ׳בין אַרומגעפאָרן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע און פון דאָרט געקומען אין אייראָפּע. אָנגעקומען אין וואַרשע, האָב איך פּונקט געטראָפן אויפן צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַקטיאָרן. ווי געוויינלעך, בעת אַזאַ צוזאַמענפאָר, געפינען זיך אין וואַרשע כמעט אַלע יידישע אַקטיאָרן פון פּוילן, און אייניקע פון זיי האָבן מיט מיר געגומען פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן קומען אין די שטעט וואו זיי שפּילן, און דאָרט איינאָרדנען אַקאַדעמיעס לטובת דעם „טעאַטער־לעקסיקאָן״. פאַרשטייט זיך, אַז אין באַטראַכט האָבן געקאָנט קומען נאָר גרעסערע שטעט, וואו מען האָט געקאָנט דערוואַרטן אַ גרעסערע הכנסה, און אַלס אַזעלכע האָבן זיך גערעכנט וואַרשע, לאָדזש, ווילנע און לעמבערג.

ווי פאַרוואונדערט בין איך אָבער געוואָרן ווען דער אַקטיאָר קאַדיש האָט זיך צו מיר צוגעזעצט, אַז איך מוז אומבאַדינגט קומען קיין לובלין, וואו ער האָט דעמאָלט געשפּילט מיט אַ טרופּע. אַלע מיינע טענות, אַז איך קאָן מיר נישט דערלויבן אַזאַ „לוקסוס״ ווי קומען אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט מיר געמאַכט די גרעסטע הנחות, אַז איך דאַרף נישט קומען, ווי אין אַנ־דערע שטעט, מיט אַ וואָך פריער. עס איז גענוג, אַז איך זאָל קומען איין טאָג פאַר דער פאָרשטעלונג. ער האָט מיר געגעבן גרויסע פּראָ־צענט פון דער הכנסה אַבי כ׳זאָל קומען.

נו, ווער קאָן עס ביישטיין אַזאַ נסיון ?

האָב איך געגעבן מיין הסכמה און בין געווען זיכער, אַז אַזוי ווי אַקטיאָרן האָבן אַ קורצן זכרון, דערהיצן זיך שנעל און קילן זיך אָפּ שנעל, וועט מסתמא פון דער אימפּרעזיע אין לובלין גאָרנישט ווערן. אָבער ווייזט אויס, אַז כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף אַן עקשן, וואָרום אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַקטיאָר קאַדיש, אַז די אַקאַדעמיע קומט פאָר פרייטאָג, און כ׳זאָל קומען קיין לובלין נישט שפּעטער ווי פרייטאָג אין דער פרי.

אָנגעקומען אין לובלין פרייטאָג פאַרטאָגס, האָב איך אויפן וואָקזאָל נישט געטראָפן קיינעם, וואָס זאָל מיך מקבל־פּנים זיין. אָבער

אזוי ווי כ'בין שוין פריער אויך אמאל געווען אין לובלין און אזוי ווי צוליב דער זומער־צייט איז שוין געווען ליכטיק, כאטש עס איז נאך געווען זייער פרי, בין איך נישט געבליבן פארצווייפלט און האב מיך געהייסן צופירן אין א האטעל.

אביסל זיך ארומגעוואשן, בין איך פונדעסטוועגן געווארן אומ־רואיק וואס קיינער פון דער טרופע האט מיך נישט אויפגענומען אויפן וואקזאל און עס האט מיר אנגעהויבן איינפאלן א חשד, אז אפשר איז פארט גארנישט געווארן פון דער אקאדעמיע. איך האב באשלאסן זיך ארויסצולאזן אין גאס און א שמעק טאן צי די אקא־דעמיע קומט יא פאר אדער נישט. עס איז געווען א שיינער זומער־דיקער פרימארגן. די זון האט געשיינט א מחיה, די שטאט האט נאר וואס דערוואכט צום לעבן. אויף די גאסן איז נאך געווען א קנאפע באוועגונג, מען האט נאר וואס פארענדיקט רייניקן די גאסן, פארשלא־פענע מידע ארבעטער האבן זיך שוין באוויזן צו שלייכן צו דער ארבעט. אויף די ווינקלען פון די גאסן זיינען אויף די ווענט געהאנגען אפישן, און צווישן זיי אויך אן אפיש וועגן דער „לעקסיקאן"־אקאדעמיע. איך בין אבער ביי מיר אלץ נישט געווען זיכער. אן אפיש ווערט געמאכט מיט אייניקע טעג פריער, און דאן קאן זיין, אז די אקאדעמיע איז אפגערופן געווארן אין דער לעצטער מינוט. מיט אומגעדולד האב איך דעריבער דערווארט ביז עס איז אנגעקומען א צייטונגס־פאר־קויפער. אט דא וועל איך שוין וויסן דעם גאנצן אמת, דא איז דאך א צייטונג נאר וואס ארויס פון באק־אויוון, געכאפט מיט א ציטער אין האנט דעם פרייטאג־נומער פון „לובלינער טאגבלאט". איך עפן פון הינטן ארויף, יא, אן אנאנס איז פאראן. איך עפן די צייטונג פון אינ־וויניק, גאט מיינער! ממש א לעקסיקאן־נומער, מיינס אן ארטיקל, אן ארטיקל פון חבר ניסענבוים, אן ארטיקל פון חבר יעקב וואקסמאן, א גרעסערע נאטיץ וועגן דער אקאדעמיע גופא. הורא! הייסט עס, אז איך וועל מיט לובלין זיך נישט האבן צו שעמען, ווארום נאך אזא רעקלאמע דארף זיין אן עולם. אבער וואס איז מיר אזוי היים גע־ווארן? צי ברענט עס אזוי די זון, אדער איז מיר היים געווארן פון אינערלעכער ווארימקייט? איך וויש מיר דעם שטערן און גיי אריין אין א קאפע־הויז, עפעס געטרונקען און פיל ווידער א מאדנע היץ. ערשט איך דערהער נעבן מיר שמועסן, אז ווי עס זעט אויס וועט שוין היינט זיין דאס אמת'ע פייער פון הימל, און באלד דערויף אז

ענטפער, אַז ס'איז כּאַטש נאָך גוט, וואָס עס איז אויסגעקומען אַזאַ היץ אום פרייטאָג, וועט מען נאָכמיטאָג נאָך דער אַרבעט אָדער נאָכן געשעפט, קאָנען אַרויספאָרן אין אַ נאָענטער דאַטשע אויף אַ ביסל לופט, ביז מאָנטאָג אין דער פרי.

דערהערט די גוטע בשורה, אַז דער עולם לאָזט זיך אַרויס פון לובלין, איז מיר שוין געוואָרן קילער . . . פּונקט צו מיינע גליקן מוז היינט זיין פרייטאָג, וואָרום אין אַ געוויינלעכן טאָג קאָן דאָך דער עולם נישט פאָרן, ווייל צומאָרגנס אין דער פרי מוז מען דאָך זיין ביי דער אַרבעט, אָבער אַזוי, אַז נאָך פרייטאָג גייט דער אַלטער שבת און דערנאָך דער שומר זונטאָג מחללו, איז דאָך טאַקע „גוט” . . .

וואו גייט מען איצט? באַשלים איך, אַז איך מוז גיין אויפזוכן די אַקטיאָרן. אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, דערזע איך עפּעס אַ באַקאַנט פּנים, אַ ייד מיט אַ לולקע אין מויל, שטאַרק באַוואַקסן און זייער פאַרטראַכט. איך גיב מיר אַ קנייטש דעם שטערן זיך צו דערמאָנען וואו איך האָב דעם יידן געזען, און דערמאָן זיך, אַז דאָס איז דאָך סטופּניצקי, דער רעדאַקטאָר פון „לובלינער טאָגבלאַט”. צוגעגאַנגען צו אים, אַ שמחה, און באַלד אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ משוגעת צו קומען קיין לובלין זומער אין אַ פרייטאָגדיקן טאָג. ער קאָן מיר גאַראַנטירן, אַז די אַקאַדעמיע וועט אינגאַנצען נישט פאַרקומען, אָדער אויב יאָ, וועלן זיין אַ מנין מענטשן, וואָרום די גאַנצע שטאָט פאָרט פרייטאָג אַרויס, איבערהויפּט נאָך אין אַזאַ היץ.

יאָ, עס איז טאַקע היים, מיר — איבערהויפּט, סטופּניצקים רייד קאָנען וואָרעם מאַכן אפילו אין אַ ווינטער־טאָג . . .

מיר גייען אַזוי און שמועסן ביז מיר קומען צו אין איינער פון די אַלטע לובלינער גאַסן, מיר גייען אַריין צו אַ באַרבער, אויף די בענקלעך זיצן שוין עטלעכע מענטשן, מיר זעצן זיך אַוועק אין אַ זייט און האַלטן ווייטער אין אונדזער שמועס. סטופּניצקי עצה'ט מיר, אַז איך זאָל זיך בעסער גאָרנישט מאַכן נאַריש און באַלד צו־ריקפאָרן, אָדער כ'זאָל גאָר אַרויספאָרן מיט אים אויף דאַטשע. איך בין שוין באַלד מסכים, נאָר איך קאָן מיר אַליין נישט שענקען, וואָס די אַקטיאָרן זיינען מיך נישט געקומען אָפּנעמען ביי דער באַן. סטופּ־ניצקי נוצט דאָס טאַקע אויס אַלס צייכן, אַז די אַקטיאָרן האָבן חרטה פון דער גאַנצער זאַך.

— וואָס פאַר אַ חרטה, — דערהערט זיך פּלוצלינג אַ קול פון

איינעם, וואָס זיצט אויף אַ שטול און זיין האַלדז ליגט אונטערן מעסער פון באַרבער. — ווער האָט דען געוואוסט ווען איהר קומט?

איך גיי צו — דאָס איז דאָך דער אַקטיאָר קאַדיש!

מיר רעדן זיך פונאַנדער, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ דע־לעגאַציע פון די אַקטיאָרן האָט מיך אומזיסט צוויי מאָל אָפּגעוואַרט דאַנערשטיק אויף דער נאַכט און עס איז געבליבן . . . אַז מסתמא וועל איך קומען היינט אין דער לעצטער מינוט.

— און וואָס איז מכח אַן עולם אויף היינט? — פרעג איך שוין ביזנעס.

— וואָס זאָרגט איר זיך, — טרייסט מיך קאַדיש, — עס וועט זיין אַ גרויסער עולם.

— איר הערט, קאָלעגע סטופּניצקי — זאָג איך.

סטופּניצקי שמייכלט אין זיינע דיקע וואָנסעס.

מיר גייען צו צום טעאַטער, דער עולם הויבט זיך שוין אָן צו־זאַמענקומען אויף פּראָבע, אַ פרייד ביי אַלעמען, אַבי מ'האָט זיך געשראָקן, אַז איך וועל נישט קומען. איך זיץ אין טעאַטער און קלויב נחת — אַז ערנסטע באַציאונג ווי זעלטן אין יידישן טעאַטער. באַלד הויבן אויך אָנקומען בשורות, אַז אַ האַלב טעאַטער איז שוין פאַר־קויפט. די היץ ברענט טאַקע אין דרויסן, אָבער דער עולם ברענט נאָך מער צו די בילעטן, פונקט ווי יעדער בילעט וואָלט געווען אַ קאַלט שטיקל אייז, וואָס שטילט דאָס פייער פון הימל.

אין אָוונט — אַ שרעקלעכער טומל פאַרן טעאַטער, אַלע בילעטן אויספאַרקויפט. פּאָליציי איז באַשעפטיקט מיט דערוויטערן די, וועלכע קאָנען נישט באַקומען קיין בילעטן. וואו נעם איך דאָ דעם שוואַרצ־זעער סטופּניצקי און אים ווייזן וואָס פאַר אַ טייערן טעאַטער־עולם מיר האָבן?!

דאָס פּראָגראַם גייט אַראָפּ מיט דערפאָלג. איך האַלט אַ קורצן רעפעראַט און גיי דורך. צום סוף — ווען דאָס פּראָגראַם איז שוין געענדיקט, קלויבט זיך צוזאַמען די גאַנצע טרופּע אויף דער בינע און אין מיין אַנוועזנהייט האַלט דער אַקטיאָר כאַש אַ באַגריסונג צו מיר, אויף וועלכער איך ענטפער זייער גערירט, דערביי גיי איך אַביסל אַרויס אין פאָדערגרונט. געענדיקט, פאַרנייג איך זיך און דער פאָרהאַנג פאַלט

אראָפּ. אַ לייוונטער פאַרהאַנג מיט אַ דיק ברעט פון הינטן, גיט ער זיך אַ לאָז אראָפּ מיט דער גאַנצער האַסטיקייט גלייך אויף מיר. מיט אַ שטאַרקער קראַפט וואַרפט דאָס האָלץ מיר אראָפּ די ברילן און גיט מיר אַ קלאַפּ איבערן פּנים, איך פאַל אַ רגע אין חלשות, אויף דער בינע ווערט אַ שרעקלעכער טומל, אָבער נאָך מער הערשט אומרו אין טעאַטער, וואָרום דער עולם האָט געזען ווי אָט בין איך נאָר־וואָס געשטאַנען פריש און געזונט, און אָט בין איך אַנידערגעפאַלן. מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג באַמי איך זיך און שטעל זיך אויף, היים אַרויפציען דעם פאָרהאַנג און גיי אַרויס צום עולם. אַ פרייד־געשריי האָט זיך געהערט פון עולם ווען מען האָט מיך ווידער דערזען, וואָרום עס האָבן זיך אין משך פון די עטלעכע סעקונדן שוין פאַרשפּרייט די שרעקלעכסטע קלאַנגען, דאָס גאַנצע פּנים האָט מיר זייער געשמערצט. איך האָב זיך געקאָרטשעט אין ווייטאָג, אָבער פאַרן עולם בין איך געשטאַנען אַ לאַכעדיקער און אַלעמען באַרויִקט, אַז עס איז מיר גאָרנישט געשען.

איצט איז געוואָרן אַ קשיה, וואָס טוט מען ווייטער, עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ באַנקעט, אָבער ווי קאָן מען מאַכן אַ שמחה בעת דער בעל־שמחה קאָרטשעט זיך אין ווייטאָג? איך האָב קוים גע׳פועל׳ט, אַז דער באַנקעט זאָל אָנגיין און די גאַנצע צייט פון באַנקעט איז די אַקטריסע ליפּאַווסקאַ געזעסן נעבן מיר און מיר געלייגט אייז אויפן פּנים. כדי צו דערהאַלטן די גוטע שטימונג, ווי דער מנהג איז אויף אַ באַנקעט, האָב איך געזאָגט וויצן, כאָטש אין האַרצן האָט זיך שוין גאָרנישט געוויצלט . . .

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אין דער יידישער פּרעסע גע־לייענט אַ טעלעגראַמע פון יט״א וועגן פאַרפאַל און באַלד דערנאָך בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בריוו פון פריינט, אַז איך זאָל זיי שרייבן וואָס איך מאַך. מיין פאַמיליע אין פּאַלעסטינע האָט זיך זייער איבערגעשראָקן און אויסער אָנפראַגן צו מיר, האָט מען אויך אָנגע־פרעגט ביי אונדזערע קרובים אין פּוילן, אַז אַזוי ווי מ׳פאַרשטייט, אַז די יט״א מעלדונג איז בכיוון שוואַכער כדי זיי נישט איבערצו־שרעקן, זאָל מען שרייבן דעם גאַנצן אמת ווי שרעקלעך עס זאָל נישט זיין . . .

אין אייניקע חדשים אַרום בין איך געקומען אין אַמעריקע און צווישן די ערשטע זאַכן, וועגן וועלכע מען האָט מיר געשמועסט, איז

אויך געווען וועגן דער יט"א טעלעגראַמע מכח דעם פּאַרפּאַל אין לובלין.

— אהא, — האָבן זיי גע'טענה'ט, — דאַכט זיך אַז אייראַ־פּעער, און ווי פּיין איר האָט זיך אויסגעלערנט דעם אַמעריקאַנער סיסטעם פון רעקלאַמע, אויסגעטראַכט זיך אַ מעשה מיט אַ פּאַרהאַנג, וואָס איז אויף אייך כלומר'שט אַראָפּגעפאַלן כדי דערוויל זאָל זיך וועגן אייך אַביסל טומלען . . .

און בשום אופן האָט מען מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך האָב ווירקלעך געהאַט אַ פּאַרפּאַל מיט אַ פּאַרהאַנג אין לובלין, ביי וועלכן איך האָב שיר מיט מיין לעבן באַצאָלט, פּונקט ווי מיין פּאַ־מיליע אין פּאַלעסטינע האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז ס'איז מיר טאַקע נישט געשען קיין ערנסטעס, ביז זי האָט זיך נישט פּערזענלעך איבערצייגט.

דער גוי

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין 1928 אין רומעניע, טאַקע אין דער הויפּט־שטאָט, אין בוקאַרעסט. איך בין דאָרט געקומען אין די אינטערעסן פון „טעאַטער־לעקסיקאָן", און די יידישע אַקטיאָרן האָבן באַשלאָסן איינצואָרדנען אַ גרויסע אונטערנעמונג.

כדי אָבער די אונטערנעמונג זאָל האָבן דערפאָלג, האָט מען געזוכט אַן אַטראַקציע, און אַזאַ אַטראַקציע איז גראָד געווען אין שטאָט: דאָס איז געווען דער קריסטלעכער אייגנטימער פון גרעסטן רומענישן וואָדעוויל־הויז, טאַנאַסאַ, אַ גוי מיט אַ געשטופּלט פּנים, מיט אַ גראָב בייכל און מיט אַ נאָז, וואָס איז נישט קיין נאָז, נאָר אַ שופר. טאַנאַסאַ איז אויסער באַזיצער פון גרעסטן וואָדעוויל־הויז אין רומעניע אויך איינער פון די גרעסטע אַקטיאָרן אויף דער רומע־נישער בינע. ער איז אַ קאָמיקער און איינער פון די באַליבטסטע טעמעס פון זיינע לידלעך איז טאַקע זיין נאָז. ער איז אַ ליבלינג אין רומעניע און ווען ער טרעט אויף, האָט ער אַ גרויסן דערפאָלג.

די יידישע אַקטיאָרן האָבן דעריבער גענומען טראַכטן, צי מ'וואָלט נישט געקאָנט פועל'ן, אַז טאַנאַסאַ זאָל זיך באַטייליקן אין אונדזער אונטערנעמונג, וואָס דאָס וואָלט געזיכערט די גרעסטע איינגאַמע. עס האָט זיך באַלד אָרגאַניזירט אַ קאָמיטע פון אַן אָנגעזעענעם יידישן

אקטיאָר, אַ שרייבער פון וואָדעווילס פאַר דער רומענישער בינע, אויך אַ ייד, און דעם שרייבער פון די שורות, אַז מיר זאָלן זאַלבעדריט אוועק צו טאַנאַסאַן און אים איינלאַדן צו אונדזער „לעקסיקאָן"־אונטערנעמונג.

צוצוקומען צו טאַנאַסאַן איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. ער האָט געהאַט אַן אַ שיעור סעקרעטאַרן און יוצר משרתים, אָבער ענדלעך זיינען מיר אויפגענומען געוואָרן און גע'פועל'ט, אַז ער וועט קומען צו אונדזער פאָרשטעלונג, נאָר ערשט נאָך 12 ביינאַכט, ווען ער שליסט זיין וואָדעוויל־הויז. פאַרשטייט זיך, אַז געריעדט האָבן די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, ווייל דער שמועס איז פאָרגעקומען אויף רומעניש און איך האָב יוצא געווען מיט דריקן טאַנאַסאַס האַנט און מיט שמייכלען די גאַנצע צייט, וואָס דער שמועס איז אָנגעגאַנגען.

אַז מיר זיינען אַרויסגעקומען אין גאַס, רוף איך זיך אָן, אַז לכבוד דעם גרויסן גאַסט טאַנאַסאַ וואָלט איך געדאַרפט אים פון דער בינע באַגריסן אין רומעניש. דער איינפאַל איז אַלעמען געפעלן. מען האָט אויפגעשריבן אַ קורצע באַגריסונגס־רעדע אין רומעניש, און איך האָב זי גענומען לערנען, אָבער זי איז בשום אופן נישט אַריין אין מיין יידישן קאָפּ. אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָענט צו דער אונטערנעמונג, האָט מען געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס, אַז איך זאָל אָנהויבן מיין באַגריסונג צו טאַנאַסאַן אין רומעניש און נאָכדעם ווי איך וועל אָפּ־רעדן עטלעכע ווערטער, זאָל איך ווייטער רעדן יידיש און פאַרענדיקן מיט אַ רומעניש זאַץ. דאָס איז שוין געווען צו דערליידן.

דאָס טעאַטער, וואו די אונטערנעמונג איז פאָרגעקומען, איז געווען אויספאַרקויפט. פונקטלעך 12 ביינאַכט איז טאַנאַסאַ אָנגע־קומען מיט זיין גאַנצן אייגענעם אָרקעסטער און מיט אַ גרופּע שוי־שפּילער, וועלכע האָבן אים שפּעטער פון הינטער דער בינע אַקאָמפּאַנירט זיינע לידער, מיט צופּלעסקן מיט די הענט. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטורעם, ווען ער איז דורכגעגאַנגען דורכן טעאַטער. נאָך גרעסער איז געווען דער שטורעם ווען ער האָט געזונגען זיינע לידער און דערציילט זיינע וויצן. ענדלעך האָט ער פאַרענדיקט, און איך בין אַרויף אויף דער בינע, אים געדריקט די האַנט און געוואָלט אָנ־הויבן מיין רעדע, אָבער ער האָט עפּעס געזאָגט אויף רומעניש,

מסתמא א וויץ, ווייל עס איז געווארן א שטארקער געלעכטער אין טעאטער. באין ברירה האב איך אויך געלאכט, כאטש איך האב נישט פארשטאנען קיין ווארט. אט די חכמה מיט דערציילן וויצן און נישט לאזן מיך רעדן, האט אנגעהאלטן אייניקע מאל, און יעדעס מאל האט דער עולם זיך געקייקלט פון געלעכטער. ענדלעך האב איך געקראגן דאס ווארט און אפגעהאלטן מיין יידיש־רומענישע דרשה. אפגערעדט, האט מיר טאנאסא געדריקט די האנט און צוזאמען מיט מיר אראפ פון דער בינע. הינטער די קוליסן רופט זיך אן צו מיר טאנאסא אין יידיש:

— וואס האסטו גערעדט צו מיר גוי'איש? דו קענסט נישט רעדן יידיש?

דערהערט די טענה, זאג איך:

— אויב אזוי, קומט ארויף צוריק אויף דער בינע און רעדט יידיש.

— ניין — זאגט טאנאסא — דו האסט גערעדט צו מיר גוי'איש, ווייל איך נישט רעדן יידיש, דו קראנק צו רעדן יידיש?

— פון וואנען קענט איר אזוי גוט יידיש? — פרעג איך טאנאסאן.

— איך דא מיט 35 יאר צוריק געווען א כאריסט ביי מאגור־לעסקאן. נישט גוט געווען און ער מיך ארויסגעווארפן, אבער געדענק נאך זיינע לידער.

און דער גוי האט מיטן עכט־יידישן קרעכץ גענומען זינגען:

„מן המצר קראתי ד'
ענני במרחב יה"

וויפיל איך האב זיך ביי אים געבעטן, אז ער זאל ארויפ־גיין אויף דער בינע און זינגען טאקע דאס יידישע לידעלע, וואס וועט זיכער אלעמען זייער דערפרייען, האב איך ביים גוי נישט געקאנט פועל'ן, און נאר אלס שטראף דערפאר, וואס איך האב צו אים נישט גערעדט קיין יידיש נאר גוי'איש . . .

די דערלויבניש

אין רומעניע קאָן מען נישט שפּילן סתם טעאַטער. מען דאַרף צו יעדער פאָרשטעלונג האָבן אַ דערלויבניש. די שטענדיקע טעאַטער־טרופּעס נעמען אַרויס אַזאַ דערלויבניש פאַר אַ געוויסער צייט, און קאָנען אין משך פון דער דאָזיקער צייט שפּילן אומגעשטערט.

בעת מיין באַזוך אין קעשעניעוו, האָב איך דאָרט גראָד נישט אָנגעטראָפן אויף קיין פּראָפעסיאָנעלער יידישער טרופּע, אָבער די, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט יידיש טעאַטער, האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן פון קעשעניעוו אָן אַ קבלת פּנים, האָט מען זיך צונויפגערעדט מיט אַ דראַמאַטישן קרייז פון דאָרטיקן „מכבי" און עס איז געבליבן, אַז איך זאָל האַלטן אַ פאָרטראַג וועגן יידישן טעאַטער, זיי וועלן שפּילן אייניקע איינאַקטערס און נאָך אַנדערע אַרטיסטישע כחות וועלן דעקלאַמירן און זינגען. אָבער אַזוי ווי צו אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף מען האָבן אַ דערלויבניש פון דער פּאָליציי, האָט מען אָנגעשריבן אַ ביטע צו דער פּאָליציי, און אייניקע טעג שפּעטער איז די ביטע צוריקגעקומען מיט אַ צושריפט מיט רויטע טינט און אַ גרויסן שטעמפּל, אַז די אונטערנעמונג ווערט נישט דערלויבט, סיידן איך וועל האַלטן מיין פאָרטראַג אין רומעניש, כדי מען זאָל קאָנען האָבן אַ קאָנטראָל וואָס איך רעד.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי קיין רעפעראַט אויף רומעניש האָב איך נישט געקאָנט האַלטן, האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער אונטערנעמונג, און איך בין אַוועקגעפאָרן פון קעשעניעוו אָן דער אונטערנעמונג, מיטנעמענדיק דעם פּאָליציי־פאַרבאָט מיט דער רויטער טינט און מיטן גרויסן שטעמפּל לזכר . . .

וואַנדערנדיק איבער בעסאַראַביע בין איך אין אַ שיינעם טאָג אַריינגעקומען אין שטעטל סעקורעני. דאָרט איז גראָד געשטאַנען אַ טרופּע פון דער פאַמיליע זיגלער. זיי האָבן מיך זייער וואַרעם אויפגענומען און אין משך פון אייניקע טעג האָבן זיי אַראַנזשירט אַ גרויסע אונטערנעמונג פאַרן „טעאַטער לעקסיקאָן".

עס איז געבליבן, אַז מען זאָל נישט שפּילן סתם אַ טעאַטער־שטיק, נאָר מען זאָל אין אַ געשיכטלעכער פאָרם פאָרשטעלן דעם רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער; געבן שטיקלעך פון די פּורים־

שפּילן, בראַדערזינגער, גאָלדפאַדען ביז צו דער היינטיקער צייט, און פאַר יעדער סצענע פון אַ פּיעסע זאָל איך דערקלערן די עפּאָכע אַנשטאָט צו האַלטן מיט איין מאָל אַ לאַנגן רעפעראַט.

דאָס טעאַטער, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ גרעסערע שטוב, איז געווען אויספאַרקויפט. מ'איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ. געעפנט דעם אָוונט האָט דער קולטור־פאַרשטייער פון שטעטל, אַ העברייאישער לערער, דערנאָך האָט גערעדט דער דירעקטאָר פון דער טרופּע ה' זיגלער און דערנאָך האָב איך גערעדט. נאָך מיר האָט מען געשפּילט אַ סצענע פון אַ פּורים־שפּיל. איך בין דערווייל געשטאַנען הינטער די קוליסן, אייננגטלעד אַ וואַנט, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון טעאַטער אין שטעטלדיקן מאַרק, נישט ווייט פון הויז, וואו איך האָב גע־וואוינט. איך האָב די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען מיינע אויגן פון אַ מערקווירדיק בילד: אין דער ערשטער ריי איז געזעסן אַ מאַן, וואָס איך וואָלט געשוואוירן, אַז ער איז נישט קיין ייד און פאַרשטייט נישט קיין יידיש וואָרט, און נעבן אים איז געלעגן אַ גרויסער פּאָליציי־הונט, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט אין די אויגן פון זיין באַלעבאָס ווי ער וואָלט געוואָלט טרעפן וואָס יענער טראַכט. עפּעס איז מיר דער פאַרשוין מיטן הונט נישט געפעלן. איך האָב געפרעגט די אַקטיאָרן וועגן דעם מאַן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס איז דער פאַרשטייער פון דער פּאָליציי, וואָס איז געקומען היינט דערפאַר ווייל אין שטעטל טומלט זיך מיטן אָוונט, און ווי־באַלד אַ שטיקל טומל דאַרף די פּאָליציי האַלטן אַן אויג.

דערווייל ווען מען האָט געשפּילט די פּורים־סצענע, האָב איך באַמערקט, אַז דער מאַן מיטן הונט זיינען אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער בינע און אין דעם מאָמענט ווען איך האָב געוואָלט אַרויפגיין אויף דער בינע, האָט דער דירעקטאָר מיך פאַרהאַלטן און געזאָגט, אַז דער פּאָליציי־פאַרשטייער לאָזט נישט ווייטער גיין דעם אָוונט. דעם לערער קען ער, דעם דירעקטאָר קען ער אויך, אָבער אַזוי ווי מיך קען ער נישט, און אַזוי ווי דער דירעקטאָר האָט נאָר אַ דערלויבניש אויף צו שפּילן טעאַטער, אָבער נישט אויף צו האַלטן לעקציעס, דערי־בער וויל ער מיר נישט דערלויבן צו רעדן, סיידן איך האָב אַ דערלויבניש פון אַן אַנדערער שטאָט, פון דער פּאָליציי.

— נו, איך האָט עפּעס אַ דערלויבניש פון דער רומענישער פּאָליציי? — פרעגט מיך ה' זיגלער.

— נייז, — ענטפער איך — איין פּאַפּיר האָב איך יאָ פון דער פּאָליציי, דאָס איז פון דער פּאָליציי אין קעשעניעוו, אָבער דאָס איז נישט קיין דערלויבניש נאָר אַ פאַרבאָט.

— עס איז אַן אָפיציעלער פּאַפּיר — פרעגט מיך ווייטער ה' זיגלער — עס האָט עפּעס אַ שטעמפּל?

— אָ, יאָ, אַ גרויסער שטעמפּל.

— וואו האָט איר עס? — פרעגט ער אויפגערעגט.

— אין שטוב.

— טאָ לויפט שנעל און ברענגט עס אהער.

איך בין שנעל ארוים דורך דער הינטער־טיר און אין עטלעכע מינוט ארום בין איך געווען צוריק מיטן פאַרבאָט פון דער קעשעניע־ווער פּאָליציי. דער סעקורענער פּאָליציי־באַאַמטער האָט אַ קוק גע־טאָן אויפן פּאַפּיר מיט דער רויטער טינט און מיטן שטעמפּל, און דערקלערט:

— אָ, אַז איר האָט אַ דערלויבניש פון דער פּאָליציי איז עפּעס אַנדערש, מעגט איר רעדן!

און איך האָב טאַקע גערעדט . . .

ער גאַראַנטירט...

ווען כ׳בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין בוקאַרעסט, האָט מיך אויפן וואָקזאַל באַגעגנט דער דירעקטאָר פון דאָרטיקן יידישן טעאַ־טער, איציקל גאָלדענבערג, און מיך באַלד אָפּגעפירט אין זיין טעאַטער, דעם באַרימטן היסטאָרישן זשיגניצאַ־גאָרטן, וואו גאָלדפאַדען האָט נאָך געשפּילט. אין גאָרטן, וואָס איז אינגאַנצן לידיק פוןביימער, און אין די זייטן זיינען גאָר פאַראַן וואוינונגען, איז וועלכע עס וואוינען דער דירעקטאָר, זיין פאַמיליע, זיין שוואָגער, אַ מיט־דירעקטאָר, און פאַמיליעס פון אַקטיאָרן, זיינען געווען אויסגעשטעלט אַלע מיטגלידער פון דער טרופּע. אַלע זיינען זיי מיר געווען אומבאַקאַנט. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געקומען אין קאָנטאַקט מיט יידישע אַקטיאָרן פון רומעניע. אויף אַזאַ אופן איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז איך האָב אין די ערשטע טעג נישט גענוי דערקענט די אַקטיאָרן און נישט געדענקט זייערע נעמען.

אין אונטן, צו דער פארשטעלונג, בין איך פארבעטן גע־וואָרן, און איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן, וואָס פון אַלע זייטן האָב איך נישט געהערט קיין יידיש וואָרט. סיי די אַקטיאָרן הינטער דער בינע, סיי דאָס גאַנצע פובליקום האָבן גערעדט רומעניש. איך בין געוועזן זייער ערשטוינט. פאַר וועמען שפּילט מען דאָ אויף יידיש? עס האָט אויסגעזען ווי דער עולם פאַרשטייט גאָרנישט קיין יידיש, און דעריבער האָב איך זיך אָנגעהויבן זייער צו שרעקן, אַז איך וועל נישט האָבן קיין דערפאָלג צו האַלטן פאַר אַזאַ עולם אַ רע־פעראַט וועגן טעאַטער אויף יידיש.

זייענדיק אַזוי פאַרטיפט אין די מחשבות, קומט צו מיר צו איינער פון די יונגעליט, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן טעאַטער־הויף, ווען מ׳האָט מיר פאָרגעשטעלט די טרופּע, און זאָגט צו מיר:

— איר זעט אָט די יידישע גוים. וואָס פאַרשטייען זיי יידיש? אַז מען זינגט פאַר זיי אַ לידל אָדער מען טאַנצט, אַמוזירן זיי זיך, אָבער האַלטן פאַר זיי אַ רעפעראַט איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. דאָס זיינען דאָך אַסימילירטע רומענישע יידן. מיר האָבן אָבער דאָ אין שטאָט אַ קלוב, וואו עס קומען אַריין די איינגעוואָנדערטע יידן. דאָרט רעדט מען יידיש. דאָרט איז אַן עכט־יידישע סביבה. ווען איר זאָלט דאָרט האַלטן אַ רעפעראַט, וועלן די צוהערער און טאַקע איר אַליין אויך כאָטש האָבן אַ גייסטיקן גענוס.

איך האָב דעם יונגענמאַן צוגעזאָגט, אַז איך נעם גערן אָן די איינלאַדונג צו האַלטן אַ רעפעראַט אין דעם דאָזיקן קלוב, מיטן באַ־דינג, אַז איך זאָל נישט נעמען באַצאָלט פאַרן רעפעראַט און עס זאָל נישט זיין קיין שום אָפּצאָל: זאָלן היימישע יידן האָבן הנאה.

אָבער דעם טערמין פון רעפעראַט האָב איך אים נישט געקאָנט באַשטימען, ווייל איך האָב פריער געדאַרפט אויפטרעטן אין יידישן טעאַטער, וואו מען האָט געגרייט אַ קבלת־פנים פאַר מיר. יעדן טאָג איז דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ סטאַטיסט אין טעאַטער, צוגעקומען צו מיר מיטן פאַרלאַנג צו באַשטימען דעם טאָג פון מיין רעפעראַט. זעענדיק, אַז דעם יונגענמאַן גייט עס אַזוי אין לעבן, בין איך איינמאָל צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר פון טעאַטער און אים געזאָגט, וואָס דער יונגערמאַן בעט און אַז איך דאַרף אים ענדלעך באַשטימען דעם טערמין.

דערהערט, אז דער יונגערמאַן וויל, אַז איך זאָל אויפטרעטן אין דעם קלוב מיט אַ רעפעראַט, איז דער דירעקטאָר געוואָרן אַ פּאַרצי־טערטער, און מיר דערקלערט:

— גאָט זאָל אייך אָפּהיטן דערפון. דער קלוב ווערט דאָ פון דער פּאָליציי באַטראַכט אַלס אַ לינקער, און איר זענט אין דער געפאַר, אַז אַלס אויסלענדער זאָל מען אייך תיכף אַרויסשיקן פון לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָס געזאָגט דעם יונגענמאַן, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— עס איז שקר וכזב. איבעריקנס, איך גאַראַנטיר אייך, אַז עס וועט אייך גאָרנישט געשען.

האָב איך מיך נישט פאַרלאָזט אויף ביידנס רייד און האָב אָנ־געהויבן איינצוזאַמלען אינפאָרמאַציעס ווי עס איז אין דער אמת׳ן מיטן קלוב, און האָב זיך דערוואוסט, אַז איין יידישער אַקטיאָר, וואָס איז דאָרט אויפגעטראַטן, איז אַרעסטירט געוואָרן, און אַ צווייטער אַקטיאָר איז פּשוט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

האָט דאָס מיך שוין גאָר פאַרדראָסן, און דאָס קומענדע מאָל, ווען דער יונגערמאַן איז ווידער געקומען צו מיר מיט אַ פאָדערונג נאָך אַ קלאָרער תשובה, האָב איך אים שוין געזאָגט אַביסל מוסר:

— פע, יונגערמאַן. איר האָט גערעדט אַזוי שיין וועגן יידישער קולטור. איר ווייסט, אַז איך בין געקומען אין רומעניע כדי צו פאַרשן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער, וואָס דאָ איז געשטאַנען זיין וויגעלע, צום סוף האָט איר מיך געוואָלט אַריינציען אין אַן אומגליק. איר ווייסט דאָך יאָ, אַז אויפטרעטן אין דעם קלוב שמעקט מיט אַרויס־געשיקט ווערן פון רומעניע. טאָ ווי האָט איר געקאָנט וועלן צופירן צו אַזאַ זאַך?

אָבער דער יונגערמאַן האַלט זיך ווייטער ביי זיינס, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול, און איבעריקנס ער גאַראַנטירט מיר, אַז ס׳וועט מיר נישט געשען קיין שלעכטס.

געזען, אַז דער יונגערמאַן וויל נישט אָפּטרעטן, האָב איך אים דערקלערט מיטן האַרבן פּסוק, אַז זיין גאַראַנטיע איז ביי מיר גאָרנישט ווערט, ווייל סוף כל סוף ווייס איך אפילו נישט ווער ער איז. אַ גאַ־ראַנטיע קאָן איך נעמען פון דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אָדער פון נאָך אַזעלכע פאַרזאָנען, וועלכע איך קען.

אזוי ווי דער איינציקער, וועלכער גאַראַנטירט מיר, איז פאַר־בליבן דער יונגערמאַן, האָב איך דעם רעפּעראַט אין דעם קלוב נישט געהאַלטן.

איינזיקע וואָכן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ צווייטער רומעניש שטאָט, אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט פאַר דער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך און איז שפּעטער איבערגע־גאַנגען צו רומעניע. עס איז שוין געווען אַרום 1 ביינאַכט ווען כ'האָב שפּאַצירט מיט אַ גרופּע יונגעלייט איבער דער שטאָט, און אונדז איז אָקעגנגעקומען אַ צווייטע גרופּע יונגעלייט, וועלכע האָט זיך העפלעך באַגריסט. צווישן דער גרופּע איז געווען איין יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך אַזוי געהאַלטן ווי מיר וואָלטן זיך געקענט פון פריער. איך האָב אָבער נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס קאָן זיין, ווייל עס איז געווען ערשטע עטלעכע שעה ווי איך בין נאָר־וואָס אָנגעקומען אין טשערנאָוויץ. וואָס אַ רגע איז דער יונגערמאַן געוואָרן אַלץ אינטימער, ביז ענדלעך, זעענדיק ווי איך קוק אויף אים ווי אויף אַ שטיקל חוצפּה'ניק, ווענדעט ער זיך צו מיר:

— איר דערקענט מיך נישט?

— ניין, — ענטפער איך.

— קוקט זיך גוט איין, — זאָגט ער.

איך קוק זיך איין. עפּעס קומט ער מיר יאָ פאַר באַקאַנט, נאָר גיי דערקען מענטשן אויף אַ וואַנדער־וועג איבער דער וועלט!

לסוף רופט זיך אָן דער יונגערמאַן:

— מיר האָבן זיך באַקענט אין בוקאַרעסט, אויפן הויף פון דער זשיגניצאַ.

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט: אָט דאָס איז דער יונגער־מאַן, וואָס האָט מיך געוואָלט באַוועגן אויפצוטרעטן אין דעם קלוב, און האָט מיר רק גאַראַנטירט, אַז עס וועט מיר גאָרנישט געשען.

— יאָ, — זאָג איך, — איך דערמאָן זיך שוין. און וואָס טוט איר דאָ?

דער יונגערמאַן האָט זיך אַביסל פאַרשעמט און שטיל גע־ענטפערט:

— איר פאַרשטייט, איך בין אַ געבוירענער אַ טשערנאָוויצער.

נו, איך ווייסט דאָך אונדזער פּאָליציי . . . דער קלוב . . . בקיצור, מען האָט מיך ארויסגעשיקט, דעריבער בין איך דאָ.

איך האָב געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען געשיט זאָלן אויף זיינע פרישע וואונדן ווען איך זאָל אים אין דעם מאָמענט דערמאָנען, אַז דאָס האָט ער מיר געוואָלט גאַראַנטירן, אַז מען וועט מיך נישט ארויסשיקן . . .

„לעקסיקאָן" - מעקסיקאָ

אין דער הויפּט־שטאָט פון קאַנאַדע, מאָנטרעאַל, האָט מיר דער דיכטער שלום שטערן געהאָלפן פארקויפן דעם „לעקסיקאָן". ער איז געווארן אזוי פארקאכט אין זיין ארבעט, אַז ווי ער האָט געזען אַ יידן אין גאַס, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און פאַרגעלייגט צו קויפן דאָס בוך. דאָס איז מיר נישט געפעלן, און איך האָב קוים ביי אים גע־פועל'ט, אַז ער זאָל אויפהערן צו מאכן די טראַנסאַקציעס אויפן גאַס.

איינמאָל אָבער, אין אַ הייסן זונטיק, אין דער פרי, ווען מיר זיינען געווען אין גאַס, האָט ער דערזען אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר אַ פאַרבייגייער און מיך אויפגעפאָדערט אריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט, און פאַרלייגן דעם יידן דעם „לעקסיקאָן", ווייל דאָס איז אַ זיכערער קונה — דער פאַרשטייער פון די אַרטיקע שלום־עליכם שולן.

איך האָב זיך געלאָזט צורעדן און מיר זיינען אריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט.

שטערן שטעלט מיך פאָר:

— אָט דאָס איז זלמן זילבערצווייג, דער רעדאַקטאָר פון „לעק־סיקאָן", געקומען אהער פון פּאַלעסטינע.

דער ייד גיט מיך אַ מעסט אָפּ, און אַ זאָג:

— וואָס פּלאָנטערט ער? פון וואַנען, זאָגט ער, זענט איר, פון מעקסיקאָ אָדער פּאַלעסטינע? מעיק אָפּ יור מיינד! (באַשליסט איינמאָל פאַר אַלע מאָל).

זלמן . . . רייזען

מיין אינטימער חבר הערי וויינבערג אין דעטראָיט נעמט מיך אַמאָל מיט צו אַ ליטעראַרישן אָוונט אין דעטראָיט און פאָדערט מיך אויף אַרויסצוגיין רעדן אַ פּאָר ווערטער, אָבער איידער איך קריג דאָס וואָרט, שטעלט ער מיך פריער פאָר, און די פאָרשטעלונג איז געווען אַזאַ:

— פריינט, איך וועל אייך קיין סך נישט רעדן. דער רעדנער, וועלכן איך וועל אייך באַלד פאָרשטעלן, וועט אייך שוין אַלץ דערציילן. דאָס איז מיינער זייער אַן אינטימער פריינט. ער טוט אַ גרויסע אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור און מיר זיינען אַלע פאַרפליכטעט אים מיטצוהעלפן. איך, אַלס זיינער אַן אינטימער חבר, טו דאָס נישט נאָר ווען ער איז ביי אונדז אין שטאָט, נאָר ווען ער איז אפילו אין אַנדערן עק וועלט. איך בין שטענדיק מיט אים, זיין נאָמען גייט נישט אַראָפּ פון מיינע ליפּן, און איך האָב דעריבער אַ גרויסע פרייד אייך פאָרצושטעלן מיין אינטימען חבר, מיין ליבן האַרציקן פריינט, דעם רעדאַקטאָר פון „טעאַטער־לעקסיקאָן", זלמן . . . רייזען.

ער קען עם אַליין שרייבן

אַרומפאָרנדיק איבער אַמעריקע אַלס מוכר ספרים'ניק מיטן „טעאַטער־לעקסיקאָן", האָב איך, נאַטירלעך, געהאַט די געלעגנהייט זיך אָנצושטויסן אויף פאַרשידענע טיפּן קונים מיט פאַרשידענע תירוצים און מאָטיוון פאַרוואָס מען וויל דאָס בוך נישט קויפן.

אין איינע פון די קלענערע שטעט אין מערב־טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן בין איך געקומען צו אַ יידן, וואָס האָט גערעדט אַ גוטן יידיש, און דורכדעם האָב איך באַקומען אמונה, אַז ער וועט קויפן דעם „לעקסיקאָן". ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן ווען ער האָט מיר אָפּגעזאָגט. איך האָב אים געפרעגט די סיבה, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז זייער באַשעפטיקט און האָט נישט קיין צייט צו לייענען.

דערהערט, אַז דאָס איז דער איינציקער מאָטיוו, האָב איך אים געפּרובט אָנווייזן, אַז מען מוז נישט יעדעס געקויפטע בוך איבער־

לייענען. דערצו האָט דער „לעקסיקאָן" אַ מעלה, אַז ער באַשטייט פון פאַרשידענע קליינע אַרטיקלען, וועלכע מען מוז נישט לייענען אַלע מיט איין מאָל.

דער ייד האָט מיך אויסגעהערט, און דערנאָך שוין אַביסל בייז אויסגערופן :

— איך זאָג דאָך אייך, אַז איך האָב נישט קיין צייט. ווען איך וואָלט געהאַט צייט, שרייב איך דאָך אַליין אָן דעם „לעקסיקאָן".

וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט*)

די אַקטיאָרן זיינען גרויסע קינסטלער

אין דעם באַרימטן פּעריאָד פון די יידישע היסטאָרישע פּיעסעס, וועלכע מען האָט געשפּילט אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער, האָט מען די אויפפירונגען פּשוט „געבאַקן". מען פלעגט יעדע וואָך אויפפירן אַ נייע פּיעסע. פאַרשטייט זיך, אַז ווען איינשטודירן אַ פּיעסע האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. טיילמאָל האָט אפילו געטראָפן, אַז מען האָט זיך געשטעלט שפּילן די פּיעסע נישט האָבנדיק דורכגעגאַנגען דעם לעצטן אַקט, וועלכן מען האָט ערשט פאַרטיק געמאַכט אין אָוונט פון דער פאָרשטעלונג.

אַז דאָס גרעסטע כפּרה־הינדל איז אין אַזעלכע פאַלן געווען דער סופלער, איז קלאָר. ער פלעגט זיך פּשוט דאָס האַרץ אויסשרייען ביים סופלירן די אַקטיאָרן.

ווי אַזוי אַזאַ שפּיל האָט אויסגעזען, קאָן מען זיך אויך לייכט פאָרשטעלן.

איינמאָל, בעת אַזאַ פאָרשטעלונג, גייט דער סופלער ראובן ווייסמאַן צו צום קאָמפּאָזיטאָר פון טעאַטער און זאָגט צו אים:

— איר ווייסט, אונדזערע אַקטיאָרן זיינען גרויסע קינסטלער: אַז איך רייס מיר אויס דאָס האַרץ און זאָג זיי אונטער יעדעס וואָרט, אַז איר גיט זיי אַזאַ מוזיק, אַז מען גיט זיי אַזעלכע שיינע דעקאָראַציעס, מיט גרים, מיט קאָסטיומען, און זיי קאָנען מיט זייער שפּילן אַלץ דערהרג'ענען, זיינען זיי גרויסע קינסטלער.

*) דער ערשטער טייל דערפון, וואָס אַנטהאַלט 64 עפּיזאָדן און קוריאָזן, איז א"נ „וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט" דערשינען אין 1928 אין קלעצקין־פאַרלאַג אין ווילנע.

פּראָזע צו שנײַדן

דאָס סיסטעם פון די גרעסערע אַקטיאָרן צו שנײַדן דעם טעקסט פון דער פּיעסע, אַזוי אַז זייער ראָל זאָל אויסקומען די גרעסטע, איז אין יידישן טעאַטער נישט ניי.

איבערהויפּט איז דער פּיאָנער פון דער יידישער בינע, יעקב פּ. אַדלער, געווען אַ מאַדים אויסצושנײַדן דעם טעקסט פון די אַנדערע ראָלן. דערצו האָט ער זיך באַנוצט מיט זיין באַרימטער גרויסער פּעדער. די „אַפּעראַציעס" פלעגן פּאַרקומען ביי אים אין שטוב און אויך אויף די פּראָבן אין טעאַטער.

דער רעזולטאַט פון די אָפּעראַציעס איז געווען, אַז די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן כמעט גאָרנישט געהאַט וואָס צו רעדן.

איינמאָל אויף פּראָבע, בעת דער אַקטיאָר שראַגע האָט געזאָגט פון זיין ראָל, וועלכע איז שוין געווען גענוג אָרומגעשניטן, האָט אַדלער באַמערקט, אַז די ראָל איז נאָך צו־גרויס און ער האָט געהייסן שראַגען אים דערלאַנגען די ראָל אויף צו שנײַדן.

שראַגע האָט אים דערויף צוגעטראָגן אַ יידישע צייטונג.

— גיט מיר אייער ראָל! — זאָגט אַדלער.

מר. אַדלער, — ענטפערט אים שראַגע — ביי מיר איז די ראָל שוין אַזוי קליין, אַז איר קאָנט שוין גאָרנישט שנײַדן, דאָ אָבער אין דער צייטונג איז נאָך דאָ אַ סך פּראָזע, דאָרט קאָנט איר נאָך עפּעס שנײַדן!

רעדט נישט קיין ליטוויש!

די יידישע בינע האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט קיין באַשטימטן דיאַלעקט. יעדער אַקטיאָר רעדט אַזאַ יידיש, וועלכן ער איז געוואוינט צו רעדן פון דערהיים. עס קאָן דעריבער זייער לייכט טרעפן אַז ווען מען זעט אויף דער בינע אַ פּיעסע, וואָס די האַנדלונג קומט פאָר אין ליטע, זאָל דער טאַטע רעדן אַ האַלב־ליטווישן יידיש, די מאַמע — אַ וואָלינער יידיש און די קינדער — אַ פּוילישן יידיש. אַלץ דערפאַר, ווייל יעדער רעדט זיין אייגענעם יידישן דיאַלעקט.

ערשט די „ווילנער" האָבן איינגעפירט צו רעדן בלויז דעם ליט־ווישן דיאַלעקט, אָבער ביז צו זיי איז דער ליטווישער דיאַלעקט געווען אינגאַנצן פסול אויף דער יידישער בינע.

איינמאָל בעת מען האָט אין ווינדזאָר טעאַטער אויפגעפירט ראובן ווייסמאַנס באַאַרבעטונג פון דער פיעסע „זאַראַזאַ", האָט די אַקטעריסע נאַדאָלסקי, וועלכע האָט געשפּילט די „מאַמע", געגעבן אַ זאָג:

— וואָס רעדסטו, אַזאַ ייד וועט זיין אַ פּראַצענטניק? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, ער איז דאָך אַ פרומער?! ער פּאַסט דאָך מיט הפסקות (איבעררייסונגען. פרומע יידן פלעגן אַמאָל פאַסטן אַ גאַנצע וואָך בלויז מאַכנדיק אַ הפסקה שבת).

אין טעאַטער איז גראָד געווען דער מענענדזשער פון דער טרופּע. קומט ער אַרונטער הינטער די קוליסן און רופט זיך אָן צו דער אַקטעריסע:

— איך בעט אייך, רעדט נישט קיין ליטוויש. מיין פּובליקום באַשטייט מערסטנטיילס פון גאַליציאַנער. זיי פאַרשטייען נישט קיין ליטוויש: אָף סוקעס, זאָגט אויף סיקעס.

אַלע שפּילן!

אַ דראַמאַטורג האָט פאַרגעלייענט אַ נייע פּיעסע פאַרן רעזשיסער אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער. אַזוי ווי דאָס איז געווען די ערשטע פאַרלעזונג, איז קיינער פון די אַקטיאָרן נישט גערופן געוואָרן, נאָר זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער לאָבי*) פון טעאַטער. אַז זיי האָבן דערזען דעם רעזשיסער, האָבן זיי אים גענומען פרעגן:

— נו, וואָס איז עפּעס מיט דער פּיעסע?

— וואָס פרעגט איר, — ענטפערט זיי דער רעזשיסער — קינדער, האָבן מיר אַ פּיעסע, וועט זי אויפשטורעמען ניו־יאָרק!

דערהערט אַזאַ בשורה, ווערן די אַקטיאָרן גאָר האַפערדיק, און איינער פון זיי, גרשון רובין, גיט אַ פרעג:

— ס'איז עפּעס דאָ ראָלן אין דער נייער פּיעסע?

— ניין, נישטאָ, — ענטפערט דער רעזשיסער.

*) לאָבי — פאָיע, קאָרידאָר.

דערהערט דאָס, פאַלן שוין די אַקטיאָרן ביי זיך אַראָפּ, וואָרום אז ס'זיינען נישטאָ קיין ראָלן, טאָ צו וואָס טויג די פּיעסע, און ווי אַזוי קאָן זי אויפשטורעמען ניו־יאָרק?

אָבער פאָרט גיט מען ווייטער אַ פרעג דעם רעזשיסער:

— און ווער שפּילט אין דער פּיעסע?

— אַלע, אַלע שפּילן! — ענטפערט ער.

מיט שיך זיינען זיי שוין פאַרזאָרגט

שפּילט אַ טרופּע אין דער רומענישער פּראָווינץ און מאַכט זייער ביטערע געשעפטן, וואָרום די טרופּע איז, נעבעך, זייער אַ שוואַכע. זי באַשטייט אַלץ פון געוועזענע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן געוואָרפן זייער אַרבעט און באַשלאָסן צו פאַרדינען אַ לייכטן גראָשן אַלס אַקטיאָרן.

די טרופּע האָט אַ דירעקטאָר אַ ליץ, וואָס אין די סאַמע ערגסטע צייטן פאַרלירט ער זיך נישט און קומט אַרויס מיט אַ גוט ווערטל.

דערוייל רוקט זיך אונטער דער זומער, ווען טעאַטער ווערט איבערהויפּט אַ קנאַפּ געשעפט, און די אַקטיאָרן זיצן פאַרזאָרגט: וואָס זאָלן זיי טאָן? דערזעט דאָס דער דירעקטאָר, דער ליץ, וואָס האָט נאָך צו זיי צוגעלייגט אַביסל געלט. גיט ער חברה אַ קיבעץ:

— וואָס זייט איר אַזוי פאַרזאָרגט? באָרוועס וועלן מיר שוין נישט גיין, וואָרום מיר האָבן דאָך אין אונדזער טרופּע זעקס שוסטערס. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אויך עטלעכע בעקערס, וואָלטן מיר מיט ברויט שוין אויך געווען פאַרזאָרגט.

ער האַלט וואָרט

צווישן די אַמעריקאַנער יידישע אַקטיאָרן זיינען זייער פּאָפּולער מיט זייערע וויצן און גלייכווערטלעך אַברהם פּישקינד און סעם לעווענווירט.

סעם לעווענווירט האָט טאַקע אַ לענגערע צייט געמאַכט אַ לעבן אַלס וויצלער אין יידישע וואַרייעטיס*), און אַ סך פון זיינע וויצן האָט ער אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל.

*) וואַרייעטי — וואָדעוויל־טעאַטער.

ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער קריזיס אין יידישן טעאטער, האט סעם לעווענווירט געליטן דערפון מער ווי די אנדערע אקטיארן, ווייל די אקטיארן האבן אנגעהויבן טענה'ן, אז ער איז א וואריעטעי־אקטיאר, און אז ער קאן איבערהויפט זיך אן עצה געבן. אן אנדערער אקטיאר וואלט געווארן א שונא די אקטיארן. לעווענווירט איז דאך, אבער, בטבע א וויצלינג, שטעלט ער אן כלומר'שט א בייזע מינע און גיט א געשריי:

— חברה, דערפאר ווייל איר ווילט מיר נישט געבן צו עסן, שווער איך אייך, אז איך וועל פריער נישט רוען, ביז איך וועל אייך אלע געבן צו עסן.

און לעווענווירט האט טאקע געהאלטן ווארט: ער האט געעפנט א רעסטאראן פאר אקטיארן.

אן אפיש מיט יידישע אותיות

אן אפיש פון יידישן טעאטער ווערט געוויינלעך געדרוקט אויך מיט אידישע אותיות. זיינען אבער פאראן לענדער, אין וועלכע מען מוז, לויטן געזעץ, קודם כל דרוקן דעם נאמען פון דער פיעסע אויף דער שפראך פון לאנד, און דערנאך ערשט מעג מען דרוקן דאס זעל־ביקע אין יידיש.

פארשטייט זיך, אז אין די לענדער, וואו די יידישע שפראך ווערט גערעדט און געדרוקט, האבן די דרוקערייען געגוג יידישע שריפט; אבער אין וויין, וואו מען דרוקט זעלטן אמאל עפעס אויף יידיש, האט דער דרוקער נאר געציילטע יידישע אותיות, ווי, למשל, דאס ווארט „ברית־מילה", וועלכעס ער דרוקט אויף דער דייטשער איינלאדונג צו א ברית, אדער „כשר לפסח" אויף די פארשידענע אנאנסן פון פסח'דיקע ארטיקלען.

קומט אמאל א יידישע טרופע שפילן טעאטער אין ווין און באַ־שטעלט אן אפיש אין א געוויסער דרוקעריי, און בעט ביים דרוקער, אז ער זאל צוגעבן „יידישע אותיות" (אזוי האט געהייסן ביי אקטיארן דאס דרוקן די נעמען פון די פיעסעס מיט יידישע אותיות.

צומאַרגנס, אַז מען האָט דעם אַפּיש אַרויסגעלאָזט אין גאַס, איז אין דער מיט געווען געדרוקט דער נאָמען פֿון דער פּיעסע אויף דייטש און אין ביידע זייטן איז געשטאַנען אויף יידיש „כשר לפּסח" און „ברית מילה".

ווען די אַקטיאָרן זיינען געקומען צום דרוקער מיט א גוואַלד, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט:

— איר האָט דאָך דייטלעך געזאָגט, אַז כ'זאָל צוגעבן „יידישע אותיות".

און ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך אַלץ נישט געקאָנט בארויקן, האָט דער דרוקער געזאָגט:

— אַהאַ, איך פֿאַרשטיי שוין, אַקטיאָרסקע שטיק! עס גלוסט אייך נישט צו באַצאָלן פֿאַרן אַפּיש, זוכט איר תירוצים . . .

עס איז אים גאָרנישט איינגעפֿאַלן

דער באַרימטער יידישער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין איז אייגנטלעך געוואָרן א דראַמאַטורג דורך א צופֿאַל. אין רוסלאַנד איז ער געווען א רוסישער זשורנאַליסט און א פֿירער פֿון א גרופּע, וועלכע האָט געוואָלט שאַפֿן א נייע קריסטלעך־יידישע רעליגיע.

ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע, האָט ער גאָר געהאַט בדעה דאָרט צו גרינדען א נייע קאָמוניסטישע קאָלאָניע, און פֿאָרטזעצן זיין רוסישע זשורנאַליסטישע טעטיקייט. באַלד, אָבער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער רעאַלער ווירקלעכקייט. דער מאָגן האָט געשטעלט זיינע פֿאָדערונגען, און ווען מען האָט אים באַקענט מיט יעקב פּ. אַדלער און מאָגולעסקאָ, האָט ער באַשלאָסן צו פּרובן זיין מזל אַלס יידישער דראַמאַטורג.

דערציילט מען וועגן דעם פֿאָלגנדן שפּאַס:

נאָכדעם ווי גאָרדין איז שוין געווען באַרימט אַלס דראַמאַטורג, טרעפֿט ער אין גאַס זיינעם א לאַנדסמאַן. ווי געוויינלעך הויבט מען זיך קודם אָן פֿרעגן אויפֿן געזונט, דערנאָך גייט מען איבער צו רעדן וועגן געשעפֿטן.

פֿרעגט יענער גאָרדינען:

— ווי איז עפּעס מיט ביזנעס?

— אַל ראַיט,*) — ענטפערט גאַרדין, און פרעגט זיין לאַנדסמאַן:

— און ביי אייך?

— ביי מיר איז שלעכט, — ענטפערט דער לאַנדסמאַן. — שוין געפרובט טאָן אַלע עבודה־זרה׳ס, און עס גייט נישט. יעס, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן פרעגן, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— מיט שרייבן פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער, — האָט גאַרדין געענטפערט.

— און איר מאַכט דערפון אַ לעבן?

— אָ, יעס!

— זע נאָר, זע! — האָט דער לאַנדסמאַן אויסגערופן — און מיר איז דאָס גאָרנישט איינגעפאַלן! נישט געהאַט קיין שכל זיך נעמען דערצו! . . .

ער ווייסט וואָס ער טוט

דער אַקטיאָר עקס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער סטאַר און זינגער. נאָר ווען ער איז געקומען אויף די עלטערע יאָרן, האָט דער טעאַטער־עולם פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין אים. אָבער ווער וויל זיך עס אונ־טערגעבן? האָט אונדזער אַקטיאָר אַ לענגערע צייט מיט אַלע קונצן זיך געהאַלטן אויף דער טעאַטער וועניו אין ניו יאָרק. אָבער ווען ס׳איז אַוועק אַ סעזאָן, און ער האָט פאַרט מער אין ניו יאָרק נישט באַקומען קיין אַנגאַזשמענט, האָט ער שוין געמוזט גיין אויף דער ראָוד.**)

זיצט ער אַזוי ערב דעם סעזאָן אין קאַפע „ראָיאַל" און פאַר־אינטערעסירט דורך גוטע ברידער עפּעס אַ מענעדזשער פון דער ראָוד.

דער מענעדזשער זעצט זיך נעבן אים אַוועק. זיי הויבן אָן שמועסן, און קומען דורך וועגן אַלץ, אחוץ וועגן איין זאַך. דער אַקטיאָר פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז מען זאָל אין קאָנטראַקט איינ־שרייבן, אַז צום שלום פון זיין שפּילן מוז ער פון מענעדזשער באַ־קומען אומזיסט אַן אַפּשיד־פאַרשטעלונג. דער מענעדזשער וויל אָבער אַזאַ פּונקט נישט אַריינשרייבן.

*) אָלרייט — אויסגעצייכנט.

**) ראָוד — פּראָווינץ.

— צו וואָס טויג דאָס אייך? — טענה'ט ער — איר הויבט דאָך ערשט אָן שפּילן, און ביז צום שלום פון סעזאָן זיינען דאָך נאָך פאַראַן אַזוי פיל וואָכן, ווען מיר דעמאָלט רעדן וועגן אייער אָפּשיד־פאַרשטעלונג.

דער אַקטיאָר וויל אָבער בשום אופן נישט אָפּטרעטן. ניין און ניין. שוין איצט מוז מען דאָס אַריינשרייבן אין קאָנטראַקט.

און דער אַקטיאָר האָט געזיגט. און אַפּנים, אַז ער האָט טאַקע געוואוסט פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי איינגעשפּאַרט, וואָרום באַלד נאָך דער ערשטער וואָך שפּילן האָט אים דער מענעדזשער געהייסן צוריקפאָרן קיין ניו יאָרק, אָבער פריער האָט ער געמוזט אים געבן די . . . אומזיסטע אָפּשיד־פאַרשטעלונג!

„בולבעס"

ווי זאָגט עפּעס דאָס ווערטל „החיים והמות ביד הלשון" (דאָס לעבן און דער טויט ליגט אין דער צונג).

פון קיין זאַך קאָן מען אַזוי פיל צרות נישט האָבן, ווי אַז מען רעדט דאָס, וואָס מען דאַרף נישט.

און דעריבער ציטערט אויף די אַקטיאָרן די הויט, ווען זיי הויבן אָן צו כאַפּן „בולבעס" (פאַרפּלאָנטערן זיך אין די רייד). וואָרום ווער ווייסט וואָס זיי קאָנען דעמאָלט אַרויסרעדן.

מיט „בולבעס" קאָן מען דער'הרג'ענען דעם בעסטן עפעקט פון אַ פּיעסע, און פאַרוואַנדלען די שטאַרקסטע דראַמאַטישע סצענע אין אַ קאָמעדיע.

שפּילט אַזוי אַמאָל צילי אַדלער מיט מישאַ גערמאַן גאָלדפאַדענס „קוני לעמעל". צילי שפּילט דאָס מיידל „קאַראָלינע", און צוזאַמען מיט איר געליבטן מאַקס, וואָס פאַרשטעלט זיך שפּעטער פאַר קוני לעמל, זוכן זיי אַן עצה ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אמת'ן קוני לעמל. דאָ טוט זיך מאַקס אַ כאַפּ און גיט אַ זאָג: „איך האָב אַ פּלאַן, איך וועל שרייבן צו מיינע קאָלעגן די סטודענטן". דערויף דאַרף אים קאַראָלינע ענטפערן: „אויסגעצייכנט, מאַקס, דאָ האָסטו פּאַפּיר, טינט און פעדער". „פאַרבולבעט" זיך אָבער צילי און גיט נישט מער

ווי אזא זאג: „אויסגעצייכנט, מאקס, דא האסטו פאטיר, פינט און פעדער" . . .

און אט שפילט צילי אדלער אין שיקאגא מיט טאמאשעווסקין די פיעסע „גערעכטיקייט".

טאמאשעווסקי איז א דזשאדזש,*) און ער איז איר צווייטער מאן. ער ווייסט אבער נישט, אז זי האט שוין פריער געהאט א מאן. איינמאל קומט צו זיי איר ערשטן מאנס שוועסטער. זי מיינט, אז דער דזשאדזש ווייסט, אז זיין פרוי האט שוין פריער געהאט אן אנדערן מאן, און זי הויבט אן וועגן דעם צו רעדן.

צילי אדלער, וועלכע שפילט די פרוי, געפינט זיך אין א שרעקלעכער פארלעגנהייט. דא הויבט איר מאן אן צו באמערקן איר שרעק און זי דארף אפשפילן אן ארטיסטישע סצענע כדי צו פארדעקן איר מורא. איר מאן איז אבער, קענטיק, נישט בארואיקט, און ער פרעגט זי:

— ווער איז די פרוי?

דא האט זיך צילי פארבולבעט און צעמישט אויסגערופן:

— די פרוי? די פרוי איז מיין ברודערס מאן!

אזוי ווי מיט דעם זאץ פאלט דער פארהאנג, איז זיך לייכט פארצושטעלן וואס אין טעאטער האט זיך געטאן נאך דער „בולבע".

„גרינע פעלדער" אומזיסט

אין פיטסבורג האט געשפילט א יידישע טרופע, וואס איר רעפערטואר איז מערסטנס באשטאנען פון מעלאדראמען מיט מוזיק.

קומט אראפ קיין פיטסבורג גאסטראלירן די „ווילנער טרופע" און פירט אויף הירשביינס „גרינע פעלדער", גאטעספעלדס „פרנסה" און אנסקיס „דבוק", און דער טעאטער־עולם גייט צו זיי.

פארדריסט דאס דעם מענעדזשער פון דער דארטיקער טרופע, און ער באשליסט ארויסצוטרעטן מיט א ספיטש**) צום פובליקום:

— לעידיס און דזשענטעלמען!***) איך דאנק אייך פאר אייער צאלרייכן באזוך, און איך האף, אז איר האט זיך אלע גוט ענ־

*) דזשאדזש — ריכטער, **) ספיטש — רעדע, דרשה.

***) לעידיס און דזשענטלמען — דאמען און הערן.

דזשאָיעט*), און ווען איר וועט אהיימגיין, וועט איר זאָגן אַלע אייערע פריינט און באַקאַנטע, אַז זיי זאָלן קומען נאָר צו אונדז אין טעאַטער. ביקאָז**) ביי אונדז אין טעאַטער קאַנט איר זאָגאַר פאַר אַ קוואָדער זען אַ גוטע שאָו.***) איר האָט דאָ פּלענטי****) צו וויינען און פּלענטי צו לאַכן, און ווען איר וועט זען דעם לעצטן אַקט, וועט איר זען, אַז איך האָב אייך נישט געבלאָפט ווי יענע חברה, וואָס נעמען ביי אייך געלט פאַר „גרינע פעלדער". ליידים און דזשענטעל־מען, אַמעריקע איז אַ פרי קאַנטרי*****), און ווער עס וויל זען גרינע פעלדער דאַרף דערפאַר נישט צאָלן קיין געלט. גייט הינטער דער שטאָט וועט איר זען פּלענטי גרינע פעלדער אָן אַ סענט.

ער בעט אים אַ טובה

אין שעדלעץ, פוילן, פירט אַ יידישע טרופּע אויף סעקלערס פּיעסע „יזכור".

אין דריטן אַקט פון דער פּיעסע איז פאַראַן אַ קליינע ראָלע, וועלכע עס שפּילט דער אַקטיאָר שוואַרצבאַרד. אין די פריערדיקע צוויי אַקטן שפּילט ער אינגאַנצן נישט.

אַזוי ווי שוואַרצבאַרד איז שוין קיין יונגערמאַן, און עס איז אים שווער אויסצולערנען נייע ראָלן, האָט ער טאַקע זיין ראָלע אָפּגעפּאַרטאַטשעוועט.

די טרופּע איז, אָבער, געווען זייער פאַראינטערעסירט, אַז די פּיעסע זאָל גוט גיין, און דער רעזשיסער האָט דעריבער באַשלאָסן נאָכאַמאָל איבערצופּרובירן די גאַנצע פּיעסע, און אין איין וועג אויס־בעסערן נאָך אַנדערע פעלערן, וועלכע מען באַמערקט אין דער צייט פון שפּילן.

צו דער פּראָבע זיינען געקומען אַלע אַקטיאָרן. אַזוי ווי שוואַרצ־באַרד שפּילט נישט אין די ערשטע צוויי אַקטן, נאָר אין דריטן, איז ער די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען זייער אומגעדולדיק, און ער האָט

*) ענדזשאָיעט — געהאַט פאַרגעניגן, **) ביקאָז — ווייל,
***) שאָו — פּיעסע, פאָרשטעלונג,
****) פּלענטי — גענוג.
*****) פרי קאַנטרי — פריי לאַנד.

קוים באוויזן צו ווארטן ביז מען האט געענדיקט פּרובירן דעם צווייטן אקט.

ווען מען האט גענומען מאכן פּראָבע פון דעם דריטן אקט, אין וועלכן ער שפּילט, און אין וועלכן דער רעזשיסער האט זיך געוואָלט באמיען אים אָנווייזן ווי אזוי ער זאָל שפּילן, איז שווארצבארד צו־געגאַנגען צו אַן אנדערן אקטיאָר און מיט געבעט געזאָגט:

— שוין צוויי שעה ווי איך דריי מיך ארום. אין דריטן אקט שפּיל איך אַ פּאָר ווערטער, און כ׳האָב שוין נישט קיין געדולד. זיי אַ גוטער ברודער, און גיי ארויף און מאַרקיר*) מיך, כ׳וועל דיר אַמאָל אָפּדינען! . . .

אַ זיכערער נומער

אין אַ שטעטל פון סאָוועט רוסלאנד איז אַ יידישע טרופּע גע־קומען שפּילן טעאטער. דאָס שטיקעלע מזל איז אָבער מיט זיי נישט מיטגעקומען, און דאָס טעאטער איז געווען ליידיק, אזוי אַז חברה האָט נישט געהאט אויף הוצאות ווייטער צו פאָרן.

איז זיך דער דירעקטאָר פון דער טרופּע מישב און גייט אריין צו זיינעם אַ באַקאַנטן „נעפּמאַן” און בעט אים, אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן פון דער שווערער לאַגע.

דערהערט די בקשה, רופט זיך אָן דער נעפּמאַן:

— וואָס הייסט, איר האָט נישט אויף הוצאות, מאַכט אַ פאָר־שטעלונג, וועט איר האָבן!

—ע, מיר האָבן שוין געמאַכט — ענטפערט דער דירעקטאָר — נאָר דער עולם טרינקט טיי (אַן אַקטיאָרישער אויסדרוק, אַז דער עולם קומט נישט אין טעאַטער). פאַר וועמען זאָלן מיר שפּילן, אַז מען דאַרף נאָך דערלייגן צו יעדער פאָרשטעלונג?

— נישט אייער דאגה — ענטפערט דער נעפּמאַן — שפּילט, און איך וועל זיין אַ שותף.

צומאָרגנס האָבן זיך איבער דער גאַס באַוויזן גרויסע אַפישן, אַז עס ווערט אויפגעפירט די באַרימטע פּיעסע . . . און צום שלום וועט געגעבן ווערן אַ סענסאַציאָנעלער נומער, וואָס וועט אַרויסרופן

*) מאַרקיר — פאַרטרעט, מאַך נאָך, קאָפּיר.

באַגייסטערונג ביים עולם. צום סוף פון אַפּיש איז געשטאַנען מיט גרויסע בוכשטאַבן געדרוקט, אַז די באַזוכער, וועלכע דער נומער וועט נישט געפעלן, וועט די קאַסע צוריקגעבן צען מאָל אַזוי פיל, וויפיל דער בילעט האָט געקאָסט.

פאַרשטייט זיך, אַז די בילעטן זיינען אין פאַרלויף פון אייניקע שטונדן צעכאַפּט געוואָרן, וואָרום עס האָבן נישט געפעלט קיין בעלנים צו פאַרדינען עטליכע צענדליקע רובל. יעדער האָט זיך געטראַכט, אַז נאָך דער פאַרשטעלונג, וועט ער צולויפן צו דער קאַסע, און שרייען, אַז דער נומער איז אים נישט געפעלן און וועט דעריבער צוריק באַקומען 10 מאָל אַזוי פיל וויפיל דער בילעט האָט אים געקאָסט.

דער עולם איז דעריבער געזעסן אין טעאַטער, און גאָרנישט געהאַט דעם קאָפּ צו דער פּיעסע, נאָר מיט אומגעדולד שוין געוואַרט אויפן שלום נומער.

ענדלעך האָט מען געענדיקט די פּיעסע. אויף דער בינע איז אַרויף דער אָרקעסטער און אָפּגעשפּילט דעם . . . „אינטערנאַציאָנאַל".

ווי דער מנהג איז אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָבן זיך אַלע אויפ־געשטעלט, מיטגעזונגען און שטורמיש אַפּלאָדירט.

דאָ איז דער נעפּמאַן אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע און אויס־געגרופן, אַז וועמען דער לעצטער נומער איז נישט געפעלן, קאָן צוגיין צו דער קאַסע און צוריקבאַקומען פאַר זיין בילעט צען מאָל אַזוי פיל, וויפיל עס האָט אים געקאָסט זיין בילעט.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט זיך קיינער נישט איינגעשטעלט צו־צוגיין צו דער קאַסע, וואָרום דאָס וואָלט געשמעקט מיט שווערע שטראָף, אויב נישט מיט טויט.

רעקלאַמע

שטייט אַ טרופּע אין אַ קליינער שטאָט, וואו יעדע וואָך מוז מען אויפפירן אַ נייע פּיעסע, און ביי יעדער פּיעסע אַנאָנסירט מען, געוויינלעך, אַז אַזאַ סענסאַציע איז נאָך נישט געווען. דערביי זוכט מען אויס די שטאַרקסטע באַמערקונגען.

אַנאָנסירט די טרופּע אַזאַ אַפּיש:

„די קומענדע וואָכע פיהרען וויר אויף איינע נייע פּיעסע,

איין ריעזיגע טראַהיגעדיע אין פיער אַקטען מיטן דען אינטערע־סאַנטען נאָהמען „אידישע טרעהרין". דיזע טראַהיגעדיע האַט פיעלע נומערין געזאַנג אונד טענצע. דיזע טראַהיגעדיע איז פערפאַסט געוואָרין פאָן דען גאַטזעליגען מחביר דאָקטאָר און פראָפעסהאָר זארכע, וואָס איז געפאַלין אַלץ מאַרטהירער אין דען לעצטין וועלט קריעג".

און אַזוי ווי דאָס איז געווען 2 וואָכן פאַר פסח, איז אונטן געווען געדרוקט מיט גרויסע אותיות:

„גרייט זיך מיט טיקעטס צו אונזער נייער גרויסער פסח שאָו, וואָס עס שרייבט יעצט ספּעשעל פיר אונז דער וועלט־בערימטער דראַמאַטורג אונד שרייבער פּראָפעסהאָר אונד דאָק־טאָר זארכע".

אויב אַזוי, זייט איר דאָך טאַקע אַ גנב!

יעקב פּ. אַדלער האָט זיך געוואָלט אַנגאַזשירן ביי אַ באַקאַנטן מענעדזשער*) אָבער דער לאָיער**), וואָס האָט געזאָלט מאַכן דעם קאָנטראַקט, האָט געזאָגט אַדלערן, אַז דער מענעדזשער איז אַ גנב, אַ שווינדלער, און מען דאַרף מיט אים זיין זייער פאָרזיכטיק און אַלץ גענוי אַריינשרייבן אין קאָנטראַקט. זעצן זיך אַוועק אַדלער, דער מענעדזשער, און די לאָיערס פון ביידע צדדים און מען נעמט שרייבן דעם קאָנטראַקט.

— צום ערשטן וויל איך, אַז איר זאָלט אַריינשרייבן — זאָגט אַדלער — אַז איך שפּיל נאָר פינף מאָל אין וואָך, און דערפאַר באַקום איך 500 דאָלאַר.

— אַלרייט — זאָגט דער מענעדזשער און הייסט זיין לאָיער דאָס אַריינשרייבן אין קאָנטראַקט.

— אין פאַרלויף פון דער וואָך שפּילט מען דאָך אָבער ניין מאָל, וויל איך, אַז איר זאָלט אַריינשרייבן אין קאָנטראַקט, אַז אויב עס וועט מיר אויסקומען צו שפּילן אין דער וואָך מער ווי פינף מאָל,

*) מענעדזשער — פּאַרוואַלטער.
**) לאָיער — אַדוואָקאַט.

זאָל איך פאַר יעדן מאָל באַקומען עקסטרא 100 דאָלאַר — זאָגט אַדלער.

דער מענעדזשער גיט אים אַ שאַרפן קוק אָן און זאָגט:

— שור*) . . .

— איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ פרוי, אַ גוטע אַקטריסע, זי איז איצט אין לאָנדאָן — זאָגט אַדלער — אָבער זי וועט אינגיכן צוריקקומען, ווײַל איך, אַז איר זאָלט אויך איר געבן אַ דזשאָב**). זי וועט בײַ אײַך נעמען אײנגאַנצן 175 דאָלאַר.

דער מענעדזשער קוקט ווידער אָן אַדלערן און גיט אַ ברום צו זײַן לאָיער, אַז מען זאָל דאָס אַרײַנשרײַבן אין קאָנטראַקט.

— און איצט האָב איך צו אײַך אַ ביטע — זאָגט אַדלער ווײַטער — איך האָב אַ זון, וואָס מוז מאַכן אַ לעבן בײַם טעאַטער. קײַן סך וועט ער אײַך נישט קאָסטן. אײנגאַנצן 75 דאָלאַר אַ וואָך. ער וועט אײַך ברענגען אַ סך מער נוצן ווי פאַר דער סומע.

דער מענעדזשער גיט אַ קוק אויף אַדלערן און גיט אַ וואונק צו זײַן לאָיער, אַז ער זאָל דאָס אַרײַנשרײַבן אין קאָנטראַקט.

— מר. . . . — זאָגט אַדלער — איך האָב פאַרגעסן נאָך אײן זאַך. איר קענט דאָך מײַן מיטעלע טאָכטער, זי איז אַ פײַאיקע אַקטריסע, און איך וויל, אַז דאָרט וואו איך שפּיל, זאָל זי אויך שפּילן. איך גלויב, אַז 75 דאָלאַר אַ וואָך פאַר איר איז אַ באַרגעין.***)

— שור — זאָגט דער מענעדזשער, און מעסט אָפּ אַדלערן — איך הייס עס אַרײַנשרײַבן אין קאָנטראַקט.

אַדלער פאַרטראַכט זיך מאָדנע, גיט זיך אַ גלעט די האָר און זאָגט:

— ווען איר וואָלט מיר געוואָלט פריוואַט עפּעס טאָן, וואָלט איך אײַך געבעטן מיר קויפן אַן אויטאָ און אַראָפּרעכענען דאָס געלט בײַם ענדע סעזאָן. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז ס'איז שענער, אַז דזשייקאָב פּ. אַדלער זאָל אָנקומען אין טעאַטער מיט אַן אייגענער מאַשין.

דער מענעדזשער באַטראַכט אַ רגע אַדלערן און גיט אַ זאָג:

— שור.

— און איצט וואָלט איך געוואָלט הערן, וואָס עס שטייט אַלץ אין קאָנטראַקט — זאָגט אַדלער ערנסט.

*) שור — געוויס, **) דזשאָב — אַרבעט.
***) באַרגעין — מציאה.

דער לאיער נעמט לייענען:

„500 דאָלאַר פאַר פינף פאַרשטעלונגען א וואָך; 100 דאָלאַר פאַר יעדער עקסטרא פאַרשטעלונג, 175 דאָלאַר פאַר מרס. אַדלער א וואָך; 75 דאָלאַר א וואָך פאַרן זון, 75 דאָלאַר א וואָך פאַר דער מאַכטער, און א קאר אויף אויסצוצאָלן ביים ענדע סעזאָן".

— און דאָס אַלץ וואָס עס שטייט דאָ אין קאָנטראַקט, וועט איר מיר טאַקע געבן? — פרעגט אַדלער.

— שור — ענטפערט דער מענעדזשער.

— אויב אַזוי, זייט איר דאָך טאַקע א גנב!

אַ מענעדזשער איז געקומען

דאָס איז געווען מיט א סך יאָר צוריק. דער אַלטער אבא שעהנגאָלד איז געשטאַנען מיט א טרופּע אין באַלטימאָר און געמאַכט זייער שלעכטע געשעפטן, אַזוי אַז די טרופּע האָט מער נישט געהאַט קיין כח צו הונגערן און איז זיך צעפאַלן. געבליבן איז בלויז סעם קעסטין, וועלכער האָט פאַרמאָגט איין מלבוש: א טאַקסידאָ.

דאָס דאָזיקע מלבוש איז קעסטין געגאַנגען אָנגעטאָן א גאַנצן טאָג און אַזוי ווי קיין „איבריק געלט" האָט ער אויך נישט געהאַט, האָט ער געגעסן אין א „פּרי לאַנטש"*), פון א געוויסן מאַן מיטן נאָמען שרייבער.

די לאַגע איז דערווייל געוואָרן ערגער, ווייל ערשטנס האָט קעסטין שוין אפילו נישט געהאַט צו באַצאָלן אין „פּרי לאַנטש", צווייטנס האָט דער שניי אין גאַס שוין אָנגעהויבן צו צעגיין, און קעסטינס שיך זיינען געווען אַביסל „פּרייגעזאָגנען" . . .

דאָ איז אָנגעקומען פון שיקאַגאָ א טעלעגראַמע פון טאַנצמאַן צו זיינעם א קרוב אַז ער שיקט אַרויס א מענעדזשער, בערנאַרד יאַנג, קיין באַלטימאָר.

א מענעדזשער! ענדלעך וועט מען, הייסט עס, אַנגאַזשירט ווערן און אויסגעלייזט ווערן פון די צרות.

פאַרשטייט זיך אַז קעסטין האָט זיך זייער דערפרייט פון דעם מענעדזשערס קומען, און ער האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט

*) פּרי לאַנטש — א ביליקער רעסטאָראַן.

אויף אים. צומארגנס איז ער אים געגאנגען מקבל פנים זיין ביי דער סטיישאן, אבער עס איז געגוג געווען א קוק צו טאן אויף זיין הלבשה, די נישט איבריק־ריינע פאלערין מיט דעם צעקנייטשטן צילינדער און נישט־גאנצע שיך, אז מען זאל זיך אנשטויסן, אז קיין גרויסער גביר איז דער נייער מענעדזשער נישט. די ערשטע זאך, וואס דער נייער מענע־דזשער האט געוואלט, איז געווען, אז מען זאל אים אריינגעמען ערגעץ וואו אפצועסן, ווארום ער איז הונגעריק, און קיין געלט האט ער נישט.

— אז איר האט נישט קיין געלט, טא צו וואס זייט איר געקומען? וואס פאר א מענעדזשער זייט איר? — האט אים קעסטין געפרעגט.

— אט דאס בין איך טאקע געקומען אויסזוכן פאר אונז א מענעדזשער מיט געלט, — האט יאנג געענטפערט.

ווי מען פירט זיך אין דייטשלאנד

אין סעקאנד עוועניו טעאטער קומט פאר אן ערנסטע מחלוקה צווישן די אקטיארן. זיי האלטן אן אפיש און יעדערער האט טענות. איינער, אז זיין נאמען איז אנאנסירט מיט קליינע אותיות, דער אנ־דערער, אז זיין בילד האט געדארפט זיין פון אויבן, נישט ביי דער זייט. א דריטער, אז ער האט געדארפט זיין אנאנסירט מיט גרויסע אותיות. א פערטער, אז ער האט לויט יושר געדארפט זיין אנאנסירט דער ערשטער.

די געוואלדן און געשרייען פארגרעסערן זיך וואס אמאל מער. דא קומט אן רודאלף שילדקרויט.

ווען די אקטיארן האבן אים דערזען, זיינען זיי צו אים צוגעלאפן, אז ער זאל זיי אויסהערן און זאגן ווער עס איז גערעכט.

שילדקרויט האט אויסגעהערט די טענות און זיך אנגערופן:

— קינדער, מאכט עס אזוי ווי אין דייטשלאנד.

— און ווי אזוי מאכט מען עס אין דייטשלאנד? — פרעגן די אקטיארן.

— אין דייטשלאנד שרייבט מען איבערן גאנצן אפיש נאר צוויי ווערטער: רודאלף שילדקרויט.

מען מוז וואַרטן אויף זונטיק

די באַרימטע בערטאַ קאַליש קומט אַמאָל גאַסטראָלירן אין האָפּ־קינסאָן טעאַטער. געוויינלעך שפּילט זי אַ געשפּילטע פּיעסע. דאָס הייסט אַזאַ, וועלכע זי קען שוין פון אויסווייניק. דאַקעגן פאַר דעם גרעסטן טייל אַקטיאָרן, וועלכע האָבן מיט איר די פּיעסע נישט גע־שפּילט, איז די פּיעסע אַ נייע.

בערטאַ קאַליש איז געווען באַקאַנט אַלס זייער אַן איבערגעגעבענע צו דער בינע און זי האָט זייער אַכטונג געגעבן, אַז די אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן מיט איר, זאָלן קענען די ראָלן און זאָלן שטעלן דעם נויטיקן כאַראַקטער.

מאַכט זי אַזוי פּראָבע און בעט דעם אַקטיאָר מאיר שעהר, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל איבער׳חזר׳ן זיין פּראָזע.

— וואָס איז, מאַדאַם קאַליש? — פרעגט שעהר.

— איר דאַרפט שפּילן אַ גוי און איר שפּילט גאָר אַ יידן, — ענטפערט אים מרס. קאַליש. — טייערינקער, שפּילט אַ גוי.

מאיר שעהר באַמיט זיך אַנדערש צו רעדן זיין שטיקל פּראָזע, אויך אַנדערש צו גיין.

מאַדאַם קאַליש איז אָבער אַלץ נאָך נישט צופרידן.

— ניין, טייערינקער, — טענה׳ט זי, — דאָס איז נישט קיין גוי.

שעהר, וועלכער איז באַקאַנט אַלס וויצלינג, באַשליסט אויסצו־לאָדענען זיין אויפרעגונג אין אַ וויץ.

— מאַדאַם קאַליש, וואָס האָבן מיר היינט? — פרעגט ער.

— דאָנערשטיק, ליבינקער, — ענטפערט זי.

— ווייל איך אייך עפּעס בעטן, מאַדאַם קאַליש, — זאָגט שעהר — אויב איר ווילט, אַז איך זאָל זיין אַ גוי, מוזט איר וואַרטן ביז זונטיק.

— פאַרוואָס עפּעס ביז זונטיק? — פרעגט קאַליש שוין פאַר־אינטערעסירט.

— ווייל זונטיק אינדערפרי וועל איך זיך אַריינכאַפּן אין קלויס־טער און זיך אָפּ׳שמד׳ן, וועל איך דערנאָך אויף פּראָבע שוין זיין אַן אמת׳ער גוי . . .

אַן אומגליק אויפֿן דייטש!

דאָס איז געווען ווען יאָזעף עדעלשטיין איז נאָך געווען מענע־דזשער פֿון סעקאָנד עוועניו טעאַטער, און ווען רודאָלף שילדקרויט האָט נאָך דאָרט געשפּילט.

פֿירט מען אויף „שיילאָק". די טיטל־ראָל שפּילט נאַטירלעך שילד־קרויט, און די ראָל פֿון אַ ריכטער שפּילט לייזער גאָלדשטיין.

גאָלדשטיין האָט אָבער פֿיינט געהאַט אויסצולערנען ראָלן, און ער האָט טאַקע זיין ראָלע נישט געקענט. שילדקרויט ווידער, וואָס האָט שוין געקענט „שיילאָק" פֿון אויסווייניק, איז געווען זייער אויפֿ־געבראַכט ווען אַן אַקטיאָר האָט נישט געקענט זיין ראָל, און דעריבער ווען ער האָט געהערט ווי גאָלדשטיין פּלאָנטערט זיך אין דער ראָל, איז ער אַרויס פֿון די כלים, און נאָך דער פֿאָרשטעלונג הויבט ער אָן אַרומלויפֿן אין דער לאָבי מיט אַ געשריי.

— וואָ איסט דער יאָסעלע? שרעקליך, וועלכע אַקטיאָרן ער מיר גיבט!

ענדלעך האָט ער געפּאַקט עדעלשטיינען און פֿאַר אים פּשוט געוויינט, אַז ער זאָל אויס'מוסר'ן גאָלדשטיינען, פֿאַרוואָס ער קען נישט די ראָל.

עדעלשטיין האָט אים צוגעזאָגט, און צו מאָרגנס ווען גאָלד־שטיין איז געקומען, האָט אים עדעלשטיין געמאַכט אַ שאַרפֿן פֿאַר־וואָרף:

— דער דייטש (אַזוי האָט ער גערופֿן שילדקרויטן) וועט נאָך אַנטלויפֿן, ווי פּאַסט עס, אַז דו זאָלסט נישט קענען דיין ראָל?

גאָלדשטיין, וואָס האָט געוואוסט, אַז עדעלשטיין האָט נישט קיין שום ידיעה אין רעפּערטואַר, האָט באַשלאָסן חוזק צו מאַכן פֿון אים און מיט אַ געמאַכטן פּאַטאָס אויסגערופֿן:

— וואָס? איך קען נישט מיין ראָל? אדרבא, הער דו אַליין און זאָג צי איך קען יאָ די ראָל, צי נישט.

און אין דער רגע האָט ער אין איין אָטעם אַראָפּגעזאָגט די ראָל פֿון „גראַף יאַבלאָנאָוויטש" אין לאַטיינערס „בלימעלע".

עדעלשטיין איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך געריבן די באַק, און ווען גאָלדשטיין האָט געענדיקט, האָט ער אויפגערעגט געזאָגט:

— אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דו קענסט די ראָל. טאָ וואָס וויל ער פון דיר? אַן אומגליק אויפן דייטש, וואָס טשעפּעט ער זיך צו דיר אומזיסט?